STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06482

UNDZER TSAYT KUMT

Abraham Goldberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אב. גאלדבערג

אונדזער צייט קומט

היברו פאבלישינג קאמפאני, ניו־יאָרק

UNDZER ZEIT KUMT

Copyright 1941, by Hebrew Publishing Co.

Set up by Hebrew Publishing Co., New York
Printed and bound in the United States of America,
by Montauk Bookbinding Corp., New York

אינהאַלט:

דער אייביקער גייסט

אונדזער צייט קומט — 1
די ראַסן־טעאָריע און די אַרישע ראַסע — 7
טומלען אידן טאַקע צופיל? — 14
פריינט און פיינט פון אידישן פאָלק — 21
אַמאָל און היינט — 28

אין אויג פון דער וועלט

פּאָגראָם און פּראָגראַם — 39
די אייביקע דייטשישע שנאה צום אידישן פאָלק — 46
אַנטיסעמיטיזם האָט זיינע אייגענע געזעצן — 53
ניטאָ קיין אָנשטענדיקע אַנטיסעמיטן — 60
מיר ווילן ניט גיין צוריק אין געטאָ — 67
אַלע אידן האָבן געלט — 72
אַ גייסטיק פאָלק — 79

די דריי שותפים אין דער קולטור

דער צלם אלוקים — 89
עם לבדד — 96
אידישער אינטעלעקטואַליזם — 100
זיינען אידן אַ קריגעריש פאָלק? — 108

דער שטרייט וועגן גאָט

קריסטנטום און געצנדינסט — 119
לאָמיר מגייר זיין די וועלט — 128
מיר שטאָלצירן מיט אונדזערע נעמען — 137

נצח ישראל

גייען מיר אונטער ? — — — — — — — — — — — — — — 147
שמד אין די לעצטע פופציק יאר — — — — — — — — — — 154
די אסימילאציע איז נאך ניט טויט — — — — — — — — — 161
דער שונא פון אינעווייניק — — — — — — — — — — — 170
די קאהנס און די לעווים — — — — — — — — — — — — 177
דאס רעפארם־אידנטום טוט תשובה — — — — — — — — — 185

דער אידישער קאפ

א פאלק גניאל איז אלע ספערן — — — — — — — — — — 193
משה'לעך און שלמה'לעך מיט די שארפע קעפלעך — — — — — — 200

די אומצעשפאלטענע צונג

צווישן אידיש און העברעאיש איז קיין קריג ניטא — — — — — — 209
ווען א פאלק האט ליב א שפראך — — — — — — — — — — 229
ענגליש נעמט דאס ווארט — — — — — — — — — — — — 236

דער צוריקקער צום קוואל

ווייט פון אונדזער מחנה — — — — — — — — — — — — 245
אידישע תנועות און העוויות — — — — — — — — — — — 250
דאס אלטע און דאס נייע געטא — — — — — — — — — — 256

אַ וואָרט פון מחבר

עס איז באַקאַנט דאָס פּאַרצייטיקע ווערטל, אַז אַ בוך אָן אַ הקדמה איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה. דער גראַם קלינגט גוט, אָבער די באַהויפּטונג האַלט ניט אויס די קריטיק. איז ניטאָ קיין נשמה אין בוך, קען עס אים די הקדמה ניט אַריינהויכן. דאָס בוך אַליין מוז ריידן פאַר זיך. די הקדמה איז אפילו ניט קיין אַריינפיר, אפילו ניט קיין פּרוזדור און דאָך זיינען אין דאָס רוב ביכער פאַראַן הקדמות, קורצערע און לענגערע, אויך דאָס פאָרליגנדע בוך האָט אַ הקדמה.

„אונדזער צייט קומט" איז איינס פון אַ סעריע ביכער, וואָס דער מחבר פּלאַנט אַרויסצוגעבן וועגן פראַגן און פּראָבלעמען, וועלכע באַאומרואיקן אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר. די פראַגן דרייען זיך אַרום דריי הויפּט-פּונקטן: פאָלק, לאַנד און שפּראַך.

במשך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר איז ביים היסטאָרישן אידישן פאָלק, וואָס האָט הינטער זיך אַ געשיכטע פון טויזנטער יאָר, פּלוצים אויפגעשוואומען די פראַגע מכח זיין קיום, מכח דעם עצם פון זיין נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, די האַמלעט-פראַגע: „זיין, אָדער ניט זיין?" מיטאַמאָל איז גאָר געשטעלט געוואָרן די פראַגע, צי אונדזער פאָלק איז אַ נאַציאָנאַלע איינהייט, אָדער בלויז אַ רעליגיעזע סעקטע?

עס זיינען אויפגעהויבן געוואָרן פראַגן וועגן באַקומען אַ לאַנד, אין וועלכן אונדזער פאָלק זאָל געפינען באָדן אונטער די פיס, אַ היים, אָן אַדרעס, די מעגלעכקייט, וואו צו אַנטוויקלען זיין פּילזייטיקן זשעני און קאָנצענטרירן די צעשפּליטערטע קרעפטן; די פראַגן וועגן סתם אַ לאַנד, אָדער דאָס לאַנד בה"א הידיעה, דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, — אונדזער לאַנד ארץ-ישראל.

די דריטע פראַגע, וואָס האָט אַרויסגערופן ניט ווייניק היים בלוט אויף דער אידישער גאַס, איז געוועזן דאָס שפּראַכן-פּראָבלעם, די

פראַגע וועגן אונדזער צעשפּאָלטענער צונג — צעשפּאָלטן אין דרייען, — די דריי שפּראַכן, וואָס אידן ריידן, געוויינלעך, אין די פאַרשידענע וועלט-טיילן: די לאַנד-שפּראַך, אונדזער אַלט-ניי לשון, העברעאיש, און אונדזער פאָלקס-שפּראַך, וואָס העכער צען מיליאָן אידן ריידן און רופן מיטן נאָמען אידיש, ווייל זי קוואַלט פון זייער האַרץ און שטראָמט צו זייער האַרץ — די שפּראַך פון אידישן געלעכטער און געוויין, פון דער האַרטער אידישער ווירקלעכקייט און ליכטיקן אי־דישן חלום.

אַרום די דריי פּונקטן זיינען פאַרוויקלט טויזנטער און איין פראַ־גע, וואָס רירן אָן טיף און אינטים דעם אידישן מענטש. מיט די אַלע ענינים האָט דער מחבר אין די קנאַפּע פערציק יאָר פון זיין שריפט־שטעלערישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט זיך באַשעפטיקט און זיי געבראַכט פאַר דער אידישער עפנטלעכקייט בכתב און בעל פּה.

אין דעם פאָרליגנדיקן בוך, וואָס דערשיינט אין אַ פינצטערער, הרת-עולם׳דיקער גורל-שעה פאַר דער מענטשהייט בכלל און פאַר אידן בפרט, צילט דער מחבר דעם אידישן מענטש צו דערמאָנען אין דעם אַלטן אמת, אַז עס ווערט ניט פריער ליכטיק, ביז עס איז ניט שטאָק פינצטער.

אונדזער צייט קומט!

עס קומען בעסערע צייטן, און אפשר קלאַפּן זיי שוין אין אונדזער טיר. דאָס אידעלע, וואַכזאַמע אויער פאַרנעמט שוין דעם פליגל-גע־פלאַטער פון דער טויב, וואָס טראָגט אין איר שנאָבל דאָס אליוון־צווייגל מיט דער בשורה, אַז דער מבול נעמט שטילן און עס אַנטפּלעקן זיך די שפּיצן פון די גרינענדע בערג.

אב. גאָלדבערג.

דער אייביקער גייסט

אונדזער צייט קומט

די ראַסן־טעאָריע און די אַרישע ראַסע

טומלען אידן טאַקע צופיל?

פריינט און פיינט פון אידישן פאָלק

אַמאָל און היינט

מיין פרוי זוניען — אַ מתנה

אונדזער צייט קומט

דער פּשוט'ער איד קען אויך אונדזער געשיכטע. — דער גלויביקער איד האָט זיך פאַר זיינע שונאים ניט געשראָקן. — אידן האָבן קיינמאָל ניט געצווייפלט אין דער מענטשהייט. — שפּענגלערס פילאָזאָפיע איז פאַלש. — די וועלט ווערט בעסער. — מיר וועלן זיין די זיגער.

מער ווי דער היטלעריזם מיט זיינע טייוולאָנישע געננג שרעקט מיך דער פאַקט, וואָס די אידן האָבן פאַרלוירן זייער גלייכגעוויכט: עס איז זייער שרעק, זייער פּחד, וואָס שרעקט מיך.

וואָס אמת איז אמת, אידן האָבן זיך דערשראָקן פאַר אָט דעם נייעם שונא. אין פלוג וויסן זיי, אַז מיר האָבן געהאַט ערגערע שונאים פון היטלערן, און דאָך שרעקן זיי זיך איצט מער ווי שטענדיק. רעדט מיט אַ סתם־אידן, ווען ער איז אפילו ניט באַקאַנט מיט דער אידישער געשיכטע אין אַלע פּרטים, ווייל אין חדר האָט ער קיין געשיכטע ניט געלערנט — דער ענין פון לערנען אידישע געשיכטע אין אידישע שולן איז דאָך אַ גאַנץ נייער איינפיר אין אונדזער לעבן, איינע פון די דערגרייכונגען פון אונדזער מאָדערנער צייט — רעדט מיט דעם סתם־אידן, און ער ווייס גלייך צו דערציילן וועגן פּרעה מיט זיין מערדערישן „הבה נתחכמה״, וועלכער האָט געוואָלט פאַרטיליקן די אידישע ראַסע. ער פאַרגעסט ניט צו דערמאָנען עמלק'ן, און ער ווייס פון נבוכדנצר, אַ מלך פון אַ פאָלק און לאַנד, וואָס זיינען מער ניטאָ. ער רעדט פון המן הרשע און טיטוס הרשע — די לעצטע צוויי דערמאָנט ער ניט אין זיין לשון אָן דעם טיטל „רשע״, און ער מעג ניט וויסן דעם נאָמען פון טאָרקוועמאַדאַ. עס איז כּלל אַ שווערער נאָמען צו געדענקען. אָבער ער ווייס פון דער אינקוויזיציע, פון שייטערהויפנס, וואָס האָבן

געברענט טאג און נאכט, אויף וועלכע אידישע קדושים האבן זיך געסמא־ליעט, און ער וויים פון גירוש שפאניע און פארטוגאל און ווייס פון כמעל־ניצקי און אלערליי גזרות און אנשיקעניש.

דער אידישער דמיון איז אפילו ניט יוצא מיט די אמת׳ע שונאים, נאר ער האט אויך צוגעטראכט א פאר נייע שונאים. ווי, למשל, לבן הארמי, וועל־כער ווערט אויך דערמאנט צו דער סדר־נאכט אלס דער ערץ־קאנספיראטאר קעגן דעם אידישן בלוט. ער זאל האבן פרובירט אויסצוראטן דעם אידישן שטאם מיט די ווארצלען, אז עס זאל פון אונדז, חלילה, קיין שריד ופליט ניט בלייבן, און אויך בלעם הרשע, א מענטש, וואס האט אונדז קיין שלעכטס ניט געטאן, פארקערט, מען האט אים געהונגען אונדז שילטן, האט ער אונדז גאר געבענטשט, און זיין ברכה איז דער אנהויב פון אונדזער דאוונען „מה טובו״...

דער פשוט׳סטער איד וויים וועגן די אלע צרות און וועגן די אלע שונאים, וואס שטייען אויף אויף אונדז אין יעדן דור — העומדים עלינו לכלותנו — און ווילן אונדז אומברענגען; אבער דער איד ווערט ניט נתפעל, איז ווייניקסטנס ניט נתפעל געווארן ביז איצט.

ווייל האט ער דען ניט געוואוסט וואס עס איז געווארן דער תכלית פון פרעה׳ן? אין אונדזער „אז ישיר״ איז פארצייכנט זיין ביטערער סוף. ניטא קיין פרעה מער אויף דער וועלט; און אונדזער „אז ישיר״ לעבט נאך און טויזנטער יארן זייט יענעם טאג זינגען אידן ער־היום דאס ליד פון פרייד אויף דער מפלה פון אט דעם שונא זייערן. עס איז אויך ניטא קיין עמלק מער. מען האט אונדז אנגעזאגט: מחה תמחה את זכר עמלק — אויס־צומעקן עמלק׳ס גערעכעניש. לסוף זיינען מיר די איינציקע, וואס דערמאנען עמלק׳ן טאקע אין דעם אנזאג: „מחה תמחה...״ ווען ניט מיר, וואלט קיינער גארניט וויסן פון זיין עלנדער עקזיסטענץ. דאס זעלבע איז מיט נבוכדנצר. אין פאנטאזיע פון פאלק לעבט ער נאך אלס חיה אויף פיר פיס און פיטערט זיך ערגעץ וואו אויף די פאשע־פעלדער מיט גראז. ארימער נבוכדנצר! און טיטוס באקומט ביי יעדער געלעגנהייט, ווען נאר מען דערמאנט זיין פאר־שאלטענעם נאמען, די קללה, אז עס זאל זיינע ביינער ארויסווארפן — שחיק טמיא — די אידן זיינען זיך נוקם אין זייערע טויטע שונאים, מיט וועלכע כביכול אליין האט זיך פריער אפגערעכנט, און אידן וויסן, אז שפאניען האט טייער באצאלט נאר דערפאר, ווייל זי האט געוואגט זיך פארמעסטן קעגן דעם אידישן פאלק.

מיט דער אמונה האט ביז איצט געלעבט דער איד אין גאס. ער האט זיך פאר זיינע שונאים ניט געשראקן. ער פלעגט אמאל פארלירן די געדולד און ניט מורא געהאט אפילו קעגן גאט אליין ארויפצוהויבן זיין קלאג — אויך כלפי שמים — דערצו דארף מען האבן מוט. דער איד האט ניט

נאר געבעטן דעם רבונו של עולם. נאר איז צו אים געקומען מיט טענות און אויסגערעכנט זיין אייגענעם יחוס און געצויגן א פאראלעל צווישן זיך און די אנדערע פעלקער, זיינע פארפאלגער. און איז געקומען צו דער מסקנא, אז ער איז שענער, איידעלער, לייטישער, ערלעכער און אויך א גרעסערער מיוחס. דער איד האט געהאט העזה — די עזות שבקדושה — ער איז ביי זיך אין די אויגן קיינמאל ניט געפאלן, טראץ אלע נגישות און בלוט־בעדער. ער אליין קעגן דער גאנצער וועלט. איז די וועלט שולדיק און ער איז גע־רעכט. ווייל ניט מיר, נאר זיי האבן בלוט פארגאסן. ער האט א בינטל טענות, אבער ער האט קיין מוט ניט פארלוירן.

דער איד האט אויך געהאט פעסטן גלויבן. דאס הייליקע פייער פון אמונה האט אויף איין מינוט אין זיין הארץ זיך ניט פארלאשן. ווי דער סנה, דער דארנבוים, האט עס געברענט און געברענט און ניט אויסגעברענט. דער איד האט געוואוסט, אז דער נצחון איז זיינער, ווייל לי העוז ולי הגבורה — ער האט דעם האר פון דער וועלט אויף זיין זייט און קיינער קען דארום אים ניט מנצח זיין. סוף הכבוד לבא, אין דער לעצטער ליניע וועט דער איד ארויסקומען מיט דער קרוין פון כבוד אויף זיין קאפ אלס דער גרויסער און אומבאזיגבארער העלד.

דער שפיץ פון אלע רייד: אונטער א האגל פון פייער, אין א ים פון גיפט, האט דער איד זיין בטחון אין קומען פון בעסערע צייטן ניט פארלוירן. דער איד האט געגלויבט אין א בעסערער וועלט, אין א גאלדענער צייט, אין „באחרית הימים". דער גלויבן אין זיין אייגענער גאולה האט זיך ניט גע־שטיצט אויף די אידישע אומגליקן, אויף די רדיפות. זיי זיינען געווען א פרשה פאר זיך. אין זייער נאמען האט מען ביי זיין פאטער אין הימל געבעטן, אז ער זאל די גאולה צואיילן, ניט פארצעגערן. אבער זיין גאולה איז געווען באגרינדעט אויף העכערע מאטיוון, אויף דעם הויפט־מאטיוו פון גערעכטי־קייט. די אידן קומט אויסלייזונג. זיי האבן עס פארדינט דורך זייער לעבן. עס איז זיי געטאן געווארן אן אומרעכט, ווען זיי זיינען פון זייער לאנד ארויסגעטריבן געווארן. הגם זיי גיבן אליין צו, אז עס איז געשען צוליב זייערע זינד, קענען זיי דאך ניט מסכים זיין, אז עס איז רעכט, אז זיי זאלן אויף אייביק בלייבן אין גלות.

קיינער האט אזוי ניט געליטן דורך די הענט פון די פעלקער ווי דער איד. אמאל, אז די מאס גייט שוין איבער, שרייט דער איד אויס „שפוך חמתך..." ווייל ער נקמה. דאס איז מענטשלעך. ער פאדערט גערעכטיקייט, ווייל נאר מיט גערעכטיקייט קענען די מענטשן און פעלקער לעבן. צו דער זעלבער צייט האט ער ניט פארלוירן זיין גלויבן אין די גוים, און האט שטענ־דיק געוואוסט, אז עס וועט קומען א טאג, ווען די וועלט וועט באקומען איר

תיקון, וועלן געלייטערט ווערן פון אירע זינד און איר הארץ וועט ווערן ריין — „לתקן עולם במלכות שדי".

די אייגענע גאווה האט ניט דערלאזט, אז אידן זאלן צווייפלען אין דער מענטשהייט. להיפוך, אין דער גרויסער הבטחה וועגן דער אנט־גילטיקער אידישער פרייהייט, וועגן „קץ", שפילן ווי זון־שטראלן אין א געשליפענעם דימענט די קלענערע פארשפרעכונגען מכח דעם, אז די פעל־קער וועלן פון זייער אייגענעם גוטן ווילן קומען און אנבאטן הילף דעם אי־דישן פאלק אין זיין ווערק פון גאולה, אז זיי וועלן ממש אויף די אקסלען אים טראגן, ניט, חלילה, אוים מורא, נאר אוים פריינטשאפט און טיפער אכטונג.

אזוי איז עס געווען ביז איצט, ערשט ביז נעכטן. עס איז אבער אנדערש היינט. גייט אין דער אידישער גאס און הערט זיך צו צו די רייד פון די פשוטע אידן, און איר וועט זען, אז זיי זיינען דערשראקן, ממש, אויף טויט. איינע פון די הויפט צילן פון שונא איז געווען צו מאכן א פראנט־אטאקע, כדי די אידן צוצעמישן און עס איז אים געלונגען. ער האט אידן צעמישט. זייער געשיכטע, וואס לעבט ווי א פול־בלוטיקע טראדיציע אין זייער מויל, אין זייער הארץ, האבן זיי ווי פארגעסן. דאס הארץ ציטערט ווי א בלאט.

נאך מער, אידן אליין ווילן אויסברייען, אז דער איצטיקער אומגליק איז גרעסער, ערגער און האט קיין גלייכן ממש צו זיך אין דער געשיכטע און אזוי ווי א טארנאדא וועט ער זיך צעטראגן איבער דער וועלט און איינ־נעמען פעלקער און גרופעס. עס איז גאר ניטא קיין באהעלטעניש פאר אט דעם נייעם שונא. ער איז אלמעכטיק.

מען וויל אייך באווייזן, אז „די ערד איז אויף דעם הימל געפאלן" — אז איבערגעקערטער סדר, אז אידן וועלן דאס מאל פארלירן דעם קאמף, ווייל די מענטשהייט ווערט ערגער, די חיה איז צוריק אויפגעשטאנען תחית־המתים. יחזקאל׳ס נבואה וועגן דער „טאל פון ביינער", לויט וועלכע דער מענטש ווערט צוריק לעבעדיק, פאסט זיך גאר אויף דער חיה. זי נעמט צו־ריק איין די וועלט, און מען דריקט אוים דעם פינצטערן געדאנק אין דעם יאוש, וואס האט אידן ארומגעכאפט, אז די הערשאפט פון דער געלער בע־סטיע — איר קאליר איז דווקא געל, אז אפשטאמונג פון דער ארישער ראסע — וועט לאנג דויערן, ווער ווייס אויב ניט אייביק. און עס פעלן ניט קיין נביאים, וואס פארבינדן דעם מאטיוו פון דער אידישער גאולה מיט דעם נייעם אומגליק. אזוי ווי דער אומגליק איז דויערנד, דערפאר מוזן מיר זיך באפרייען און גיין אין אונדזער לאנד.

וויל קיינער ניט אפלייקענען, אז אין געוויסע פרטים איז דער איצטיקער שונא שארפער ווי די אמאליקע. ער באנוצט זיך מיט א גאר נייע געווער. אבער טאקע נאר אין געוויסע פרטים. מיר האבן געהאט ערגערע צייטן ווי די

אין דייטשלאַנד, נאָר מיר זיינען דעמאָלט געווען אַנדערש. מיר האָבן געהאַט אַרום זיך דעם גאַנצער פון גלויבן, וואָס האָט שוין איצט פיל שפּאַלטן.

דער אמת איז, אַז די וועלט איז איצט ניט ערגער, נאָר בעסער ווי זי איז געווען. אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע האָבן מיר פונדעסטוועגן ניט געהערט, אַז אַן אַנדער פאָלק זאָל זיך פאַר אונדז אָננעמען, אַ גוט וואָרט פאַר אונדז זאָגן. שטיל איז געווען אַרום. וואו זיינען געווען די חסידי-אומות-העולם? מסתמא זיינען זיי געווען, אָבער פאַר אידן האָבן זיי זיך ניט אָנגענומען.

דעמאָלט איז די אידייע מכח דער פאַרשאַלטנקייט פון אידישן פאָלק געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון קריסטלעכן גלויבן. די אידן מוזן ליידן, זייער שטראָף איז פאַרדינט. עס איז פאַרט אַנדערש היינט. אפילו די קאַטאָליקן ריידן ניט מער אַזעלכע דבורים אין דער עפנטלעכקייט. פאַרקערט, עס איז אפילו אמת איצט, אַז פיל קאַטאָליקן באַציען זיך מיט מיטלייד צו אונדזערע צרות, פאַרשטייען אונדז, און אפילו דער וואַטיקאַן איז גרייט אונדז צו העלפן: אפילו, זאָגט מען, אַ פריינטשאַפט-בונד מיט אונדז צו שליסן. עס מעג זיין אַ לעגענדע, אָבער ווען מען רעדט פון אַזעלכע זאַכן ערנסט, צייגט שוין דאָס ריידן אַליין, אַז מיר לעבן אין אַ נייער צייט.

עס איז אויך ניט אמת, אַז דער גאַנצער מענטשלעכער פּראָגרעס איז אין סכנה. דער הומאַנער ליבעראַלער געדאַנק לעבט דורך אַן עת צרה, אָבער ער גייט נאָך ניט אונטער. דאָ האַנדלט זיך בלויז אום אַן איבערגאַנגס-צייט. עס איז אַ פראַגע ווי צו קאָנטראָלירן די ניי-געשאַפענע באַדינגונגען, וועלכע רירן אָן די יסודות פון דער איצטיקער אָרדנונג, און מען האָט דערוייל קיין מיטל, וואָס זאָל באַפרידיקן אַלעמען, ניט געפונען. עס איז די צייט פון פאַרוויחונג, דער „שעת-חירום", אַ ברודער הויבט זיין האַנט קעגן זיין ברודער. עס לאָבן גוטע מענטשן פון קלאַסן קאַמף. זיי זאָגן, אַז מאַרקס האָט עס פון קאָפּ אויסגעטראַכט, בשעת מיר זעען בחוש ווי ער גייט איצט אַן אויף דער גאַנצער ליניע. דער קלאַס, וואָס קומט צו דער מאַכט, הרג'עט זיינע ברידער פון צווייטן קלאַס, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע גרעסטע שונאים.

די מאָראַל און עטיק גייען אָבער בשום אופן ניט אונטער. שפּענגלער לעבט אין טעות. די וועלט גייט ניט צוריק צו די צוזאַרס. אַ פּאָר צעזאַרן האָבן פאַרכאַפּט אַ שטיק וועלט, אָבער אפילו זיי האָבן געמוזט אַפּערירן מיט לאָזונגען, גענומען פון דעם אַרסענאַל פון גערעכטיקייט. שילטנדיק דעם ליבעראַליזם און די דעמאָקראַטיע, האָבן זיי פונדעסטוועגן ניט אויפגעהערט פאַרזיכערן, אַז זייער גאַנצע כוונה איז צו געווינען גערעכטיקייט פאַר זייער פאָלק, וואָס איז געקריוודעט געוואָרן, צו פאַרזאָרגן גליק און פרייד פאַר דעם קליינעם מענטש, וואָס האָט ניט קיין שאַנס אין לעבן.

לאָמיר נאָר ניט דעם מוט פאַרלירן און ניט זיין צופיל צעשראָקן. פאַר

א פאלק מיט אזא דערפארונג ווי מיר, זיינען דער שרעק און די צע־טומלטקייט פשוט א חרפה. לאמיר צוריקגיין צו די יסודות פון אונדזער לעבן.

פונקט איינס: צוריק צום גלויבן, אז די וועלט ווערט ניט ערגער, נאר בעסער. און דאס איז אמת אויך איצט. פונקט צוויי, אז דאס שלעכטס וועט ווי רויך אוועק. און פונקט דריי, אז סוף כל סוף וועלן מיר ארויסקומען זיגער פון דעם קאמף, ווי עס איז געשען ניט איינמאל.

אזוי איז עס אויך. א ליקוי־חמה מיינט נאך ניט, אז עס איז ניטא קיין זון אין הימל. דער פאראדאקס איז, אז נאר ווען עס איז דא א זון איז מעגלעך א צייטווייליקע פארטונקלונג. עס איז דא א זון און די שווארצע פלעקן קענען אויף א קורצער צייט זי פארטונקלען.

די פעלקער זיינען ניט מיט היטלערן. בנוגע זיין ראסן־טעאריע בשום אופן ניט! אין דעם פונקט האט היטלער שוין געליטן א מפלה. קיין וויכטיקער געלערנטער אדער וויסנשאפטס־מאן וויל ניט אננעמען זיין משוגענע טעאריע. אלע טרייסלען זיך אפ פון איר ווי פון א גע׳פגר׳טן שרץ. די וויסנשאפט לאכט אין די הויפנס פון זיינע אויסגעשפינטע טעאריעס. אייגנטלעך זיינען די טעאריעס ניט ניי, אבער קיינער האט זיך צו זיי ניט צוגעהערט און קיינער האט זיך ניט גענומען די מי צו באווייזן זייער נארישקייט, ביז עס איז געקומען היטלער, וועלכער האט אויף זיך גענומען די מיסיע צו באווייזן זייער ריכטיקייט און דערגרייכט דעם היפוך דערפון, — באוויזן זייער לעכערלעכקייט און נארישקייט.

די ראַסן־טעאָריע און די אַרישע ראַסע

דער דערפינדער פון דער ראַסן־טעאָריע. — די פראַנצויזן און די ענגלענדער. — דער מאַנגאַל אויף אַלע גאַסן פון אייראָפּע. — ווען פעלקער האָבן זיך צונויפגעמישט. — דייטשלאַנדס באַרימטהייטן זיינען מייסטנס ניט געווען קיין ריינע דייטשן.

ווען דער פראַנצויז גאָבינאָ איז אַרויסגעקומען מיט זיין ראַסן־טעאָריע, דאָס הייסט, אַז די ראַסע איז דער אַנטשיידענער פאַקטאָר אין דער פאָרמירונג פון דעם כאַראַקטער פון אַ פאָלק, האָט ער זיכער דעמאָלט אַליין ניט געחלומ'ט, אַז די דאָזיקע טעאָריע וועט אַמאָל אויפגעכאַפּט ווערן פון אַ גרויס מעכטיק פאָלק אויף דער צווייטער זייט רהיין, אַלס אמת'ע וויסנשאַפט און אַז עס וועט קומען די צייט, ווען די דאָזיקע טעאָריע וועט ווערן דער ווינקלשטיין פון דער פּאָליטיק פון דעם דייטשישן רייך.

זיין טעאָריע וועגן דער ווירקונג פון שטאַם אויף דעם גאַנג פון מענטשלעכן לעבן, אויף דער געשיכטע פון די פעלקער, האָט אין פראַנקרייך גופא ניט געמאַכט קיים שום איינדרוק. די גאַנצע זאַך איז געבליבן פאַרשטעקט אין אַ ווינקל און פאַרשטויבט געוואָרן. די פראַנצויזן האָבן זיך וועגן דעם גאַנצן ענין ניט געקימערט.

דאָס ווידער, וואָס עס פּאַסירט איצט מיט פראַנקרייך, ביים סוף פון 1940, דאַרף אַבסאָלוט ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ באַוועגונג, וואָס קומט פון די טיפענישן פון פראַנצויזישן פאָלק. דאָס איז די פּאָליטיק פון היטלעריסטישן אָקופּאַנט.

די פראַנצויזן האַלטן ווייניק פון דער ראַסן־טעאָריע און נאָך ווייניקער גלויבן זיי, אַז עס זיינען פאַראַן העכערע און נידעריקערע ראַסן. זיי גלויבן, אַז

אַלע ראַסן זיינען גלייך און זיי קוקן ניט אַרונטער מיט פאַראַכטונג, אפילו ניט מיט גרינגשעצונג אויף די נעגער, אַדער אַנדערע קאָלירטע פעלקער.

אין דעם אונטערשיידן זיך די פראַנצויזן פון די ענגלענדער, וואָס הגם זיי מאַכן אויך ניט קיין גרויס וועזן פון דער ראַסן־טעאָריע, אָבער אין דער פּראַקטיק מישן זיי זיך ניט מיט קאָלירטע פעלקער.

אין דער טעאָריע אָבער לייקענען די ענגלענדער אינגאַנצן אָפּ די אידייע פון ראַסן. אויב עס זיינען בכלל אַמאָל געווען באַשימטע ראַסן, זיינען זיי היינט מער ניט קיין ריינע ראַסן, דאָס איז זיכער. וואָס מיר האָבן היינט, איז ניט מער קיין פאַרשידענע ראַסן, נאָר פאַרשידענע פעלקער. די פעלקער זיינען אַ געמיש פון פאַרשידענע ראַסן, אויב מיר זאָלן דאָס וואָרט „ראַסע" צולאָזן. לויט די ראַסן־טעאָרעטיקער זיינען דאָ אייניקע ראַסן, ווי די סעמיטישע ראַסע, מאָנגאָלישע, אַפריקאַנישע און די אַלפּינישע. לעצטנס זיינען מיר באַרייכערט געוואָרן מיט אַ נייעם נאָמען, די „אַרישע", וואָס זייער ווייניק מענטשן ווייסן וואָס דאָס מיינט, ווי מען עסט דאָס.

די ענגלישע וויסנשאַפטס־לייט נעמען אָן טעאָרעטיש, אַז די פאַרשידענע ראַסן האָבן זיך לאַנג צונויפגעמישט און די פעלקער, וואָס מען קען היינט צו טאָג, האָבן אין זייערע אַדערן דאָס בלוט פון די אַלע ראַסן און זיינען אפילו ניט פריי פון אַ נעגערשן שטראָם, ער מעג זיין ווי קליין, אָבער ער איז דאָ. אַזוי ווי דער נעגערשער שטראָם איז געוויינלעך, דאָמינירנד, קען ער טראָץ דער מישונג פון דורות אינגאַנצן ניט אונטערדריקט און אָפּגעווישט ווערן. לויט דעם געזעץ פון אַטאַוויזם, באַווייזט ער זיך פון צייט צו צייט אין אַן אויסגעשפּראָכענער פאָרם. נעגערשע געשטאַלטן, ווען אפילו ווייס אין קאָליר, זיינען צו באַמערקן אומעטום צווישן ווייסע פעלקער. פיל זיינען אפילו אין דער פאַרב נעגעריש.

פון מאָנגאָלישן שטאַם איז אָפּגערעדט. זיין ווירקונג איז זייער שטאַרק כמעט ביי אַלע אייראָפּייאישע פעלקער. דער מאָנגאָל דרייט זיך אַרום אויף אַלע גאַסן פון די אייראָפּייאישע שטעט, מיט זיינע צעשפּאַלטענע אויגעלעך, מיט זיין איי־פאָרמיקן קאָפּ און מיט זיינע שטשעטשינע האָר. דער טיפּ דערשיינט אַזוי אָפט, אַז ער ציט מער ניט קיין אויפמערקזאַמקייט.

אויסער דעם האָבן מיר דאָך אַ פּאָר פעלקער, וועלכע זיינען מאָנגאָליש און זיי וואוינען אין סאַמע האַרץ פון אייראָפּע, ווי, למשל, די אונגאַרן, די פינען און טערקן. די לעצטע, דאָס הייסט די טערקן, אָנגעשטעקט מיט דער ראַסן־טעאָריע, וואָס שטאַמט פון דייטשלאַנד, האָבן זיך לעצטנס גענומען שעמען מיט דעם, וואָס זיי זיינען מאָנגאָלן. דער פאַרשטאָרבענער דיקטאַטאָר קעמאַל פּאַשאַ האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די פּראָפעסאָרן און עטנאָלאָגן, אַז זיי זאָלן אים צושטעלן אַז אַנדער יחוס־בריוו. עס האָט זיך אים אַנדערש ניט געוואָלט, דעם דיקטאַטאָר, נאָר ווייזן, אַז זיין פאָלק שטאַמט אָפּ פון דער זעל־

בער ראַסע, ווי די אַנדערע אייראָפּייִשע פעלקער, וואַרשיינלעך די אַרישע. ווען אַ דיקטאַטאָר הייסט, מוזן די געלערנטע פאָלגן. אײַ עס זײַנען ניטאָ קיין באַווייזן, וועט מען זיי שוין פאַבריצירן. קיין אוממגליך קיין גרויסער איז עס ניט. סײַ ווי סײַ איז די גאַנצע זאַך מעשׂה יחוזק.

ערנסטע וויסנשאַפֿטס־לייט, וואָס אַנערקענען יאָ, אַז עס זײַנען געווען ראַסן און גלויבן אין דעם ירושה־געזעץ, אין פאַרבינדונג מיט דער ראַסע, זײַנען דאָך אָבער ניט גענייגט אַוועקצושטעלן אײַנגאַנצן אויפֿן חשבון פֿון דער ראַסע די פאַרשידנקייט אין דער אַנטוויקלונג פֿון די פעלקער. זיי גלויבן, אַז עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, די אומגעבונג, די טאָפּאָגראַפֿיע און אויך די פאַרשידענע געשיכטלעכע דערפֿאַרונגען, וואָס יעדעס פֿאָלק האָט דורכצומאַכן, און אויב איר ווילט, אויך דער גליקלעכער צופֿאַל, וואָס עס טרעפֿט בײַ אַ פֿאָלק, אַז גראָד בײַ אים זײַנען אויפֿגעשטאַנען קלוגע געזעצ־געבער, גרויסע פירער, רעליגיעזע גרינדער און זיי איז געלונגען אָפּצו־שטעמפּלען זייער דערהויבענעם גייסט אויף דעם לעבנס־גאַנג פֿון זייער פֿאָלק — אַז די אַלע פאַקטאָרן האָבן אַ פֿיל גרעסערע ווירקונג אין דעם אויסאַרבעטן פֿון די פאַרשידענע פעלקער־טיפּן.

ס'איז נאָר אַ וואונדער, וואָס די אונגאַרן שווייגן און די פינען און די לעטן. בײַ די אונגאַרן הערשט דאָך עפּעס אויך אַ דיקטאַטאָר און עס איז אַ חידוש, וואָס ער האָט נאָך ניט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו זײַנע געלערנטע, אַז זיי זאָלן זיך אַ נעם טאָן אויסגעפֿינען די געהעריקע באַווייזן — די כּשר'ע מציאה, און דערפֿרייען זייערע פֿרײַנט מיט דער נײַעס, אַז ביז איצט האָבן זיי געלעבט אין טעות בנוגע זייער אָפּשטאַם, דען אין דער אמת'ן שטאַמען זיי אויך אָפּ פֿון די מיוחס'דיקע ראַסן.

על כּל פּנים איז די ראַסן־טעאָריע אין ענגלאַנד ניט איבעריק פּאָפּו־לער. דאָרט, וואו מען האָט זיך ניט געשראָקן פֿאַרן דאַרוויניזם, וועלכער האָט ניט מורא געהאַט אַנצואווייזן אויף דעם נידעריקן אָפּשטאַם פֿון מענטשן, אויף זײַן קרובֿה'שאַפֿט מיט דער מאַלפּע, מאַכט מען אַ גאַנץ קליינעם ווען פֿון ראַסן־יחוס.

איין זאַך איז זיכער, אַז צווישן די באַרימטע אייראָפּייִשע פעלקער — פראַנצויזן, ענגלענדער, שפּאַניער, איטאַליענער, ווער שמועסט צווישן די סלאַווישע פעלקער — האָט די ראַסן־אידייע ניט געפֿונען קיין פֿרוכטבאַרן באָדן. די שפּאַניער זײַנען געוויס אַ געמישטע ראַסע, האָבן פֿיל סעמיטיש בלוט אין זיך, אויך פֿיל בערבער־בלוט, זײַנען אַ געמיש פֿון מזרח און מערבֿ און זיי זײַנען אַפֿילו שטאָלץ מיט דעם פֿאַקט, וואָס זיי זײַנען מיסטיש גענייגט און לויט זייער מיסטיציזם קענען זיי באַטראַכט ווערן ווי אַן אָריענ־טאַליש פֿאָלק. די ענגלענדער זײַנען אַ געמיש פֿון מער ווי איין פֿאָלק. איר האָט דאָרטן קעלטן, זאַקסן, גאַלן און גאָט ווייסט וואָס. אויף דעם קליינעם

אינזל, הייסט עס, זיינען דאַ פיר פעלקער, וואָס אינאיינעם שאַפן זיי בריטאַ־ניע. די אירלענדער, די וועלשן, שאָטלענדער און ענגלענדער. אָבער אַפילו די פיר פעלקער אַליין זיינען אויך אַ געמיש פון פאַרשידענע פעלקער — די בריטישע פעלקער, וואָס צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געלעבט אויף אַן אינזל, זיינען זיי געווען מער אָפּגעזונדערט ווי די אויף דעם קאָנטינענט.

די איטאַליענער, וואָס שטאָלצירן מיט זייער אָפּשטאַם פון די רוימער האָבן אין די שפּעטערדיקע דורות אַריינגענומען אין זיך פּיל גערמאַניש בלוט און ניט ווייניק סלאַווישעס. בקיצור, אַלע זיינען געמישט, אַפילו די רוימער אַליין אין זייערע צייטן זיינען אויך ניט געווען קיין ריינע ראַסע.

די פעלקער־וואַנדערונגען, די קרייץ־צוגן, די פאַרשידענע מלחמות און דעראָבערונגען, ווען איין טייל לאַנד איז איבערגעגאַנגען אין פאַרשידענע הענט, האָבן געפירט דערצו, אַז די פעלקער, וואָס באַוואוינען אייראָפּע, זיינען דורכגעמישט און זיינען איינס ענלעך אויף דעם אַנדערן, טראָץ די אונטער־שידן, אַזוי אַז מען קען ריידן פון אַ באַשטימטן אייראָפּייאישן טיפּ.

די איינציקע, וואָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אַן דער ראַסן־טעאָריע, נאָך איידער היטלער איז געקומען, זיינען געווען די דייטשן, וואָס זיי זיינען בפירוש אַ שטאַרק געמישטע ראַסע. די פּרייסן, דער שטאַרקסטער שטאַם צווישן די דייטשן, זיינען מער סלאַוויש ווי דייטש. אַרום דעם רהיין, אַרום דער פראַנצויזישער גרעניץ, האָבן די דייטשן אויפגענומען פּיל גאַליש בלוט, בשעת די פראַנצויזן האָבן אין זיך אויפגענומען פּיל דייטשיש בלוט און באַקומען אַפילו אַ גערמאַנישן נאָמען, „פראַנקען”. ניט אומזיסט זיינען די דייטשן אין יענער געגנט נאָענט שטאַרק צום פראַנצויזישן טיפּ.

די דייטשן האָט אָבער די ראַסן־טעאָריע שטאַרק פאַרשמעקט. דאָס איז פאַר זיי נויטיק, וואַרשיינלעך אַלס קאָמפּענסאַציע פאַר די דורכפאַלן, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף דעם פּאָליטישן געביט. פּאָליטיש האָט דאָס דייטשישע פאָלק פאַרשפּעטיקט, געקומען אויף דער אַרענע נאָכדעם ווי די וועלט איז שוין געווען צעטיילט. אַזוי האָבן די דייטשישע ווילדע שבטים, די הונען, די וואַנדאַלן, די וויזיגאָטן, חרוב געמאַכט די אַנטיקע וועלט אין אייראָפּע, אָבער זיי זיינען אַליין אין חורבן אונטערגעגאַנגען, פאַרמישט גע־וואָרן מיט די אַנטיקע פעלקער און דאָס, וואָס איז געבליבן באַשטימט און אויסגעטיילט אַלס דאָס דייטשישע פאָלק, איז פאַרשטופּט געוואָרן אין אַן ענג ווינקל, מיט אַן אָרימער, מאָגערער ערד און אַרומגעצירקלט, ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייטן זיך אויסצושפּרייטן, פאַנאַנדערצוואַרפן און שאַפן פאַר זיך לכל הפחות ספערן פון איינפלוס. אַט דער צושטאַנד האָט געערגערט און פאַרדראָסן און אין דער ראַסן־טעאָריע האָבן זיי געפונען אַ טרייסט פאַר דעם ערגער. אויב אַנדערע באַגריסן ניט, האָט מען אַליין זיך באַגריסט מיט דעם געשריי: „הייל טעווטאָניאַ!”

עס איז אנטשטאנען די נארישע טעאריע, אז די גערמאנישע ראסע האט באשאפן אלץ, וואס וויכטיק, טיף, פיין און באדייטנד, ברייט און פאר־נעם אין דער וועלט. עס זיינען איבעריק אלע פראגעס, ווי אזוי האבן די גערמאנען דאס אלץ געשאפן, אז ווען זיי זיינען ארום פון די וועלדער, איז שוין ארום מיטללענדישן ים און אין אריענט געווען א הויכע, אלטע קול־טור, אויף דעם יסוד פון וועלכער, אויך נאכדעם ווי זי איז חרוב געווארן, די אייראפייאישע פעלקער האבן אויפגעבויט זייערע. די אלע פראגעס ווען בלייבן אן אן ענטפער, ווייל יענע ראסן־טעאריע איז אין איר ערשטער פארם, וועלכע די אזוי גערופענע דייטשישע געלערנטע האבן אויפגעשטעלט, שוין געווען מער שאוויניסטישער לאזונג, ווי וויסנשאפט.

די דייטשן זיינען דאך אינגאנצן ניט קיין אידיאטן און עס זיינען פון זיי ניט פארהוילן די פאקטן, אז עס זיינען געווען סעמיטן און פעניציער, וואס האבן געשאפן דעם אלף־בית; אז די עגיפטער האבן אונדז געגעבן געאמעטריע: די אראבער — אלגעבראו: אז די באבילאנער האבן געהאט א געזעצגעבונג נאך מיט 5000 יאר צוריק, וועלכע איז אין פיל פרטים צור־מענטשלעך אפילו פאר דער איצטיקער אייראפע: אז דריי פעלקער, נענ־טער צו אונדזער צייט — די גריכן, די רוימער און די אידן — אז פון זייער יתור איז צונויפגעשטוקעוועט געווארן די אייראפייאישע קולטור. זיי ווייסן באשטימט, אז דער רענעסאנס איז א איטאליענישער פראדוקט און אז די דייטשן האבן געהאט אין אים א קנאפן אנטייל. און וואס שייך קונסט, האבן זיי אפילו פון איר ווייניק געגנאשט. היינט, מיט וואס נעמען זיך די דייטשן אזוי איבער? אין באוועגונג בלויז, אין וועלכער זיי האבן יא גענומען א טיפערן אנטייל, איז די „רעפארמאציע", אבער אויך אין דער דאזיקער באוועגונג זיינען זיי ניט געווען אליין. ענגלאנד האט בייגעשטייערט איר חלק, האט ארויסגעשטעלט מער ווי איין רעפארמאטאר, אויך פראנקרייך האט געהאט אירע הוגענאטן, א ריין רעפארמאטארישע באוועגונג. אפילו די טשעכן האבן געהאט זייער גרויסן רעפארמאטאר — הוס, בקיצור, אלץ ניט דייטשלאנד אליין. היינט פארוואס מאכן דעם אנשטעל, אז מיט דייטשלאנד הויבט זיך עס אן און לאזט זיך אויס, בשעת אין אמת'ן, ווען מען רעדט פון אריגינעלע שאפונגען, איז דייטשלאנד ווייט הינטערשטעליק לגבי די אנ־דערע קולטור־פעלקער פון אייראפע!

אינטערעסאנט איז, אז די ווייניקע גרויסע מענטשן, וואס דייטשלאנד האט ארויסגעשטעלט די לעצטע צייטן, מיט וועמען זי האט א רעכט צו רימען זיך, זיינען דווקא גארניט געווען קיין ריינע דייטשן. דער פילאזאף לייבניץ איז פון ליטוויש־סלאווישער אפשטאמונג: קאנט איז שאטלענדיש; ניטשע — פויליש אדער סלאוויש. די נאצים נעמען זיך מיט ניטשען שטארק איבער, גרויסן זיך מיט אים, אבער ער האט דווקא פיינט געהאט די דייטשן

און בפירוש געדאנקט גאט. וואס ער איז ניט קיין דייטש. וואגנער שטייט אונטער חשד, אז ער שטאמט פון אידן. די באוויזן דערצו ווערן אלע מאל שטארקער. נעמט צו די אלע גרויסע, טא ווער בלייבט? בלייבט איבער גע־טע. הימל און ערד און געטע. אבער ער איז נאך אלץ ניט קיין שעקספיר!! די ענגלענדער האבן יא א שעקספירן און זיי באהויפטן פונדעסטוועגן ניט, אז זיי זיינען דאס זעמל־מעל פון דער מענטשהייט. ווי אמת'ע קולטור־מענטשן זיינען זיי באשיידן און האבן גרויס באוואונדערונג פאר די אלטע קולטור־פעלקער, ביי וועמעס רייכן טיש זיי האבן געכאפט שיריים, און צווישן די אלטע פעלקער רעספעקטירן זיי אויך די אידן, וואס פון זייער ביבל האבן זיי פיל גענאסן אויף פארשידענע אופנים, אויך שפראכלעך.

ווער מאכט א רעש, אז ער איז אלץ אין דער וועלט? ניט קיין אנדע־רער ווי דער פארוועניו, דער דייטש. ווער פארנעמט זיך מיט שענדלעכער אראגאנץ קעגן איינער פון די עלטסטע ראסן, דער סעמיטישער ראסע? ווידער אמאל דער דייטש, וואס האט נאך ניט באוויזן צו פארדייען ריכטיק די אלטע קולטור.

קיינער איז ניט אזוי פארפליכטעט צו דער סעמיטישער ראסע ווי דער דייטש. זיי זאלן לעבן נאך טויזנטער יארן, וועלן זיי ניט קענען אויסצאלן דאס, וואס זיי האבן גענומען פון אידישע קוואלן און פון אידישן זשעני, ניט נאר פון אמאל, נאר אויך פון די לעצטע דורות. מעגלעך, אז טאקע דערפאר, וואס דער דייטש האט אזוי פיל גענומען ביי אידן, איז ער אזוי אויפגעבראכט אויף דעם אידישן פאלק. דאס איז א שטודיום פאר פסיכאלאגן.

אין דער לעצטער צייט, מיט דעם אויפשטייג פון היטלעריזם, איז דאס ווארט „טעווטאניא" פארביטן געווארן אויף דעם ווארט „אריאניזם". עס ווערט פיל גערעדט פון ארישער ראסע. קיינער ווייס אבער ניט באשטימט, וואס דאס איז פאר א חיה און די, מ'שטיינס געזאגט, נאצי־טעארעטיקער ווייסן אליין אויך ניט.

דער ערשטער, וואס האט דאס ווארט ארויסגעבראכט, איז געווען מאקס מילער, אבער אויך ער האט דאס ווארט גענוצט אין פארבינדונג מיט דער שפראך און ניט מיט דער ראסע.

ערנסטע וויסנשאפטסלייט גלויבן ניט, אז עס איז ווען געווען אזא זאך, ווי אן ארישע ראסע און די, וואס ריידן יא פון אן ארישער ראסע, ווייסן אליין ניט אויף וועלכן פלאץ זי האט געלעבט און פון וואנען זי קומט. אט איז זי אין אינדיע, ארום די הימאלייען־בערג; אט איז זי אין פערסיע... מען טרייבט, נעבעך, ארום די ארישע ראסע פון איין פלאץ אויף דעם אנדערן, וואו די וועלט האט אן עק.

נאך אנגענומען, אז עס איז געווען אזא זאך, ווי אן ארישע ראסע,

איז זי ניט אַנדערש ווי צעשפּריצט און אויסגעמישט געוואָרן ווי אַלע אַנדערע ראַסן צווישן די פאַרשידענע פעלקער. אין געוויסע וויסנשאַפטלעכע קרייזן איז לעצטנס אַרויסגעשוואומען די השערה, אַז די אידן שטאַמען אָפּ פון דער אַרישער ראַסע, אָדער אַם וויניקסטן האָבן זיי אַריש בלוט אין זייערע אָדערן דערהפאַר, ווייל מיט זיי האָבן זיך פאַרמישט די חתים, וועלכע זיינען וואַרשיינלעך ניט געווען קיין סעמיטן, נאָר אַריש, עפּעס, וואָס נאָר גאָט אַליין ווייסט וואָס דאָס מיינט.

נאָר וואָס העלפט דאָס אַלץ? די נאַציס רעכענען זיך ניט מיט דער וויסנשאַפט. האָבן זיי דאָך עפנטלעך דערקלערט, אַז אַפילו די וויסנשאַפט מוז זיך אונטערוואַרפן דער פּאָליטיק, דער נאַציע. האָבן זיי טאַקע געגעבן אַ באַפעל צו זייערע פאַרקויפטע שקלאַפישע פּראָפעסאָרן, אַז זיי זאָלן שאַפן אַ ראַסן־וויסנשאַפט לויט אַ געוויסן רעצעפּט. אין דער דאָזיקער וויסנשאַפט טאָר ניט דערמאָנט ווערן קיין וויכטיקע שאַפונג פון קיין ראַסע אויסער דער אַרישער. דער כלל דאַרף זיין: אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן און האָט אַ באַדייטונג, איז אוודאי געשאַפן געוואָרן פון אַן אַרישן מענטשן. אײ, ער איז דאָס ניט? טאָ דערקלער אים אַלס אַזעלכן. אײ, עס שטימט ניט מיט דעם אמת? ווער שטעלט זיך אָפּ פאַר אַזאַ קלייניקייט? אַלץ, וואָס איז שעדלעך, איז געשאַפן געוואָרן דורך די סעמיטן. אײ, עס שטימט ניט מיט די פאַקטן, אַלץ ערגער פאַר די פאַקטן!

האָבן מורא די דייטשישע פּראָפעסאָרן דעם דיקטאַטאָר צו ווידער־שפּרעכן. זיי פירן געהאָרכזאַם אויס זיין באַפעל, ווי אמת'ע שקלאַפן. אויסער די גרעניצן פון דייטשלאַנד לאַכן אָבער אַלע ערנסט־דענקענדיקע מענטשן פון דעם נייעם שווינדל מכח דער אַרישער ראַסע.

טומלען אידן צופיל?

וועלס האט טענות צו אידן. — דער דייטשישער פראצענט אין די קאנצענטריר־לאגערן. — ענגלענדער, דאס אינזל־פאלק. — די דייטשישע אידן זיינען געווען פויפסטלעכער פון פויפסט. — עס האט דאך ניט געהאלפן.

אנדזערע אנגעשראקענע אידן, וואס האלטן זיך ביי דעם הייליקן געבאט, אז מען דארף זיין „נידעריקער פון גראז און שטילער ווי וואסער", אז מען דארף, חלילה, ניט אויפהויבן קיין הויכן קול, ווער שמועסט מאכן א רעש און פראטעסטירן קעגן די רדיפות אויף דעם אידישן פאלק, וועלן געוויס זיין צופרידן מיט דער הסכמה, וואס זיי האבן געקראגן צופעליק פון דעם בארימטן ענגלישן שריפטשטעלער, ה. דזש. וועלס. אויך ער האלט, אז די אידן טומלען צופיל און לאזן זיך הערן מער ווי יעדער אנדער פאלק. ער גלויבט, אז די אידן אין דייטשלאנד, אזוי גוט ווי אין אנדערע לענדער, זיינען אליין שולדיק אין דעם, וואס זיי ווערן באטראכט אלס אן אויסנאם.

וועלס מיינט אז די אידן ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די פעלקער, ווייל זיי האלטן זיך אפגעזונדערט, אויך דערפאר, ווייל זיי זיינען עמפפינדלעך און האבן א נארישע טבע צו שרייען, ווען מען שלאגט זיי. און צוליב דעם רעש'ט זיך עס מיט אידן אזוי פיל. עס איז אידן און אידן.

דער געשריי רייסט די אויערן און וועלס, אפנים, האט רחמנות אויף דער וועלטס אויערן. געשרייען זיינען ניט אנגענעם, זיי צעשטערן די רו. און וואלטן אידן געווען לייטישע מענטשן, דזשענטללייט, ווי עס איז, למשל, הער וועלס, מענטשן פון גוטער דערציאונג און פיינער באנעמונג, וואלטן זיי צוגעבאפט די קלעפ אין דער שטיל, אפגעווישט די ליפן און געמאכט א שוויג, און אפשר גאר געדאנקט די שלעגער, פארוואס זיי זיינען בלויז

צופרידן מיט שלאגן, אנשטאט דער׳הרג׳ענען זייער קרבן גלייך אויפן פלאץ. און טרעפט, אז גויים שפייען אייך אין פנים, דארפט איר אוודאי פון דעם קיין צימעס ניט מאכן. א שפיי איז דאך ניט קיין מבול, דערטרונקען ווערן איז אים קען מען ניט, און צי פעלן דען פאטשיילעכלעך אויף דער וועלט? האט מען ניט קיין פאטשיילעכל, ווישט מען אפ מיטן ארבל, אדער מען ווישט ניט אפ, וועט עס פון זיך אליין זיך אויסטריקענען. דער עיקר איז זיך מאכן תמ׳עוואטע, גלייך ווי ניט אייך מיינט מען: זיך אראפרוקן דאס היטל און גיין אייער וועג.

נאר א שפאס אן א זייט. וועלם מיינט עס ערנסט. ער קומט מיט שלאגנדע באווייזן. אט, — זאגט ער, — ווערן אין דייטשלאנד פארפאלגט ניט בלויז אידן, נאר אויך אנדערע דייטשישע בירגער. אין קאנצענטראציע קעמפס פון דייטשלאנד געפינען זיך מער דייטשן ווי אידן. דער חשבון שטימט, כאטש דער בעל־חשבון וועלם האט פארגעסן, אז אידן זיינען איין האלב פראצענט פון דייטשלאנדס באפעלקערונג און אונטער די דאזיקע אומשטענדן איז ניט קיין וואונדער, וואס אין די לאגערן זיינען דא מער דייטשן ווי אידן. אבער דאס איז ניט דער עיקר. וואס וועלסן פארדריסט איז, וואס די אידן שרייען אמשטארקסטן. כאטש וועלם ווייסט אליין ניט פון וועמען נאך ער דערוואַרט געשרייען, אויב ניט פון די אידן. זאלן די דייטשן שרייען קענען די דייטשן? אבער די מערסטע דייטשן באטראכטן דאך די קאנצענטריר־לאגערן און דעם היטלער־רעזשים פאר א גליק פארן דייטשישן פאלק. ניט נאר שרייען ניט די דייטשן אין אויסלאנד, נאר זיי אפלאדירן נאך די שיינע, נאבעלע איינפירונג אין „דריטן רייך". וואלטן די דייטשישע בירגער אויף אן אמת געווען אומצופרידן מיט דעם היטלער־רעזשים, וואלטן זיי ניט געדארפט שרייען, נאר וואלטן אין דער ערשטער צייט געקענט פארמיידן, אז היטלער זאל קומען צו דער מאכט. אויב עס איז דא א היטלער־רעזשים, ווער איז מער שולדיק אין דעם ווי די קרופס און טיסענס און די הינדענבורגס און די פאפענס און די אנדערע פאפענהיי־מערס? זיי האבן דעם רעזשים געוואלט און זיי האבן אים געמאכט און זיינען מיט דעם רעזשים, ווארשיינלעך, אויך צופרידן. היינט פארוואס זאלן זיי שרייען און פראטעסטירן? דאס וועלן זיי נאך טאן, אבער שפעטער, ווען די לאגע וועט ווערן ערגער און זיי וועלן אנקלייבן אביסל מער מוט, דעמאלט וועלן זיי זיך שלאגן אשמנו אויף דער ברייט־קאסטנדיקער ברוסט. איצט אבער שרייען זיי נאך אלע פון אט דער פולער ברוסט „הייל היטלער". היינט ווי אזוי זאלן זיי פראטעסטירן? קיין צו גרויסער לאגיקער איז וועלם קיינמאל ניט געווען. ער איז א פיינער פאפולאריזאטאר און א שיין־שמועסער, מיט אן אנשטעלעל אויף אריגינאליטעט אין קאנקורענץ מיט זיינע צוויי צייט־גענאסן, בערנארד שאו און ג. ק. טשעסטערסאן. שאו מיט זיין וויץ

און סאַטירע, טשעסטערסאָן מיט זיינע פּאַראַדאָקסן און „טאָמער־פּאַר־קערטס", און וועלס מיט זיין אַמביציע צו גילטן אַלס אָריגינעלער דענקער און מציאות־אַנטדעקער. דאָס מאָל הינקט זיין לאָגיק שוין צו שטאַרק אונטער.

וואָלט וועלס, דער היסטאָריקער, וואָס האַלט זיין שפּאַקטיוו אָנגע־שטרענגט אויפן ווייטסטן ווינקל אין דער וועלט, ביז אין די גאָר אַלטע צייטן, בעסער זען דאָס, וואָס עס טוט זיך אונטער זיין נאָז, וואָלט ער מסתמא ניט פאַרזען די אָפּשטימונג אין סאַאַר־לאַנד, וואו ניינציק פּראָ־צענט פון דער באַפעלקערונג האָבן געשטימט פאַר דער פריווילעגיע צו ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם נאַצישן רייך, פאַר דעם גליק צו האָבן אויך אין סאַאַר־לאַנד קאָנצענטריר־לאַגערן — הייסט וואָס פאַר אַ טעם האָט זיין אַרגומענט, פאַרוואָס אידן פּראָטעסטירן און די דייטשן ניט? וואו איז די לאָגיק?

וועלס, דער ביאָלאָג, איז ניט שטענדיק אויסגעהאַלטן; אַמאָל איבער־טרייבט ער אַפילו די וויכטיקייט פון ראַסן־אייגנשאַפטן. דאָס טוט ער, ווען ער רעדט וועגן אידישע חסרונות. דעמאָלט איז עס דורכאויס ראַסע און ער דערנענטערט זיך ממש צו דעם שטאַנדפּונקט פון די נאַציס, צו זייער ראַסן־טעאָריע. ער פאַרגעסט אָבער אין די ראַסן־אייגנשאַפטן, ווען ער רעדט פון אַנדערע פעלקער, וואָס שטאַמען פון דער קעלטישער ראַסע און דער לאַטייני־נישער, וואָס זיינען מער עמאָציאָנעל, ווי עס זיינען די אַנגלאָ־זאַקסן אָדער די טעווטאָנען. מען קען דאָס זען אין קליינע ווי אין גרויסע זאַכן. די איטאַ־ליענער, למשל, נעמען אויף זייערע באַליבטע אַקטיאָרן אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן, ווי עס טוען די ענגלענדער. די איטאַליענער פילדערן, שרייען, אַפּלאָ־דירן — ביז צום טויב־ווערן און בארויקן זיך ניט, ביז דער פאָרהאַנג הויבט זיך ניט אויף אַ פּאָר טוץ מאָל, כדי צו קענען כאַפּן נאָך אַ בליק אויף זיין באַליבטן אַרטיסט. די ענגלענדער, פּאַרקערט, זיצן אין טעאַטער און עס מעג שפּילן זייער באַליבטסטער אַקטיאָר, און קוים וואָס זיי רירן זיך, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען מומיעס און ניט קיין מענטשן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אין קירך ביי אַ לויה און ניט אין טעאַטער ביי אַ לוסט־שפּיל. זיי פּראַווען התבודדות, ווען זיי קומען אין אַ געזעלשאַפט חבר׳יש צו פאַרברייינגען. ניט אומזיסט האָט זיי גאָט פאַרשיקט אויף אַן אינזל. זיי זיינען אינזלעריש לויט זייער נאַטור, זיי לאָזן איבער דאָס רוישן פאַר דעם ים און זיי אַליין בלייבן אָנגעצויגן, אָנגעקראַכמאַלעט, שטייף.

האָט קיינער ניט קיין טענות, חלילה, צו די ענגלענדער, פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי. מיר נעמען זיי אַן ווי זיי זיינען. עס פאַרדריסט נאָר, ווען זיי ווילן ניט אַנדערש, נאָר אַז אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן אַנדערע שטימונ־גען און געוואוינהייטן און נויגונגען זאָלן דווקא האַנדלען ווי זיי האַנדלען,

אז אלע זאלן האנדלען מיט רעזערוו און מיט צוריקגעהאלטנקייט און צירליך־מאניערליך, אלא ניט, איז מען מער ניט קיין דזשענטלליימ. דאס איז א טעות: קיין מאנאפאל אויף דזשענטלמאנשאפט האבן זיי ניט, און ניט זיי זיינען די לעצטע פוסקים, ווער עס איז א דזשענטלמאן און ווער ניט. מסתמא ווייסט וועלט, אז דאס וואס זיי רופן דזשענטלמאנשאפט רופן די אירלענדער מיט דעם ניט־שיינעם נאמען: היפאקריטסטווא. און ניט נאר די אירלענדער אליין טוען עס.

עס וועט פיליכט אינטערעסירן דעם דזשענטלמאן וועלט צו וויסן, אז עס איז דא געגוג אנגלאפאביע אין דער וועלט, באלד אזוי פיל ווי אנטיסעמיטיזם, כאטש די ענגלענדער זיינען אזעלכע שטילע, רואיקע מענטשן. דער אונטערשיד צווישן דעם אידן און ענגלענדער באשטייט אין דעם, וואס דעם אידן שלאגט מען און מען רודפ'ט און מען אונטערדריקט, בשעת דעם ענגלענדער אונטערדריקט מען ניט, פארקערט, ער הערשט איבער אנדערע, און זיין ממשלה פארנעמט א האלבע וועלט. די ענגלענדער קענען זיך דערלויבן דעם פארגעניגן צו זיין שטיל ווי די קאטינקעס. אבער ענגלאנד איז ניט מיין עסק דא, און איך בין אפילו אן אנגלאפיל. פאביעס און ראסן־פארטיילן קענען מיר מיט פארגעניגן איבערלאזן צו די וועלסעס. זיי האבן צייט דארויף און האבן ניט קיין אנדערע דאגות אויפן קאפ און קענען זיך פארנעמען מיט סאדיסטישע פארגעניגנס. קיין ספארטסמאנשאפט איז עס דאך ניט צו טרעטן אויף יענעם, ווען ער ליגט שוין אויסגעצויגן אויף דער ערד. אבער ווער האט ער אויסגעטראכט, אז יעדער ענגלישמאן איז א ספארטסמאן? וועלס איז דאס זיכער ניט.

נאך איין ווארט מוז מען צוגעבן. אז מען רעדט וועגן שרייען, פילדערן, טומלען, אז דאס איז ניט עפעס וואס איז אבסאלוט, נאר א זאך, וואס איז רעלאטיוו. וואס פאר איינעם זעט אויס א געשריי, מעג פאר דעם אנדערן אויסזען א געוויינלעכער געשפרעך. נאך אמאל דאס זעלבע. ווען איטאליענער אויף די גאסן פון אן איטאליענישער שטאט פירן א געשפרעך צווישן זיך, מעג עס פארן פיינעם, נאבעלן ענגלישן אויער קלינגען ווי א געפילדער, א קרינגעריי, אבער אנדערש פאר דעם איטאליענער. וואס א וועלס מיט א הארטער הויט קען רואיק אויסהערן, מעג דער איד, וועמעס הויט איז, גאנצ־צודאנקען, דעליקאטער, און דערפאר מער עמפפינדלעכער, ניט קענען רואיק ארונטערשלינגען. וואו אבער איז די ראיה, אז וועלס איז גערעכט און די אידן זיינען אומגערעכט.

וועלס רעכנט, אז ווען די אידן זיינען ארויס מיט א באיקאט קעגן דייטשלאנד, ווארפן זיי זיך ווידער אין די אויגן פון די פעלקער און ער פרעגט, צי איז דאס גוט, אידן זאלן באווייזן, אז זיי זיינען אזא עקאנאמישע מאכט אין דער וועלט, אז זיי קענען א גרויסע מדינה צווינגען נאכצוקומען

זייערע פאָדערונגען? פאַרשטייט זיך, אַז די פראַגע איז בלויז אַ רעטאָרישע. וועלס דערוואַרט פון אונדז ניט קיין ענטפער אויף איר. ער האָט זיין ענט־פער גרייט אין קעשענע. וועלס דענקט, אַז אין אַלגעמיין איז ניט גוט פאַר אידן זיך צו וואַרפן אין די אויגן, און עס איז נאָך ערגער פאַר זיי, ווען זיי באַווייזן, אַז זיי באַזיצן עפּעס מאַכט און אַז זייער לעבן איז ניט הפקר־פּעטרישקע. ווילן מיר זיך ניט אַריינלאָזן מיט וועלסן אין אַ דיסקוסיע. עס וועט זיין אַרויסגעוואָרפענע רייד. וועלס האָט ניט איבעריק ליב אידן. עס איז ניט וויכטיק פאַרוואָס. ליבע קען מען ניט אַרויפצווינגען אויף קיינעם. אים געפעלן ניט די אידן. ער האַלט ניט פון זייער זשעני. אין זיין „אוטליין און היסטאָרי" מאַכט ער די אידישע שאַפונגען אַוועק מיט דער האַנט. ער דערגרייכט זיין ציל פשוט, דורך ניט דערמאָנען אידן, דורך איג־נאָרירן זייער קולטורעלן בייטראַג אין דער צייט, ווען זיי האָבן געוואוינט אויף זייער לאַנד און אויך אין דער צייט, ווען זיי זיינען געווען אין גלות און האָבן געמאַכט זייערע גרויסעביישטייערונגען אינאיינעם מיט אַראַבער, אָדער ווען זיי האָבן, אין די פאַרשידענע אייראָפּעאישע לענדער, דורך די ווערק פון זייערע געניאַלע דענקער און שאַפער, פילאָזאָפן און אַנטדעקער, אויסגעאיבט אַ ווירקונג אויף דעם גאַנג פון דער קולטור און ציוויליזאַציע. נאָר ווידער דאָס זעלבע. עס פעלט אונדז דער חשק אַריינצולאָזן זיך אין אַ וויכוח מיט וועלסן, ווען מען מיר באַטראַכטן פאַר אַ גאַנץ קנאַפּן אויטאָריטעט אַרויסצוגעבן מיינונגען איבער דעם אידישן אַנטייל אין דער וועלט־קולטור. דערצו איז ער נאָך אַ צו־פּאַרטייאישער ריכטער. ווען די דאָזיקע פראַגן זיינען דאָ גרעסערע אויטאָריטעטן ווי וועלס, און מיר אידן אַליין זיינען אויך ניט קיין שיפּע־זיבעלעך, און מיר ווייסן די מאָס פון אונדזער גייס־טיקן איינפלוס און ניט פון זיין מויל לעבן מיר. וואָלט וועלס ניט געווען קיין ראַדיקאַל, וואָלט ער זיכער געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט. ער איז אָבער, נעבעך, אַ ראַדיקאַל, שטיקט ער זיך מיט זיין אַנטיסעמיטיזם, אָבער עס פּלאַצט אַרויס פון אים אַליין אומבאַוואוסטזיניק, ווייל אַנטיסע־מיטיזם איז אַ נאַטור־קראַפט און עס איז שווער זי איינגאַנצן צו דערשטיקן.

וועלסן זיינען מיר גרויס אין די אויגן, און וואָס מיר זאָלן ניט טאָן, וועט ער אַלץ זאָגן אַז עס איז שלעכט. וועלס האָט פאַר אידן איין מיטל: אונטערגאַנג, אַסימיליאַציע. אָבער אין דעם איז ער גאָר ניט אָריגינעל. דאָס האָבן געזאָגט פיל אַנדערע פאַר אים, און ניט נאָר געזאָגט, נאָר פיל אידן האָבן עס פּרובירט דורכפירן אין לעבן. וועלס מעג זיך טרייסטן. די אַסי־מיליאַציע גייט אָן. פון וואַנען האָבן זיך גענומען צוויי מיליאָן דייטשן מיט אידיש בלוט, ווען אידן וואָלטן זיך ניט געווען אַסימילירן? ווען ניט די אַסימיליאַציע, וואָלט מיר היינט געהאַט ניט זיבעצן מיליאָן אידן, נאָר הונ־דערט און זיבעציק מיליאָן. ניט שטענדיק אָבער און ניט אומעטום קען מען

זיך אסימילירן, שוין ניט ריידנדיק וועגן דער גאנצער דערנידערונג, וואס שטעקט אין דער אסימיליאציע, וואס קומט ניט אויפן יסוד פון קעגנזייטיקער איינשעצונג ווי גלייכע מיט גלייכע, נאר ווען עס איז אן אנטלויפן פון דער מחנה, א פארשטעקונג פון דער אייגענער פערזענלעכקייט, כדי אומבאמערקטערהייט אריינצושמוגלען זיך מעשה קאנטראבאנדע אין די רייען פון דער מאיאריטעט, וואס געוועלטיקט אין לאנד און געניסן פון פרייוויליגיעס.

אפט איז דאס שווער צו מאכן אפילו אויף אזא אופן. ריידן וועגן אסימיליאציע נאך דעם, וואס איז געשען מיט די אידן אין דייטשלאנד, דארף מען זיין אזא וואסערדיקער דענקער ווי וועלס. די לאגע פון די אידן אין דייטשלאנד איז דאך דער שארפסטער ענטפער צו אלע, וואס ריידן וועגן אסימיליאציע אלס א לייזונג פון דער אידישער פראגע. אויב עס איז דא א גרופע, וואס האט דורכגעמאכט דעם פראצעס פון אסימיליאציע, מיט אלע פינטעלעך און תגים, און וואס האט זיך ערנסט באמיט צו זיין פויפסטלעכער ווי דער פויפסט, צו זיין ניט נאר הונדערט פראצענט דייטשן, נאר גאנצע פינף הונדערט פראצענט, וואס האט זיך איינגאנצן לויז־געריסן פון אלץ, וואס איז אידיש, אידישער לעבנס־שטייגער, אידישער נוסח און געווארן דייטש ביז צום מארך פון די ביינער, איז דאך דאס די גרופע אין דייטשלאנד.

דער דאזיקער פראצעס פון אסימיליאציע אין דייטשלאנד איז קיין זאך פון נעכטן, ער גייט שוין אן דארט א הונדערט און פופציק יאר, און צו וואס דאס האט געפירט, קען איצט זען א קינד אין וויג, נאר ניט וועלס. דער גרויסער היסטאריקער קען ניט צורעכט קומען מיט די געשיכטלעכע פאקטן, וואס שטעכן אין די אויגן, און ער הערט ניט אויף צו באנוצן די זעלבע פראזן וועגן דער אידישער פראגע ווי די, וועלכע ער האט באנוצט מיט צוואנציק יאר צוריק.

נאר לאזן מיר וועלסן אן א זייט, און שטעלן מיר אט די פראגע צווישן זיך אליין: איז עס אמת, אז מיר טומלען צופיל וועגן דעם היטלעריזם? לויט דער מאס פון דער קאטאסטראפע טומלען מיר זיכער ניט צופיל. וואס עס איז יא אמת איז, אז די גויים טומלען צו ווייניק, די גויים נעמען עס אויף מיט א לייכטן לונג און לעבער א לא וועלס. אייגנטלעך וואלטן ניט אידן געדארפט פראטעסטירן קעגן היטלערן, נאר די גויים. ווייל די שאנדע איז ניט אונדזערע, נאר זייערע. ניט מיר, אידן, האבן פארגאסן אומשולדיק בלוט, נאר דאס גרויסע ציוויליזירטע דייטשישע פאלק; זיי, די גויים, גייען ביז גארטל אין מענטשלעכער בלוט. ניט מיר, אידן, האבן מארפיניסטן, מאניאקעס, דעגענעראטן, מערדער און פארברעכער געמאכט פאר די רעגירער פון א גרויסער מדינה פון 80,000,000 נפשות, נאר זיי — די גויים. ניט

מיר האָבן געעפנט קאָנצענטריר־לאַגערן, אין וועלכע מען פאַרפייניקט מענטשן ביז טויט, די איידלסטע, די נאָבלסטע, די ערלעכסטע און הייליק־סטע נשמות און גייסטער, וואָס דאָס דייטשישע פאָלק האָט ארויסגעגעבן, וועמענס דערשטיקטע טרערן, זיפצן און קרעכצן קענען אויפרייסן אויך דעם גיהנום אַליין; ניט מיר האָבן געעפנט די דאָזיקע באַרימטע אינסטיטוציעס, נאָר זיי, די גויים.

עס איז דעריבער ניט אונדזער שאַנד, נאָר אין דער ערשטער ליניע, די שאַנד פון די קריסטלעכע פעלקער אַרום, וועמענס ברידער די דייטשן זייַנען. היינט פאַרוואָס, צו אַלדי שוואַרצע יאָרן, שווייגן זיי אַזוי, און אויב איינער עפנט שוין דאָס מויל, מוז אים אַ איד צום ערשט רייסן ביי די פאַ־לעס און שלעפּן ביי דער צונג, אַז ער זאָל זאָגן אַ וואָרט. ניט מיר האָבן אויסגעקליבן די טראַגישע ראָלע, צו ווערן דאָס געוויסן פון דער וועלט. די מיסיע איז צו שווער פאַר אַזאַ שוואַך פאָלק, ווי מיר זיינען. אָבער צי האָבן מיר דען אַ ברירה? אונדזער געוויסן רעדט אין אונדז. ווען די וועלט שווייגט, מוזן מיר שרייען, מוזן מיר קברים רייסן, ווייל מיר דרייען זיך אַרום צווישן קברים, וואו אונטער מצבות ליגן באַגראָבן די אידעאַלן פון מענטש־לעכקייט, ליבעראַליזם, ליבע און פרידן, אמת׳ע ברידערלעכקייט, — די אַלע שיינע זאַכן, איבער וועלכע די וועלטס פּלאַפּלען אַזוי פיל. אָבער ווען ס׳קומט צו עפּעס צו טאָן פאַר דעם, איז קיינער אינדערהיים ניטאָ, ווייל קיינער אַ פינגער אָן אַ פינגער ניט אַ קלאַפּ טאָן. מוזן מיר שרייען, אפשר וועלן מיר עמיצן אויפוועקן, אפשר וועלן טויבע אויערן דערהערן און זיך פאַרשעמען פאַר זיך אַליין און פאַרט עפּעס טאָן, כדי צו ראַטעווען די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע, וואָס דערוואָרגט זיך מיט אירע אייגענע הענט.

אָבער ווען מיר לייענען וואָס וועלס האָט צו זאָגן, געווינען מיר די איבערצייגונג, אַז מיר האָבן נאָך ניט געשריען גענוג. על כל פּנים צו וועלסעס אויערן האָט אונדזער געשריי ניט דערגרייכט. פאַר אים איז אונדזער ווייַ־געשריי געווען ניט מער ווי אַ קול קורא במדבר.

פריינט און פיינט פון אידישן פאָלק

דער פאַלשער קוק אויף דער געשיכטע. — צי האָבן די פעלקער זיך ליב ? — מיר האָבן זיך ניט באַמיט װעגן דער פריינט־שאַפט פון די פעלקער. — מען האָט זיך אַפט אײנגעשטעלט פאַר אונדז.

פריינט און פיינט ! עס איז מעגלעך, אַז מיר, אידן, האָבן מער פיינט ווי פריינט, עס איז אָבער ניט ריכטיק, אַז די גאַנצע וועלט האָט אונדז פיינט, און אַז מיר האָבן אין ערגעץ ניט קיין פריינט.

דאָס איז פאַלש, ניט ריכטיק פון אָנהויב ביזן סוף. עס שמעקט מיט מאַזאָכיזם, מיט זעלבסט־פייניקונג. אַ פאָלק לאָזט וויסן בקול רם, אַז אַלע פעלקער, אָן אויסנאַם, אַז אַלע מענטשן־קינדער האָבן אים פיינט תכלית שנאה, קענען אים ניט אָנקוקן און אַז זיי הערן ניט אויף שטענדיק צו קלערן ווי אים אומצוברענגען. עס איז אַ פּאַטאָלאָגישע דערשיינונג. וואָרום זאָלן מענטשן האָבן הנאה דערפון, וואָס מען האָט פאַר זיי אומעטום נאָר האַס און פאַראַכטונג ?

עס וואָלט געווען זייער שלעכט פאַר אונדזער פאָלק, ווען עס וואָלטן, חלילה, געווען אמת די לעגענדעס, וואָס אידן אַליין טראַכטן אויס, אַז אַלע פעלקער האָבן זיי ניט ליב, אַז אומעטום קען מען זיי ניט פאַרטראָגן, אַז די שנאה צו אידן מצד די גויים איז אַ סאָרט אָרגאַנישע, אַ נאַטור־זאַך. די טבע פון גויים איז — פיינט האָבן אידן.

עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ווען ניט־אידן שטעלן זיך איין פאַר אידן, וואונדערט מען זיך אין די אידישע קרייזן: היתכן ? ווי קומט עס, אַז גויים זאָלן האָבן אַ גוט וואָרט פאַר אונדז ? ווי קומט עס, אַז זיי זאָלן וואַגן זיך פאַר אונדז איינצושטעלן ? עס איז פאַר אונדז אַליין אַ וואונדער,

און מיר ווילן ניט אנדערש, אז אט די מענטשן זיינען „חסידי אומות העולם", וואונדער־מענטשן!

עס איז אבער דורכאויס א פאלשער קוק אויף דער געשיכטע, וועלכע ווייזט אויף דעם היפוך. וואלטן אלע פעלקער באמת אפגעמאכט אונדז אומ־צוברייגגען, אפצומעקן אונדזער זכר פון דער ערד, וואלט פון אונדז קיין שריד ופליט ניט געבליבן. דער אמת איז אבער, אז צו אונדזער גליק איז, ווי די מליצה דריקט זיך אויס, די זון קיינמאל פאר אונדז ניט אונטערגע־גאנגען אין איין צייט, נאר ווען זי פלעגט פארגיין אין מערב, פלעגט זי פאר אונדז אויפגיין אין מזרח, און ווען עס איז געווארן פינצטער אין מזרח, האט די זון געגומען שיינען אין מערב. דאס איז געווען אונדזער גורל אין פארלויף פון אונדזער לאנגער געשיכטע.

די דערקלערונג דערפאר איז, דאס די שנאה צו אונדז איז ניט קיין ארגאנישע ביי די פעלקער, ניט אן אייביקער חסרון, כראנישער פעלער, נאר א פארווירונג, א צייטווייליקע משוגעת, וואס ווערט יעדעס מאל ארויסגע־רופן דורך פארשידענע סיבות, און ווען די סיבות פארשווינדן, פארשווינדט אויך די שנאה און עס שטעלט זיך איין דער געוויינלעכער פארקער, די נאר־טירלעכע באציאונג, דאס הייסט, „כל עם בשם אלוקיו", יעדעס פאלק גייט זיך זיין וועג, אן ליבע און אן שנאה פון איינעם צום צווייטן, מחמת דער ביטערער אמת איז, אז קיין פאלק האט אויפריכטיק ניט ליב א צווייט פאלק. דאס איז גאר ניט במציאות.

האבן די דייטשן, למשל, ליב די פראנצויזן, פאליאקן, רוסן, ענגלענדער, איטאליענער? ניט איינעם פון די פעלקער! די דייטשן האבן די אלע פעל־קער גאר פיינט. די פראנצויזן — טענה'ן די דייטשן — זיי זיינען אונדזע־רע היסטארישע פיינט, זיי זיינען א נבזה'דיק פאלק, אוממאראליש און איבערפלעכלעך, א פאלק פון צווייטן גראד, וואס האט גארנישט געשאפן אויף דעם פעלד פון פילאזאפיע, האט נעבעך ניט קיין קאנט, און אויף דעם פעלד פון מוזיק, ניט קיין בראמס, מאצארט און בעטהאווען. הייגט צו וואס טויגן די פראנצויזן? צו גארנישט. זיי זיינען באמת דעגענערירט, רחמנא לצלן. די פאליאקן און רוסן — די מיאוס'ע סלאוון, — וואס שייך אט די צוויי פעלקער, איז גאר אן עבירה, וואס זיי לעבן אויף דער וועלט. ספעציעל די פאליאקן. דאס איז מיסט, וואס מ'דארף אפראמען פון וועג. דאס זעלבע איז מכח ענגלענדער און איטאליענער. צו די ענגלענדער באציען זיך די דייטשן נאך מיט אביסל דרך־ארץ, אבער עס איז: „גאט שטראף ענגלאנד", דער „פערפידער אלביאן", און נאך אזעלכע שיינע עפיטעטן. די איטאליענער זיינען א קנאבל־פאלק, פחדנים, וואס האבן מורא פאר א שאס, מיט וועלכן מען האט ביז דעם מוסאליני אויפשטייג זיך זייער ווייניק גערעכנט אין דער גרויס־פעלקער־משפחה.

בקיצור, וועמען האבן די דייטשן ליב? די כינעזער און יאפאנעזער אפשר, — די געלע געפאר, — אין ווילהעלמס לשון? זיכער נים! די דייטשן האבן קיינעם ניט ליב, אות אין אות קיינעם נים. זיי באציען זיך אמאל אנשטענדיק צו אן אנדער פאלק, דאס איז אבער מייסטנס ניט מאהבת מרדכי, נאר משנאת המן.

די דייטשן זיינען אין דעם פרט ניט ערגער פון די ענגלענדער, אדער פון די פראנצויזן, אדער די אנדערע פעלקער. קיין פאלק האט ניט ליב דאס אנדערע. קיינער האט קיינעם ניט ליב. מען דולדעט זיך. דאס אלץ, און דאס איז דערוויל גענוג.

עס איז אנדערש צווישן די גרויסע גייסטער פון די פעלקער. די גרויסע גייסטער ווייסן ווי אפצושאצן דעם באזונדערן זשעני פון יעדן פאלק. ביי די גרויסע גייסטער טרעפט מען ליבע און אכטונג פאר אנדערע פעלקער. געטהע באוואונדערט נאפאלעאנען, האט ליב דעם פראנצויזישן גייסט. ערנעסט העקעל איז אין התפעלות פאר דעם ענגלישן פאזיטיוויסטישן גייסט. ער איז דער אויסטייטשער פון דארווין, פון דער אידייע פון עוואלוציע, וואס, ווי אים דוכט זיך, אז די ענגלענדער זיינען אירע ריכטיקע באשאפער. אין אונדזער צייט טרעפט איר דעם פראנצויז ראמען ראלאן זינגען א הימן פאר דעם דייטשישן גייסט פון בעטהאווען און געטהע.

די פעלקער אליין אבער, דאס הייסט דער דורכשניט־מענטש אין גאס און דער דורכשניט־פאליטיקער ווייס ניט פון ליבע פאר אנדערע פעלקער. עס ווייס, אז ער איז מחויב ליב צו האבן די מענטשהייט, דאס בלוטלאזע, אבסטראקטע באשעפעניש, — לאזט ער ניט ארויס די ווערטער „מענטש" און „מענטשהייט" פון זיין מויל, אבער ער האט ניט ליב די פעלקער.

דאס איז דער אמת. קענען מיר, אידן, דערוואַרטן צו זיין אן אויסנאם? מיר זיינען עס אויך ניט. מען האט אונדז ניט ליב, אבער עס איז ניט אמת, אז אלע פעלקער מיט אמאל האבן אונדז פיינט, און עס איז אויך ניט ריכטיק, אז מיר האבן ניט קיין פריינט צווישן די פעלקער.

עס וועט קלינגען פאראדאקסאל, אבער איך האלט עס פאר אן אמת: מיר האבן מער פריינט צווישן די פעלקער ווי יעדעס אנדער פאלק. איך האלט, אז דאס איז ניט אומזיסט. מיר פארדינען אויך באמת אט די פריינט־שאפט און אפשאצונג. מיר האבן פיל געטאן פאר דער וועלט. מיר האבן אין משך פון אונדזער פיר טויזנט־יעריקער געשיכטע זייער פיל בייגעשטייערט, כמעט אויף יעדן געביט, לטובה דער וועלט. מיר זיינען געווען די לערער פון די פעלקער — עס איז ניט באַרימעריי — די געשיכטלעכע פאקטן באשטעטיקן עס, און זיי, ווער מיט דעם גוטן ווילן און ווער מיט פארדרוס און קנאה, אנערקענען עס אויך.

עס זיינען פאראן צווישן די פעלקער ניט נאר אנטיסעמיטן, נאר אויך

פילאסעמיטן. זייער צאָל איז גאָר ניט אַזוי קליין. זייער צאָל וואָלט געוואָרן נאָך גרעסער, ווען מיר וואָלטן זיך באַמיען נייע פריינט צו געווינען.

מיר טוען עס אָבער ניט. מיר גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז אַלע גוים זיינען און מוזן זיין אונדזערע שונאים, ווייל זיי קענען ניט זיין אונד־זערע פריינט. פאַרוואָס ניט? דאַרויף איז קיין ענטפער ניטאָ. זיי קענען ניט און פטור, און עס איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט צו פּרובירן צווישן גוים פריינט צו שאַפן. און אַזוי פאַרנאַכלעסיקן מיר די גרויסע מעגלעכקייטן צו שאַפן נייע פריינט. מיר קענען עס, נאָר מיר ווילן ממש ניט. מיר קענען געווינען פיל מיטקעמפער פאַר אונדזערע פאָדערונגען, ווען מיר זאָלן זיך אָנשטרענגען, פליסן. אָבער מיר טוען עס ניט. עס איז אַ פאַטאַלער פעלער, פאַר וועלכן מיר באַצאָלן זייער טייער. עס איז נאַריש צו פאָדערן, אַז די פריינט זאָלן קומען און קלאַפּן אין אונדזערע טירן: לאָזט אונדז זיין אייערע פריינט! באמת האָט שוין אויך דאָס געטראָפן. אָבער דאָס איז אַ זעלטנהייט.

עס איז אונדזער חוב די פריינטשאַפט, וואָס איז פאַראַן פאַר אונדז אין דער פאַטענץ צווישן פיל גוים, צו אַנטוויקלען, אַרויסצוברייינגען „מן הכח אל הפועל".

מיר טאָרן ניט אַזוי שטאָלץ זיין ווי מיר זיינען. עס שטעקט אַ גרויסער שטאָלץ אין דער שטענדיקער באַרימעריי: די גאַנצע וועלט האָט אונדז ניט ליב. מיר און די וועלט. מיר מוזן ניט זיין אַזוי אָפּגעזונדערט, זיך דערוויי־טערן פון מענטשן, וואָס ווילן ווערן אונדזערע פריינט, און וואַרטן נאָר אויף אונדזער איינלאַדונג.

מיר האָבן פיל ביישפּילן, וואָס ווייזן, אַז מיר זיינען גאָר ניט אַזוי עלנט, ווי מיר מיינען. עס איז: „משכני אחריך נרוצה", מען דאַרף נאָר איינלאַדן, אַרויסרופן כחות, דערמוטיקן און אַנטוויקלען, — באַווייזן זיי זיך אויך!

ווען עס איז פאַרגעקומען דער דרייפוס־פּאַל אין פראַנקרייך, איז אין אָנהויב האָבן מיר אַליין אָנגעהויבן מיט אונדזער פּזמון: „שנאת עולם לעם עולם". די אייביקע שנאה צום אייביקן פאָלק. עס גראַמט זיך: אייביק און אייביק. וועלט און וועלט. אַ וועלט־פאָלק און אַ וועלט מיט שנאה. דאָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. אַז אייביק פאָלק זיינען מיר טאַקע, אָבער די שנאה צו אונדז איז ניט אייביק. טאַקע דערפאַר, וואָס מיר זיינען אַן אייביק פאָלק, איז די שנאה צו אונדז ניט אייביק, האָבן מיר שטענדיק פריינט און פאַרטיידיקער. די גרויסע מענטשן פאַרשטייען אונדזער ווערט און זיינען געפּלעפט פון אונדזער גרויסקייט, פון אונדזער זשעני.

די דרייפוס־אַפערע האָט עס אונדז באַוויזן. אידן האָבן זיך געוווּנדערט צו אייניקע באַרימטע און וויכטיקע פראַנצויזן און זיי האָבן זיך אָפּ־

גערופן. און ווי אזוי אפגערופן! מיט פייער און פלאם. גרייט אויסצושטיין יסורים, פארפאלגט צו ווערן פאר דעם איד דרייפוס. עס איז אין דעם קאמף געווען מסירת נפש, און גלייך האבן מיליאנען פראנצויזן זיך גע־שטעלט אין דער ריי צו קעמפן פאר דעם איד דרייפוס! אנצונעמען זיך זיין קריוודע. און האבן זיך געגרויסט מיט זיין נאמען: דרייפוסארן — האבן זיי זיך גערופן.

דער גורל פון דעם איד דרייפוס האט דערוועקט סימפאטיע צווישן צענדליקער מיליאנען מענטשן, צווישן אלע פעלקער אין דער וועלט. נאטיר־לעך האט דא געשפילט א ראלע דער פאקט, וואס דאס איז געווען א קאמף פאר גערעכטיקייט. דער אינטערעס איז געווען ניט נאר אין דרייפוסן, נאר אויך אין דעם קאמף פון נאבעלע מענטשן פאר דעם הייליקן פרינציפ פון רעכט און פרייהייט, קעגן שקר און פינצטערניש, קעגן פארשווערונג און אומרעכט. דאס איז אלץ אמת. און דאך איז דאס ניט געווען אינגאנצן. עס איז געווען סימפאטיע אויך פאר דעם ארימען דרייפוס, וואס מען האט פאר־שיקט אויף דעם טייוולס־אינזל. מענטשן האבן טרערן פארגאסן אויף זיין שווערן שיקזאל און זיינע לײדן זיינען געווען די לײדן פון מיליאנען ניט־אידן. דאס, וואס דרייפוס איז געווען א איד, האט ניט געשטערט.

ווען מען זאל אזוי פיינט האבן אידן, ווי מיר גלויבן, וואלט אזא מיט־געפיל, אזא ערנסטער צער ניט מעגלעך געווען. מאלע וואס מען האט אריינ־געזעצט א פארשאלטענעם איד, וועט זיך דרייען איינער ווייניקער. מען האט אבער אזוי ניט געזאגט.

דער אמת איז, אז נאר אידן און ניט קיין אנדער פאלק קען אויפווייזן אזוי פיל פריינט צווישן די גרויסע פון אנדערע פעלקער. עס זיינען ניטא קיין פיל פרא־גערמאנען, פרא־פראנצויזן, א. ד. גל. עס זיינען אבער דא און עס זיינען שטענדיק געווען פילא־סעמיטן. מיר פירן א חשבון פון די אנטיסעמיטן, אבער זייער ווייניק פון אונדזערע פריינט, וועלכע זיינען ניט ווייניקער אין צאל ווי די שונאים. ווען מיט א שטיקל צייט צוריק איז אונדז אויסגעקומען צו פארפירן א קאמף קעגן ענגלאנד, האבן מיר אלע גע־מיינט, אז מיר זיינען הילפלאז: א פליג קעגן א לייב. ווער וועט זיך וואגן איינרייסן מיט ענגלאנד צוליב אונדז? אויסגעלאזט האט זיך גאנץ אנדערש. פון אלע זייטן האבן זיך באוויזן פריינט, וואס האבן אנגעבאטן הילף, וואס זיינען געווען גרייט איינצורייסן מיט ענגלאנד און האבן אויך איינגעריסן. עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז מיר האבן פריינט צווישן אלע שיכטן אין ענגלאנד, ניט דווקא צווישן די ליבעראלן. טשווירטשיל איז ניט קיין ליבע־ראל, און באלפור איז אויך ניט געווען קיין ליבעראל, און דאך זיינען זיי אידן־פריינט און ציוניסטן.

אין אמעריקע האבן מיר געזען אן ענלעכע דערשיינונג. עס איז געווען אין דער צייט, ווען פארד האט גענומען פארשפרייטן זיין גיפט איבער אמעריקע, און עס איז געווען א סכנה, אז דאס פשוט'ע פאלק זאל, חלילה, אויפנעמען זיינע פארלוימדונגען אלס פעסטגעשטעלטע אמת'ן. וואס ווייס דאס פאלק? די פירנדיקע אידן האבן דעמאלט באשלאסן זיך צו ווענדן צו די וויכטיקע און הויכגעשטעלטע ניט־אידישע פערזענלעכקייטן, און פאר־לאנגען פון זיי, אז זיי זאלן ארויסקומען מיט אן אפלייקענונג קעגן פארדס פארלוימדונגען און אויפווייזן אויף אונדזער וויכטיקער ראלע אין דער גע־שיכטע. האבן די הויך־געשטעלטע און איינפלוסרייכע ניט־אידן זיך טאקע אפגערופן אויף דער אידישער פאדערונג און ארויסגעקומען מיט א שארפער דערקלערונג קעגן פארדס אנטיסעמיטישע אטאקעס. עס איז געווען א טויט־קלאפ פאר פארדן, פאר זיין אגיטאציע. עס איז קלאר געווארן, אז ער שטייט אליין אין זיינע גיפטיקע אנפאלן, אז דאס ערלעכע אמעריקע איז ניט מיט אים, איז שארף קעגן אים. עס איז געווען דעמאלט, ווען דער פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן, קאלווין קולידזש, האט געהאלטן זיין היס־טארישע, בארימטע רעדע מכח אידישן אויפטו אין אמעריקע און דערביי ציר־טירט דעם היסטאריקער לעקיס ווערטער, אז די אידישע קולטור איז געווען דער צעמענט, וואס האט צוזאמענגעהאלטן די אמעריקאנער רעפובליק. בדרך אגב, ווי געפעלט אייך דער מאמר פון לעקי? אויף וויפל פעלקער קען מען עס זאגן?

וואס וויל איך מיט דעם אויסברייגנען? פשוט. אז טראץ דער בחויזנ־דער כוואליע פון אנטיסעמיטיזם, וואס האט זיך צעגאסן איבער דער וועלט, דארפן מיר זיך ניט מיאש־זיין. אז מיר זאלן ניט זען דערין א כלומרשט'דיקע באשטעטיקונג אויף דער אלטער טעאריע, אז אלע פעלקער האבן אונדז פיינט.

דער אמת איז, אז עס איז איצט אן אויסערגעוויינלעך שווערע צייט. עס איז די צייט, ווען איין פאלק שטייט קעגן דעם אנדערן. עס איז די צייט פון רעאקציע אויף דער וועלט. דאס פארגאסענע בלוט נעמט איצט נקמה פון די פעלקער. עס הערשט איצט פארווירונג, שנאה און קנאה. עס איז איצט א מיש־מאש, א מענטש דערקענט ניט א מענטשן, און מיר, אידן, וועלכע זיינען צעשפרייט אויף אלע זיבן ימים, ליידן איצט אין אלע לענדער מיט אלע לײדנדע. אונדזערע צרות זיינען גרעסער, ווייל מיר זיינען צעשפרייט און צעזייט, אבער עס איז ניט ריכטיק, אפילו איצט, אז מיר זיינען עלנט און פארלאזן, און האבן קיין פריינט ניט. מיר האבן, און אויב זיי שווייגן, איז דאס טיילווייז אונדזער שולד. מיר באמיען זיך ניט, אז זיי זאלן ריידן, אויפנעמען אונדזער פראבלעם און זיך אננעמען פאר אונדז.

מיר ווילן ניט לערנען פון אנדערע פעלקער. אויך די שטארקע צווישן

זיי זאָגן ניט, אַז זיי קענען אַליין זייער שטעטל באַשטיין און טוּמיקן זיך ניט אין דער פריינטשאַפט פון אַנדערע פעלקער. חס ושלום!

זיי פליסן זיך צו געווינען פריינטשאַפט. זיי פירן פראָפּאַגאַנדע פאַר דעם צוועק. זייערע אַמבאַסאַדעס אין די פאַרשידענע לענדער גיבן זיך ספּעציעל אָפּ מיט דער פונקציע צו געווינען פריינט. נאָר מיר, אידן, קלאַפּן ניט אַ פינגער אָן אַ פינגער, כדי צו מאַכן פריינט. מיר שטייען אַליין. מיר האָבן אויפגעגעבן אַ היפּאָטעזע, אַז מען האָט אונדז פיינט און עס איז אומזיסט זיך צו פאַרלאָזן אויף פריינט. מיר שטרייכן אונטער דעם „אם אין אני, מי לי?". אַליין וועלן מיר אונדזער קאַמף פירן. מיר פאַרגעסן די צווייטע העלפט פון שיינעם הילל־שפּרוך, אַז איינער איז קיינער — „כשאני לעצמי — מה אני?" מיר זאָלן אונדזער קאַמף פירן, אָבער מיר זאָלן ניט פאַרנאַכלעסיקן צו שאַפן פאַרבינדעטע אין אונדזער קאַמף.

אַמאָל און היינט

פאַרוואָס אידעאַליזירט מען שטענדיק די פאַרגאַנגענהייט? — דאָס דייטשישע פאָלק איז אייביק געווען פאַרשקלאַפט. — די וועלט שווייגט אויף די שחיטות פון פעלקער. — און דאָך איז די פאַרגאַנגעהייט ניט געווען בעסער פון דער קעגנוואַרט.

עס ליגט אַפּנים אין דער נאַטור פון אַ מענטשן זיך צו באַגייסטערן פאַר דעם אַמאָל, פאַר דער צייט, וואָס איז אוועקגעגאַנגען. די פאַרגאַנגענהייט איז די גאָלדענע צייט. דעמאָלט איז דאָס לעבן געווען אַ גן־עדן און די מענטשן זיינען געווען די גוטסקייט אַליין, סאַמע יצר טוב, ווייל קיין יצר הרע איז נאָך גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. דאַמאָלט איז געווען פרייד און גליק, יוגנט און בליאונג, פרילינג און ליכטיקע הימלען, און אַ זון אָן אַ פּגימה. ניט קיין בייזע ווינטן, וואָס צעהוליען זיך און צעברעכן די ביימער און פאַרוועלקן די גראָזן, ניט קיין קעלטן, שנייען און פרעסט, קיין וואָלקנס און שלעכטער וועטער, נאָר זיבן זונען אויף די הימלען, שירה אין דער לופט, קיין טרער און קיין קרעכץ, וואָס זאָל פאַרשטערן די שמחה, להיפוך צו דעם אַמאָל איז דער היינט — די קעגנוואַרט.

אַמאָל — אַ גן־עדן, היינט אַ גיהנום. אַמאָל — מלאכים, היינט — קליפּה, שדים און מזיקים. אַמאָל — פרילינג, היינט — פרעסט, וואָס פאַר־קילן דאָס בלוט און פאַראַליזירן די ענערגיע. אַלץ איז פונקט דער קעגנזאַץ פון דעם אַמאָל. ניין, זיבן מאָל ערגער פון דעם אַמאָל.

עס פאָדערט זיך אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג צו דערקלערן, פאַרוואָס מענטשן זיינען געניגט צו אידעאַליזירן די פאַרגאַנגענהייט און צו מאַכן צו קליין־געלט די קעגנוואַרט, פאַרשוואַרצן איר דאָס פּנים און פאַרוואַרפן זי מיט

בלאָטע. אפשר איז עס דערפֿאַר, וואָס יעדער איינצלנער מענטש הויבט אָן מיט דער יוגנט, ווען ער איז ביי אַלע כחות, ווען אין אים שטורמען באַגערן און דאָס האַרץ טאַנצט אים אַנטקעגן. די אַפּקילונג קומט אין די מיטעלע יאָרן, ווען לויט דער שילדערונג פֿון קהלת, ווערן פֿינצטער די פֿענצטער. דאָס מיינט, אַז מיט די אויגן זעט מען נישט אַזוי גוט, און די מילשטיינער, דאָס מיינט די ציין, קענען מער נישט אַזוי גוט מאָלן, א. א. וו. קוקט דערום דער מענטש צוריק מיט בענקעניש אויף דער יוגנט און ער מאָלט זי נאָך שענער ווי זי איז.

שיינט, אַז דער מענטש ווענדט אָן די זעלבע מאָס אויך אין דער געשיכטע. די פֿאַרגאַנגענהייט איז שיין. הגם דאָס וואָס מיר רופֿן אַז די פֿאַרגאַנגענהייט איז פֿאַר אַנדערע מענטשן געווען די קעגנוואַרט, און דאָס, וואָס איז איצט קעגנוואַרט, וועט פֿאַר אַנדערע שפּעטער זיין פֿאַרגאַנגענהייט.

ס'איז קלאָר, אַז ס'איז אַ פֿאַלשער צוגאַנג, ווען מ'וויל מעסטן די וועלט־געשיכטע מיט דער זעלבער מאָס, מיט וועלכער מען טרעט צו צו דעם איי־גענעם לעבן. און עס איז בפֿירוש נישט ריכטיק יענער מאמר, וועלכער גלאָרי־פֿיצירט די פֿאַרגאַנגענהייט אויף אַזאַ אופֿן, אַז ער דערקלערט: „אויב די ערשטע זיינען געווען מלאכים, זיינען מיר מענטשן און אויב יענע זיינען געווען מענטשן, זיינען מיר אייזלען". דאָס פֿאַרקערטע איז דער אמת.

דער מענטש איז נישט געווען פֿריער אַ מלאך און איצט בלויז אַ מענטש, אָדער פֿריער אַ מענטש און איצט בלויז אַן אייזל. דער אמת איז, אַז דער מענטש איז נאָך אַפֿילו איצט קיין מענטש נישט, ער איז אַפֿילו איצט נישט מער ווי פּרא־אדם. פֿריער, איידער ער האָט געגעסן פֿון דעם עץ הדעת, איז ער געשטאַנען אויף איין מדרגה מיט דער חיה. דער מענטש גייט נישט צוריק, נאָר גייט אין זיין אַנטוויקלונג ווייטער און ווייטער. ער לעבט, אמת, דורך צייטן פֿון ירידות, ער פֿאַרגרייזט זיך און גייט אויף אַ ווײַלע אַוועק אויף צוריק, אָבער דאָס איז, געוויינלעך, נישט אויף לאַנג, ווייל ער האָט אין זיך שוין אַנטוויקלט די כחות, וועלכע לאָזן אים נישט בלייבן לאַנג אין דער שפֿלות, אין דער געזונקענהייט, נאָר שלעפּן אים ביי די אויערן אַרויס פֿון דער בלאָטע, און הויבן אים אויף אויף די הענט, ממש אַרויס פֿון דעם טאָל אויף דעם באַרג.

אַ קאַרליק, וואָס שטייט אויף די אַקסלען פֿון אַ ריז, זעט מער ווי דער ריז. שוין צוליב דעם אַליין מוז יעדער דור זיין וויכטיקער, רייכער און שע־נער ווי די פֿאַרגאַנגענע דורות, ווען אַפֿילו דער איצטיקער דור איז בבחינת קאַרליק. זיבן מאָל פֿאַלט דער צדיק און שטייט אויף. דער ערשטער מענטש איז ווייט געווען פֿון אַ צדיק. אויף אים זאָגט עס דער פּסוק „יצר לב האדם רע מנעוריו". דער ערשטער מענטש איז אַ קין, וואָס פֿאַרגיסט דאָס בלוט

פון זיין אייגענעם ברודער, און וואס מיינט אין זיין נארישקייט, אז מען קען אפילו גאט אליין אפנארן און מיט גרעניצלאזער חוצפה שטעלט ער די פראַגע: השומר אחי אנוכי? צי בין איך דען מיין ברודערס היטער? און ער פארשטייט ניט דעם ווידערשפרוך, וואס שטעקט אין זיין אייגענער פראַגע, אז אויב עס האנדלט זיך אום זיין ברודער, איז ער מחויב צו זיין זיין היטער.

דער מענטש אנטוויקלט זיך און אין דער אנטוויקלונג באַרייכערט ער זיין נאטור, ברייטערט ער אוים דעם האריזאנט און לייטערט זיינע געפילן און עס ווערט געבוירן דאס געוויסן, וואס נעמט זיך דאס רעכט זיך צו שטעלן העכער איבער דעם מענטשן און ווערן זיין דין און מוכיח, ער פסק'נט פאר אים שאלות, לאזט אים ניט טאן, וואס ער וויל, נאר וואס ער מעג, און צווינגט זיינע ווילדע גלוסטעניש, און ווארנט אים, שמייסט אים מיט אייזערנע ריטער, ווען ער וואגט צו טאן אן אומרעכט. דער מענטש ווערט מיט יעדן דור מער מענטש, ווען ער איז נאך דערוייל ניט קיין גאנצער מענטש.

פיל אמת'ער איז דארום די דאזיקע אידישע אויפפאסונג, וועלכע זעט די גאלדענע צייט ניט אין דער פארגאנגענהייט, נאר אין דער צוקונפט, אין דער ווייטער צוקונפט. שיין איז ניט געווען אמאל, און שיין איז ניט היינט, הגם היינט איז שענער, נאר שיין וועט זיין אין דעם אחרית הימים. דעמאלט וועט אפילו די לבנה זיין אזוי ליכטיק ווי די זון — תיקון פגימת הלבנה — דעמאלט וועט ווערטלעך זיין אן איבערענדערונג פון דער נאטור — שידוד המערכה — א וואלף וועט וואוינען מיט א שעפס, און א לעמפערט — מיט א ציג. די שלעכטיקייט וועט פארשווינדן פון דער ערד און די וועלט וועט ווערן פול מיט וויסן ווי די וואסערן, וואס דעקן צו דעם ים. דעמאלט וועט קומען משיח, און הקדוש ברוך הוא וועט קוילענען דעם יצר הרע, און אמת'ע פרייד וועט זיך פארשפרייטן אין אלע ווינקלען. צו יענער צייט גייט די מענטשהייט, ווען אפילו מיט קליינע טריט און וואקלעניש.

עס איז אנגענומען, — עס איז שוין כמעט א מאדע — פארצושטעלן דאס לעצטע צענדליק יאר אלס די ערגסטע, די פינצטערסטע און שרעקלעכסטע צייט. דארט איז גוט וואו מיר זיינען ניטא. די צייט איז געווען גוט, אין וועלכער מיר האבן ניט געלעבט, אדער ווייניקסטנס וואס איז שוין אוועק און איז מער ניטא.

דאס איז אבער ניט ריכטיק. ממש פאלש. אונדזער צייט, אין וועלכער מיר לעבן, שלעכט ווי זי איז, איז פארט ניט די ערגסטע. זיכער איז זי ניט ערגער ווי די מיט א דור צוריק. מענטשן האבן א קורצן זכרון.

מיט א דור צוריק זיינען זאכן ניט געווען אזוי דראמאטיש ווי איצט. זיינען ניט געקומען מיט אזא רעש, אומפעט און געפילדער. עס איז פון אויבן געווען א דין הייטל פון אייז, וואס האט פארדעקט די צעקלויצעטע

מוטנע וואַסערן, וואָס האָבן געשוויבלט מיט אַלערליי מיאוס'ע ווידמונגען, מיט שלאַנגען און עקדישן.

עס איז פֿריִער ניט געווען בעסער, און די אויסזיכטן, אַז גאָר אינגיכן וועט ווערן בעסער, זיינען באמת געווען בלויז אילוזיעס, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום באַזיס אין דער ווירקלעכקייט. מען האָט זיך געשפּייזט מיט האָפֿנונגען, מיט די שיין־קאָלירטע פֿאָרשטעלונגען פֿון אַ גאָלדענער צוקונפֿט, ווייל די קעגנוואַרט איז געווען זייער ביטער און באַליידיקנדיק. ווי אַזוי קענען מענטשן דען אַזוי לעבן? און ווי האַלט מען עס אויס? אויף די קשיות זיינען געקומען אַלערליי טעאָריעס אַלס תּירוצים, וואָס האָבן באַרו־איקט דאָס צערודערטע געמיט, אָבער זיינען אמת קיין ריכטיקער תּירוץ ניט געווען.

מען רעדט היינט פֿון דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן דעם דייטשישן פֿאָלק: אַ קוילער־באַנדע האָט פֿאַרכאַפּט די הערשאַפֿט, אין אמת'ן גאָר ניט פֿאַרכאַפּט, נאָר דאָס פֿאָלק האָט איר אַליין די ממשלה איבערגעגעבן: נאַט קומט און טוט מיט אונדז וואָס איר ווילט. די היטלער־הערשאַפֿט איז די שאַנד, ניט נאָר די קללה פֿון דייטשישן פֿאָלק.

און דאַרף מוז מען די דערשיינונג אָפּשאַצן אין איר גאַנצן פֿאַרנעם. מען דאַרף געדענקען, מיט וועלכן פֿאָלק מיר האַנדלען. וואָס איז געשען אין דייטשלאַנד איז סוף כּל סוף ניט קיין איבערראַשונג. די דייטשן האָבן באַ־קומען די רעגירונג, וואָס זיי פֿאַרדינען. דאָס פֿאָלק פֿון דיכטער און דענ־קער — און דיכטער און דענקער האָבן זיי זיכער דער מענטשהייט געגעבן — איז אָבער אין תּוך אַ שקלאַפֿיש פֿאָלק. צוליב שיינקייט וועגן האָבן מיר עס גערופֿן דיסציפּלין. נייע מאָדערנע ווערטער, כּדי צו פֿאַרפּוצן אַ מיאוס'ן איינ־האַלט. ניט משוגע, נאָר נערוועז. אָבער דאָס דייטשישע פֿאָלק איז אַ מיאוס'ער שקלאַף שטענדיק געווען. עס וועט מיט דער צייט פֿון אַט דער עקלהאַפֿטער נאַטור זיך באַפֿרייען. די צוקונפֿט וועט זיין שענער פֿון דער קעגנוואַרט, וואָס וועט שוין שפּעטער זיין פֿאַרגאַנגענהייט, אָבער דערווייל האָבן מיר צו טאָן מיט אַ פֿאָלק, וואָס לאָזט זיך פֿירן ווי אַ בער אויף דעם שטריק און קושט די רוט, וואָס שלאָגט אים, וואָס האָט ניט נאָר אַ נטיה צו ברוטאַלי־טעט, נאָר באַוואונדערט זי. אַ פֿאָלק, וואָס איז קינדיש אין זיין אויפֿפֿיר, איז משוגע פֿאַר אַ מונדיר, באַוואונדערט אַ קנעפּל און עפּאָלעטן, שטיוול מיט לאַנגע, גלאַנציקע כאָלעוועס. אַזוי זיינען די דייטשן.

ווי אַזוי איז אין דייטשלאַנד געווען פֿאַר דעם קריג? די יונקערס האָבן געהאַט די ממשלה, און עס איז געווען אַזאַ זאַך ווי „מאַיעסטעט באַליידי־קונג”, און ווילהעלם האָט געפּאַכעט מיט דעם שווערדל און אַריינגעוואָרפֿן די וועלט אין אַ מורא, און דער ווילהעלם איז זיכער געווען אַ פּסיכאָפּאַט, אַ גאַנצער משוגענער, און די דייטשישע באַפֿעלקערונג האָט געהאַט ווילדע

התפעלות פאר אירע סאלדאטן. מען האט באוואונדערט די מארשירנדע מחנות און מען האט פאר זיי געמאכט א ווארע: עס גייט דער שטאלץ פון דייטשלאנד, לאזט געמאך די דיכטער און דענקער. מיט זיי האט מען זיך בארימט לפנים. עס איז געווען א בארימעריי פאר עקספארט. זאלן אנ־דערע פעלקער זען ווי געבילדעט מיר זיינען. אין הארצן האט מען באוואונ־דערט דעם יונקער, דעם סאלדאט, דעם מונדיר. דער יונקער האט געהאלטן די „גילדענע רוט", אים האט מען אפגעטראטן דעם וועג און נאכגעקוקט מיט פארגלאצטע אויגן.

אויך די סטודענטן האבן מער אין זינען געהאט דועלן, ביר־זויפעריי און היטלען מיט קאקארדעס ווי דעם שטודיום. נאר ניט גלאריפיצירן א שטיק פינצטערע פארגאנגענהייט, וואס מיר אלע געדענקען נאך אזוי גוט.

דער אמת איז, אז אפילו די דייטשישע דענקער און דיכטער זיינען אין תוך אויך געווען שקלאפן. אפילו קאנט און געטהע, דאס גרעסטע דייטשישע פאר, זיינען קיין פריי־גייסטער ניט געווען. און אויך זיי האבן זיך געבויגן פאר דעם קייזער און האבן ניט געוואגט זאגן א ווארט קעגן זיינע פארשאל־טענע מעשים. מאכט איז געווען רעכט. קיין פראגעס צום קעניג פון דעם סארט: „הרצחת וגם ירשת?" פריער מארדן און נאכדעם קאנפיסקירן דאס פארמעגן פון געמארדעטן, וואס אונדזערער א נביא האט געוואגט מיט עזות שטעלן א קעניג, אן מורא, און מיט גרייטקייט צו באצאלן דערפאר מיטן לעבן—אזא פראגע האבן דייטשישע דיכטער און דענקער ניט געשטעלט.

זיי האבן זיך מיט גרוים אונטערטעניקייט געבויגן און מקבל געווען די שקלאפעריי באהבה. פאר זיי איז רעכט געווען די הערשאפט פון „אייזן און בלוט". וואס דער דייטשישער כאראקטער איז אויף אן אמת, האבן מיר געזען, ווען עס האט אויסגעבראכן דער קריג פון 1914. דוכט זיך די נאציא־נאליסטן האבן גוט געקענט זייער קייזער און דעם יונקער־קלאס. דוכט זיך, אז זיין אויפפיר די גאנצע צייט איז געווען א גרויסע פראוואקאציע צו קריג. ניט איינמאל האבן די סאציאליסטן דערפון גערעדט און דארויף אנגעוויזן. ניט נאר אנגעוויזן, נאר וויסנשאפטלעך עס באוויזן. אן וויסנשאפט האבן זיך דייטשישע סאציאליסטן פון ארט ניט גערירט. פונדעסטוועגן, ווי נאר קריג איז דערקלערט געווארן, דער קייזער האט נאר א פיפס געגעבן, און אלע סאָ־ציאליסטן האבן זיך אנגעטאן מיט שטאלענע היטלען און אוועק קעמפן פאר דעם קייזער און פאטערלאנד, האבן אויך זיין ברכה מיט פרייד אויפגענומען ווי אמת'ע לאנד־קנעכט. עס איז ניט געהערט געווארן קיין פראטעסט. עס איז ניט געווען אפילו איין זשארעס, וואס זאל פארטרעטן דעם העכערן געוויסן פון פאלק. ניט געווען גאר אזא געוויסן.

און צי דארף מען בענקען נאך דעם צאריזם, וועלכער האט געהאלטן אונטער זיין קנוט ארום צוויי הונדערט מיליאן מענטשן? דער אידיאט ניקאָ־

לאַי מיט זיין נביא ראַספּוטין! גאָט מיינער, צי האָבן מיר שוין פאַרגעסן אין דעם בלוטיקן געזינדל — פּאָביעדאָנאָסצעוו און פּלעווע און די פאַרפּוילטע און צעפרעסענע קניאַזן, וואָס האָבן געהערשט איבער אַזאַ גרויס און ברייט לאַנד ווי רוסלאַנד? אַ גאַנץ פאָלק האָט גערופן אַ חסר־דעה'ניק ווי ניקאָלאַי „דאָס פאָטערל" און פון אים דערוואַרט ישועות: ער וועט העלפן. ער וועט אויסלייזן, ער וועט ברייגנען גליק און פרייד, און זיין מאַכט איז געווען אַבסאָלוט. קיינער האָט ניט געטאָרט זאָגן אַ וואָרט, אַ זילבע. עס זיינען געווען שליסעלבורגס — קאָנצענטראַציע־לאַגערס, אין וועלכע עס האָבן געשמאַכט די בעסטע קינדער פון רוסישן פאָלק און אַלע האָבן עס אָנגענומען פאַר ריכטיק. קיינער האָט ניט געוואַגט זאָגן אַ וואָרט אין אויסלאַנד קעגן דעם צאַר און צאַריזם — איך מיין אָפיציעל. אַזוי איז געווען די שיינע פאַרגאַנגענהייט.

אין צאַרן־לאַנד איז דער פּאָגראָם געווען אַ שטענדיקע דערשיינונג. אידיש בלוט האָט זיך געגאָסן אַן אויפהער. עס האָט זיך אין אונדזער צייט אָנגעהויבן מיט קישענעוו, אָבער עס זיינען פריער אויך געווען פּאָגראָמען. צענדליקער טויזנטער אידן זיינען אומגעקומען און פאַרוואונדעט געוואָרן. אַ פאָלק פון באַלד צען מיליאָן נפשות האָט געלעבט אין טויט־שרעק, איז געווען אַ שפּיל־באַל אין די הענט פון דעגענעראַטן, אויסוואורפן און פינצטערע כחות. מען האָט אויף אים יעדן טאָג אויסגעטראַכט נייע גזירות, מען האָט אים ממש מיט די פיס געטראָטן, זיין ווירדע מיט בלאָטע פאַרוואָרפן און גאָרניט. עס איז געווען גוט אַזוי און רעכט אַזוי. ווער האָט זיך פאַר אונדז אָנגענומען? קיינער ניט!

דער ווילדער טערק האָט אומגעבראַכט אַן אומגליקלעך און פּייאיק פאָלק ווי די אַרמענער. דאָס זיינען ניט קיין אידן, נאָר קריסטן, און נאָך וואָס פאַר אַ קריסטן, צווישן די עלטסטע, אויב ניט גאָר די עלטסטע. איז וואָס? האָט זיך עמיצער פאַר זיי אָנגענומען? האָט די קריסטלעכע וועלט פּראָטעסטירט? אַ נעכטיקער טאָג. עס איז גאָרניט געווען זייער עסק. דער טערק קען מיט זיינע אונטערטאַנען טאָן וואָס ער וויל, שינדן די הויט און מאַכן פון איר פאַר זיך שטיוול, וועט קיין שום אַנדער פאָלק ניט פּראָטעסטירן. וואָס הייסט? עס זיינען דאָך זיינע אונטערטאַנען. האָט מען ביי די אַרמענער אויסגעשניטן די צונגען און זיי שטום געמאַכט אויף אייביק. און שטום און אַז אַ צונג איז געווען אייראָפּע, וואָס האָט גאָר גוט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר און געמאַכט זיך בלאָרידע, און געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט דעם טערקישן הויף און מיט זיינע סאַטראַפּן און רוצחים, די סולטאַנען.

הייסט עס, אַז איצט איז בעסער? האָב איך גאָרניט בדעה צו וואַרפן קיין בלומען דער איצטיקער צייט. עס איז איצט זייער שלעכט, מורא'דיק ביטער.

אבער מען זאָל נאָר ניט פאַרגעסן, אַז די איצטיקע צייט איז ניט מער ווי דער פּועל־יוצא פון דער פאַרגאַנגענהייט. עס איז דער טרויעריקער נאָכ־שפּיל פון דעם ערשטן, פאַרשאָלטענעם קריג. עס וואָלט געווען קינדיש צו גלויבן, אַז נאָך אַזאַ וועלט־איבערטרייסלונג, נאָך אַזאַ קאַטאַקליזם זאָל זיך אַלץ אויף שנעל באַרואיקן.

די ניט־שיינע קעגנוואַרט איז דאָס געזעצלעכע קינד פון דער ניט ווייניקער העסלעכער פאַרגאַנגענהייט. די פּיל אַרכיוון, וועלכע מען האָט איצט געעפנט, האָבן אונדז קלאָר געוויזן, ווי אַזוי אַ באַנדע געווּיסנלאָזע, גאַנס־לאָזע און אויך אומפייאיקע מענטשן האָבן אויף אונדזער רוקן געריטן און אונדז געטריבן צום שאול־תחתיה.

נאָך אַזאַ קריג האָט געמוזט קומען אָט די צערודערטע, משוגענע צייט. און דער נייער קריג איז דער עפּילאָג צום ערשטן.

אויך דער אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד איז ניט קיין נייע זאַך. אידן פלעגן אַמאָל אַנטלויפן פון דייטשלאַנד קיין פּוילן, וואו זיי האָבן געפונען שוץ און די געלעגנהייט צו אָטעמען פרייער. די דייטשן זיינען שטענדיק געווען שרעקלעכע, ביטערע אַנטיסעמיטן. דאָס איז אויך געווען זייער גרוי־סער געזעץ־געבער לוטהער, וואָס האָט בדרך אגב, אויך פאַרראַטן די מאַסן פון פאָלק און געדינט די מעכטיקע און רייכע.

דאָס איז אַלץ ניט ניי אין דער געשיכטע פון דייטשלאַנד. ניי איז די אַסימיליאַציע אין יענעם אומגליקלעכן לאַנד. אידן זיינען דאָרט געווען גרייט צו באַצאָלן מיט זייער געוויסן און ווירדע פאַר אַ קאַריערע, פאַר אַן „איינלאַס־קאַרטע״ אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, ווי היינע האָט עס גערופן.

די אַסימיליאַציע האָט געמוזט פאַרשאַרפן דעם אַנטיסעמיטיזם און די דעמאַגאָגן האָבן בלויז געדאַרפט אויסנוצן די אומצופרידנהייט מיט די משומדים און האַלבע משומדים, וואָס האָבן זיך צעלייגט איבער דער מדינה ווייט און ברייט ווי „ביים טאַטן אין ווייַן־הויז״, כדי צו מאַכן אַ גרוי־סע אַנטיסעמיטישע העצע, וועלכע באַווייזט באַשיינפּערלעך, דורך איר אַרי־ער־פּאַראַגראַף, איר האַס קעגן די משומדים. ווער קען משומדים ליב האָבן? אַ געמיינער פאַררעטער צו זיין פאָלק מוז זיין אַ געמיינע נאַטור און פאַר־דינט פאַראַכטונג און די תוכחה.

ניי, אין פאַרבינדונג מיט דער איצטיקער אַנטיסעמיטישער העצע, איז דער אויפברויז פון פּראָטעסט אין דער וועלט קעגן איר, וואָס ווייזט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי געוויסן.

מיר האָבן איצט אין רוסלאַנד אַ שווערע דיקטאַטור, אָבער זי איז ניט געקומען, כדי צו דינען אַ קעניגלעכער משפּחה. עס איז ניט מער אַ פאָלק פאַרשקלאַפט צו אַ צאַר, און זיין ווילן מוז זיין דעם פאָלקס געזעץ, נאָר אַ דיקטאַטור, וואָס דאַרף דינען די אָרימע קלאַסן, וועלכע זיינען ט ע אָ ר ע ט י ש

די באַלעבאַטים פון לאַנד. אַלץ געהערט דעם אַרבעטנדיקן פאָלק און פון זיין גליק און כבוד וועגן ווערט די דיקטאַטור איינגעפירט. דאָס איז אַ נייער ציל, וואָס הגם מען פאַרווירקלעכט אים דורך אַלטע, בלוטיקע מעטאָדן, איז עס דאָך אַ באַווייז אויף דעם אָנקומען פון אַ נייער צייט, וואָס וועט זיין בעסער ווי די איצטיקע און פיל בעסער ווי די פאַרגאַנגענהייט, וואָס נאָר צוליב איר איז דער איצט אַזוי מיזעראַבל.

היוצא לנו מדברינו: די פאַרגאַנגענע צייט איז ניט געווען שטאַרק בעסער ווי די קעגנוואַרט. יענע מענטשן זיינען ניט געווען קיין מלאכים און ניט קיין שדים. דער אמת איז, אַז אויך יענע מענטשן זיינען געווען ווייט פון ריכטיקער מענטשלעכקייט. זיי זיינען געווען האַלב־ווילדע און די ווילדקייט האָט זיך אַריינגעשלעפּט אין אונדזער דור און אויב מיר זיינען שדים, זיינען מיר ניט אַזוי שוואַרץ ווי מיר אַליין מאַלן זיך. ווען די וועלט וועט זיך באַרואיקן, וועט זי זיין בעסער ווי זי איז איצט, כאָטש דער איצט וועט שוין דעמאָלט זיין אַ פאַרגאַנגענהייט.

אין אויג פון דער וועלט

פּאָגראָם און פּראָגראַם

די אייביקע דייטשישע שנאה צום אידישן פאָלק

אַנטיסעמיטיזם האָט זיינע אייגענע געזעצן

ניטאָ קיין אנשטענדיקע אַנטיסעמיטן

מיר ווילן ניט גיין צוריק אין געטאָ

אַלע אידן האָבן געלט

אַ גייסטיק פאָלק

פּאָגראָם און פּראָגראַם

אַזוי האָט געזאָגט בערנאַרד שאָו. — אידן האָבן אים דערקלערט אַלס אַנטיסעמיט. — דער קאַמף מיט פּאַראַדאָקסן. — מיט אידן טאָר מען קיין וויצן ניט מאַכן. — דער באַגריף פּאָגראָם איז פאַרבונדן מיט אידן. — דער שטאַרקער דאַרף באַזינגן די שוואַכע, אָבער ניט די דייטשן...

דער וואָרט־שפּיל געהער צום קלוגן, יונג־אַלטן, שטענדיק אויפגעוואַכטן, אייביק רירעוודיקן בערנאַרד שאָו. ער האָט לעצטנס אויף זיין באַקאַנטן נוסח געשריבן אַן אַרטיקל קעגן היטלעריזם און דאָרט האָט ער זיך אויסגעדריקט אויף דעם אופן: די היטלעריסטן האָבן ניט קיין פּראָגראַם, מאַכן זיי אַ פּאָגראָם.

דער אַרטיקל איז אַ פּעפּערדיקער און בדרך כלל אַ שאַרפע פאַרדאַמונג פון אַנטיסעמיטיזם און היטלעריזם. וואָס וועלן דאַרויף זאָגן פיל פון אונדזערע פּובליציסטן, וואָס האָבן געוואָלט ניט אַנדערש, נאָר אַז שאָו איז אַן אַנטיסעמיט? שאָו האָט זיי אָפּגעטאָן אַ שיין שפּיצל. דער אַנטיסעמיט שאָו טרעט אַרויס מיט אַ ביטערער פאַרדאַמונג קעגן אַנטיסעמיטיזם. אונדזערע פּובליציסטן וואָלטן נאַטירלעך געמעגט בעסער וויסן. וואָס־וואָס, קיין אַנטיסעמיט איז שאָו ניט. שאָו קען בייטן זיינע מיינונגען, קען אַרויסזאָגן די גרעסטע פּאַראַדאָקסן, אָבער קיין אַנטיסעמיט קען אַזאַ מענטש ווי שאָו ניט זיין. ער איז דאַרויף צו ליבעראַל, צו ראַדיקאַל, צו סאָציאַליסטיש. ער האַלט זיך אָפּט פאַר דעם בעסטן סאָציאַליסט, פאַר אַ צווייטן קאַרל מאַרקס. (אַ באָרד ווי מאַרקס האָט ער. און אויב זי איז ניט אַזוי געדיכט, איז זי דערפאַר פיל לענגער). ער קען ניט זיין אַ שונא פון אַ גאַנצער ראַסע. עס גראַמט זיך ניט, הגם ליב האָט ער אונדז ניט. איך וויים ניט

וועמען ער האָט ליב אויסער זיך אַליין. יאָ, ער האָט אויך ליב צו געפינען חסרונות אין אַלץ און אַריינצוזאָגן, צו געבן שטעך־ווערטלעך, צו קיבעצן, ניט דווקא אין די ווייכסטע פּלעצער, נאָר אויך אין די געפּערלעכסטע ערטער. דערפון האָט ער גרוים הנאה, אָבער ער טוט עס אָן שנאה.

ער איז ניט מקפּיד וועמען ער טוט עס. געוויינטלעך מאַכט ער זיינע אָפּעראַציעס אויף ענגלענדער. זיי זיינען זיינע שטענדיקע „קאַסטומער", זיי טיילט ער צו באַזונדערן כבוד, רופט זיי מיט אַלערליי נעמען, איז זיי מבוזה־מבזה, אָבער אין דער לעצטער שורה, קען מען ניט זאָגן, אַז ער האָט פיינט ענגלענדער, הגם אַליין איז ער אַן איירישער. אויך זיינע אייגענע לאַנדסלייט שטעכט ער שאַרף, ביטער, זאָגט זיי דעם אמת אין פּנים, שמייסט זיי מיט ריטער. אויך אידן האָבן פון אים פון צייט צו צייט אַריינ־געקראָגן אַ חלק. ווער קען אויסלאָזן אידן? דעם עלעפאַנט ניט באַמערקן? אידן זיינען אָבער עמפּפינדלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָלק, וואָס איז אַרומ־גערינגלט מיט אַ ים פון שנאה און גיפט, אַ פאָלק, וואָס מוז שטענדיק שטיין אויף דער וואַך, שטענדיק זיך פרעגן „הלנו אם לצרנו", ווייל אין שונאים זיינען אידן ניט זשעדנע, און וואָס נאָך ערגער, אידן קענען די שונאים טאַקע שאַר־פער ווי טאָן, ווייל זיי זיינען שוצלאָז, אַ ציל־ברעט פאַר אַלע פיילן. זיינען די אידן גאָרניט געפעלן שאָ'ס וויצן, זיינע חכמה'לעך, וואָס ווערן אַרויס־געזאָגט מיט אַ לייכטער לונג און לעבער. „וואָס ווילצט ער זיך?" דאָ גיסט זיך בלוט און ער קומט מיט אַ דריבנעם שמייכעלע, מיט בליציקע אויגעלעך און קליגלט זיך. אויב ער האָט ניט קיין טרייסט־וואָרט, זאָל ער בעסער שווייגן, און אידן האָבן אים דערקלערט אַלס אַנטיסעמיט; דאָס איז אייגנט־לעך דער שטאַרקסטער וואָפן, וואָס מיר האָבן. באמת איז עס ניט קיין וואָפן, נאָר אַ „פּאַרטיידיקונגס־מעכאַניזם": אויב יענער איז אַן אַנטיסעמיט, איז וואָס ער זאָל ניט זאָגן, איז עס געבילט קעגן דער לבנה. דאַרף מען ניט הערן. שאָו האָט צוערשט געהערט די באַשולדיקונג גלייכגילטיק. ער איז צו באַשולדיקונגען געוואוינט. ער האָט פון באַשולדיקונגען הנאה. ער האָט ליב, ווען עס רעש'ט זיך אַרום אים. ער איז אַ פאַרטרעפלעכער „פּובליסיטי"־מאַן. ער ווייס דעם ווערט פון זיין שטענדיק אין „פאָלקס אויג", ווי די ענג־לענדער זאָגן. עס איז ניט קיין חסרון פאַר דעם פאַרקויף פון זיינע ביכער, עס טוט ניט קיין שאָדן זיינע דראַמעס און אַרטיקלען. ער קען די פּרעסע אויסגעצייכנט. ער קען די מענטשלעכע נאַטור, ער ווייס, אַז זיי האָבן ליב די קאָנטראָווערסיע, דאָס מחלוקת, וואָס איז ניט לשם שמים, ער האָט ליב דאָס געפעכט און ער פּראָוואָצירט עס.

האָט שאָו אין אָנהויב הנאה געהאַט פון דער באַשולדיקונג, אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט. עס איז אים דווקא געפעלן. שאָו איז אַן אַנטיסעמיט. דאָס איז אַ פּאַראַדאָקס און ער האָט ליב פּאַראַדאָקסן. און ניט אומזיסט

איז ב. שאָו אָנגעפאַלן אויף זיין קאָנקורענט, אויף דעם מחבר פון פּאַראַדאָקסן, דר. מאַקס נאָרדאו, וועלכער האָט אים אויך דערקלערט פאַר אַן אַנטיסעמיט. שאָו האָט געלאַכט. דאָ האָט ער, דער בעל־הפּאַראַדאָקסן, געזאָגט אַן אמת'ן פּאַראַדאָקס. שאָו האָט אויף די קלאָגעס, אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט, געענטפערט, אַז קיין אידן־פריינט איז ער זיכער ניט. שאָו בלייבט שאָו. ער ענטפערט ניט גלייך , אַלץ מוז זיין מיט אַ דריידל. דאָס איז זיין נאַטור, אַזוי שפּיגלט זיך אין זיינע אויגן אָפּ די וועלט.

ער איז ניט קיין אידן־פריינט. הייסט עס, אַז ער איז אַ שונא? ניין, אַ טעות, דאָס איז ער אויך ניט. שאָו האָט ענדלעך אין די לעצטע יאָרן איינגעזען, אַז מיט גאָט און מיט גאָטס פאָלק טאָר מען קיין וויצן ניט מאַכן. זיי זיינען זייער שטרענג. און שאָו האָט לעצטנס שוין מער ווי איין מאָל באַוויזן, אַז כאָטש ניט קיין אידן־פריינט, ד. ה. פּראָפעסיאָנעלער אידן־פריינט, וואָס איז מחויב צו פאַרטיידיקן אויך אַלע אידישע חסרונות, איז ער אָבער אַ גרויסער שונא פון אַנטיסעמיטיזם, און ער איז שטענדיק גרייט אים צו באַקעמפן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, הגם אים אַליין געפעלט ניט זייער דער אידישער אתה־בחרתנו'איזם, צוליב ריין עגאָאיסטישע אורזאַכן, וויל שאָו דענקט, אויב עס זאָל זיין אמת, אַז די אידן זיינען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק — אַמאָל טראַכט ער, אַז עס איז אמת — דעמאָלט וואָלט ער געוועזן געבוירן געוואָרן אַ איד. מחמת, ווער איז דען מער אויסדערוויילט ווי ער? אַזוי אָבער איז ער אַ שטאַרקער שונא פון אַנטיסעמיטיזם. אַזוי וויט שאָו. מיין צוועק איז איצט ניט זיך צו פאַרברייטן וועגן שאָו. דאָס לאָז איך איבער פאַר בעסערע צייטן. ער פאַרדינט עס כשר.

איך וועל זיך מער אָפּשטעלן אויף זיין קלוגער באַמערקונג מכח פּאָגראָם און פּראָגראַם. די זאַך גייט נאָך פיל טיפער ווי שאָו'ס באַמערקונג. עס זיינען איצט פאַראַן פיל פּאַרטייען, וואָס זיינען ניט יוצא מיט מאַכן אַ פּאָגראָם, ווייל זיי האָבן ניט קיין פּראָגראַם, נאָר זיי מאַכן דעם פּאָגראָם פאַר זייער פּראָגראַם.

דאָס איז איינגנטלעך וואָס געשעט איצט אויף דער גאַנצער ליניע איבער דער גאַנצער וועלט. פּאָגראָם האָבן די רוסן אריינגעבראַכט אין אַלע ציוויליזירטע שפּראַכן. עס איז זייער בייטראָג, מיט וועלכן זיי האָבן זיך לחלוטין ניט וואָס איבערצונעמען. ווי האָט אַמאָל געזאָגט טורגעניעוו: אַז די רוסישע דערפינדונג איז די קנוטע — אַ וואָרט, וואָס איז אויך אַריין אין דעם ווערטער־בוך פון אַלע שפּראַכן. פּאָגראָם איז אָבער אין דער התחלה געוועזן פאַרבונדן מיט אידן. אויף זיי האָט מען געמאַכט פּאָגראָמען, מכח וועלכע די וועלט האָט געהערט און איז פאַרציטערט געוואָרן. אינם מח פון דער וועלט איז דאַרום דאָס וואָרט פּאָגראָם פאַרבונדן מיט אידן. זאָגט מען דאָס וואָרט פּאָגראָם, קומען גלייך אויפן זינען אידן. אין אמת'ן איז אָבער

דאָס וואָרט זעלבסשטענדיק, און פּאָגראָמען ווערן געמאַכט ניט נאָר אויף אידן. אידן באַקומען דעם גרעסטן טייל פון פּאָגראָמען, אָבער אַנדערע ווערן אויך ניט פאַרגעסן.

עס איז איצט אַ צייט, ווען פּאָגראָם איז געוואָרן פּראָגראַם.

די היטלעריסטן ווילן דווקא אויסראָטן די אידן ביי זיך אין לאַנד. אָבער זיי זיינען מיט דעם ניט יוצא. צו דער זעלבער צייט זיינען זיי געוועזן בעלנים אומברייינגען, אַז עס זאָל פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבן, די אייגענע קאָמוניסטן און מאַרקסיסטן, דאָס הייסט אומגעפער אַ צוועלף־דרייצן מיליאָן דייטשישע בירגער, אַ דריטל פון דייטשישן פאָלק. אויב זיי וואָלטן היטלערן ניט צוגעלאָזט צום רודער, און ניט דערלויבט אים אויסצופירן זיין פּראָגראַם. די בייזע נאַצים וואָלטן דעמאָלט ניט נאָר זייערע שווערדן געזעטיקט מיט אידיש בלוט, נאָר זיי וואָלטן אינאיינעם מיט די אידן אויך דייטשלאַנד חרוב געמאַכט, אַ דריטל פון דייטשישן פאָלק אפּגעראַמט פון דער וועלט מיט פרייד און באַגייסטערונג. די העלדן פון די נאַצים האָבן זיך גאָרניט באַהאַלטן מיט זייער פּאָגראָם־פּראָגראַם און אָפן דערקלערט, אַז ווען זיי וועלן באַקומען די מאַכט, וועלן געהאַקטע קעפּ זיך וואַלגערן אין די גאַסן, טייכן בלוט וועלן זיך גיסן. און זיי האָבן זייער וואָרט געהאַלטן.

דאָס הייסט ביי די נאַצים אויפבויען דאָס „דריטע רייך". מען מוז זאָגן, אַז זייער דריט רייך איז אַ שיין ביסל אַנדערש פון דעם אידישן מלכות־שדי. אויך אידן חלומ'ען פון אַ „דריטן רייך", פון אַ נייער מלוכה, וואָס וועט אויסשפּרייטן אירע פליגלען אויף דער וועלט. אין יענעם רייך וועט דער וואָלף לעבן־אינאיינעם מיט דער שאָף. עס וועט זיין אַ „רייך" פון שלום און ברידערלעכקייט. עס איז די באַקאַנטע אידישע גערעכטיקייט, וועלכע האָט אין דעם משך פון די לעצטע יאָרהונדערטער געהאָלפן אויפשטעלן פּראָגראַמען, וואָס צילן די דאָזיקע צייט צו דערנענטערן. אָבער די איצטיקע צייט איז אַזאַ, אַז מען לאַכט אָפּ פון גערעכטיקייט. די נאַצי־טעאָרעטי־קער זאָגן אָפן, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי גערעכטיקייט. דאָס איז אַ אי־דישע דערפינדונג. די פאַרדאַמטע אידן האָבן עס אויסגעטראַכט, כדי דורך איר צו דאָמינירן די וועלט. עס איז אַלץ בלויז הערשאַפט. די שוואַכערע האָבן ניט קיין רעכט ממש צו לעבן אויף דער ערד. זיי דאַרפן דאַנקבאַר זיין, אויב מען לאָזט זיי דינען די שטאַרקע. עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי גלייכהייט. די נאַטור ווייס ניט דערפון. די שוואַכע זיינען באַשאַפן געוואָרן אויפגע־פרעסן צו ווערן פון די שטאַרקע. דאָס איז זייער פונקציע, און זיי דאַרפן זיין צופרידן אויסצופילן זייער פונקציע, און נאָך מאַכן אַ ברכה אויף דעם גליק אויפגעפרעסן צו ווערן פון די שטאַרקערע. דאָס איז די טעאָריע. ניט דאָס געוויסן, נאָר ערע, ניט פרידן, נאָר פּערמאַנענטער קריג איז דער ציל

פון דער מענטשהייט: עס איז אַ פרייד צו זען ווי בלוט גיסט זיך. דאָס בלוט פאַר׳שכור׳ט, ברייננגט אין עקסטאַז. אַלע גרויסע אויפטואונגען זיינען דער רעזולטאַט פון קריג און פון בלוט־פאַרגיסונג, פון שטענדיק־אַנהאַלטנדן פאַגראָם.

דערפאַר איז „הבו גודל״, טרינקט אַ וויוואַט פאַר די קריגס־העלדן, פאַר די מאַסן־מערדער. און דער עיקר דערקלערט קריג די שונאים פון דער מענטשהייט, וואָס וויל זי אַראָפּפירן פון גלייכן וועג און זי לערנען אויס־צומיידן דעם קריג און פיינט צו האָבן בלוט. דאָס איז דער טויט פון דער מענטשהייט. די אידן האָבן די פרידנס־אידייען אויסגעטראַכט, און דאַרום זיינען זיי די ערגסטע פיינט פון די פעלקער. אַלע מוזן זיך אויף זיי וואַרפן צוערשט און זיי אַפּראַמען. די אידן אַלס די שאַפער פון די פרידלעכע טע־אָריעס און ברידערלעכקייט־אידייען. די דאָזיקע נאַציס, וויפל זיי האָבן פיינט די אידן, האָבן זיי נאָך מער פיינט דאָס אידנטום. קענן דעם קעמפן זיי מיט צאָרן און ביטערקייט.

די נאַציס זיינען פונדעסטוועגן זייער שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די עליים, וואָס האָבן דייטשלאַנד באַזיגט אין דער וועלט־מלחמה, און דאָס דייר טשישע פאָלק פאַרקנעכטעט. עס איז ניט צו פאַרשטיין די לאָגיק. הלמאי זיין אויפגעבראַכט אויף די שטאַרקע פאַר זייערע בייזע, גרויזאַמע האַנדלונגען קעגן דער שוואַכער דייטשלאַנד, ווען לויט דער טעאָריע, איז עס דער איינציקער וועג, ווי עס דאַרף זיין: דער שטאַרקער זאָל באַזיגן דעם שוואַכן. אַזוי פּסק׳ענען דאָך די נאַציס אַליין. די עליים האָבן דאָך געהאַנדלט אין דעם גייסט. דייטשלאַנד קלאָגט זיך איצט, אַז זי איז אָרעם, און פאַרגיסט טרערן. וועמען קימערן עס יענעמס טרערן? מען קען אפילו מיט זיי ניט אויס־שמירן די שטיוול. אדרבה, די שוואַכע וויינען און שרייען אויף דעם קול: גוט, עס איז מוזיק פאַרן אויער. עס איז אַ שיינער, אַנטציקנדער ספּעקטאַקל, און עס לוינט זיך צופּוס צו גיין אום עס מיט די אייגענע אויגן צו זען.

די נאַציס ווילן אַ שטאַרקע דייטשלאַנד, אָבער פאַרוואָס זאָלן זיך בייערן און אַנדערע טיילן׳אונטערוואַרפן דער הערשאַפט פון דעם גאַנצן, פון דער מלוכה? פאַרוואָס ניט מיט שווערד קעמפן קעגן דער הערשאַפט, ווי עס פלעגט זיין די מאָדע אין דער אַמאָליקער.דייטשלאַנד, וואָס איז גע־ווען צעריסן אויף שטיקלעך און איין טייל האָט געקעמפט מיט שווערד און פייער קעגן אַנדערן טייל. — פאַרוואָס ניט? אויב דער שטאַרקער מוז באַזיגן דעם שוואַכן, פאַרוואָס ניט אַ קאַמף אויף דער גאַנצער ליניע? יעדער איי־נער, וואָס איז שטאַרקער, איז קעגן דעם אַנדערן, וואָס איז שוואַכער. ניט מער אַלע פאַר איינעם און יעדער איינער פאַר אַלע, נאָר יעדער איינער פאַר זיך, און יעדער דאַרף גרייט זיין אומברייננגען אַלע, אבי זיך צו דער־

האלטן. דאָס איז די לאָגיק פון דער טעאָריע, ווען מען דערפירט זי צו אירע קאָנסעקווענצן.

די נאַציס האָבן ביי זיך גע׳פּועל׳ט, אַז דאָס דייטשישע פאָלק איז דאָס שטאַרקע פאָלק, און אין נאָמען פון שטאַרקייט, איז עס באַרעכטיקט צו רעגירן איבער די פעלקער. עס איז ניט קיין נייע טעאָריע. מיר קענען זי פון ווילהעלמ׳ס ציטן.

מיר האָבן נאָך ניט פאַרגעסן יענע גרויסע טעאָרעטיקער טרייטשקע און אויסטען טשעמבערליין און דעם גענעראַל בערנאַרדי, וואָס איז טייל־ווייז געווען גרייט צו פאַרווירקלעכן אַט די טעאָריע אין לעבן. צוליב דעם איז דאָך דעמאָלט אויסגעבראָכן דער קריג. דייטשלאַנד האָט דאָך שוין געמאַכט די פּראָבע, און מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט, ווייסן איצט אַלע זייער גוט. די שוואַכע האָבן באַזיגט די שטאַרקע. די אומדיסציפּלי־נירטע און מיליטעריש אומגעשולטע האָבן באַזיגט די בעסט־דיסציפּלינירטע אַרמיי, וואָס די געשיכטע האָט געקענט. אַפּנים אַז רויע שטאַרקייט אַליין איז ניט גענוג. עס זיינען פאַראַן אַנדערע פיייקייטן אין דעם מענטשן, וועלכע מען מוז נעמען אין חשבון, ווען מען רעדט פון מלחמה און זיג. שוואַ־כע קענען זיך אַמאָל פאַרבינדן און באַזיגן די שטאַרקע. אַלזאָ וואו איז די זיכערקייט אין דער שטאַרקייט אויך נאָך דעם נצחון?

נאַטירלעך, איז מיין כונה ניט זיך אויסצו׳טענה׳ן מיט די היטלע־ריסטן און באַווייזן זייער אומלאָגישקייט. דאָס איז אויף דער האַנט. עס האָט גענומען אפשר מיליאָנען יאָרן ביז די מענטשהייט האָט זיך דערשלאָגן צו די אמת׳ן, וואָס דאָס אידנטום לערנט. ניט מאַכט איז רעכט, נאָר רעכט איז מאַכט.

וואָלט דער פּרינציפּ געווען אָנגעווענדט ביי דעם ווערסאַיל־שלום, וואָלט דייטשלאַנד געווען בעסער אויסגענומען, ווי פון די נאַצי־טעאָריעס, וואָס זיינען באמת ניט ניי. זיי זיינען דאָך דער פּרימיטיווער אויפפיר פון די פעלקער, וואָס האָט געקאָסט טייכן מענטשלעך בלוט. די נאַצי־טעאָריע איז באמת אָנגעווענדט געוואָרן ביים שלום.

ווי עס זעט אויס איז די וועלט נאָך ניט רייף פאַר דער נייער אידי־שער טעאָריע. עס איז אונדזער שטאָלץ, וואָס די טעאָריע פון גערעכטיקייט אַלס לעבנס־פּרינציפּ ווערט באַצייכנט אַלס אידיש. די פעלקער האָבן נאָך זייער „שיעור" ניט אויסגעלערנט. זיי דורשטן נאָך בלוט און די שטאַר־קע ריידן זיך איין, אַז זיי וועלן שטענדיק האָבן די אויבערהאַנט, אַז זיי וועלן שטענדיק גיסן יענעמס בלוט, און זיי וועט מען שאַנעווען. דאָס איז אָבער אַ ביטערער טעות. די פעלקער וועלן דאָך עפּעס לערנען פון דער גע־שיכטע. אויך די שטאַרקע פעלקער זיינען לסוף אָפּגעווישט געוואָרן פון דעם ערד-קיילעך. וואו זיינען היינט די שטאַרקע, גרויסע פעלקער, ווי מצרים,

אשור, בבל, פרס און שפּעטער רוים? עס איז פון זיי קיין זכר ניט גע־בליבן.

מוסאָליני האַלט זיך פאַר אַ גאַנצן היסטאָריקער און וויסנשאַפטס־מאַן. און דאָך הערט ער ניט אויף צו פּרעפּלען מכח שווערד און שטאַרקייט און אייביקן קריג, און וויל ניט אַנדערש, נאָר איטאַליע זאָל פאַררעכנט ווערן אַלס אַ גרויסמאַכט, און ער פאַכעט מיט דעם זעבל. איטאַליע האָט אַ מי־סיע, איטאַליע מוז זיין גרויס, מעכטיק, מוז פאַרמאָגן האַרמאַטן, אַרמייען און פלאָטע. דרך־ארץ פאַר אונדזער מאַכט! דאָס זאָגט דער מאַן אין די גאַסן פון רוים, וועלכער איז אַן עדות, אַז מאַכט איז פאַרבייגייענדיק. ווער קען דען חלומ׳ען צו זיין שטאַרקער און דיסציפּלינירטער און געשולטער און פייאיקער צו רעגירן, ווי דאָס אַלטע רוים? און דאָך, וואָס איז פון רוים געוואָרן? איינער קען זיך דענקען פון קאַטאָליציזם, וואָס ער וויל, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז די מאַכט פון גאַליליייער, וואָס איז געקומען מיט די לוחות פון רחמנות און געפאָדערט זעלבסט־אָפּפערונג און הילף פאַר די שוואַכע און אַ טרייסט־וואָרט פאַר דער אַלמנה און דעם יתום, האָט באַזיגט רוים, און אַז אַט די מאַכט איז איצט אויך די הערשערין פון רוים, אפילו ווען מוסאָליני דענקט אין זיין שטאָלץ, אַז ער איז באַלעבאָס. ער איז עס ניט.

די פעלקער ווילן אָבער ניט לערנען פון דער געשיכטע פון אַמאָל און אויך ניט פון דער געשיכטע, וועלכע זיי האָבן ערשט נעכטן אויפגע־שריבן מיט בלוט און טרערן. עס ווילט זיך ניט רימען מיט אתה בחרתנו. שאָו קען עס ניט ליידן — אָבער מען מוז פאָרט זאָגן, אַז ניט נאָר האָבן די פעלקער ניט קיין אידיש האַרץ, נאָר אויך ניט קיין אידישן קאָפּ. עס זיינען גוי׳אישע קעפּ, קעציישע מחות.

די אייביקע דייטשישע שנאה צום אידישן פאָלק

די וועלט האָט ניט געקענט דאָס דייטשישע פאָלק. — היטלער איז ניט נאָר בלויז אַ „משיח“. — די באַגרינדער פון דער ראַסן־טעאָריע. — די וואונדער פון דער קליינער גרופּע דייטשישע אידן.

א

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז טראָץ דער באַרעדעוודיקייט פון די דייטשן און טראָץ זייער ברייטער ליטעראַטור, פאָלקלאָר און פילאָזאָפיע, האָט די וועלט ניט געוואוסט וואָסערע באַשעפענישן די דייטשן זיינען. ניט געוואוסט דאָס ביז איצט.

מען ווייס נאָך היינט אויך ניט. די דייטשן זיינען אַן איבערראַשונג פאַר די דענקענדע מענטשן. מ׳האָט געוואוסט וועגן דעם „פוראָר טעוטאָניקאַ“. דאָס הייסט, אַז די דייטשן זיינען אַ פאָלק, פאַר וועלכן לאָגיק און שכל־הישר גילטן ניט שטענדיק, אַז דער דייטש פאַרלירט פלוצים זיין גלייכגע־וויכט און ער האַנדלט דעמאָלט ווי אַ ווילדער, ווי אַן אָפּגעריסענער פון אַ קייט, אַז דער דייטש איז ניט איינער, נאָר אַ דאָפּלטע פערזענלעכקייט, אַז אַ דיבוק זיצט אין אים. עפּעס האָט מען פון דעם געוואוסט. טאַקע אַביסל צוליב דעם דייטשישן פאָלקלאָר. אָבער יענע פרימיטיווע צייט איז דאָך אַזוי ווייט אַוועק, און מען האָט געגלויבט, אַז די היינטיקע דייטשן זיינען ניט יענע הונען, וואָס לאָזן זיך פירן פון אַן אַטילאַ... מען האָט גע׳משפּט די דייטשן לויט זייער פילאָזאָפיע און ליטעראַטור, און מען איז געקומען צום

שלום, אז די דייטשן האבן לסוף אנערקענט די איבערהערשאפט פון געז־זעץ ניט צוליב דער געוואלט, צוליב דער מאכט, וואס שטעקט הינטער אים, נאר צוליב זיין מאראלן ווערט, צוליב דעם קאטעגארישן אימפעראטיוו, צוליב דעם באפעל פון געוויסן.

לאזט זיך אויס א מעשה, אז די וועלט האט א טעות וועגן דעם דייר־טשישן פאלק. עס איז נאך פון וואלד ניט ארויס. עס גלויבט נאך אין כשוף, אין אפשפרעכונגען, אין ווערטער, אין פראזן, אין אומקאנטראלירטן געפיל, אין נסים, און אין דער לעצטער שורה אין דער ברוטאלער געוואלט, וואס ווערט קאנטראלירט פון א פירער, וועלכער ווערט ניט דערווײלט, נאר פון אויבן באשטימט.

קיינער וואלט דאס ניט געגלויבט, ווען מען וואלט אים זאגן, אז אזא זאך איז מעגלעך אין דייטשלאנד, ביי דעם „הויך קולטורעלן דייטשישן פאלק". שטעלט זיך ארויס, אז דאס דייטשישע פאלק איז נאך זייער ווייט פון קולטור, אז עס האלט נאך ביים אנהויב, אז די גרויסע דייטשישע מאסן זיינען נאך גאנץ פרימיטיוו און לעבן נאך מיט אבערגלויבן. אנדערש, ווי איז דאס מעגלעך, אז א גרויס פאלק זאל די גאנצע מאכט איבערגעבן אין די הענט פון איין מענטשן, וועמענס ווארט איז געזעץ פאר דעם גאנצן פאלק און וואס ווערט אפילו באטראכט פאר דעם קוואל פון געזעץ און אויטאר־ריטעט?

היטלער איז משיח, אבער באמת אויך מער ווי דאס. ווייל משיח אין אידישן און ניט־אידישן זין, קען ניט בייטן גאטס געזעצן, להיפוך, זיין קומען באדייט דאס איינפירן פון דעם געטלעכן געזעץ אין מענטשלעכן לעבן. היטלער איז, אלזא, מער ווי משיח. דען ער מעג בייטן דאס געזעץ ווי אים געפעלט. ער איז דער בארג סיני. ער קען מאכן זיינע אייגענע עשרת הדברות. אלץ הענגט דארום אפ פון זיין ווארט.

ווער וואלט זיך געגלויבט, אז א פאלק, ווי דאס דייטשישע, וועט אננעמען אזא ווילדע, קינדערשע ארדנונג? דער פאקט איז, אז דאס פאלק האט מיט פרייד די ארדנונג אנגענומען. דער גרויסער רוב זיינער.

איז עס א רעטעניש און דענקענדיקע מענטשן נעמען איצט קלערן, אפשר איז עפעס פאראן אין דער היטלער־טעאריע פון „בלוט און ערד"? אפשר איז עפעס ניט מיט אלעמען מיט דעם דייטשישן בלוט, מיט דער דייטשישער ערד, מיט דער דייטשישער נשמה? אנדערש איז עס ניט צו פארשטיין.

די פראפעסארן לאצארוס און שטיינטאל האבן באגרינדעט די פעלקער־פסיכאלאגיע. ביידע אידן. אבער דווקא די דייטשישע פסיכאלאגיע האבן זיי ניט אויפגעקלערט. די דייטשישע רעטעניש איז געבליבן א רעטעניש. עפעס פון דייטשישן כאראקטער האט די וועלט דערזען אין לעצטן קריג

און אַ ציטער געטאָן. אָבער די לײדנשאַפטן זײנען געװען צו צערײצט פאַר אַ רואיקן אָביעקטיװן שטודיום. די װעלט האָט ניט געװאָלט לײגן די שולד אויף די אַקסלען פון דײטשישן פאָלק, האָט מען באַשולדיקט די יונקערס. די יונקערס זײנען געװען אַ גאַנץ קלײנער טײל פון דײטשישן פאָלק, אָבער װי אַזוי דערקלערט מען די זאַך איצט, װען די נאַצים זײנען באמת דער גרויסער רוב פון דײטשישן פאָלק? װען פון אַלע קװעלן הערן מיר, אַז די קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן זײנען די הויפּט־שטיצע פון נאַציזם? דאָס איז דאָך די גרויסע מאַסע. װערט דאַרום די רעטעניש געדיכטער.

ב

אַזוי איז אויך מיט דער באַציאונג פון דעם דײטשישן פאָלק צו אונדזער פאָלק. שוין יאָרן, אַז די פאַרפאָלגונג האַלט אָן און װערט שטאַרקער מיט יעדן טאָג. אַלע האָפנונגען אויף אַ בעסערונג זײנען צע־שטויסן געװאָרן בײ דער שאַרף פון דער גרויזאַמער נאַצי־װירקלעכקײט. עס װערט ניט בעסער, נאָר ערגער. דער אַשמדאַי אַלײן װאָלט ניט געקענט אויס־טראַכטן קײן מער פײנצטערע פּלענער קעגן אידן, װי דאָס טוען די נאַצים. אַלע טאָג נײע גזרות, נײע פאַרפאָלגונגען, רדיפות און באַלײדיקונגען. דער מח נעמט בריען, װען מען לײענט דאָס אַלץ. איצט האָבן מיר געהאַט אַ גע־לעגנהײט צו זען אויף װאָס די דײטשישע „פאָלקס־זעלע" איז פּײאיק אין איר אויפפיר אין די אונטערדריקטע לענדער.

אידן זײנען באַקאַנט מיט פאַרפאָלגונגען און אכזריות'ן. זײ זײנען געװען אויסגעשטאָנען אַמאָל און אויך אין דער לעצטער צײט. מיר האָבן איבערגעלעבט שװערע, ביטערע טעג אין צאַרישן רוסלאַנד און אין דעם „איז־איװאַנאַ־פּאַנאַ־פּוילן", אָבער עס איז קינדער־שפּיל לגבי דעם, װאָס קומט פאָר אין דריטן רײך.

איז װידער דאָס זעלבע. אויף אַלץ איז דאָ אײן תירוץ. עס איז די נאַצי־רעגירונג. אװדאי איז עס אמת. אָבער װען דאָס דײטשישע פאָלק װאָלט ניט געװען זעליש צוגעגרײט אָנצונעמען דעם נאַצי־בליק אויף דעם אידישן פאָלק, װאָלט דער רעזשים אַזעלכע גזרות ניט געקענט דורכפירן.

עס איז אַ טרויעריקער אמת, אָבער מען מוז עס װיסן, און אויך פאַר־צײכענען. מיר מוזן אויך זיך באַמיען אים צו פאַרשטײן.

מיט קײן אויבערפלעכלעכע דערקלערונגען, װען אפילו זײ צירן זיך אין װיסנשאַפטלעכע פעדערן און רופן זיך מיט קלינגענדיקע נעמען, קען מען די אויסערגעװײנלעכע דערשײנונג ניט דערקלערן.

אַנטיסעמיטיזם איז ניט בלויז אַ דײטשישער פּראָדוקט. מען טרעפט

אנטיסעמיטיזם ביי אַלע פעלקער און אין אַלע לענדער. ווי הייסט עס ביי אונדז? די אייביקע שנאה צום אייביקן פאָלק. און דאָך איז אַן אונטערשיד.

ביי אַנדערע פעלקער איז די שנאה באַגרענעצט צו אַ געוויסער גרופּע, קלאַס, שיכט. ביי די דייטשן אָבער איז עס אַ מכת מדינה. קיין קלאַס איז פון דער שנאה ניט געווען ריין, אָבער קיינער, אויך ניט דער הייליקער פּראָ־לעטאַריאַט. די שנאה האָט דאָרט שטענדיק געברענט און אומעטום. בעבעל האָט דעם אַנטיסעמיטיזם גערופן: דער סאָציאַליזם פון נאַראָנים. אָבער בעבעל האָט ניט פאַרענטפערט, הלמאי דער אידן־האַס האָט ניט אויסגעלאָזט די קלוגע סאָציאַליסטן. דער אמת איז, אַז אויך זיי זיינען ניט געווען פריי פון דעם גיפטיקן באַציל.

ביי אַנדערע פעלקער ברעכט די שנאה אויס אַמאָל אין אַ נאַווינע, ווי אין פראַנקרייך, למשל, די דרייפוס־אַפּערע. אָבער אין דייטשלאַנד האָט מען זי שטענדיק געמוזט צוריקהאַלטן מיט צוואַנגען. די אידן זיינען שטענ־דיק געווען גרייט אָנצוואָווענדן זכות אבות, כדי ניט צו דערלאָזן, אַז די לאַווע זאָל זיך צעגיסן.

עס איז אַ וואונדער, וואָס איז שווער צו דערקלערן. פונוואַנען שטאַמט די שטענדיקע דייטשישע שנאה צו אונדזער פאָלק? ניט נאָר אין נאַצי־צייטן, נאָר אויך פאַר דעם קריג האָט די קליינע גרופּע אידן אין דייטשלאַנד גע־מוזט אַנפירן אַן „אַפּווער”־באַוועגונג. זי האָט זיך שטענדיק געמוזט ווערן קעגן דעם פאָלקס־רשעות, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט.

דאָס וואָרט רשעות ווערט אין די געגנטן פון מזרח־אייראָפּע ניט באַ־נוצט אין דעם זין ווי די דייטשישע אידן האָבן עס גענוצט. ביי זיי האָט דאָס וואָרט רשעות געמיינט אידן־שנאה, אַנטיסעמיטיזם. די דייטשישע אידן האָבן גוט געוואוסט, אַז די דאָזיקע שנאה האָט ניט קיין גרונט און קיין תירוץ, נאָר איז פּשוט „רשעות”. ניט איינמאָל איז מיר דאָס וואָרט אויסגעקומען הערן פון דעם מויל פון דייטשישע אידן. ניט איינמאָל האָב איך געהערט ווי איינער צום אַנדערן האָט געזאָגט מיט אַ ציטער אין דער שטימע: „הער אויף, מאַך ניט קיין רשעות”.

מען האָט אָבער באמת ניט געדאַרפט זי מאַכן. די רשעות איז געווען. מען האָט זיך אויך קענען איר ניט געקענט איינהיטן. ווארים אויב עס איז רשעות, איז וואָס מען זאָל ניט טאָן, קען מען ביים רשע ניט אויסנעמען. אין אַלץ געפינט ער חסרונות: מעלות ווערן פאַרוואַנדלט אין חסרונות.

עס וואָלט גוט געווען, ווען עמיצער נעמט אונטער אַ שטודיום די פּסיכאָלאָגישע סבות פון אַט דער אייביקער דייטשישער שנאה צו אידן. עס איז עפּעס אין דער דייטשישער נאַטור, וואָס רעגט זיך אויף קעגן אונדזער פאָלק. די עקאָנאָמישע דערקלערונגען דערקלערן זייער ווייניק. אוודאי איז אין דער שנאה געווען אויך אַן עלעמענט פון קנאה. דער אידישער

דערפאַלג אויף אַלע געביטן האָט אויפגעריסן די אויגן, אָבער דאָס איז ניט די הויפּט־דערקלערונג. די דייטשן האָבן געפּראַוועט אַנטיסעמיטיזם אפילו, ווען די אידן זיינען געווען אָרים און עקאָנאָמיש קוים זיך אויף די פיס גע־האַלטן.

דער אידן־האַס איז אויך ניט געווען באַגרענעצט צו דער מאַסע אָדער צו די דזשינגאָס, נאָר האָט אַרומגענומען די דענקער, די הויך־געבילדעטע מענטשן, די פילאָזאָפן און פּאָעטן. ביי אַנדערע פעלקער טרעפט אויך, אַז אַ געבילדעטער מענטש, אַ דענקער, זאָל זיין אַנטיסעמיטיש. אָבער דאָס איז דאָך אַן אויסנאַמע. אין דייטשלאַנד איז פאַרקערט. אידן־פריינט קענט איר ציילן אויף די פינגער. עס טרעפט אַלס אויסנאַמע, אַז אַ דייטש זאָל ניט זיין אַנטיסעמיטיש. בהרך כלל זיינען אַלע וויכטיקע דייטשישע דענקער געווען אַנטיסעמיטיש. פיל פון זיי האָבן מיט אידן פאַרקערט און אַ סך נוצן געצויגן פון אידן, און דווקא די נוצן אַנגענומען, און פאַר דעם ברויט באַצאָלט מיט שטיינער. די אידן באַהאַנדלט מיט אַ געמיינהייט, וואָס האָט קוים איר גלייכן. די האַנט, וואָס האָט זיי דערלאַנגט מתנות, האָבן זיי מיט ווילדקייט אָפּגעהאַקט.

עס איז די מאָדע ביי אונדז צו ריידן וועגן גאָבינאָ, דעם קליינעם פראַנצויז, וואָס האָט די ראַסן־טעאָריע דערפונדן. אַזוי ווייזט מען אויך אַז אויף אויסטען טשעמבערליין, דעם ענגלענדער, וואָס האָט „באַגרינדעט" דעם אַרישן אתה בחרתנו. טשעמבערליין איז געווען אַן ענגלענדער און זיך גע׳שמד׳ט פאַר אַ דייטש. אין לעצטן קריג צווישן דייטשלאַנד און ענגלאַנד, האָט דידאָזיקע נידעריקע נשמה ניט אַנדערש געוואָלט, נאָר אַז דייטשלאַנד זאָל זיגן איבער זיין אייגן ענגלישן פאָלק.

דאָס זיינען אָבער נאַרישע רייד. די ראַסן־טעאָריע איז בלויז אַ תירוץ פאַר דער שנאה. אָבער די שנאה איז געווען פריער. האָט מען ניט געהאַט קיין אייגענעם תירוץ, האָט מען אים געבאָרגט. וואָלט ניט געווען דער תירוץ, וואָלט מען געפונען אַן אַנדערן. אָבער באמת האָט דייטשלאַנד, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אידן, ניט געדאַרפט אָנקומען צו פראַנצויזן אָדער ענג־לענדער. זי האָט געהאַט איר אייגענעם אַרסענאַל מיט גיפטיקן געווער.

מיט דאַנקבאַרקייט פאַרצייכענען מיר, אַז עס איז געווען ביי די דייטשן אַ יאָהאַן רייכלין, אַן אָפרים לעסינג און אַ פראַנץ דעליטש, און אפשר נאָך אייניקע פון דעם מין. זיי זיינען באמת געווען מענטשן, געבענטשט מיט טאָ־לעראַנץ און אויך אידן־פריינט, אָבער דאָס איז אַ גאַנץ אומבאַדייטנדע מינאָריטעט. די אַלע אַנדערע גרויסע דייטשישע דענקער זיינען אַלע געווען גאַנצע אָדער האַלבע אַנטיסעמיטן, אָפענע אָדער פאַרשטעלטע, געוויינטלעך אָפענע. עס איז פון אידן־האַס ניט געווען פריי אפילו דער גרויסער דענקער עמנואל קאַנט, הגם זיין פּאָפּולאַריטעט האָט ער אידן פיל צו פאַרדאַנקען.

זיי האָבן אים גרויס און באַרימט געמאַכט צווישן די דייטשן אַליין און אויסער די דייטשישע גרענעצן. ביי זיין לעבן האָבן זיי אָנגעפירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון קאַנט'ס פילאָזאָפיע. אָבער דער גרויסער קאַנט איז געווען בלויז אַ גרויסער דענקער, אָבער ווייט ניט קיין גרויסער מענטש. ער איז געווען אַן אומדאַנקבאַרער מענטש און פאַר קיין צביעות האָט ער ניט מורא געהאַט. און אידן האָט ער פיינט געהאַט, הגם אין דער עפנטלעכקייט האָט ער וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט. אָבער אין זיינע פּריוואַט־בריוו האָט ער די אַנטיסעמיטישע ציין געוויזן.

שאָפּענהויער ווידער איז געווען אַן אָפענער שונא־ישראל. ער האָט אידן אַטאַקירט ביי יעדער געלעגנהייט און זיך געפלייסט צו דערנידעריקן ניט נאָר די אידן אַלס פאָלק, נאָר אויך דעם אידישן גייסט.

וואַגנער איז געווען אַן אַנטיסעמיט, הגם ער איז וואַרשיינלעך אַליין געווען אַ האַלבער איד. ער האָט געגעסן פעך און שוועבל אויף אידן, כאָטש אידן האָבן אים געהאָלפן אין זיין אויפשטייג, און אים באַרימט געמאַכט. אויך ער, דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר, איז געווען זייער אַ נידעריקער נפש און ער האָט זיינע בעלי טובות, צווישן זיי אויך מייערבער, וואָס האָט אים דעם וועג געוויזן, מיט שמוץ באַגאָסן. דער טרויעריק באַרימטער טשעמבערליין איז געווען וואַגנערס איידעם און ער האָט אָפּנים זיין שנאה צו אידן פון זיין שווער געגנאַשט.

ניטשע איז ניט געווען קיין אַנטיסעמיט אין דעם נאַצי־זין, אָבער זיינע אַטאַקעס אויף דעם קריסטנטום האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם נאַציזם. ער האָט אפילו שטאַרק באַוואונדערט אונדזער תנ"ך, אָבער קיין אוהב ישראל איז ער פאָרט ניט געווען, און די נאַצים, וואָס פאַרערן אַזוי ניטשען, ווייסן וואָס זיי טוען. כמעט קיינער איז פון דער אידן־שנאה אין דייטשלאַנד ניט פריי. די גאַנצע ביבעל־קריטיק איז געווען מאָטיווירט פון האַס צו אונדזער פאָלק. דעליטשש מיט זיין „ביבל און בבל", וואָס האָט ניט אַנדערש געוואָלט, נאָר אַרויסדרינגען, אַז די אידן האָבן גאָרנישט מחדש געווען, נאָר האָבן אַלץ צוגעג'גנב'עט ביי די באַבילאָנער, איז ניט געווען איינער צווישן די פאָרשער און נישטערער, וואָס האָבן געהאַט אַן אידעאַל צו פאַרקלענערן די וויכטיקייט פון אידישן פאָלק, זיין גייסטיקן אויפטו און זשעני.

לודוויג פייערבאַך, דוד פרידריך שטראַוס און אַ מחנה אַנדערע, די גרויסע פון יענעם דור און די גרויסע כביכול פון דעם היינטיקן דור, ביז שפּענגלער, אַלע זיינען געווען אָפענע און פאַרבאָרגענע אַנטיסעמיטן.

צו דער זעלבער צייט מוז מען אָנווייזן אויף דעם גרויסן אויפשטייג פון אידן אין דער קולטור אין דייטשלאַנד זייט מענדעלסאָנס צייט. דאָס איז אויך איינע פון די חדושים אין פאַרבינדונג מיט דער דערשיינונג: אידן־דייטשן.

די קליינע גרופע אידן האט אין דייטשלאנד ממש וואונדער באוויזן, טראץ דער שנאה און אפשר צוליב איר.

על כל פנים, עס איז א פראבלעם, וואס פארדינט אונדזער און ניט נאר אונדזער אויפמערקזאמקייט.

מיט „שיע פיע" קען מען דאס פראבלעם ניט פארענטפערן.

עס פאדערט זיך א שטודיום. אבער איידער וואס ווען, איין זאך זאלן מיר דאך וויסן: די אידן־שנאה אין דייטשלאנד איז ניט א נאצישער פראדוקט. זי האט דארט שטענדיק עקזיסטירט, געלעבט אלס טיפע שטימונג אין הארץ פון פאלק. די נאצים האבן זי בלויז ארויסגעבראכט אויף דער אויבערפלאך.

אנטיסעמיטיזם האט זיינע אייגענע געזעצן

דער אנטיסעמיטיזם און די עקאנאמיק. — די אידן אין דייטשלאנד זיינען נים געווען קיין באזונדערע גרופע. — די נאציפאליטיק איז אנטי־עקאנאמיש. — רומעניען און פוילן און זייער האס צו אידן. — די שנאה צו אידן איז א שנאת־חנם.

דער אלטער אידן־האס, דער אנטיסעמיטיזם, ווי מען רופט עם היינט, באוועגט זיך אין זיין אייגענער ספערע, ווערט קאנטראלירט פון זיינע אייגענע געזעצן און האט זייער ווייניק צו טאן מיט לאגיק אדער אפילו מיט עקאנאמיק. ער איז אפט קעגן די געזעצן פון דעם עקאנאמישן לעבן פון לאנד, וואו ער ברעכט אוים. ער ווייזט זיך ארוים פיל שטארקער ווי די דאזיקע עקאנאמישע געזעצן, וואס ווערן באצייכנט פון אונדזערע עקאנאמיסטן אלס די „אייזערנע געזעצן". אויב אזוי ווערט דאס אייזן צעשמאלצן פון דעם פלאם פון אידן־האס און זייער כח איז נים איבעריק שטארק.

געוויס איז דער אנטיסעמיטיזם נים אינגאנצן איזאלירט פון דעם עקאנאמישן לעבן פון לאנד. די עקאנאמיק האט אויף אים אויך א ווירקונג, אבער נים קיין שטארקע. דער אנטיסעמיטיזם איז שטארקער פון דער עקאנאמיק. און די עקאנאמישע מאטעריאליסטן וועלכע ווילן אלץ אין דעם געזעלשאפטלעכן לעבן דערקלערן מיט מאטעריאליסטיש־עקאנאמישע פאקטארן, האבן אין אנטיסעמיטיזם א הארטע נוס, וואס לאזט זיך נים לייכט צעקנאקן. דער אנטיסעמיטיזם שטייט אפט אין שארפן ווידערשפרוך צו דער מאטעריאליסטישער אנשויאונג, מיט וועלכער זיי דערקלערן די

סיבות פון זיין אנטפלעקונג אין איין ארט און זיין אויפפלאם אין אן אנדער ארט.

די דאזיקע עקאנאמיסטן האבן אונדז, למשל, ניט געקענט דערקלערן, הלמאי דער אידן־האס האט מיט אזא פייער און פלאם אויסגעבראכן אין דייטשלאנד, און זיי קענען ניט דערקלערן, פארוואס ער האלט אן אזוי, אן שום אפשטומפונג, די גאנצע צייט.

נאך שווערער וועט פאר אונדזערע מאטעריאליסטן זיין צו געפינען עקאנאמישע דערקלערונגען פאר דער אידן־שנאה אין רומעניען, הגם די דאזיקע לייכטצונגיקע פשט׳לער פרואוון שוין אויך די דאזיקע שנאה אנ־רופן אן עקאנאמישע. עס איז ניט ראסע, ווי די נאצי־דייטשן מאכן דעם אנשטעל, נאר עס איז עקאנאמיק.

דערמאנט מען דעם כישוף־שפרוך: „עקאנאמיק", ווערן אלע קריטיקער שטיל. דאס איז היינט דער שליסל צו אלע טירן. אבער ווען מען קלערט זיך אריין, ווערט דאך גלייך קלאר, אז דאס ווארט פארענטפערט און דעם פרט זייער ווייניק, און אז דער שליסל קען די טיר ניט עפענען.

אין דעם פרט רומעניע, וואו דער אנטיסעמיטיזם האט אויסגעבראכן מיטאמאל און האט שוין געמאכט גרויסע חורבנות אין אידישן לעבן און אנגעטאן דעם לאנד גרויסע היזקות, זעט מען נאך שארפער אפילו ווי אין דייטשלאנד, ווי ווייט דער עקאנאמישער פאקטאר איז מאכטלאז צו קאנטרא־לירן דעם מצב און ווי אזוי די שנאה איז שטארקער ווי יעדער פאקטאר. ער האט באמת אין זיך די אורקראפט פון א נאטור־אויסברוך. קיינער קען אים ניט ביישטיין און עס איז שווער אים צו קאנטראלירן. ער פארכאפט גאנצע מענגעס מיט מענטשן ווי אן עפידעמיע, ווי א ווילדע שריפה אין א וואלד. עס טראגן זיך די פלאמען פון בוים צו בוים, כאטש דאס פייער האט זיך אנגעהויבן פון אפגעשלאגענע צווייגן, וואס וואלגערן זיך אויף דער ערד. אויך די העכסטע ביימער קענען זיך ניט ראטעווען פון דעם בייזן, מיט דעם ווינט זיך טראגנדיקן פייער. עס איז גאר ניט נויטיק מער קיין פלאם — א פונק איז גענוג.

אבער אויך אין דייטשלאנד קען די עקאנאמיק שווערלעך דערקלערן די אידן־שנאה. ווייל די דייטשישע עקאנאמיק האט גאר ניט פראפיטירט דער־פון, וואס זי האט רואינירט דעם טייל ווירטשאפט, וואס האט זיך געפונען אין אידישע הענט. די אידן אין דער דייטשישער עקאנאמיק האבן געשפילט א זייער וויכטיקע ראלע, מער ווי זייער פראצענט האט זיי דערצו בארעכ־טיקט, אבער זיכער ניט קיין דאמינירנדע ראלע. אין בעסטן פאל האבן זיי אויסגעמאכט אייניקע פראצענט פון דער דייטשישער ווירטשאפט. די אידן האבן געהאט אייניקע בראנזשעס אין זייערע הענט, געוויס פון באדייטונג, אבער ניט פון די וויכטיקסטע. די שווערע אינדוסטריע איז אין אידישע

הענט ניט געווען, אידן זיינען אין איר קוים געווען פארטראטן. אין דער אגראר־ווירטשאפט האבן אידן קיין חלק ניט געהאט. אין דער פינאנצן־ספערע זיינען אידן געווען פארטראטן מער ווי זיי זיינען געווען בארעכ־טיקט לויט זייער צאל, אבער די פינאנצן זיינען אין אידישע הענט סוף כל סוף ניט געווען.

די אידן זיינען אפשר געווען א קאנקורענץ צו געוויסע דייטשישע געש־עפטן. די גאנצע סיסטעם איז דאך באגרינדעט אויף קאנקורענץ, אבער זיכער איז, אז קעגן איין אידישן קאנקורענט, וואס א דייטשישער געשעפטס־מאן האט געהאט אויסצושטיין, האט ער געהאט ניינציק ניט־אידן, אויב ניט מער.

די אידן אין דייטשלאנד האבן מיט זיך ניט פארגעשטעלט קיין באַ־זונדערע פרעמדע גרופע, וואס האט גענומען איינפירן אין לאנד אנדערע געשעפטס־פרינציפן און שאפן אז אנטי־דייטשישע אטמאספערע. להיפוך, די דייטשישע אידן האבן געפירט דאס דייטשישע געשעפט לויט דער באַ־רימטער דייטשישער סיסטעם און דייטשישן ארגאניזיר־געניוס.

די אידן האבן זיכער געהאלפן דעם דייטשישן האנדל און דעם עקאָ־נאמישן לעבן פון לאנד. זיי האבן די דייטשן פון די עקאנאמישע צווייגן ניט געקענט ארויסשטויסן. זיי זיינען געווען, ראשית, צו ווייניק אין צאל, אינגאנצן א האלבער פראצענט — א האלבער מיליאן אידן צווישן פיר און זעכציק מיליאן דייטשן, און, והשנית, האבן אידן מיט פיל פאכן זיך גאר ניט באשעפטיקט. דאס פעלד איז געבליבן פריי פאר די דייטשן, פאר די אריער.

די אידן אין דייטשלאנד האבן לכל הדעות פיל געהאלפן דעם דייטשישן האנדל אין אויסלאנד מיט זייערע באציאונגען און מיט זייערע איינגעבוירענע פייאיקייטן צו פארשטיין די מענטאליטעט פון אנדערע פעלקער און זיך צו איר קענען צופאסן.

אט צוליב די טעמים האט מען טאקע גערעכנט, אז דער אנטיסעמי־טיזם וועט אין דייטשלאנד זיך ניט אננעמען. אין פוילן האט מען נאך גע־קענט פארשטיין, די אידן זיינען געווען די הויפט־הענדלער און דער ניט־אידישער מיטלקלאס האט געוואלט די אידן ארויסשטופן, כדי צו פארנעמען זייער פלאץ. די אידן זיינען אויך פיל פייאיקער פון די פאליאקן. האבן זיך די לעצטע באהאלטן אונטער דער פאן פון פאטריאטיזם. אין דייטשלאנד אבער איז דאס פאלק קולטורעל און עס איז אליין זייער פייאיק. די אידן זיי־נען קאנקורענטן, אבער די דייטשן פון זייער באשעפטיקונג האבן זיי ניט ארויסגעשטויסן און זייערע פלעצער ניט פארכאפט. טא וואו פאסט זיך דא עקאנאמישער אנטיסעמיטיזם? פאסט זיך עס טאקע ניט. אבער דער אנטיסע־מיטיזם האלט זיך און קיינער וועט ניט לייקענען, אז צווישן דעם דייטשישן

פאלק, צווישן אלע זייַנע שיכטן, איז דער אנטיסעמיטיזם גאַנץ גוט פאַרטראַטן. איינגנטלעך ניט פון נעכטן, ניט מיט דעם קומען פון די נאַציס, נאָר שטענדיק איז געווען אנטיסעמיטיזם, אבער פאַרוואָס איז ער געוואָרן אזוי שטאַרק די לעצטע יאָרן? און פאַרוואָס האָבן די נאַציס זיך גענומען פאַר דעם אנטיסעמיטיזם כדי מיט אים צו געווינען דאָס פאָלק? וועגדט מען דאַרויף אן אלערליי תירוצים, אבער זיי זיינען אלע ריין פסיכאלאגישע און האָבן מיט עקאָנאָמישע פאַקטאָרן גאָר ניט צו טאָן. די אידן זיינען אין דייטשלאַנד ניט געווען די עקספּלואַטאַטאָרן פון די מאַסן, זיינען ניט געווען קיין אַרויסהעלפער פון דעם הויפּט־עקספּלואַטיר־קלאַס, — ווי מען האָט אין די לעצטע יאָרן גענומען דער־קלערן די פּאָגראָמען אויף אידן אין פוילן פון כמעלניצקים צייטן; עס איז דערפאַר, וואָס די אידן האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די פּריצים, אָדער בע־סער געזאָגט, זיינען געווען די שלוחים פון די פּריצים, האָט מען זיך אין זיי נוקם געווען. דער פּריץ איז געווען דער הויפּט־עקספּלואַטאַטאָר פון די פּויע־רים, אבער די אידן זיינען געווען די דורכפירער פון דער עקספּלואַטאַציע, האָט מען דערפאַר אויסגעלאָזט דעם כעס צו די אידן.

עס איז ניט געווען אזוי דער פאַל אין דייטשלאַנד. אידן זיינען דאָרט ניט געווען צווישן די הויפּט־עקספּלואַטאַטאָרס. די אידן האָבן דאָס לאַנד ניט פאַרכאַפּט. די אידן, פאַרקערט, זיינען געווען צווישן די פּרייעסטע עלע־מענטן פון לאַנד, זיינען געווען די בעסטע פריינט פון אַרבעטער און פון פּשוט'ן פאָלק, און דאָך איז דער אנטיסעמיטיזם געוואַקסן ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן דווקא צווישן די אָרימע מאַסן, פון וועלכע די נאַצי־מחנות זיינען באַשטאַנען. מיט וואָס דערקלערט מען דאָס?

ענטפערט מען: די מאַסן זיינען געווען אומצופרידן מיט זייער לאַגע און עס וואָלט אפשר געווען געקומען צו סאָציאַליזם און קאָמוניזם, האָט מען אָפּגעווענדט דעם צאָרן פון די מאַסן אויף די אידן. איז דאָך די קשיא, פאַר־וואָס זיינען די מאַסן גרייט אָפּצואָווענדן זייער צאָרן פון די אמת'ע שול־דיקע אויף די אידן? סוף כל סוף זיינען דאָך די אידן ניט שולדיק אין זייער אומגליק, נאָר גאָר אַנדערע גרופּן, און פונדעסטוועגן, אזוי שנעל ווי אַגיטאַ־טאָרס דערמאָנען דאָס וואָרט: אידן, איז די מאַסע פיקס און פאַרטיק צו מאַכן די אידן פאַר דעם כפּרה־הינדל און לאָזן לויפן די הויפּט־שולדיקע, גלייך ווי די אידן וואָלטן געווען דער געשמאַקסטער ביסן פאַר די זיך־שאַרפנדיקע ציין. פאַרוואָס איז דאָס אזוי?

די פראַגע ווערט נאָך האַרבער, ווען מען באַטראַכט, ווי אזוי די נאַציס לאָזן ניט אָפּ זייער קרבן, דעם אידן, ספּעציעל אין דער לעצטער צייט. עס האָט זיך אַנגעהויבן אַ באַיקאָט אין דער וועלט קעגן די נאַציס און אידן זיי־נען געווען די הויפּט־פירער פון אָט דער באַוועגונג, וועלכע האָט דייטשלאַנד געבראַכט פיל שאָדן אין איר עקאָנאָמיק און דער היזק האָלט נאָך אַן עד

היום הזה. עס האט זיך אויפגעהויבן אין דער וועלט א פראטעסט־באוועגונג, וואס האט רואינירט דעם פרעסטיזש פון דייטשישן פאלק, און דאך לאזן די נאצים ניט ארויס די אידן פון זייערע חיה׳שע לאפעס.

עס איז שוין איצט באלד קיין יונגע אידן ניטא אין לאנד און דאך הערן ניט אויף די גזירות און מען גרייט זיך צו נייע אנגריפן אויף די ארימע אלטע דערשלאגענע אידן. די שנאה ברענט ווי פייער. דאס זיינען די נאצים, אבער אויך דאס דייטשישע פאלק בכלל איז שטומערהייט מסכים מיט די רציחות. ווייל, ראשית, דארף מען ניט פארגעסן, אז די נאצים אליין זיינען א גרויסער טייל פון פאלק און נאכדעם קומען די אנדערע עלעמענטן — אט, למשל, די יונקערס, וואס זיינען די הויפט־טאן־געבער אין פארשידענע קרייזן. זיי זיינען געוויס ניט אומצופרידן מיט דעם אנטיסעמיטישן פראגראם, ווייל אלא ניט, וואלטן זיי דאך געקענט האבן א שטיקל ווירקונג אויף דעם מאר־ניאק היטלער, אז ער זאל שוין איצט אויפהערן מיט זיינע רדיפות. אבער זיי, שיינט, זאגן אים גארנישט, נאר לאזן אים אנגיין מיט זיינע בלוטיקע מעשים און אויסראטונג־פאליטיק.

עס האבן געשוויגן אויך די פירער פון דער אויסערן־פאליטיק, הגם זיי האבן געוואוסט, אז די שנאה קעגן אידן איז א שטער פאר איר דערפאלג. מען דערלאזט, אז דייטשלאנד זאל אויסברייטערן מיליאנען מארק אין פרעמדע לענדער, וואס דאס אייגענע פאלק דארף אזוי נויטיק האבן, אויף פראפא־גאנדע קעגן אידן. וואו איז דא די עקאנאמישע דערקלערונג פאר דער אומ־זיניקער אנטי־אידישער פאליטיק?

אויב די נאצי־פאליטיק איז עפעס, איז זי דורכאויס אנטי־עקאנאמיש, און דאך פירט זי אן מיטן דייטשישן פאלק, מיט אלע זיינע שיכטן. על כל פנים קיינער פראטעסטירט ניט. אפילו די קירכע, וואס איז כלומרשט אנטי־נאציש געשטימט, האט אבער וועגן אידן גארנישט געזאגט. זיי נעמען זיך אן פאר דער ערשטער גרופע אידישע קריסטן מיט קריסטוסן בראש, אבער זיי זיינען גרייט מקריב צו זיין די אידן פון היינט. עס איז ווייניקסטנס ניט זייער זאך.

עס איז, אלזא, קלאר, אז מיט עקאנאמישע מאטיוון קען מען דעם דייטשישן אנטיסעמיטיזם, וואס איז איינער פון די הויפט־עיקרים פון נאצ־יזם, ניט דערקלערן. פיל ריכטיקער איז שוין די דערקלערונג פון די נאצים אליין פאר זייער אנטיסעמיטיזם. זיי האבן פיינט אידן — זאגן זיי — ווייל זיי האבן אידיש בלוט און די אידישע פילאזאפיע. זיי האבן פיינט די אידישע ראסע, ווייל זי איז אנדערש פון דער דייטשישער. עס איז אן אנדער בלוט. די נאצי־דייטשן קענען ניט דולדן דאס אידישע בלוט, דעם אידישן אויסזען. דער איד רעגט זיי אויף, נאך איידער ער זאגט עפעס אדער טוט עפעס. זיי קענען אויך ניט דולדן די אידישע פילאזאפיע. אידן

זיינען ליבעראַלן, פּאַציפיסטן, שונאים פון קריג. אידן גלויבן ניט, אַז האָנאָר שטייט העכער פון מאָראַל. די נאַציס זיינען אויסגעשפּראָכענע פיינט פון דעם אידישן לעבנס־באַנעם.

דאָס האָט מיט עקאָנאָמיק ניט צו טאָן און עס שיינט, אַז די מאָטיוון, וואָס די נאַציס גיבן אָן פאַר זייער שנאה, זיינען טאַקע ריכטיק.

אַלזאָ, ניט עקאָנאָמיק, נאָר אמת'ע ראַסן־שנאה, וואָס זי פירט צו אַן עקאָנאָמישער אויסראָטונג פון דער אידישער גרופּע אין נאַצי־לאַנד, כאָטש די אויסראָטונג האָט געשאַפן פאַר דעם לאַנד שוועריקייטן און אַ שלעכטן נאָמען אין דער וועלט. דאָס אַרט זיי ניט. זייער שנאה איז שטאַרקער פון אַלץ.

אין רומעניע זעט מען די זאַך נאָך בולט'ער. אין רומעניען איז קיין קריזיס ניט געווען. אין דייטשלאַנד האָט מען אונדז געטרייסט, אַז לעולם מיינט מען ניט די אידן, נאָר ניט מער, דאָס פאָלק איז דערשלאָגן, מחמת עס הונגערט און עס האָט פאַרלוירן דעם קריג, האָט עס געזוכט אַ קרבן אויף וועמען אַרויפצולייגן די שולד, האָט מען זיי אונטערגערוקט די אידן. האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט אין דער מציאה. עמיצער מוז דאָך זיין שולדיק; אויף זיך אַליין נעמען די שולד וויל מען ניט, איז כאַפּט מען זיך פאַר דעם תירוץ, אַז די אידן האָבן דעם דייטשישן פאָלק אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין רוקן. איז דאָס אויך אַ מאָדנע סיטואַציע. מען דאַרף אַ שולדיקן, איז גענוג, אַז עמיצער זאָל זאָגן, אַז די אידן זיינען שולדיק, און גלייך גלויבט דאָס פאָלק און עס איז גרייט די אידן צו רודפ'ן. ווער עס זאָל ניט זיין שולדיק — דער איד ווערט פאַרברענט.

אָבער אין רומעניע האָט מען דאָך ביז די סאַמע לעצטע טעג, ביז דער צעטיילונג פון לאַנד, ניט געקענט געבן דעם דאָזיקן תירוץ. די רומענער האָבן דעם קריג ניט געהאַט פאַרלוירן. זיי האָבן גאָר דעם קריג געוואונען. קיינער איז אין רומעניע ניט געווען הונגעריק, און דאָך האָט מען זיך גע־נומען צו אידן.

אין רומעניען זיינען די אידן ניט אַזוי פיל אין די פּראָפעסיעס ווי אין דייטשלאַנד, נעמען ביי די רומענער קיין פּרנסה ניט צו. עס איז אויך ניטאָ קיין איבערפלוס ביי דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ. עס פעלן גאָר אויס אין לאַנד דאָקטוירים, אינזשינערן, אַרכיטעקטן. אַלץ פעלט. אידן לאָזט מען שוין דאָרט לאַנג ניט צו צו די פּראָפעסיעס. עס איז אויף דעם געביט קיין אידישע קאָנקורענץ ניטאָ. די אידן זיינען סוחרים, אָבער דאָס רומע־נישע פאָלק האָט דערווייל נאָך אַ קליינעם פּראָצענט, וואָס וויל זיך פאַרנע־מען מיט האַנדל. דער רומענער וויל שנעלער גיין אין דער פּאָליטיק, וואָס דאָס מיינט לאַפּקע־געלט אַן אַ שיעור, ניט דאַרפן אַריינטאָן אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער. די אידן שטעלן צו דאָס לאַפּקע־געלט.

די אידן זיינען אויך ניט די איינציקע סוחרים אין דער מדינה. עס זיי־

נעז פאראן סוחרים פון צוויי אנדערע פעלקער — די גריכן און ארמענער. שארפע געשעפטסלייט, שארפער ווי די אידן. די פויערים האבן דווקא ליב צו האנדלען מיט אידן, וועלכע זיי באטראכטן פאר ערלעך און פריינטלעך און דאך ווערן אידן שטענדיק אטאקירט און עס איז פאראן א שטענדיקע אנטיסעמיטישע פארטיי, וועלכע ציט הונדערטער טויזנטער שטימען. וואס איז די דערקלערונג?

דער אמת איז, אז די עקאנאמיק איז דא ניט פארוויקלט. עס האנדלט זיך גאר אינגאנצן ניט וועגן דעם. דער אנטיסעמיטיזם דערקלערט זיך ניט נאר אין רומעניע, נאר אומעטום גאר מיט אן גאנץ פשוט'ן מאטיוו: מיט דער קנאה און מיט דער קרענקלעכער תאווה פון מענטש צו האבן אן עלעמענט איבער וועמען צו קענען הערשן.

מיט עקאנאמיק האט עס גאר ניט צו טאן. אין רומעניע פירט נאך דער איד דורך גאר א זייער וויכטיקע פונקציע, וואס דאס לאנד דארף האבן. ווען עס וואלטן קיין אידן ניט זיין וואלט מען זיי געדארפט אימפארטירן. איז לויט דער מאטעריאליסטישער וועלט־אנשויאונג וואלטן אידן אין רומעניע געדארפט זיין דאס אויבערשטע שטויסל און פונדעסטוועגן זעט איר דאך, די אידן ליידן אין דעם ציגיינער־לאנד שטענדיק פון אנטיסעמיטיזם.

ווען עס קומט צו אנטיסעמיטיזם, איז עקאנאמיק די לעצטע דערקלערונג. די מאטיוון זיינען פרימיטיווערע, באוועגן זיך אין דער ספערע פון אינסטינקטן, ליידנשאפטן און עמאציעס ווי: קנאה און גייציקייט.

די שנאה צו אידן איז באמת א שנאת חינם, אפט אן אן עקאנאמישער אדער ראציאנעלער דערקלערונג, שפילט זיך אפילו ניט אפ אויף דעם עקאנאמישן באדן און דערפאר ברענט זי אזוי שטארק.

ניטאָ קיין אָנשטענדיקע אַנטיסעמיטן

דער גיפט ווערט אויך אַריינגעשיקט אין שטוב. — „ניודיל" אַלס „דזשודיל". — ווי די נאַצים אַרבעטן אין אַמעריקע. — סוף כל סוף וועלן מיר זיגן. — די נאַצים האָבן פיינט דעם פרייען מענטש. — זיי וועלן באַצאָלן פאַר דער פאַרהאַרבנקייט.

א

ווען איך האָב אין אַ געוויסן טאָג געעפנט אינדערפרי די טיר, כדי אַריינצונעמען די פּאָסט, האָב איך צווישן די פיל צייטונגען, וואָס איך באַקום, געפונען אַ מימיאָגראַפירטע צייטונג אין ענגליש מיט אַ בלויער הילע אונטער דעם נאָמען: „אַמעריקאַנער בולעטין", מיט אַן אונטערקעפּל: „דער שטאַנדפּונקט פון ווייסן מענטש"...

איך האָב די צייטונג ניט אויסגעשריבן און זי איז, ווי מען האָט געקענט גלייך זען, ניט געקומען דורך דער פּאָסט. עס איז געווען אַ געלייענטע שריפט, ניט גלאַט געלייענט, דורכגעבלעטערט און אַוועקגעוואָרפן נאָר, ווייזט אויס, געלייענט מיט כוונה. אפשר גאָר שטודירט. די צייכנס פון ערנסטן לייענען האָבן זיך געלאָזט מערקן אויף די בלעטער. פאַרפלעקט מיט גראָבע פינגער־סימנים און ביי די ברעגן שטאַרק אָפּגעטראָגן. עס איז קלאָר: עמיצער אין דעם אַפּאַרטמענט־הויז דערהאַלט די צייטונג, און ער האָט זי דורכגעלייענט, אפשר ניט נאָר אַליין, נאָר די גאַנצע פאַמיליע און דער גוטער, ליכטיקער מענטש האָט מיך געוואָלט מזכה זיין מיט דער דאָזיקער צייטשריפט. ער האָט וואַרשיינלעך גרויס הנאה געהאַט, האָט ער געוואָלט, אַז אויך איך זאָל האָבן אַביסל פאַרגעניגן. אַט דאָס איז אַ מענטש! פאַרגעסן, אַ ווייסער מענטש. ניט קיין עגאָאיסט, חלילה.

הכלל, איך האָב אַריינגענומען די מציאה אין הויז אַריין און געכאַפּט א קוק. און ווי זאָגט מען: אורו עיני עס איז פאַר מיר קיין נייעס ניט, אַז אויך אין אונדזער מדינה דרוקן זיך און עס ווערן פאַרשפּרייט אַנטיסעמי־טישע שריפטן און פלוג־בלעטער, פּאַסקווילן, פּאַמפלעטן און אויך ביכער, אימשטיינס געזאָגט. נאָר אינו דומה, עס איז ניט גלייך הערן צו זען.

יעדעס מאָל ווען אַזאַ טייערער חפץ קומט מיר אין די הענט אַריין, לעב איך דורך אַ מאָדנעם געפיל. עס איז שווער איבערצוגעבן דאָס געפיל. עס איז אַ געמיש. איך פילט זיך פאַרשעמט, באַליידיקט. איך לאָזט אַהונטער די אויגן, כאָטש קיינער איז ניטאָ דערביי עס צו באַמערקן. איך זייט ניט אין כעס, אָבער איך פילט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט שנעלער, דאָס בלוט קומט אייך אין פּנים. איך דערשמעקט געפאַר. יאָ, זי איז ביי דער טיר. איך ווילט זיך ניט גלויבן, אַז עפּעס אַזעלכעס איז מעגלעך. עס קען ניט טרעפן דאָ, אין אונדזער אַמעריקע. אָבער ווער ווייס? אפשר קען עס יאָ טרעפן. און איך האַלט די צייטונג אין דער האַנט: טאַקע אַן אמת ווי אַ טייערע מציאה. איך ווילט זי ניט אַוועקוואַרפן. דאָס געפיל פון רחמנות אויף זיך אַליין דער־וועקט זיך אין אייך. מיט וואָס האָבן מיר, אידן, זיך אַזוי פאַרזינדיקט, אַז מען זאָל אונדז אַזוי טיף האַסן מיט אַ גיהנום׳שער שנאה? מיט וואָס האָבן מיר אַזוי פאַרזינדיקט, אַז אַ גאַנצע וועלט זאָל זיך מיט אונדז פאַרנעמען? זיינען מיר באמת די וויכטיקסטע מענטשן אויף דער גרויסער ערד? זיינען מיר די אינטערעסאַנטסטע באַשעפענישן? וואָס וויל מען פון אונדז? וואָס לאָזט מען אונדז ניט צורו? עס איז אַן אַנגענעם געפיל דער מאַרטירערטום. עס איז אויך אַ סאָרט „טריל", ווי מען רופט עס אין ענגליש. אַ וואָרט, וואָס לאָזט זיך ניט לייכט איבערזעצן.

איך האָב אַריינגעקוקט אין דער שריפט. אויף יעדער זייט אַ „פּערל". מען רעדט מיט גאַל ווענן אידן, קיין אונטערשיד ניט ווער זיי זיינען. מען רעדט אָפן, אַז עס וואָלט געווען גוט, ווען דער אידישער שבט וואָלט זיך אויפגעהויבן און פאַרלאָזט דאָס לאַנד און דווקא אַרום דער בעטערי גלייך אין וואַסער אַריין. און עס ווערן דערמאָנט אידישע פאַרברעכנס, אַ גאַנצער טויז. אָט דאָס זיינען די אידן!

און עס פעלט ניט, נאַטירלעך, אַ פּאָר שטעכווערטלעך אויף דעם חשבון פון בארני באַרוך, וואָס האָט פאַרכאַפּט וואַשינגטאָן, מיט וועמען מען וועט זיך אָפּרעכענען, און סעמי אונטערמייער, דער אידישער לאַיער, און, נאַטירלעך, פאַרגעסט מען ניט אין מאַרקסן, דער הויפּט־זינדיקער, און זיג־מונד פרויד. אויך ער איז ניט נושא חן אין די אויגן פון דער אַנטיסעמיטישער באַנדע. און מען לאַכט און מען שפּאַסט. אויף יעדער זייט טרעפט איר „אוי, אוי, אוי" — דאָס־דאַרף זיין אַ געלונגענער וויץ. די אידן קרעכצן, פרייען זיך די גאַרגל־שניידער. און מען פאַרגעסט ניט דעם גאַנצן אידן, נאָ־

ווערנאר לעהמאן, און ניט דעם האלבן אידן מעיאר לאגוואַרדיע, וועלכער אונטערהאַלט זיך מיט ראַביי ווייז ביז שפּעט אין דער נאַכט און דעם גוי מאַקדאַנאַלד — ער האָט זיך אויך פּאַרזינדיקט. „ניו דיל" ווערט שטענדיק באַצייכנט אַלס „דזשו־דיל". עס איז ניט אַ שריפט, עס איז אַן אמת׳ער בלוד־מענקראַנץ.

וגם חרבונה זכור לטוב. מען דערמאָנט די אידישע וואָדעוויל־קינסטלער, וואָס האָבן געביטן זייערע אידישע נעמען: עדי קאַנטאָר איז ער איצקאָוויטש, מילטאָן בערל איז בערלינגער און פּעננער איז פּערלמאַן און בוירנס איז בערנשטיין און האָווארד איז לעפקאָוויטש, און אַזוי ווייטער. הכלל, איר זעט די חברה מאַשעניקעס, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר ריכטיקע אַמעריקאַנער. די מאַסקע אַרונטער! זיי זיינען אידן, ניט פון דער נאָרדישער ראַסע. רחמנא יצילנו. עס איז געווען. און די אַנאָנימע שרייבער שטשירען מיט די ציין, האַלטן זיך ביי די זייטן. די נעמען אַליין רופן אַרויס גרויס געלעכטער. כאָטש איצ־קאָוויטש האָט דאָך מיט אידיש גאָרניט צו טאָן. אויף אונדזער לשון וואָלט ער דאָך געהייסן אָדער „יצחק" אָדער „בן־יצחק". גאָר ניט אַזוי מיאוס. די ענדע מיט דעם „קוויטש" געהער דאָך גאָר צו דער סלאַווישער ראַסע, מיט וועמענס בלוט די פריסן האָבן פאַרבעסערט זייער שיינעם, ווילדן פּראַ־אַדמ׳דיקן שטאַם.

לאָז איך אַרויס די שריפט פון דער האַנט. געווען פאַר אַ פּרימאַרגן. נישקשה פאַר אַ פרישטיק. און נעם זיך צו די ציייטונגען, וואָס איך באַקום געוויינלעך. אידישע, אידיש־ענגלישע, און ריין ענגלישע. וואָס האָבן זיי מיר צו דערציילן? שומר, מה מלילה? איז פאַראַן עפּעס אַ טריסט־וואָרט, אַ בשורה פון ערגעץ, זאָל זיין פון הינטער די הרי חושך? אָבער אומזיסט. דער אידישער הימל איז שוואַרץ ווי פּעך. געדיכטע וואָלקנס הענגען ווי בערג אַרונטער, ווי העלפאַנטן, ווי בייזע חיות. ניטאָ קיין טרייסט. עס איז אַ קאָנספּיראַציע קעגן אידן אויף דער גאַנצער ליניע. דאָס אידישע הויז ברענט. פון אַלע פיר עקן. עס איז שווער צו גלויבן. אַ ביליאָן מענטשן קעגן אַ אַנדערהאַלבן צענדליק מיליאָן. אַלע אויף איין מאָל. עס איז להרוג ולאבד — אויסרייסן אידן מיט דעם וואָרצל, אַז עס זאָל פון זיי קיין זכר ניט בלייבן.

פּאַגראָמען איז דער איינציקער וועג. אַנדערש וועט מען פון אידן ניט פּטור ווערן. רומעניע איז אַ גוטער תלמיד פון די נאַצים. דאָרט רעדט מען אויך וועגן בלוט־בעדער. ניט קאַלטער פּאָגראָם בלויז. אַט דער פּראָצעס איז צו פּאַמעלער. די שונאים ווילן שנעלער. בלוט זאָל זיך גיסן איבער די גאַסן. וועגן דייטשלאַנד איז דאָך איבעריק צו ריידן. דאָרט איז דאָך דער מקור הטומאה. יעדן טאָג נייע גזרות, נייע בלוט־צאַפּעניש. נייע טייוולשע שטיק. מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן? אָבער וואָרט. די מאָס איז נאָך ניט פאַרפולט. עס איז פיל ערגער. פונקען פון העלישער שנאה

האבן שוין פארשפריצט אויך קיין פראנקרייך. אין פאריז שרייען שוין אויך סטודענטן: טויט צו די אידישע פראפעסארן.

און אין דער נייער וועלט? אט ליגט די שריפט מיט דער בלויער הילע. דעם וויסן מענטשנס שטאנדפונקט. דאס איז ביי אונדז. אין מעקסיקא איז נאך ערגער. וויפל אידן זיינען דען פאראן אין מעקסיקא? און זיי זיינען אן אמת'ע ברכה פאר דעם לאנד, זיי אנטוויקלען די קליינע אינדוסטריע, וואס דאס לאנד דארף אזוי נויטיק. מען וואלט געדארפט גאר דאנקען אט די אידן, ווען עס וואלט זיין אביסל יושר אויף דער וועלט, בענטשן, אגשטאט שילטן. לסוף זיינען מיר דער באפעלקערונג גרוים אין די אויגן. ניין, ניט דער באפעלקערונג, זי וואלט אונדז אפשר געלאזט צורו, אבער עס זיינען דארט פאראן ביטערע שונאי ישראל און זיי העצן קעגן אונדז. העצן אן אויפהער, צינדן אן א פייער און גיסן דארויף אויל, שטענדיק, טאג־איין, טאג־אויס. פארוואס? מיט וואס האבן מיר זיך אזוי פארזינדיקט? אומזיסט וועט איר זוכן אן ענטפער. איר וועט אים ניט געפינען. איז גאר קיין טרייסט ניטא? קיין גאנצע ניט — נאר א האלבע טרייסט אפשר יא. עס איז „חצי נחמה" ווי די העברעער זאגן.

ב

אין אן ארטיקל אונטער דעם נאמען: חצי נחמה" האט אחד־העם אומעפער געשטעלט די פראגע: א גאנצע וועלט זאגט, אז מיר זיינען שולדיק. נאר מיר זאגן: ניין! פון וואנען וויסן מיר, אז די באשולדיקונגען, וואס אונדזערע שונאים מאכן קעגן אונדז, זיינען ניט ריכטיק? אפשר זיינען זיי גערעכט און מיר זיינען טאקע שולדיק? להם הצדקה ואנו רשעים? ווען צוויי מענטשן זאגן שיכור, דארף זיך דער דריטער לייגן שלאפן. כאפט זיך אחד־העם אן אין א שטרוי. ער דערמאנט עלילת דם. די פעלקער באשולדיקן אונדז אין געברויכן גוי'אישע בלוט אויף פסח. דער בלבול חזר'ט זיך איבער שוין הונדערטער יארן. די אידן טוען אריין בלוט אין זייערע מצות. זיי קוילן גוי־אישע קינדער פאר דעם צוועק. טויזנטער אידן זיינען געפייניקט געווארן אין די געפענקענישן צוליב דעם בלבול. כאטש מיר וויסן, אז עס איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. עס איז ניט ווי דאס ווערטל זאגט: „דארט וואו עס איז רויך, איז אויך פאראן פייער". אדער ווי אידן זאגן: אז מען קלינגט אין קלויסטער איז א חאגע. ווען מענטשן ריידן און באשולדיקן, איז אויב עס איז ניט אינגאנצן אמת, איז כאטש עפעס אמת. זאל זיין די גרויס פון א פינטעלע. פטור בלי כלום אי אפשר. אין דעם פרט פון עלילת דם וויסן מיר קלאר, אז דאס איז שוא ושקר. און דאך העלפט עס

אונדז ניט. די וועלט גלויבט דאָך און צווישן די וואָס גלויבן, געפינען זיך אויך וויכטיקע געלערנטע.

איז אויב אַזוי, האָבן מיר רעכט צו זאָגן: אַז די בלוט־באַשול־דיקונג איז אַ בלבול, אַ מיאוס׳ער בלבול, אַן אַ טראָפּן אמת. אידן און אַ דורשט נאָך מענטשן־בלוט, דאָס איז דאָך דער גרעסטער שקר, וואָס מענטשן האָבן אויסגעטראַכט. אַזוי זיינען אויך די אַנדערע באַשולדיקונגען מיאוס׳ע בלבולים, און מיר מעגן מאַכן דעם סך הכל, אַז ניט דערפאַר ווייל מיר זיינען שולדיק אין די אַלע פאַרברעכנס האָט מען אונדז פיינט, נאָר דערפאַר, ווייל מען האָט אונדז פיינט, מאַכט מען קעגן אונדז די אַלע באַשולדי־קונגען.

מען מוז צוגעבן, אַז דער ארגומענט איז זיכער אַ ריכטיקער, אָבער קיין גרויסע טרייסט איז עס ניט. ער איז אפילו ניט קיין האַלבע טרייסט. וואָס האָבן מיר דערפון, אַז מיר זיינען גערעכט, ווען מיר זיינען אַ קליינע מינאָריטעט צווישן די פעלקער, דאָס הייסט אַ שאָף צווישן וועלף, ווייל אונדזערע שונאים זיינען דער גרויסער רוב און זיי טראַכטן אויף אונדז אויס יעדן טאָג נייע בלבולים און אויף דעם יסוד אויך נייע גזרות און פאַר־פאָלגונגען. ווי איז אונדזער האָפנונג, אַז סוף כל סוף וועט דער נצחון זיין אויף אונדזער זייט? אַז כאָטש מיר זיינען ווייניק אין צאָל, וועלן מיר דאָך איבערקומען די שלעכטע צייטן און בעסערע זיינען פאַר אונדז אָנגע־גרייט אין דער נאָענטער צוקונפט?

אויף דער פראַגע גיט עס נאָר איין ענטפער: אונדזער גאַראַנטיע, אַז סוף כל סוף וועלן מיר זיגן, שטעקט דערין, וואָס אונדזערע שונאים זיינען, געוויינלעך, אומאַנשטענדיקע מענטשן, על פי רוב באַנדיטן, אויסוואורפן, דער אפשוים פון דער מענטשהייט. עס זיינען ניטאָ קיין אַנשטענדיקע אַנטי־סעמיטן. עס זיינען אויך ניטאָ קיין ריינע אַנטיסעמיטן. דאָס הייסט: אַנ־טיסעמיטן, וואָס האָבן אַלעמען ליב, נאָר אונדז האָבן זיי פיינט. מיר זיינען דער ציל פון דער שנאה. אויב דאָס וואָלט געווען אַזוי, וואָלטן מיר באמת געמעגט פאַרצווייפלען, און אונדזער איינציקע טרייסט וואָלט געמוזט זיין אונדזער באַוואוסטזיין, אַז מיר זיינען ניט שולדיק, אַז אַלע באַשולדיקונגען זיינען בלויז בלבולים אויף אונדז. אַ גאַנץ קנאַפּע טרייסט.

צו אונדזער גליק איז די לאַגע גאַנץ אַנדערש. די אַנטיסעמיטן, אַזוי ווי מיר קענען זיי ניט פון נעכטן, זיינען, געוויינלעך, אוממאָראַלישע מענטשן. מיר קענען לייכט ציען אַ פאַרגלייך צווישן זיך און זיי און באַלד געווינען די איבערצייגונג, אַז ניט מיר, נאָר זיי זיינען די פאַרדאָרבענע מענטשן. זיי זיינען די רעאַקציאָנערן, די פינצטערלינגען, און ווען זיי וואָלטן געקענט, וואָלטן זיי דער זונס אויסגעלאָשן. ווען זיי וואָלטן געקענט, וואָלטן זיי איינפירן שקלאַפעריי און וואָס ניט? די ערגסטע לעבנס־פאָרמען פאַר

די איבעריקע מענטשן, אבי נאר זיי זאלן קענען הערשן און לעבן א גוטן טאג אויף דעם חשבון פון אנדערע מענטשנס שוויים.

ווען מיר נעמען דעם לעצטן ביישפיל, די היטלעריסטישע מכה, דעם נאציזם: אין אנהויב האט ער זיך געקליידעט אין ראדיקאלע פעדערן, ער האט אפילו גערעדט פון סאציאליזם. עס האט אויסגעזען, אז די מענטשן זיינען אין אלע פרטים פראגרעסיוו, נאר אין איין פרט זיינען זיי אנדערש פון די סאציאליסטן, ווייל זיי שליסן אויס אין זייער פראגראם אידן־האס. איז עס טאקע געווען א פלא פאר די וואס קענען ניט קיין אנטיסעמיטן, ווייסן ניט פון וועלכן שטאף זיי זיינען געוועבט. אבער ניט פאר די, וואס קענען די אנטיסעמיטן פון יעדן פאלק אין די פארשידענע צייטן.

די נאציס האבן די וועלט לאנג ניט גענארט. ווי נאר זיי זיינען געקומען צו דער מאכט, האבן זיי ארונטערגעריסן די מאסקע און איצט זעען אלע, אז זיי זיינען ניט נאר אנטיסעמיטן, נאר א באנדע גנבים, רוצחים, אומאנשטענדיקע מענטשן, שונאים פון אלץ, וואס איז שיין אין מענטשלעכן לעבן. זיי זיינען פייאיק אויף די גרעסטע נידערטרעכטיקייטן, ווען עס האנדלט זיך צו דערהאלטן זייער מאכט. זיי זיינען פייאיק צו שפאנען רואיק איבער בערג הרוגים, צו קוילענען די אייגענע פאטערס און מוטערס אום נאר צו קענען „שאלטן און וואלטן".

די נאציס האבן ניט נאר די אידן פיינט, נאר אויך די ליבעראלן, די פאציפיסטן, די אמת'ע סאציאליסטן, די אויפריכטיקע קריסטן און יעדן מענטשן, וואס פארמאגט נאר א פונק פראגרעסיוון געדאנק. זיי האבן באוויזן זייער פארדארבנקייט אין טויזנט און איין וועג. דער פירער אליין, וואס האט פארבלענדט די אויגן פון דייטשישן פאלק, האט זיך אנטפלעקט אלס א חיה רעה. מיט דער אייגענער האנט האט ער קאלטבלוטיק, ווי אן אמת'ער רוצח, אומגעבראכט זיינע פריינט, וואס האבן אים גרויס געמאכט. ער איז אויך ניט, חלילה, קיין שונא בצע. ער האט ליב געלט און א סך. דער ארימער פארבער. און ער מאכט עס אויף אלערליי אופנים. דער ארימער היטלער, וואס האט געלעבט פון נדבות, לעבט איצט רייכער ווי דער אמאליקער קיסר, און האט גענוג געלט צו געבן א האלבן מיליאן מארק א מתנה.

דאס זעלבע איז ריכטיק וועגן גערינג און וועגן דער גאנצער באנדע פון אויבן ביז אראפ. עס איז א מערקווירדיקע חברה, פארפוילט פון אנהויב ביזן סוף. עס איז געלט, זנות, מיאוס'ע אויסגעלאסנקייט, כאבאר, סאדיזם, רציחה, בלוטדורשטיקייט. אט די שיינע לייט האבן אונדז פיינט. מעגן מיר באמת זיין צופרידן, וואס זיי האבן אונדז ניט ליב. זייער פריינטשאפט וואלט געווען פאר אונדז די גרעסטע באליידיקונג. דערצו האבן זיי ניט נאר אונדז פיינט נאר א האלבע וועלט. די נאציס האבן א טיפע שנאה קעגן

פראָנצויזן, פּאָליאַקן און רוסן, און באמת ניט ווייניקער קעגן די ענגלענדער, פאַר וועמען זיי האָבן מורא.

זיי האָבן אַלעמען פֿיינט, און זיי וועלן מיט דער צייט פֿאַר דער שנאה טייער באַצאָלן, נאָר אַביסל געדולד. סוף כל סוף וועלן זיי דאָס מאָל כאַפּן אַ פֿיל גרעסערע מפּלה ווי אין דעם לעצטן קריג. ווייל דאָס מאָל האָבן זיי אַ גאַנצע וועלט קעגן זיך און אַ האַלב פֿון זייער אייגן פֿאָלק אין לאַנד אַליין. זיי וועלן צעריסן ווערן אויך פֿון אינעווייניק.

מיר האָבן געהאַט אַ ביישפּיל פֿון דער געפֿאַלנקייט פֿון אַנטיסעמיטיזם ביי אונדז אַליין אין אַמעריקע, אין דער צייט פֿון די קלוקסער־ממשלה; אויך זיי האָבן ניט נאָר אידן פֿיינט געהאַט — איבער פֿיר מיליאָן, — נאָר אויך קאַטאָליקן — איבער צוואַנציק מיליאָן — און די נעגער — אַ צוועלף מיליאָן — און די ליבעראַלן און ראַדיקאַלן, וואָס ניט איבערטריבן, באַטרעפֿן אויך אַ צען מיליאָן — מיט איין וואָרט, באַלד אַ האַלב פֿון דער באַפֿעלקערונג. דערצו זיינען זיי געווען פּשוט'ע שווינדלער און גנבים, האָבן זיי, נאַטירלעך, זיך ניט געקענט לאַנג האַלטן. אויך די נאַציס וועלן באַצאָלן פֿאַר זייער פֿאַרדאָרבנקייט און אוממענטשלעכקייט. מיר וועלן האָבן אונדזער נקמה און זיי — זייער פֿאַרדינטע שטראָף.

מיר ווען ניט גיין צוריק אין געטאָ

אמאָל האָט די שנאה געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. — מען האָסט די אידן פאַר זייער פאַציפיזם. — מיר ווילן צוריק אין געטאָ ניט גיין. — אונדזער ענטפער.

אַנטיסעמיטיזם איז ניט קיין נייע דערשיינונג אין אונדזער לעבן. ער איז אפילו עלטער פון דעם אידישן גלות, אָבער וואָס עס קומט פאָר איצט אין איראָפּע, איז דורכאויס ניי. דער קרן איז דער זעלבער, עס איז דער אַלטער הבה נתחכמה... מען האָט מורא פאַר דעם אידן, טאָמער וועט ער אויסוואַקסן, מען האָט מורא פאַר זיין אויפשטייג. זיי זיינען אָבער די פאַר־מען פון אַנטיסעמיטיזם. און די טרעגער פון דעם אַנטיסעמיטישן באַציל זיינען אויך נייע. עס איז אַ נייער סאָרט, וועגן וועלכן מען מוז זיך ערנסט פאַרטראַכטן. דער אומגליק קומט פון אַ פלאַץ, אויף וועלכן מיר האָבן זיך צום ווינציקסטן געריכט.

אין די גאָר אַלטע צייטן זיינען די אויפהעצער קעגן אידן געווען די גלחים. דער אַנטיסעמיטיזם האָט געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם רעליגי־יעזן כאַראַקטער. מען איז קעגן אידן דערפאַר, ווייל זיי זיינען פאַר'עקשנ'ט אין זייער גלויבן, ווייל זיי ווייזן צוריק דאָס קריסטנטום, דעם מאַכמעדאַ־ניזם. ווי האָט עס המן פאָרמולירט: ודתיהם שונות, זיי האָבן אַנדערע געזעצן. זיי לעבן אַן אייגן לעבן, זיי האַלטן זיך פרעמד פון אונדז, איז דערפאַר דאַרף מען זיי אומברענגען.

די רעליגיע איז קיינמאָל ניט געווען דער איינציקער מאָטיוו. עס זיינען שטענדיק אויך געווען עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, וואָס האָבן מיטגעשפּילט. אמאָל זיינען זיי באמת גאָר געווען דער הויפּט־מאָטיוו פון דער העצע. דאָס אידישע פאַרמעגן האָט געריסן די אויגן און ניט געלאָזט שלאָפן. דער אַרי־

מער מענטש איז מקנא דעם רייכן אויך פון זיין אייגן פאָלק. אָבער קעגן אים קען ער זיך ניט אָפּט בונטעווען, סיידן ער זאָל אַרויסקומען קעגן דעם אָנגענומענעם סדר. דאַרויף איז דער געוויינלעכער מענטש ניט פּייאיק און ניט אַלע צייטן זיינען מסוגל פאַר אַזעלכע בונטן. גאַנץ אַנדערש איז, ווען די רייכע זיינען פרעמדע, פון אַ פרעמד לאַנד און נאָך גרעסער איז דער האַס צו זיי, ווען זיי זיינען פון אַן אַנדער רעליגיע. דעמאָלט טרעט מען ניט אַרויס קעגן רייכע, נאָר קעגן די כופרים, די אומגלויביקע, וואָס וואוינען ביי אונדז אין לאַנד, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו די פרומע, די גלויביקע.

עס איז ניט אַ רויב־צוג, נאָר אַ קרייץ־צוג. עס איז פאַר גאָט און זיינע פריינט, אָבער דער אמת איז, אַז אויסן איז מען דאָס ביסל פאַרמעגן.

דאָס זיינען אַלץ אַלטע פאַקטן. קלאָר איז, אַז אין דער צייט פון רעלי־גיעזער אומטאָלעראַנץ, האָט דער אַנטיסעמיטיזם אָנגענומען אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. די אויפהעצער האָבן צוליב זייערע צוועקן אויסגענוצט דעם רע־ליגיעזן פאַנאַטיזם פון די מאַסן, כדי אויפצורייצן זיי קעגן די אידן.

שפּעטער, אין דער מאָדערנער צייט, ווען דער קאַמף פאַר רעליגיעזער פרייהייט ווערט געוואונען, בייט דער אַנטיסעמיטיזם זיין פאָרם. מען רעדט איצט ניט מער וועגן דער אַנדערשקייט פון דער אידישער רעליגיע, מען קומט ניט אַרויס מיט טענות, פאַרוואָס די אידן ווערן ניט קיין קריסטן. ווער שמועסט פאַדערן, אַז מען זאָל אידן באַשטראָפן פאַרוואָס זיי האַלטן זיך ביי דער אידישער אמונה און זאָגן זיך אָפּ צו „זען דאָס ליכט". וועגן אַזעלכע זאַכן קען מען היינט ניט ריידן. דאָס געזעץ דערלויבט יעדער גרופּע צו לעבן לויט איר געוויסן. עס איז אויסגעקעמפט געוואָרן געוויסנס־פריי־הייט, לכל הפחות אָפיציעל ווערט אין אַלע לענדער דער פּרינציפּ אָנער־קענט.

געוויס דאַרף מען עס ניט פאַרשטיין, אַז די שנאה צו אידן צוליב זייער פרעמדער אמונה האָט אינגאַנצן נאָכגעלאָזן. דער פאַנאַטיקער קען אידן נאָך אַלץ ניט מוחל זיין דעם חטא. די קאַטאָליקן אין זייערע זונטיק־שולן הערן נאָך אַלץ ניט אויף אַריינקלאַפּן אין די קעפּ פון דער יוגנט, אַז דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון דעם דערלייזער ליגט אויף אונדזערע קעפּ. מיר זיינען נאָך אַלץ דאָס זינדיקע פאָלק, דאָס פון גאָט פאַרשטויסענע, מיר זיינען דאָס קין־פאָלק, וואָס האָט ניט קיין צייכן אויף זיין שטערן און ווער עס וויל, מעג אים הרג'ענען. מיר זיינען הפקר.

די פּראָטעסטאַנטישע פאַנאַטיקער זיינען אויך ניט בעסער. לוטהער איז געווען דער וויכטיקער באַגרינדער פון פּראָטעסטאַנטיזם אין דייטשלאַנד און ער האָט געגאָסן אש להבה אויף אידן, האָט זיי מחרים־געווען און געשטעלט אויסער די גרענעצן פון געזעץ. די טראַדיציע האַלט נאָך אַן ביי פיל פּראָטעסטאַנטן.

עס איז זיכער נאָך פאַראַן אַ שטאַרקער רעליגיעזער עלעמענט אין דער אידן־שנאה, אָבער ער איז איצט ניט דער הויפּט־מאָטיוו. דער דור דערלויבט ניט אַזאַ סאָרט שנאה. מען שעמט זיך היינט מיט רעליגיעזער אומטאָלע־ראַנץ, מיט רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען.

אין צאַרישן רוסלאַנד, למשל, האָבן די הערשער זיך באַנוצט מיט די אידן אַלס בליץ־אָפּלייטער, כדי אָפּצוציען דעם כעס פון די מאַסן, וואָס וואָלט געקענט ווערן פאַר זיי געפערלעך. דער איד, האָט עס געהייסן, איז שולדיק אין זיין אומגליקלעכן מצב, ווייל ער זויגט אויס דאָס בלוט פון דער באַ־פעלקערונג.

אַמאָל מאַכט מען דעם אידן שולדיק אין די נייע רעוואָלוציאָנערע אַי־דייען, וואָס באַווייזן זיך אין לאַנד, און וואָס צילן צו ענדערן דעם איינגע־פונדעוועטן סדר און אַראָפּוואַרפן פון זייערע ווייכע שטולן די פירער פון דעם הערשנדן רעזשים.

און כדי צו מאַכן אומפּאָפּולער די אידייע, ווייזן די הערשער אָן אויף די אידן אַלס די דערפינדער פון די אידייען. די אידן, די פרעמדע, די פאַר־האַסטע אומה, דאָס פאָלק אָן אַ לאַנד און אָן אַ צענטער.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָבן קיסר ווילהעלם און די יונקערס שטענדיק ניט אויפגעהערט צו באַצייכענען דעם סאָציאַליזם אַלס אידישע אידייע און אידישע באַוועגונג. די יונקער האָבן אידן סיי ווי סיי פיינט געהאַט. די אידן האָבן קיין יונקערטום ניט געהאַט. דער גאַנצער קלאַס האָט ביי זיי געפעלט, און זיי האָבן קיינמאָל קיין גרויס ליבע פאַר אים ניט געהאַט. די יונקערס האָבן דאָס געפילט און האָבן צוריקגעצאָלט מיט שנאה צו דעם אידן, וואָס האָט פיינט קריג און איז קעגן בלוט־פאַרגיסונג. אָבער דער פאַקט, אַז אידן האָבן געהאַט עפּעס צו טאָן מיט סאָציאַליזם, האָט די פלאַמען פון זיין פיינט־שאַפט נאָך שטאַרקער צעבלאָזן. אַ קערנדל אמת איז דאָך אין דער באַהויפּ־טונג געווען. די אידן האָבן געהאַט פיל צו טאָן מיט דער שאַפונג פון סאָ־ציאַליזם, כאָטש קיין ריין אידישער פּראָדוקט איז ער זיכער ניט

עס איז אַלנפאַלס געווען לייכטער, באַקוועמער פאַר דעם יונקער צו טענה'ן, אַז אידן האָבן אויסגעטראַכט דעם פּאַציפיזם און סאָציאַליזם, איי־דער ווי אַז זיינע אייגענע ברידער, די דייטשן, האָבן עס געטאָן. ער האָט אין זיין אייגענער דערפינדונג, אַז אידן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַלע נייע אידייען, וואָס זיינען געווענדט קעגן די פּריווילעגיעס פון יונקערטום, געגלויבט באמת גלויבן. דערמיט האָט ער אויך פאַרענטפערט זיין איינ־געבוירענע שנאה, וואָס האָט ניט געהאַט קיין באַגרינדונג און דערקלע־רונג.

פון יענע צייטן קומט די מיינונג, אַז דער אַנטיסעמיטיזם שטאַמט פון

דער רעאַקציע און פינצטערע כחות. עס איז ביז אַ געווויסן גראַד געווען ריכ־טיק, אָבער ניט אינגאַנצן.

די רעאַקציע האָט זיך מיט דעם אַנטיסעמיטישן געפּיל באַנוצט פאַר אירע צוועקן. זי האָט דאָס פייער נאָר צעבלאָזן, אָבער דאָס פייער האָט שטענ־דיק עקזיסטירט. דאָס איז געשען צוליב דער עקסטרע־פּאָזיציע, וואָס דאָס אידישע פאָלק פאַרנעמט צווישן די פעלקער.

איצט האָבן מיר אַ נייע דערשיינונג. די סטודענטשאַפט באַשעוועט קעגן אידן. זי וויל ניט דערלאָזן, אַז דער איד זאָל שטודירן אין זייערע אוני־ווערזיטעטן. פאַרוואָס? די אָנפירער פון דער באַוועגונג גיבן אַן דעם דירעקטן טעם, אַז זיי ווילן ניט, אַז פרעמדע זאָלן פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס, פירנדע שטעלעס, זאָלן זיין צווישן דער אינטעליגענץ.

עס ווערט דאָ באַנוצט כלומרשט אַ ראַסן־מאָטיוו. די אידן זיינען אַ פרעמדע ראַסע, זייערע מנהגים און אויפפיר געפעלן ניט. דאָס איז אָבער בלויז אַ תירוץ. עס איז ניט ראַסע, נאָר עקאָנאָמיק.

די אידן זיינען גרויס אין די אויגן. זיי פאַרנעמען וויכטיקע שטעלעס, וועלכע די איינגעבוירענע שטודירנדע יוגנט וויל פאַר זיך. אידן זיינען דאָק־טוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן, כעמיקער, זשורנאַליסטן, לערער, פּראָפעס־סאָרן. פאַרוואָס זאָלן זיי פאַרנעמען די פּלעצער, וועלכע קענען אונדז אָנקו־מען? אין קאָנקורענץ מיט די אידן וועלן זיי זיך ניט אריינלאָזן. די אידן זיינען פייאיקער. נאַטירלעך, גיבן עס די פּאַשיסטן צו. זיי ווילן אָלנפאַלס דאָס גאַנצע פעלד פאַר זיך. זיי ווילן ניט קיין קאָנקורענץ פון אַ פרעמד פאָלק.

די באַוועגונג ווערט לפנים אָנגעפירט נאָר פון אַ טייל פון די סטודענטן. אָבער זי האָט, שיינט, די שטילע שטיצע פון דער גאַנצער סטודענטנשאַפט. וואָרום, ווען די יוגנט וואָלט באמת געווען קעגן די העצער, וואָלטן זיי זייערע שענדלעכע מעשים ניט געקענט דורכפירן. עס שיינט, אַז די יוגנט איז בדעבד צופרידן מיט דער העצע. זי אָנערקענט, אַז זי קען נאָר דערפון פּראָפיטירן. אידעאַליזם האָט די היינטיקע יוגנט גאַנץ ווייניק.

וואָס קענען מיר טאָן דערצו? מיר מוזן נאָר קעמפן דאָקעגן. מיר מוזן זיך באַנוצן מיט דעם גאַנצן אַרסענאַל, וואָס מיר האָבן. מיר וועקן אויף די עפנטלעכע מיינונג, מיר שטערן די אַנטיסעמיטן צו קריגן הלוואות, מיר אָר־גאַניזירן זיך אין זעלבסטשוץ, כדי צו קעמפן קעגן באַנדיטיזם.

מיר קענען ניט דערלויבן אונדזערע שונאים אונדז צוריק צו פאַרשפּאַרן אין אַ געטאָ.

עס איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט געשריען: „שקאָלעס ניע זשע־לאָיעם". די צייט איז פאַריבער. מיר פאַרנעמען איצט אונדזער געהעריקן פּלאַץ אין דער קולטור־ממשלה. פון דעם פּלאַץ ווילן מיר ניט נאָכלאָזן.

אויב מיר ווען זיין געצוואונגען צו גריטרן אייגענע אוניווערזיטעטן, וועלן מיר דאָס אויך טאָן. אָבער די וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פונם שטאַט, מוזן זייערע טירן האַלטן אָפן פאַר אונדז. דאָס איז אונדזער רעכט.

די שטודירנדע יוגנט, וועלכע דערלויבט זיך די ערגסטע פאָרמען פון באַנדיטיזם, קען עס איצט טאָן אומבאַשרענקט צוליב דער אָנגעשטרענגטער לאַגע און דער גרויסער אומצופרידנהייט, וואָס הערשן איצט אין דער וועלט.

עס איז שווער צו זאָגן ווי לאַנג דאָס וועט געדויערן. אָבער עס וועט פאַרגיין.

מיר מוזן ניט פאַרצווייפלען.

עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט, ביז די וועלט האָט אָנערקענט אונדזער רעכט אויף פרייען געוויסן. עס וועט נעמען פיל וויניקער, ביז זי וועט מוזן אָנערקענען אונדזער פולע רעכט אויף פרייען בּרויט, אויף צו נעמען אַן אָנטייל אין די קולטורעלע גיטער פון דער מענטשהייט.

מיר וועלן צוריק אין געטאָ ניט גיין.

מיר האָבן ניט קיין צופיל סטודענטן. עס איז ניט קיין פראַגע פון פּראָצענטן און נאָרמעס. מיר זיינען שטאַטישע איינוואוינער און דערפאַר זיינען מיר בכלל באַרעכטיקט צו אַ גרעסערן פּראָצענט. די פויערן שטודירן וויי־ניקער.

מיר זיינען באַקאַנט מיט די סיבות פון אַנטיסעמיטיזם און מיר ווייסן, אַז קיין ענטפער אויף אים איז ניטאָ. דער ציוניזם איז איינער, דער איבער־בוי פון אונדזער עקאָנאָמישער סטרוקטור איז אויך וויכטיק, כאָטש ניט שטענדיק איז ער מעגלעך, און מיר מוזן זיך ניט וויניקער פאַרלאָזן אויף דעם אָרעם פון געזעץ, וואָס איז אויף אונדזער זייט, און אויף אונדזער וועקן דאָס געוויסן פון דער וועלט.

ווילנדיק ניט ווילנדיק, מוזן מיר נעמען אַן אָנטייל אין די אַלע באַוועגונגען, וועלכע צילן אויפצואוועקן דעם מענטשלעכן געוויסן און דערציען דעם מענטש אין דעם מענטשן, וואָס איז נאָך דריי־פערטל בייזע חיה.

אַלע אידן האָבן געלט

אַ שמועס אין תל־אביב. — דער ענגלענדער און דער איד. — די ביבל איז זייער בוד. — זיי האָבן אַ פאַלשן באַגריף וועגן פאָלק פון דער ביבל. — פירן די אידן צו קריג ? — דאָס אידישע פאָלק און די ראָטשילדס.

זיינען מיר געזעסן אין קאַפע־הויז אַ רעדל מיט מענטשן, אידן פון דער גאַנצער וועלט — עס איז געווען אין ירושלים — און געשמועסט. עס האָט זיך ניט געהאַנדלט אום אַ באַשטימטער טעמע, עס איז ניט געווען אַ גער שפּרעך מיט דיסציפּלין, נאָר סתם אַ שמועס. מען איז געשפּרונגען פון איין ענין צום אַנדערן, יעדער האָט עפּעס געהאַט צו דערציילן. די מענטשן זיינען ניט געווען סתם אַזוי אידן, נאָר אינטעליגענטן, צווישן זיי אויך אַ פּאָר באַרימטקייטן ביי זיך אין דער היים, מענטשן מיט דערפאַרונג און איבערלעבונגען, און אַלע האָבן געקענט די מלאכה פון לייכטן געשפּרעך. דער שמועס האָט זיך געטראָגן ווי אויף פליגלען פון וואַרימע ווינטעלעך. עס האָט ניט געפעלט קיין וויץ און הומאָר. ניט די קאַזיאָנע וויצן און דער סקאַרבאָווער הומאָר — עס איז געווען דער נאַטירלעכער וויץ, וואָס קוועלט פון געשפּרעך און צעגיסט זיך ווי אַ בוימל אין זיינע גלידער. אַן עפּיזאָד, וואָס איינער האָט דערציילט, האָט דערמאָנט דעם אַנדערן אין אַ מעשה שהיה, וואָס מיט אים האָט געטראָפן אָדער אין אַ מימרא, אין אַ געדאַנק. די פלעמלעך פון געשפּרעך, בלוי און לויטער, ווי געשפּייזט פון אַלקאָהאָל, האָבן געשפּרונגען פון פרייד און מען קען זאָגן, אַז די מענטשן האָבן אויף אַ וויילע פאַרגעסן, אַז זיי זיינען אידן: פאַרגעסן, אַז זיין אַ איד מיינט טראַגעדיע און אומבאַהאָלפנקייט, בייסן די ציין ביז בלוט און ביילן די פויסטן אין אומזיסט.

לאנג האט אבער די פרייד ניט געדויערט. ווי זאגט דאס אידישע ווערטל: יעדער געשפּרעך מוז אַרויספירן אויף דעם ענין „טויט". עס איז דערפון ניט צו אנטרינען. דער מלאך־המות לויערט אויף דיר פון יעדן ווינקל. פּאַראַ־פראַזירט קען מען זאָגן, אַז אַ געשפּרעך צווישן אידן איז אוממעגלעך, אַז ער זאָל ניט ארויספקומען אויף אנטיסעמיטיזם. עס איז אַן אָפענע וואונד, וואָס אידישע הענט קראַצן מיט אַ מאזאכיסטישער פרייד. עפּעס איז פאראן אַ משונה'דיקע הנאה אין דעם געשפּרעך איבער דעם האס, וואָס די גוי'אישע וועלט האָט צו אונדז. עס דערהויבט אונדז אפּנים אין אונדזערע אייגענע אויגן. מיר זיינען דער אביעקט פון אינטערעס פון אַ גאַנצער וועלט. אַלע ווייסן וועגן אונדז, אַלע טראַכטן איבער אונדז, אַלע האָבן אונדז פיינט, האָבן אַ קאַמף מיט זיך, צו באַנעמען זיך צו אונדז מער־ווייניק מענטשלעך. דאָס הייסט, די וואָס באַהאַנדלען אונדז ניט ווי שונא־ישראל און ווילן אונדז ניט בייז טאָן. עס איז אַ קאַמף מיט אינסטינקטן און דער יעניקער מענטש איז גליקלעך, וואָס האָט זיי ביינעקומען. ער איז שטאָלץ מיט זיין נצחון. און ווער האָט עס געטאָן פאַר אים? מיר אידן. מיר האָבן אים פאַר אַ העלד געמאַכט.

אזוי צי אזוי, אידן ריידן גערן וועגן אנטיסעמיטיזם. הגם דאָס מאָל האָבן די מענטשן ווי מיט אַ כיוון אַט דעם ענין אויסגעמידן. צווישן אונדז זיינען אויך געווען דייטשישע אידן און עס האָט זיך ניט געוואָלט וועגן דעם ריידן, ניט צו דערמאָנען זיי אין זייערע ביטערע ליידן.

עס האָט אבער ניט געהאָלפן. מען איז דאָך געקומען אויף דער טעמע, אויף אַן אומדירעקטן וועג, אַבער געקומען איז מען דערצו. דער איד פון ענג־לאַנד האָט געהאַט דאָס וואָרט. עס איז צו רייד געקומען וועגן דער באַציאונג צווישן די ענגלישע באַאַמטע אין לאַנד און די אידן, און עס זיינען געהערט געוואָרן מיינונגען, אַז די ענגלענדער פאַרשטייען אונדז ניט, און אויב איר ווילט, מיר זיי אויך ניט.

דאַרויף האָט דער ענגלישער איד געזאָגט, אַז עס איז ניט קיין פראַגע פון פאַרשידענע כאַראַקטערן און פאַרשידענע מענטאַליטעטן. דער איד איז עמאָציאָנעל און דער ענגלענדער — רעזערווירט. דער אונטערשיד צווישן איד און ענגלענדער איז גאָר ניט אַזוי גרויס, ווי מיר ווילן עס פאַרשטעלן. מיר האָבן הנאה, ווען מיר שטעלן פאַרדי ענגלענדער אַלס קאַלטע מלאכים. דאָס איז בפירוש פאַלש. דער ענגלענדער איז גאָר ניט קאַלט. ער איז בעצם עמאָ־ציאָנעל. ווען זיי וואָלטן זיין אַנדערש, וואָלטן זיי ניט געווען אַזוי קאָנסער־וואַטיוו. דאָס נעמט זיך ניט צוליב פוילקייט, ניט פון געדאַנק און ניט פון האַנדלונג. דער ענגלענדער איז זיכער ניט פויל. ניט נאָר אַרבעט ער שווער, ווען מען דאַרף, נאָר אויך זיין שפּיל איז אַזעלכער, וואָס פאָדערט ענערגיע און אַנשטרענגונג, וואַכזאַמקייט און אימפּעט.

טאַ פאַרוואָס איז דער ענגלענדער דאָך אַזוי קאָנסערוואַטיוו? איז דער תירוץ אַ פּשוט'ער: דער ענגלענדער איז עמאָציאָנעל, סענטימענטאַל אפילו אויב איר ווילט. ווייל ער ניט ברעכן מיט דער פאַרגאַנגענהייט וואָס איז אין משך פון יאָרן אים טייער געוואָרן. דער ענגלענדער פאַרמאָגט פיל פּיעטעט, וואָס איז אין לעצטן יסוד באַגרינדעט אויף דעם געפיל. עס איז אמת, דער ענגלענדער איז ניט אַזוי דעמאָנסטראַטיוו ווי דער איד, אָבער דאָס האָט דאָך מיט דעם עצם געפיל ניט צו טאָן. דאָס איז דאָך בלויז דער אויסערער צייכן.

דער איד און דער ענגלענדער זיינען אין דער אמת'ן לויט זייער נאַטור זיך זייער נאָענט. דאַרויף זיינער פאַראַן גענוג באַווייזן. דער בעסטער באַווייז איז דעם ענגלענדערס ליבע פאַר אונדזער תנ"ך. עס איז ניט בלויז אַכטונג און פאַרשטענדניש, דאָס האָבן אויך דייטשן. עפּעס וואָס די עמאָציאָנעלע פעלקער, בדרך אגב, ווי די פראַנצויזן און איטאַליענער האָבן פיל וויניקער. ביי די ענגלענדער איז עס מער ווי דאָס. פאַר זיי איז דאָס אַ „בוך פון די ביכער", ממש אַ טייל פון זייער גייסט, פון זייער מהות, גלייך ווי עס וואָלט געוועזן זייער אייגענע שאַפונג. און עס איז אַזוי ווייל די שילדערונגען אין יענעם בוך, הגם עס האָט צו טאָן מיט אידן, זיינען זיי זייער נאָענט צום האַרצן. זיי באַגרייפן זיי און סימפּאַטיזירן מיט זיי, ווייל זיי פילן, אַז פּונקט אַזוי וואָלטן זיי געהאַנדלט אונטער די זעלבע אומשטענדן. דאָס הייסט: די ביבל־העלדן זיינען זיי נאָענט, ווייל זיי דערקענען אין זיי און אין זייערע האַנדלונגען זיך אליין. און דערפאַר איז די ביבל געוואָרן זייער בוך און יענער אַרט ריידן זייער שפּראַך.

דער געניאַלסטער פאַרטרעטער פון די ענגלענדער אין דער ליטעראַ־טור איז שעקספּיר. דאָס איז ניט די קאַלטע פּלאַסטיק, ווי עס איז, למשל, געטהע. דאָס איז ניט נאָכאַמונג פון דער גריכן־קולטור, נאָר אַ המשך פון דער ביבל. דאָס איז אויך אמת מילטאָן און בייראָן און אויך וועגן שעללי און וואָדסוואָרט. זיי זיינען אַלע ליריקער און טיפע געפילס־מענטשן. זיי קאָרגן ניט קיין ווערטער און זיי צוימען ניט זייערע געפילן. עס איז ביי זיי שטורעם און אויפרייס. עס איז אַן איבערפלוס פון ווערטער. עס קאָכט ווי אין אַ קעסל. זיי זיינען, אויב איר ווילט, אָריענטאַליש אין זייער סטיל. ניט אומזיסט האָט זיי אונדזער דיזראַעלי אימפּאָנירט. עס איז ניט ווייל ער איז געוועזן עקזאָטיש, נאָר ווייל ער איז געוועזן ראָמאַנטיש און העברעאיש, אַ גייסט וואָס איז זיי פיל ענלעך. אייגנטלעך, דער אַרט פון גלאַדסטאָנס ריידן איז אויך געוועזן העברעאיש, דאָס הייסט ענגליש.

דאָך, ווען עס איז אַ פאַקט, אַז דער איד מיט דעם ענגלענדער אין ארץ ישראל לעבן זיך ניט צונויף, איז עס ניט צוליב דעם אונטערשייד צווישן דיביידע. נאָר דערפאַר וואָס דער ענגלענדער קען ניט דעם אידן. ער האָט וועגן

אים אלערליי פאלשע פארשטעלונגען, וועלכע שטייען ווי א מחיצה צווישן זיי. דער איד מוז זיך לאזן דערקענען און מען וועט זיך שוין צונויפלעבן. דער איד וועט ביים ענגלענדער אויסנעמען, ווען ער וועט אים נאר גוט פאר־שטיין. נאכאמאל דאס זעלבע: די צרה זיינען די פאלשע לעגענדעס וועגן אידן, מיט וועלכע די ענגלענדער שפייזן זיך. דערפון מוז מען אים באַ־פרייען. דאס איז ניט קיין לייכטע זאך, אבער עס מוז געטאן ווערן.

אונדזער געשפרעך־פירער האט צוגעלייגט:

— איך וויים, אז דאס באציכנט מען ביי אונדז מיט דעם נאמען אפאלאגעטיק און מען שעמט זיך מיט דעם. דאס איז קעגן אונדזער נאציא־נאלן שטאלץ. אבער איך האלט, אז דער נאמען איז ניט דער עיקר. „רופט מיך נאר און גיט מיר לעקער". מיר מוזן אויפקלערן די ענגלענדער איבער דעם אמת'ן כאראקטער פון דעם אידן, פון וועמען זיי האבן זייער פאלשע פארשטעלונגען. מיר מוזן געפינען א פאסיקן וועג ווי עס צו טאן, אז עס זאל ניט אויסזען ווי פראפאגאנדע. דער בעסטער וועג איז די ליטעראטור. דער ענגלענדער האט פיינט פראפאגאנדע. ער באציט זיך צו איר מיט חשד, אבער אויפקלערן מוז מען אים פארט.

דער ענגלישער איד האט ביים סוף דערציילט אביישפיל פון זיין דער־פארונג. ער איז א מיטגליד אין דער ארבעטער־פארטיי, ער האט צווישן אירע פירער פיל פריינט. איינמאל זיצט ער מיט זיינעם א פריינט, אן אר־בעטער־פירער, און מען שמועסט וועגן קריג און פרידן. זאגט אים דער ענג־לענדער מסיח לפי תומו, אז די אידן וואלטן געקענט מאכן א סוף צו מלחמות אין דער וועלט, ווען זיי זאלן נאר וועלן. עס הענגט נאר אפ פון זיי. פרעגט ביי אים דער איד מיט פארוואונדערונג: ווי אזוי? ענטפערט דער ארבעטער־פירער מיט אביסל באגייסטערונג, גאנץ פשוט: ווען זיי וואלטן נאר זיך אפזאגן לייען געלט די קריג־פירנדע פעלקער.

דער איד האט ניט אפגעלאזט און ווייטער געפרעגט: ווי אזוי קען דער אידישער טייל אין אזעלכע הלוואות דען אפהאלטן דעם קריג? איז דער גוי ארויסגעקומען מיט לשון. דער תמצית פון זיינע רייד איז געווען: וואס מאכט זיך דא דער איד תמ'עוואטע? צי וויים ער דען ניט, אז די בענק זיינען מייסטנס אין אידישע הענט, אזוי אויך די בירזשע. בכלל האבן אידן פארכאפט דאס געלט פון דער וועלט. אלע אידן האבן געלט. עס זיינען גאר ניטא קיין ארימע אידן. ווער עס איז שטאק רייך און ווער עס איז נאר רייך, אבער געלט פעלט קיינעם ניט פון זיי. די גאר רייכע מענטשן אין דער וועלט זיינען בפירוש אידן. דאס איז א פאקט, וואס איז אלעמען באקאנט. יעדער ניט־איד וויים עס. נאטירלעך, ער אלס ארבעטער פירער און אלס סאציאליסט איז קיין אנטיסעמיט ניט. ער קען עס ניט זיין, עס איז קעגן דער סאציאליסטישער אויפפאסונג, אבער פונם אמת קען מען ניט אוועק־

גיין. ער מוז זאָגן, אַז ער פאַרשטייט אָפּט דעם האַס, וואָס די ניט־אידן האָבן צו אידן. 'עס איז אַ גערעכטע קנאה, און פאַרדינטער פאַרדרוס, ווייל סוף כל סוף האָט דאָס געלט זיך קאָנצענטרירט אין אידישע הענט ניט דורך אַרבעט און אויפטו, נאָר דורך מאַניפּולאַציעס און דריידלעך, אויב ניט שווינדל. און נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע: ער איז ניט קיין אַנטיסעמיט, אָבער פון אמת קען מען פאַרט ניט אַוועקגיין. די אידן האָבן שאַרפע קעפּלעך. געשעפט איז ביי זיי געשעפט, דעמאָלט מעג מען אָפּשניידן דעם קאָפּ אַפילו אַן אייגענעם ברודער. זייערע געשעפטס־מעטאָדן זיינען פּיפּיק, גאָר ניט ערלעך. דער קריסט איז אַ הילפלאָזער קרבן, ווען ער טרעפט זיך אין געשעפט מיט אַ אידן.

דער אַרבעטער־פירער האָט ניט אויפגעהערט צו ריידן. עס האָט פון אים אַרויסגערעדט. עס איז אָפּגעריבן געוואָרן דער פּאָליר, דער גלאַנץ. עס איז ניט מער געווען דער ענגלישער דזשענטלמאַן, וואָס קלייבט די ווער־טער, וואָס וויל ניט אַרויסקומען מיט באַשטימטע מיינונגען, נאָר לייגט שטענדיק צו אַז „אפשר" אָדער „אַזוי ווייט ווי איך קען זען" אָדער „עס איז פאַראַן אַ מיינונג", עס איז ניט זיין מיינונג, חלילה, נאָר אַן אַלגעמיינע מיינונג. אַזוי ריידן די ענגלישע דזשענטלמען, געוויינלעך, און יעדער ענג־לענדער שטרעבט צו זיין אַ דזשענטלמאַן און רעדט אומגעפער אַזוי. עס איז איצט באַלד פאַלקסס־שפּראַך. דאָס מאָל האָט דער אַרבעטער־פירער אַרונטערגעוואָרפן דעם ראָק, אַזוי צו זאָגן, און איז געבליבן אין העמד מיט די אַרבל פאַרקאַטשעט. ער האָט געשאַטן מיט פייער, די אויגן האָבן געהאַט דעם גרינעם קאָליר פון שנאה. עס איז ניט געווען דער זעלבער מענטש. דער צושפּיל צו אַלע זיינע רייד איז געווען: אַלע אידן האָבן געלט. זיי זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע סאָציאַלע אומגליקן. צוליב זיי איז קריג, זיי זיינען די מענטשן אונטער דער ביקס און קאַנאָנע. מען מוז באַפרייען די וועלט פון דעם שעדלעכן איינפלוס פון געלט. ביים פּשוט'ן מענטשן הייסט עס פון איינפלוס פון דעם אידן אָבער אין תוך איז עס דאָס זעלבע.

דערציילט דער ענגלישער איך ווייטער: אַז יענעם אָוונט ווען עשו האָט זיך אַזוי געקאַכט, איז דער קול יעקב געווען מאַכטלאָז. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרגומענטירן. אים האָבן געשטיקט טרערן אין האַלדז. ער האָט זיך געפרעגט: מיט דעם מענטשן בין איך געווען באַפריינדעט און דער מענטש איז אַ סאָציאַליסט אומשטיינסגעזאָגט! גאָט, אין וועלכער וועלט מיר לעבן עס.

מיר האָבן זיך יענעם אָוונט, דערציילט דער ענגלישער שמועסער, פריינט־לעך צעשיידט. דער גוי האָט ביים סוף, שיינט, באַמערקט, אַז ער האָט איי־בערגעזאָלצן, אָבער איך האָב אים ניט געלאָזט ענדיקן מיט זיסע רייד. צביעות האָב איך פיינט. עס איז מיר געווען געגוג. פאַר־מיר האָט זיך אַן אָפּגרונט

געעפנט. איך האָב מיטאמאָל דערזען, אַז דער וועג, וואָס פירט פון סאָציאַ־ליזם צום ברענענדן אַנטיסעמיטיזם, איז ווייט ניט קיין שמאָלער, אויב דאָס זיינען די פאַרשטעלונגען, וואָס די גויים האָבן וועגן אידן. וואָס קען מען דערצו טאָן?

מיט אַ טאָג שפּעטער האָב איך ווידער געטראָפן מיין פריינט, דעם אַרבעטער־פירער. איך האָב אינסטינקטיוו אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, און איך האָב אים מער ניט געקענט קוקן אין פּנים אַריין. האָט ער מיך אָבער אָפּ־געשטעלט, און גענומען זיך אַנטשולדיקן. ער ווייס, אַז ער האָט ניט ריכטיק געהאַנדלט. עס איז געווען ממש חזיר׳יש פון אים אַזוי צו ריידן. עס טוט אים זייער לייד. ער פאַרשטייט אַליין ניט ווי ער קומט צו אַזעלכע ווערטער און ער בעט פון מיר טויזנט מאָל מחילה.

איך האָב אים געלאָזט אויסריידן און ביים סוף אים געזאָגט: די אַנט־שולדיקונגען וועלן די זאַך ניט פאַרבעסערן. דו גלויבסט אַלץ, אַז אַלע אידן האָבן געלט, און אפשר בין איך אויך אַ פאַרשטעקטער עושר. קום מיט מיר —האָב איך אים באַפוילן — איך וועל דיר עפּעס ווייזן.

אַך האָב אים גענומען אין מיין אויטאָמאָביל און אים אַרומגעפירט אין אידישע גאַסן, וואו ער האָט מיט זיינע אויגן געקענט זען דעם אידישן דלות, האָב אים אַריינגעפירט אין אידישע קליינע פאַבריקן, אין אידישע געוועלבלעך, ביז ער האָט געהאַט גענוג.

ער האָט שפּעטער ערלעך צוגעגעבן, אַז ער האָט קיין מינדסטן באַגריף ניט געהאַט, הגם ער וואוינט אַ שיינע פּאָר יאָר אין לאָנדאָן, פון אידישער אָרעמקייט. ער האָט זיך ממש געשלאָגן אין האַרצן „חטאתי״ פאַר זיין נאַ־רישער באַהויפּטונג, אַז אַלע אידן האָבן געלט.

ערשט אויף דעם צווייטן טאָג האָב איך אים צוגעשטעלט סטאַטיסטיק פון געלט־צענטער אין לאַנד און באַוויזן, וועד עס איז באמת דאָרט דער באַ־לעבאָס, ניט דער איד על כל פּנים. איך האָב אים אויך געגעבן באַריכטן מכח דער לאַגע פון די אידן אין פּוילן, רעגירונגס־דאָקומענטן, און דער מאָן איז געזעסן אַ דערשראָקענער, אַ בלייכער. דאָס מאָל האָט ער זיך אויף אַן אמת געשעמט קוקן מיר אין די אויגן.

ער האָט נאָר געפרעגט: פאַרוואָס קלערן די אידן ניט אויף די גוי׳אישע וועלט מכח זייער אָרימקייט? זיי מוזן מאַכן אַ סוף מיט דער לעגענדע וועגן אידישן רייכטום.

* * *

אויף דער שיף פון חיפה קיין מאַרסייל בין איך געפאָרן מיט דריי ענגלענדער. צוויי זיינען צוריקגעפאָרן פון פּערסיע און איינער פון אינדיען. מיר האָבן זיך באַפריינדעט, מיר זיינען געזעסן ביי איין טיש און פאַרבראַכט

צוזאמען. גאנץ פיינע ענגלענדער. ניט צו־קלוג, אבער אויך ניט נאריש. די מענטשן האבן געזען א וועלט. איינער פון זיי איז געווען אן אפיציר. די מענטשן האבן מיר געמאכט אלערליי קאמפלימענטן. זיי ווילן די רייזע אנ־גענעם געדענקען צוליב מיר. איך בין א פריינטלעכער מענטש, באזיץ פיל הומאר. איך דיסקוטיר אלערליי פראגעס אן פאראורטייל. הכלל, הימל עפן זיך. זיי האבן, פארשטייט זיך, געוואוסט, אז איך בין א איד.

צו דער זעלבער צייט אבער, ווייל די מענטשן האבן זיך פאר מיר מער ניט געהיט, זיינען זיי איינמאל אויך ארויס מיט דער בארימטער דערקלערונג, אז די אידן האבן פארכאפט דאס רייכטום פון דער וועלט. עס איז באמת ניט צו פארשטיין ווי די אידן מאכן עס, אבער וועגן דעם פאקט איז ביי זיי קיין ספק ניטא.

און ווידער דאס זעלבע: דער איד איז אין געשעפט ניט קיין מענטש, נאר א טייוול. א קריסט קען מיט אים ניט קאנקורירן.

ווען איך האב זיי געפרעגט, פון וועלכע רייכע אידן ריידן זיי, האבן זיי מיר געענטפערט: די ראטשילדס און די סאסונס.

האב איך געפרעגט: און ווער נאך? האבן זיי קיין ענטפער ניט גע־האט, אבער זיי האבן זיך ניט פארלוירן: נאך וואס דארף מען אויסרעכענען נעמען, ווען אלע אידן האבן געלט? דאס זיינען די פאקטן און מען קען די אויגן ניט פארמאכן.

דיסקוסיעס זיינען אויך דא געווען איבעריק. ווען איך וואלט זיי גע־האט אין ניו יארק, מיינע נייע ענגלישע פריינט, וואלט איך זיי אפשר אויך ארייגעזעצט אין אן אויטאמאביל און זיי ארומגעפירט אין א פאר אידישע גאסן און זיי וואלטן זיכער אויך געענדערט זייער מיינונג. ווייל די דאזיקע גויים זיינען ניט קיין אנטיסעמיטן, דווקא גוטע מענטשן, נאר זיי גלויבן פארט אין דער לעגענדע פון אידישער רייכקייט. און ווען עס גייט זיי אמאל ניט גוט אין זייערע געשעפטן, דערמאנען זיי זיך אין די אידישע גליקן. דעמאלט דארפט איר אונדזער פאלק ניט מקנא זיין. דאן שיטן זיך קללות און חרמות אויף די קעפ פון די פארשאלטענע אידן, וואס האבן פארכאפט דאס גאנצע געלט און געלאזט נעבעך די ארימע פיינע גויים אויסגיין אין ארימקייט ווי א ליכט.

אַ גייסטיק פאָלק

דער אידעאַל איז דער קריגס־העלד. — שלום איז אַן אומנאַר־מאַלער צושטאַנד, בלויז אַ פויזע. — מיר האָבן רעכט צו זאָגן „אתה בחרתנו". — מאַרקס און איינשטיין. — מיר וועלן פון אַש צוריק אויפשטיין לעבעדיק. — דער פעלז איז טיפן ים פון שנאה.

אַים מיט שנאה, אַן אקינוס מיט גיפט! אונדזערע שונאים ווילן ניט אַנדערש נאָר אונדז אומברענגען פון דער וועלט, אָפּמעקן אונדזער זכר פון דער ערד. זיי שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיין מיטלען. אַלץ איז רעכט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אידן. ווען מען קען ניט דערגרייכן די לעבעדיקע, לאָזט מען אויס דעם גרימצאָרן צו די מתים — שענדעט מען קברים. אויך דער טויט איז קיין שוץ ניט קעגן דעם מערדערלעכן האַס פון אונדזערע שונאים.

וואָלטן מיר געווען אַ געוויינלעכער פאָלק, וואָלטן מיר איצט געדאַרפט אַריינפאַלן אין אַ וויסטער מרה שחורה, אין אַ ביטערער פאַרצווייפלונג.

עס זעט אויס ווי דער הימל און ערד האָבן אַ בונד געשלאָסן קעגן אונדז: מיר זיינען איבעריק, פון אַלע זייטע יאָגט מען אונדז. דאַמאָקלעס שווערד הענגט איבער אונדזער קאָפּ כמעט אומעטום. מיר זיינען היינט באַלד אין ערגעץ ניט זיכער ממש מיט דעם לעבן.

יעדן טאָג קומט פאַר אויף אונדז אַן אָנפאַל אין אַן אַנדער לאַנד און צילט קעגן אונדזער גייסט און קערפּער אין ביידע וועלט־טיילן, אין דער אַל־טער ווי אויך אין דער נייער.

מיר האָבן געגלויבט, אַז אין דער נייער וועלט זיינען מיר געשיצט פון דעם ברוטאַלן אַנטיסעמיטיזם. איז עס דאָך אַ נייע וועלט, מיט אַ נייעם אויפ־

פיר. לסוף: פּאָגראָמען אויף אידן אין אַרגענטינע, פּאָגראָם־שרעק אין מעק־סיקאָ, אַנטיסעמיטישע העצעס און ווילדע בלבולים אין קאַנאַדע.

מען קען היינט ניט וויסן וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט אונדז ברייננען. פּלוצים ברעכט אויס די שנאה אין דעם אָדער אין יענעם לאַנד, פּלוצים, אָן שום וואָרנונג, ווערט אויף אונדז געמאַכט אַ בלוטיקע אַטאַקע. עס טראָגט זיך איצט דער אַנטיסעמיטיזם איבער דער וועלט, ווי אַן עפּי־דעמיע, שפּאַנט פון לאַנד צו לאַנד, און מען ווייסט ניט וועלכעס לאַנד קומט איצט אין דער רייע.

אַמאָל האָט מען געוואוסט „עד כאן". זאָאָלאָגישער אַנטיסעמיטיזם איז געווען באַגרעניצט צו מזרח־אייראָפּע, רוסלאַנד, פּוילן, אויך אויף די באַלקאַנען האָט מען דעם מין בלוטיקן אַנטיסעמיטיזם אָפט באַגעגנט. די דייטשישע גרענעץ איז געווען די מחיצה, דער „קאָרדאָן סאַניטעיר", דאָרט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און קיין שליטה מער ניט געהאַט. קיין אידן־האָס האָט, אמת, דאָרט אויך קיינמאָל ניט אויסגעפעלט. מען האָט זיך אָבער מיט דער שנאה געשטיקט. איצט איז די זאַך אַנדערש. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די דייטשן האָבן אומזיסט באַקומען אַ נאָמען אַלס קולטור־פאָלק, דאָס זייַנען זיי בשום אופן ניט. זיי האָבן געמאַכט געוואַלדיקע ביישטייערונגען אויף דעם פעלד פון קולטור, דאָס האָבן אָבער געטאָן איינצעלנע. דאָס פאָלק אַליין שטעקט נאָך ביז דעם גאַרטל אין דעם פּרימיטיוו. נאָר אויף דער אויבערפלאַך איז דער דייטש בלומרשט קולטורעל, טיפער אָבער ווי די הויט גייט עס ניט. מען דאַרף נאָר אַ קראַץ טאָן און מען געפינט אַ ווילד־גראָבן הייל־מענטש.

דאָס דייטשישע פאָלק פאַרהערלעכט נאָך עד היום די שווערד, בלוט און אייזן. דער אידעאַל איז דער קריגס־העלד, די „בלאָנדע בעסטיע", אין זיין בלוט ריזלט אַ דורשט נאָך מאָרד, אַ בענקעניש נאָך מלחמה. דער שלום איז נאָר אַן איבעררייס. דאָס איז אַן אומנאָרמאַלער צושטאַנד. קריג איז דער נאָרמאַלער לעבנס־שטייגער. שלום דאַרף מען נאָר, כדי מען זאָל זיך קענען בעסער צוגרייטן צו אַ נייעם קריג. די סאָציאַל־מאָראַל אין דייטשלאַנד שטייט אויף זייער אַ נידעריקער שטופע. מען רופט זיך קריסטן, אָבער די לערע פון ליבע און מיטלייד איז דאָרט זייער אַן אומפּאָפּולערער אַרטיקל. מען האָט דאָרט פיינט תכלית שנאה דעם שוואַכן. דער שוואַכער האָט קיין רעכט ניט צו לעבן אויף דער וועלט. ער איז אַ שטער. מען האָט צו אים ממש פאַראַכטונג. די וועלט איז פאַר די שטאַרקע. די מאָראַל, וואָס צילט צו שיצן דעם שוואַכן, איז די מאָראַל פון די שקלאַפן.

די אידן מיט זייער מאָראַל און וועלטאַנשויאונג פּאַסן זיך קוים אַריין אין דעם דייטשישן לעבנסראַם. יושר און רחמים — די ווערטער קלינגען נאָך פרעמד דעם דייטשישן אויער, פּאַסן זיך ניט, לויט דער דייטשישער

אנשויאונג, פאר די העלדן פון טעוטאניא, וואס ציען זייער הויכן יחוס אזש פון אטילא. די שנאה צו אידן אין דייטשלאנד האט שטענדיק געברענט אין די טיפענישן פון דייטשישן פאלק, וואס האט נאך ניט פארדייעט די אידישע לערע פון גערעכטיקייט, וואס וויל ניט אנערקענען, אז מאכט איז רעכט. די צוויי פעלקער זיינען שטענדיק געווען צוויי באזונדערע וועלטן, פייער מיט וואסער.

דער דורכשניטס דייטש האט בטבע פיינט דעם אידן. די דייטשישע אידן האבן פאר דער שנאה דעם ריכטיקן נאמען: רשעות. איר קוואל איז די רשע׳דיקע נאטור פון דייטש. עס איז ניט קיין ראסן־שנאה, עס איז סתם שלעכטיקייט, רשעות.

מיט אלעם דעם מוז מען צוגעבן, אז אין דייטשלאנד האבן די אידן שוין באלד צוויי הונדערט יאר געלעבט לכל הפחות אן פחד, אז מען וועט אויף זיי מארגן אנפאלן און מאכן פאגראמען. זיי האבן דארט שוין לאנג זיך דערשלאגן צו בירגער־רעכט, האבן זיך געקענט באוועגן פריי און זיינען ניט געשטערט געווארן אין זייער האנדל און וואנדל, אין זייערע פראפעסיאנעלע בארופן, זיי האבן דארט דערגרייכט א הויכע שטופע פון קולטור און זיינען שטארק געשטיגן עקאנאמיש.

דייטשלאנד איז אלנפאלס געווען דער גרענעץ פאר דעם פאגראם־אנטי־סעמיטיזם. מיטאמאל האט זיך דאס טריפה׳נע בלוט צעיושעט. מיטאמאל ווערט די גאנצע גיפט און גאל פון די דייטשן, זייער גאנצע ווילדע רציחה אנגעווענדט קעגן אידן. וואס פלוצים? ווי איר זאלט זיך די זאך ניט באמיען צו דערקלערן, איז, באמת, קיין דערקלערונג ניטא. דאס הייסט, עס איז ניטא קיין תירוץ פאר דעם משוגע׳נעם אויסברוך. עס איז ערגער ווי משוגע. די היטלעריסטן זיינען ווי משוגע׳נע, צערייצטע הינט. וואס איז געשען? איין זאך איז קלאר: מיר אידן זיינען ניט שולדיק. מיר האבן קיין פירוואנד פאר דער שנאה ניט געגעבן. די דייטשישע אידן זיינען אין די לעצטע צען יאר ניט ערגער געווארן, ניט אנדערש געווארן. די אידן האבן אין דעם משך פון די לעצטע צען יאר ניט געטאן קיין זאך, וואס זאל קענען דינען אפילו אלס שוואכער תירוץ פאר דער דייטשישער וואנזיניקער שנאה. פארקערט, אין די לעצטע צען יאר זיינען די אידן עקאנאמיש שטארק ארונטערגעקו־מען, און אויב עס איז געווען אמאל קנאה קעגן אידישן רייכטום, איז לעצטנס פאראן דערפאר פיל ווייניקער גרונט. די אידן האבן געטראגן זייער עול מיט ווירדע. די אידן האבן אין צייט פון קריג און נאך דעם קריג ארויסגעוויזן א געוואלטיקע מאס פאטריאטיזם. די אידן האבן מיט זייערע קולטורעלע דערגרייכונגען דעם דייטשישן פאלק אנגעטאן פיל כבוד, ערע געמאכט אין דער וועלט.

היינט פארוואס פלוצים דער וואולקאנישער אויסברוך, וואס האלט אן

אייניקע יאר און ווערט שטארקער מיט יעדן טאג, און וואס נעמט ארום אלע טיילן פון דער דייטשישער באפעלקערונג?

ווען נאך דער אזוי גערופענער קאמוניסטישער רעוואלוציע אין בייערן, האבן פאר א שטיקל צייט אויסגעבראכן אנטיסעמיטישע אטאקעס, איז עס נאך ווי עס איז געווען צו דערליידן. נאטירלעך איז עס דעמאלט אויך ניט געווען אן אויפפיר פון א קולטור פאלק, אבער עס איז לכל הפחות געווען א שטיקל תירוץ, די הויפט־פירער פון יענער רעאלוציע זייען געווען אידן: אייזנער, לאנדויער, לעווין. האט מען זיך אפגערעכנט מיט דער גאנצער אידי־שער באפעלקערונג צוליב די פאר אידן. עס איז א שיינער יושר, אבער דאס איז געווען דער יושר אין בייערן. די אידן האבן דארט געהאט אויסצושטיין געבראטענע ליידן, מען האט זיי פשוט ענג געמאכט דאס לעבן. דאך האבן זיך די אידן אפילו ניט שטארק באקלאגט. די אידן ווייסן שוין, אז „כל ישראל ערבים..." און מקבל געווען די יסורים און געוואהט אויף בעסערע צייטן. עס האט געהייסן: זאלן זיי שטילן זייער רציחה אין אונדז פאר די זינד פון אייי־ניקע זינדער, און נאכדעם וועט מען קענען ווייטער לעבן. אזוי איז טאקע געווען. נאכדעם ווי די בייערישע באפעלקערונג האט געקראגן איר צאל קרבנות, האט זי זיך בארואיקט און עס איז דארט צוריק שטיל געווארן.

די אידן, ווי זייער טבע איז, האבן פארגעבן און פארגעסן—מקיים געווען די מצוה פון שכחה. זיי האבן אליין נאך זיך באמיט פארענטפערן די דייטשן. „שגגה שיצאה", עס איז בלויז א קליינע פארווירונג. עס טרעפט. אבער דאס דייטשישע פאלק איז דאס בארימטע גרויסע קולטור־פאלק, וואס פאר־דינט די מזרח־וואנט.

מיטאמאל אויפס'ניי א כוואליע אידן־שנאה, וואס וואקסט פון טאג צו טאג און האלט אן שוין באלד אכט יאר. א שנאה, וואס האט ארומגע־כאפט די גאנצע דייטשישע יוגנט, און וואס ציילט אין שטימען גאנצע זיבן און דרייסיק פראצענט. מיט אנדערע ווערטער, מער ווי א דריטל פון דיי־טשישן פאלק פארלאנגט אפן, אז מען זאל די אידן פארטיליקן, ביי זיי צו־נעמען זייער האב און גוטס. „להשמיד, להרוג ולאבד". דער מיטלאלטער איז דארט צוריק אויפגעשטאנען תחית המתים, און דאס דייטשישע פאלק פילט גאר ניט זיין געפאלנקייט.

די האלטונג פון דער דייטשישער אינטעליגענץ און די דייטשישע קולטור־מענטשן לגבי דעם היטלעריזם און זיין גיפטיקע פראפאגאנדע קעגן אן אומשולדיקער גרופע מענטשן, איז דער טרויעריקסטער באווייז פון דער דייטשישער מאראלער צוריקגעשטאנענקייט, מאראלער אטראפיע.

וואלטן אידן געווען א געוויינלעך פאלק, וואלטן זיי איצט געמוזט ווערן זייער פעסימיסטיש. מיט וואס קען זיך דאס אלץ ענדיקן? עס איז דאך

אין לדבר שיעור. ווי לאנג קען א פאלק דאס איבערטראגן? ווי קען מען שטענ־דיק לעבן אין דעם שאטן פון טויט?

די אידן זיינען אבער אנדערש. זיי זיינען א גייסטיק פאלק, און וועלן אויך די נייע היטלער אטאקע איבערטראגן.

אין דעם קאמף מיט היטלערן זיינען מיר געצוואונגען זיך אפצוגעבן א חשבון הנפש מיר מוזן, אזוי צו זאגן, נעמען אינווענטאר פון אונדזער גייסטיק לעבן, און וואס איז די לעצטע שורה? צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט, מיר זיינען א העכער, גייסטיקער, פיל קולטורעלער פאלק ווי די דייטשן. דאס לערנען אונדז די פאקטן.

עס איז ניט שיין זיך שטענדיק צו רימען, צו שרייען „אתה בחרתנו״. עס זיינען דא גויים, ווי למשל, טשעסטערטאן און אנדערע, וואס ווארפן אונדז פאר די בארימעריי. זיי וואלטן געוואן גערעכט, ווען מיר וואלטן די זאך אנגעהויבן און זיך פלוצים גענומען בארימען מיט אונדזער דערהויבנ־קייט. עס איז דאך אבער ניט אזוי. ס'איז די פיינטלעכע וועלט, וואס האט די פראגע אויפגעווארפן, די וועלט, וואס וויל אונדזער אונטערגאנג אין נאמען פון אונדזער געפאלנקייט כלומרשט, פון אונדזער גייס־טיקער ארעמקייט אדער אפט אויך אין נאמען פון אונדזער פאראזי־טיזם. זי צווינגט אונדז צו מאכן א גענויע אונטערזוכונג פון אונדזער אויפטו, פון אונדזער גייסטיק לעבן, און, נאטירלעך, זיינען מיר בארעכטיקט צוצושטעלן דעם חשבון פון אט דער אונטערזוכונג, און עס איז אונדזער פרייד, אז דער רעזולטאט איז ווי ער איז. אין אים געפינען מיר טרייסט און האפנונג. ער גיט אונדז דעם כח פון ווידערשטאנד. אז דעם ווער וויים צי מיר וואלטן עס קענען איבערטראגן? איצט האלטן מיר ביי דייטשלאנד. ניט מיר האבן אנגעהויבן ציען פארגלייכן צווישן אונדז און די דייטשן. מיר זיינען געווען צופרידן מיט דער באשיידענער ראלע צו זיין א גלייכער טייל פון דייטשישן פאלק. מיר זיינען ניט גרעסער און ניט קלענער. קומען צו גיין די היטלערס און געבעלס און זאגן אונדז, אז מיר זיינען א נידעריקע ראסע. זיינען געקומען צו גיין נאך פאר זיי די טשעמבערליינס א.ד.ג. און נאך פריער וואגנער און הארטמאן און ווי זיי הייסן דארט. די דייטשן האבן גענוג כלומרשט וויסנשאפטלעכע אנטיסעמיטן און ווילן ניט אנדערש, אז מיר זאלן זיצן אין פאליש ביי דער טיר, ווייל מיר זיינען אומשעפעריש.

וואס קענען מיר אנדערש טאן ווי איבערקוקן די ביכער און זען: איז די באשולדיקונג ריכטיק? און צו אונדזער גליק ווייזט דער חשבון מיט קלארע ציפערן, אז מיר זיינען בארעכטיקט צום מזרח־וואנט אין דייטשלאנד. וואלטן די דייטשן געווען א יושר'דיק פאלק, וואלטן זיי אליין אונדז דאס ערשטע פלאץ אפגעגעבן; וואלטן זיי, וואס ריידן נאר פון זשעני, און ווילן ניט אנדערש נאר גע־ניאלע שאפונגען און געניאלע פעלקער, געמוזט צוגעבן,

אז דאס אידישע פאלק איז א געניאל פאלק. איינגעטלער האנדלט זיך דא נאך ניט מכח דעם גאנצן פאלק, נאר פון א האלבן מיליאן אידן. פריער נאך ווייניקער. די אידן מאכן קוים אויס א האלבן פראצענט פון דער דייטשישער באפעלקערונג און — הימלען גרויסע! — וואס אט דער האלבער פראצענט האט דארט געשאפן. ער איז געווען פרוכטבאר אויף אלע געביטן. ער האט זיך דארט אויסגעצייכנט קוואנטיטאטיוו און קוואליטאטיוו. אידן שטעלן צו אויף יעדן געביט ניט א האלבן פראצענט נאר „פיפטי פיפטי". אידן שטעלן אבער אויך צו פיל ערשטע הויפט־שאפער אויף יעדן געביט. זיי זיינען אויך לגבי די דייטשן מיט זייערע הונדערט מיליאן אין דער וועלט ניט הינטערשטעליק.

די היטלעריסטן לאזן פון מויל ניט ארויס דאס ווארט מארקסיזם. זיי שוימען מיט גיפט, ווען זיי דערמאנען דאס ווארט. אבער אויך די ערגסטע שונאים מוזן צוגעבן, אז דער איד מארקס איז געווען א גענאלער מענטש, וואס האט רעוואלוציאניזירט דאס מענטשלעכע דענקען און שאפן.

דעמאלט איז געווען מארקס, וואס האט אויפגערודערט די וועלט, אלע ציוויליזירטע פעלקער, און איז געווארן דער שליח פון דער געשיכטע און איצט איז איינשטיין אויף אן אנדער געביט, וואס האט אויך איבערגעאנ־דערשט דעם גאנג פון אונדזער מחשבה.

דערפאר הערן מיר אויס די אלע באשולדיקונגען פון דער היטלער־באנדע און ווערן ניט געריירט. מיר ענטפערן: איר קענט אזא פאלק ניט אומברענגען. קיין אייזן און קיין שטאל און קיין קופער וועט אויף אונדז ניט האבן קיין שליטה, וועט אונדז ניט קענען אומברענגען. ווי די סאלעמענדרא וועלן מיר פון אש צוריק לעבעדיק אויפשטיין. אבער עס וועט אזוי ווייט אויך ניט קומען. די היטלעריסטן קענען אונדז ניט אומברענגען. זיי קענען ניט די קראפט פון אונדזער גייסט.

היטלער און זיין באנדע וויסן ניט, אז עס קען זיין, אז זיי זיינען שלוחים פון דער געשיכטע, כדי דעם גייסט פון אונדזער פאלק צו שטארקן. די היטלער־באוועגונג ברענגט די דייטשישע אידן אין דער גאנצער וועלט צו א חשבון הנפש, וואס וועט פיל פון זיי צוריקקערן צו דעם אורקוואל פון זייער פאלק, וואס זיי האבן פארלאזן.

היטלער — מעשה להכעים!! — א שליח פון דער השגחה אונדזער פאלק נאך גייסטיקער צו מאכן, אונדז מער צו פאראייניקן, אויפצומונטערן די שוואכע נאטורן ביי אונדז און שטארקן זי אין דעם שווערן געראנגל מיט דעם שונא.

ווען היטלער זאל עס וויסן. ער איז אבער נאר א בלינד ווערקצייג אין די הענט פון דער העכערער קראפט.

עס איז אוודאי א שווערע צייט פאר אידן, אבער מיר פארצווייפלען ניט, בשום אופן ניט.

זיי און מיר.

זיי קומען מיט ברוטאלער קראפט און מיר מיט דעם כח פון גייסט. זיי שרייען און פילדערן „ישראל איז פארלוירן!" און אונדזער ענטפער איז: די לוחות. אונדזער רעקארד אין דייטשלאנד אליין. ניט ישראל גייט פאר־לוירן, נאר ישראל וועט זיגן, די לעצטע אטאקע וועט אונדז נאר שטארקן.

מיר בלייבן דער פעלז אין דעם טיפן ים פון שנאה. אויף זיין שפיץ בויען אדלערס זייערע נעסטן.

די דריי
שותפים אין דער קולטור

דער צלם אלוקים

עם לבדד

אידישער אינטעלעקטואַליזם

זיינען אידן אַ קריגעריש פאָלק?

דער צלם אלוקים

די גריכן, די רוימער און די העברעער. — וויסנשאפט, קונסט, שטאט און רעליגיע. — די אידישע לערע איז געשלאגן. — הייליק דארף זיין יעדער מענטש. — די וויסנשאפט דארף ניט באהערשן, נאר דינען דעם מענטשן. — גוט און שיין איז איין באגריף.

לויט אן אלט־אנגענומענער איינטיילונג הייסט עס, אז דריי שותפים האבן זיך באטייליקט אין דעם אויפבוי פון דער מאדערנער אייראפייאישער קולטור, פון איר מעכטיקן פאלאץ. דאס זיינען: די גריכן, די רוימער און די העברעער. דאס הייסט: מיר אידן. יעדעם פאלק פון די דריי האט געמאכט זיין וויכטיקעביישטייערונג.

אין דער ערשטער ליניע קומען די גריכן, ווייל פון זיי האבן מיר געלערנט די יסודות פון דער וויסנשאפט און פון דער קונסט. מיר האבן ,באמת, די וויסנשאפט פיל ווייטער אנטוויקלט. זי פארנעמט היינט ביי אונדז דעם אויבנאן. אירע דערפאלגן זיינען פיל אין צאל. זיי דערגרייכן ביז די הימלען מיט זייער הויך, און ביז דעם אפגרונט אין זייער טיף. אבער דער אנהויב קומט פון דארט, פון יענעם האלב־אינזל.

נאך די גריכן קומען די רוימער. זיי האבן אונדז געלערנט די קונסט און די וויסנשאפט פון רעגירן, פון געזעצגעבונג און שטאט. דער מאדערנער שטאט איז א דירעקטע אנטוויקלונג פון זיין פראטאטיפ, דעם רוימישען שטאט מיט זיין אידייע פון געזעץ, ארדנונג און בירגערטום. ניט דער שבט, ניט די ראסע, ניט די רעליגיע איז דער יסוד פון דער געזעלשאפט, נאר דער שטאט. א נייע סארט אבסטראקטע באשעפעניש, וועלכע דער מענטשלעכער שכל האט אויף דער וועלט געבראכט, און אים דערהויבן

איבער די אַלע מינים, אַזוי צו זאָגן, נאַטירלעכע פּאַראַיינוקונגען. אין דעם מאָדערנעם שטאַט ווערן איינגעשלאָסן אַלערליי מינים רעליגיעס און אַלערליי ראַסן און פעלקער וואָס לעבן זייט בײַ זייט אין שלום און אין אָרדנונג אַלס גלײַכע בירגער און ווערן ניט געשטערט, כּל זמן זיי דערפילן זייערע פליכטן צום שטאַט. וואָס דאַרף שיצן אַלעמען גלייך און העלפן אַלעמען אָן אונטערשיד.

נאָך די צוויי קומען די העברעער. זייער בייטראַג איז אינגאַנצן אַ גייסטיקער. זיי האָבן דער וועלט געגעבן רעליגיע און עטיק. מען רעדט פון צוויי, אָבער אין אמת'ן איז עס איינס. רעליגיע האָבן די איראָפּעאישע פעלקער אויך פריער געהאַט. עס איז ניטאָ קיין פאָלק אויף דער וועלט, וואָס האָט ניט אַ געוויסע אַרט רעליגיע. די געשיכטע ווייס ניט פון אַזאַ פאָלק. דער אויפטו פון די העברעער איז געווען, וואָס זיי האָבן די פעלקער געגעבן אַן עטישע רעליגיע און דורך דעם געמאַכט די עטיק פאַר רעליגיע. דאָס הייסט פאַר דאָס העכסטע אין מענטשלעכן לעבן.

דעם העבראישן טייל האָט מען געלאָזט צום לעצט, גלייך ווי אָט די ביישטייערונג וואָלט געווען די ווייניקער וויכטיקע. איז עס באמת אַזוי? איז עטיק, מאָראַל און רעליגיע בלויז אַ סאָרט באַפּוצונג צום בנין, אַ מהיכא תיתי זאַך, אַ טפל צום עיקר, בשעת דער יסוד פון בנין זיינען די וויסנשאַפט, קונסט און שטאַט, אָדער אפשר איז גאָר פאַרקערט „איפּכא מסתברא", דער יסוד איז גאָר עטיק, און די אַלע אַנדערע זאַכן זיינען אַ טפל, אָדער בעסער געזאָגט, אַז אַלע אַנדערע זאַכן, די וויסנשאַפט און רעגירונג, זיינען נאָר דעמאָלט וויכטיק, ווען עס איז דאָ עטיק, אלא ניט, זיינען די מייסטע אַנדערע ביישטייערונגען גאָר אַן אומגליק, און די קונסט עפּעס, וואָס איז ניט וויכטיק, לא מעלה ולא מוריד, אַ לוקסוס־אָביעקט פאַר פוסטעפּאַסניקעס, פאַר רייכע ליידיקגייער, כדי צו צערייצן זייערע אינסטינקטן?

אויף דער פראַגע קענען באמת קיין צוויי ענטפערס ניט זיין. עס איז קיין ספק ניט, אַז דער עיקר אין מענטשלעכן לעבן איז ניט די וויסנשאַפט און ניט דער שטאַט און ניט די קונסט, נאָר די עטיק. זי איז איבער אַלץ. אונדזער ביישטייערונג איז זיכער די וויכטיקסטע. דער אומגליק פון דער מאָדערנער וועלט איז, וואָס איר עטיק איז געשלאָגן, וואָס די אידישע לערע איז ניט אָנגענומען געוואָרן, וואָס מען האָט בלויז מיט דעם מויל זי אָנערקענט, אָבער ניט מיט דעם הארצן. די עטיק איז נאָך איצט אויך פאַרשטופּט אין אַ ווינקל. אַ סימן האָבן מיר, אַז דאָס ביי־וואָרט: „הייליק" איז אַ באַצייכנונג פאַר אַן אויסנאַם־מענטשן. „ער איז אַ הייליקער מענטש". דאָס הייסט אַ יוצא מן הכלל, איינער וואָס שטייט מחוץ למחנה. אַ מאַן וואָס האָט ווייניק צו טאָן מיט דעם פּראַקטישן רעאַלן לעבן, וואָס איז האַרט ווי אַ קרעמיען, און ביטער ווי סם. עס איז אַ מענטש אויסגעטאָן פון דער וועלט,

פון אירע פאדערונגען, נאר שפארט איינגאנצן אז אין די הימלען, בשעת הייליק האט געדארפט זיין יעדער מענטש, הייליק אונדזער ערד, אונדזער וועלט און אונדזער לעבן. דער באפעל: איר זאלט זיין הייליק — קדושים תהיו — איז ניט צו מלאכים געגעבן געווארן, נאר צו א גאנץ פאלק, צו דעם דורכשניט־מענטשן. דאס איז דער גרעסטער פרינציפ: זיי הייליק, זיי עטיש.

דער פרינציפ איז אבער ביז איצט דערוויל נאך זייער ווייניק אנגענו־מען געווארן פון דער מאדערנער אייראפע. אין דעם פרט איז אייראפע געגאנגען צוריק. די אנדערע ביישטייערונגען האט זי אנטוויקלט. די וויסנ־שאפט, וועלכע איז אין גריכנלאנד געווען נאך אין די וויקעלער, איז פון די אייראפעאישע פעלקער אנטוויקלט געווארן צו א ריז. עס איז גאר ניט צו פארגלייכן די גריכישע אויפטואונגען אויף דעם געביט צו אונדזערע דער־גרייכונגען. עס איז א פליג קעגן אן עלעפאנט. מיר האבן אויף דעם געביט קאלאסאלע, קאפשווינדלענדע דערפאלגן.

אין דעם עניין פון געזעצגעבונג און שטאט, האבן מיר אויך צו פאר־צייכענען פארטשריט. מיר קענען די מלאכה פון רעגירונג. מיר האבן די אידייע פון שטאט דערהויבן צו א הייליקטום און אין זיין נאמען געפירט אומצייליקע מלחמות. מיר האבן זיך אין דעם פרט ניט צו שעמען פאר די רוימער, אונדזערע לערער.

גאנץ אנדערש האלט עס מיט דער עטיק. אויף דעם פעלד הינקען די אייראפייער נאך אונטער עד היום. ניט מיר זיינען אין דעם פרט געגאנגען ווייטער פון די אמאליקע העברעער, נאר שטארק צוריק. און וואס זעען מיר? א ליידנדע אייראפע, אן אומגליקלעכע טראץ איר גרויס רייכטום. מענטשן הונגערן, ווען עס איז דא ברויט לרוב. מענטשן זיינען פארשקלאפט, ווען עס איז מעגלעך, אז יעדער מענטש זאל זיין א האר, א באלעבאס איבער זיין אייגענעם גורל. מענטשן ווערן געפייניקט מיט דער זארג פאר דעם מארגן, מחמת ניט זיכער איז אויך דער היינט, בשעת עס איז פאראן כל טוב אלע־מען צו פארזארגן אויף שטענדיק, און עס זאל נאך בלייבן.

די וויסנשאפט האט אונדזער קערפער געגעבן פליגל, בשעת אונדזער גייסט ליגט טיף אין אפגרונט. מיר הויבן זיך אויף ביז אונטער די וואלקנס, כדי פון דער הויכקייט צו זען אונדזער נידעריקייט און געפאלנקייט. מיר האבן א מתנה מיט גולמ׳ס, וואס האבן אונדז געדארפט באפרייען פון שקלא־פעריי און שווערע נודנע ארבעט, און לסוף זיינען מיר געווארן שקלאפן ביי די גולמ׳ס. א שקלאף צו אונדזער אייגענער שאפונג.

די סבה פון דעם אלץ איז דער מאנגל אין עטישן אויפפיר. עס וואלט אן אנדער וועלט געווען, ווען די אידישע ביישטייערונג וואלט געווען בא־

קומען די נויטיקע פלעגונג, ווען מען וואלט זיך אפגעגעבן מיט איר אנט־וויקלונג לכל הפחות אזוי פיל, ווי מיט דער פון דער וויסנשאפט און קונסט.

מען האט פארגעסן איין זאך, אז די וויסנשאפט איז ניט באשאפן גע־ווארן צו באהערשן דעם מענטשן, נאר אים צו דינען. אז די מאס פון יעדן אויפטו, איז דאס גליק פון יעדן מענטשן. די פראגע דארף שטענדיק זיין ביי יעדן אויפטו: ברענגט עס גליק צום מין מענטש, יעדן מענטשן באזונדער, אדער, חלילה, אומגליק? דער מענטש איז דער עיקר.

די וויסנשאפט האט דערווייל דאס דערוואַרטעטע גליק נאך ניט גע־בראכט. זי האט דערווייל געבראכט מיט זיך נייע מארד־מיטלען און נייע אומ־גליקן. זי האט דערווייל מעגלעך געמאכט, אז א קליינע גרופע מענטשן זאל, דורכן פארכאפן די טעכנישע אויפטואן, קענען פארשקלאפן די גרוי־סע מאיאריטעט מענטשן. זי האט מעגלעך געמאכט די הערשאפט פון איין וועלט־טייל איבער די אנדערע דריי. דער ווייסער מאן, אין נאמען פון זיין ציוויליזאציע, דערלויבט זיך אז שום געוויסנסביסן צו פארשקלאפן אנדערע ראסן פון אן אנדער קאליר און אן אנדער קולטור. דאס געשעט אלץ אין נאמען פון דער וויסנשאפט, און דאס איז מעגלעך, ווייל מען האט איר ווערט אוועקגעשטעלט העכער פון דער עטיק, פון דעם מאראלישן אויפפיר און מענטשלעכער באציאונג.

מען האט פארגעסן, אז אין דער הערשאפט פון מענטש איבער מענטש שטעקט א באליידיקונג ניט נאר פאר דעם מענטשן, וואס ווערט באהערשט, נאר אויך פאר דעם הערשער, פאר דעם מין מענטש. ווייל כל זמן עס איז פאראן איין מענטש א שקלאף, איז די גאנצע מענטשהייט באליידיקט.

דאס זעלבע איז נוגע דער קונסט. ווער האט הנאה פון דער היינ־טיקער קונסט? די אידן האבן געלערנט, אז דאס שענסטע קונסט־ווערק איז דער שיינער מענטשלעכער אויפפיר. שיין לעבן הייסט גערעכט לעבן. עס איז אוממעגלעך די עסטעטיק, וואו זי איז ניט באגרינדעט אויף עטיק. גוט און שיין זיינען ניט קיין צוויי באזונדערע באגריפן, נאר איין באגריף מיט צוויי ווערטער. „און גאט האט געזען, אז דאס ליכט איז גוט", דאס הייסט — אויך שיין, ווייל אויב גוט איז ממילא שיין. דען עס איז ניט פאראן קיין שיינקייט אין זאכן, וואס זיינען שלעכט. און עס זיינען ניט פאראן קיין גוטע זאכן אין דער מענטשלעכער באציאונג, וואס זיינען מיאוס. מיט אנדערע ווערטער: עטיק איז אויך עסטעטיק.

די היינטיקע קונסט אבער דינט ניט דעם דורכשניטס־מענטשן, וועלכער איז אזוי טרוד מיט זיינע דאגות, אז ער האט גאר קיין צייט ניט צו אטעמען, ארומצוקוקן זיך — וואס האט ער פון די מוזייאומס, פון די רייכע און שיינע בילדער, וואס באצירן יענע וועגט? וויפל העלפן זיי פארשענערן זיין גייסט, באצירן זיין נשמה, זיין לעבן? — במעט גארניט.

מוזייאומס זיינען ווי געפענגענישן פאר די אוצרות פון מענטשלעכן שאפן. דאס פאלק האט ווייניק דערפון. די רייכע דארפן די מוזייאומס ניט האבן. זיי האבן אייגענע ביי זיך אין די פאלאצן, און דאס פאלק האט קיין געדולד און קיין צייט אהין צו גיין. און אז עמיצער פון פשוט'ן עולם קומט אהין, שטייט ער אין פארגאפונג, אבער אויך צעטומלט. ער איז גייסטיק ניט צוגעגרייט צו פארשטיין די קונסט. ער האט אויך ניט די געדולד, דעם נויטיקן געמיטס־צושטאנד, כדי פון דער קונסט צו געניסן. זיין הויז איז ניט קיין שולע פאר קונסט, נאר להיפוך, טעמפט אין אים אפ יעדן נאטיר־לעכן באגער פאר קונסט־באפרידיקונג. די ביליקע בילדער אויף די ווענט אין זיין הויז, די ביליקע כלים, די צימערן אליין זיינען ווי געצילט צו פארביליקן זיין גייסט, אים צוצוגעוווינען צו ארדינערע זאכן, צו א מיאוס לעבן. וואס איז ניט א פרייד, א גענוס, נאר אן אפקומעניש, אן אומגליק.

דאך הערט מען ניט אויף פלאפלען ביי אונדז מכח דער הייליקייט פון קונסט, מכח איר גרויסער פונקציע אין מענטשלעכן לעבן, אז דאס לעבן אן קונסט איז געגליכן צו אן אויסגעשמירטן דימענט — וואס האט מען פון דער טייערקייט פון דימענט, ווען זיין שיינקייט איז פארשמירט, ווען בלאטע לאזט ניט דורך זיינע שטראלן און ווען ער איז אויך צו די פינגער ניט גלאט און ניט געשליפן?

הייליקייט פון קונסט. אבער דאס איז אלץ גערעדט, ווען די קונסט וואלט זיין א טייל פון דעם מענטשלעכן לעבן, פון דעם לעבן פון גרויסן פאלק. דאס איז אבער איצט ניט דער פאל. די קונסט רירט אפילו מיט אירע שפיץ־פליגל ניט אן דאס אלגעמיינע לעבן. זי איז ניט פאר דעם פאלק, וואס איז פארשפארט א גאנצן טאג ווי אין א שטייג, לעבט אין טומל, גערודער, היץ און שטויב. די זון שיינט פון דרויסן. די נאטור לאדט אים איין. אבער אויך פאר איר האט דער היינטיקער שטאט־מענטש קיין צייט ניט. ער איז אין דער פינצטערער שאכט, אן ליכט און לופט. די קונסט אן יושר איז באמת אן איבעריקע זאך, דען זי ברענגט די ברייטע מאסן ניט קיין שום נוצן, קיין גייסטיקן גענוס.

מיט דעם שטאט איז דאס זעלבע. מיר האבן פון די רוימער געלערנט, אז מאכט איז רעכט, אז „כל דאלים גבר", און לויט דעם פרינציפ פירן מיר זיך. מיר האבן ניט געגרינדעט קיין גערעכטן שטאט, וואס דינט דעם גאנצן פאלק, נאר א שטאט, וואס האלט דאס פאלק אין שפאן און דערלויבט א קליינער גרופע לעבן אויף זיין חשבון. עס איז אן אומעטישער שטאט, וואס דאס הייסט ניט מער און ניט ווייניקער ווי געוואלט און ברוטאליטעט. מיר האבן פארגעסן, אז אויך דער שטאט איז ניט העכער פאר דעם מענטשן, אז ער איז ניט באשאפן געווארן, כדי מענטשן זאלן אים דינען, זיין אים אונטערוווארפן, נאר אז ער איז, פארקערט, פון דעם מענטשן באשאפן גע־

ווארן, כדי צו דינען דעם מענטשן. דער שטאַט דאַרף שיצן דעם שוואַכן קעגן דעם שטאַרקן, דאַרף איינהאַלטן די אַפּעטיטן פון די מעכטיקע און ניט דערלאָזן, אַז אומרעכט זאָל געשען די דערשלאָגענע און אומבאַהאָלפענע. דער שטאַט דאַרף זיין די שוץ, דער פּאַנצער, די הילף און די דערלייזונג. ווי איז עס אָבער אין דער אמת׳ן? דער שטאַט אַליין איז פון אַ מיטל געוואָרן אַ ציל. עס איז אַ געצנדינסט. מען דינט דעם שטאַט. הערט זיך צו די ווערטער פון די היטלעריסטן און אַנדערע פאַשיסטן אָדער אַפילו פון די באָלשעוויקעס. דער שטאַט איז העכער פון מאָראַל און פון יושר. ער מעג אַלץ. ער האָט ניט קיין האַר און קיין אויפזעער. איז קיין חשבון ניט שולדיק. וואָס ער טוט איז גערעכט. ער מעג דריקן און שטיקן און דאַרף קיינעם קיין דערקלערונג ניט אָפּגעבן. מיט דעם געוויסן דאַרף ער זיך ניט רעכענען. די מאַכט איז די פאַרענטפערונג און דער תירוץ אויף אַלץ. דער שטאַט דינט ניט די אינטערעסן פון ברייטן פאָלק, רוט ניט אויף דעם יסוד פון סאָציאַלער אָרדנונג, אין וועלכער יעדער בירגער באַקומט זיין גלייכן חלק, וואו דער רייכער איז ניט פּריווילעגירט קעגן דעם אָרימען, נאָר עס איז באמת אַ שטאַט פאַר די רייכע און פּריווילעגירטע. דאָס הייסט, דער שטאַט היט איין די פּריווילעגיעס פון די העכערע קלאַסן קעגן דער מרידה פון די אָרימע און הונגעריקע.

אַ גאַנץ אַנדערע באַציאונג צו דעם מענטשן און אַ גאַנץ אַנדערן שטאַט וואָלטן מיר געהאַט, ווען די אידישע עטיק וואָלט געווען אויפגענומען געווארן, מחמת די אידישע עטיק איז ניט בלויז שיינע ווערטער מכח גערעכטיקייט און מכח ליבע און פריינדשאַפט. די געפינען מיר ביי אַלע רעליגיעזע פאַרשטייער. זאָגן איז לייכט. בודא האָט זייער פיל שיינע מאמרים, און קאָנפוציוס און לאַטצע. לויט די מאמרים איז ניטאָ קיין אונטערשיד צווישן זיי און די נביאים. עס איז אָבער דאָ אַ אונטערשיד. די אַנדערע האָבן נאָר געזאָגט, אַז מען דאַרף ליב האָבן, האָבן אָבער ניט געוויזן ווי מען קען עס מאַכן, ווי מען קען לעבן לויט דעם פּרינציפּ פון ליבע. די אידישע עטיק האָט געוויזן דעם וועג, האָט אויפגעשטעלט אַ לעבנס-שטייגער, וואָס האָט געצילט דעם אידישן בירגער צו דערציען אין אַן אַטמאָספער פון גערעכטיקייט און אויך צו שאַפן באַדינגונגען, וועלכע דערלאָזן ניט קיין מענטשן דערנידעריקט צו ווערן.

וויל מען וויסן דעם אונטערשיד פון בודא׳ס לערע ביז משה׳ס, איז עס ניט צו געפינען אין די שיינע ווערטער מכח ליבע און פריינטשאַפט און גוטן ווילן, נאָר אין דעם לעבן צווישן די צוויי פעלקער. ביי אונדז אידן זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן די קאַסטעס און מיר האָבן אויפגעשטעלט נביאים, וואָס האָבן ניט מורא געהאַט אַפילו פאַר דעם מלך צו וואַרפן אים דעם ביטערן אמת אין פּנים אַריין. און דער מלך האָט געציטערט פאַר דעם

נביא. און וואָס איז דער פּועל יוצא פון בורא'ס לערע ביי זיין איינגן פאָלק? אַ צעטיילונג אין העכערע מענטשן און נידעריקערע, און אויך אין „טמאים", דאָס הייסט, מענטשן וואָס מען טאָר זיי אפילו ניט אָנרירן. וואָס ווען מען קומט אין זייערע דלד אמות, ווערט מען אומריין און מען דאַרף זיך טובל'ען. דאָס איז די באַציאונג פון דעם בורא־פאָלק צו איבער פערציק מיליאָן מענטשן, וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן מיט דעם צלם אלוקים.

„צלם אלוקים", איז אָט די צוויי ווערטער אַליין, אויב איר ווילט, ליגט די גאַנצע אידישע עטיק. דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פאָרם, איז גאָטס פּאָרטרעטער אויף דער ערד, איז כביכול זיין אויג און אויער, און ווער עס איז מבזה דעם מין מענטש, איז מחלל גאָטס נאָמען. ווען אונדזער תורה האָט אונדז געהייסן העלפן יתומים און אלמנות, אַלטע און שוואַכע, די שברי־כלים פון דער מענטשהייט, האָט זי אונדז ניט געהייסן עס טאָן צוליב זיי, נאָר צוליב אונדז אַליין, ווייל מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז מענטשן זאָלן זיך וואַלגערן אין די גאַסן, זיי זאָלן זיין ווי די חיות פון פעלד און דאָס מיסט פון דער ערד. דער מענטש איז איבער אַלץ. דער מענטש איז גאָטס שליח, איז „חלק אלוקי ממעל", און מען טאָר אים ניט מבזה זיין.

אַלע פראַגעס מכח חשבונות: ווער דאַרף דעם ברוך און דעם מענטשלעכן אָפּפאַל? וואָס דאַרף מען די קראַנקע און בעלי מומים? זיי זיינען ניט ניצלעך פאַר זיך און ניט פאַר דער געזעלשאַפט! די אַלע קשיות האָבן קיין זין ניט אין דעם ליכט פון דער געטלעכער אויפפאַסונג פון מענטשן. עס איז ניט קיין פראַגע פון הילף בלויז, נאָר פון מענטשלעכן כבוד, והדברים עתיקים.

ניט לאַנג האָט איינער פון אונדזערע ליכטיקע גייסטער און באַרימטע וויסנשאַפטסלייט דערקלערט, אַז דער אומגליק פון אונדזער געזעלשאַפט היינט צו טאָג איז, וואָס די גייסטיקע דערגרייכונגען זיינען געבליבן הינטערשטעליק לגבי די וויסנשאַפטלעכע, און דער מענטש איז אין סכנה פון זיין איינענער וויסנשאַפט.

דאָס איז דערוויל אמת, ווייל מיר דאַרפן געדענקען, אַז נאָר דעמאָלט וועלן מיר געניסן פון דער וויסנשאַפט, קונסט און שטאַט, ווען דער יושר וועט טריאומפירן אין מענטשלעכן לעבן, ווייל ווי הייסט עס ביי אונדז:

„צדיק יסוד עולם" — ניט דער וויסנשאַפטסמאַן, ניט דער קינסטלער און ניט דער פּאָליטיקער, נאָר דער גערעכטער מענטש איז דער יסוד פון דער וועלט און אויף אים האַלט זי זיך. די אידישע ביישטייערונג איז די וויכטיקסטע.

עם לבדד

בלעם האט געוואלט שעלטן, האט ער גאר געבענטשט. — מיר זיינען איינזאם און אליין אין אונדזער צער. — דער זשעני פון די דייטשישע אידן. — דאס בלוט פראטעסטירט.

נאד איידער מיר זיינען אין אונדזער לאנד אריינגעקומען, קוים ערשט אויף דער שוועל געשטאנען, האט אונדז דער שעלטער־בענטשער בלעם מיט אט דער באצייכנונג כאראקטעריזירט: עם לבדד... א פאלק, וואס איז איינזאם און איזאלירט, איז אליין און עלנט. און דאך... כאטש אזוי אפגעזונדערט, מיט אזוי ווייניק פריינט אין דער וועלט, און מיט ניט ווייניק שונאים, בלייבט דאס פאלק דאך א גרויסער אומצושטערבארער כח, און עפעס ליגט אין אים, וואס האלט אים אויף, טראץ זיין עלנט, זיין אפגעזונדערטקייט. עס איז ווי דער פעלז אין מיטן ים. אויך דער פעלז איז אליין, איז איזאלירט, איז הארט, אומבאוועגלעך אין א ים פון באוועגלעכקייט. עס בייטן זיך די כוואליעס, לויפן ארויף־אראפ, עס רוט ניט דער ים א רגע. עס שפרינגען די אינדן מיט זייערע ווייסע מיצן, איין אינד אויף דעם אנדערן, אין כעס, אין שטורעם, גרייט צו פארצוקן, און זייווארפן זיך אויף דעם פעלז אין גרימצארן און שפרינגען אפ צוריק מיט ווייסער, זודיקער רציחה, און דער פעלז בלייבט רואיק און אומבאוועגלעך. די כוואליעס זיינען ביי זיינע פיס און ער הויבט דעם קאפ זיינעם צו די הימלען, קוקט רואיק ארום זיך, און ווערט ניט נתפעל.

דער פארגלייך מיט דעם פעלז איז אן אלטע מליצה, אזוי איז אויך די באצייכענונג „עם לבדד". עס איז מיט דריי טויזנט יאר צוריק ארויסגעזאגט געווארן. און אויך די דערקלערונג, וועלכע קלינגט אזוי אוממעכטיק אין

מויל פון גרויסהאַלטער, וואָס איז באַרימט אין דער סביבה אַרום מיט זיין רעדנער־קראַפט, באַזונדערס מיט זיין פּייאיקייט צו שילטן, מיט זיין מענהד־לשון, ווען ער איז זיך מתנצל: „וואָס וועל איך שילטן, ווען גאָט האָט ניט געשאָלטן" — אויך די ממרא איז אַלט.

רעדט מען וועגן אידישן פאָלק, האָט מען ניט קיין ברירה, מוז מען אָפּערירן מיט אַלטע פאַרגלייכן, מיט אַלטע טערמינען. ווי האָט געזאָגט דער קאַרסיקאַנער נאַפּאָלעאָן, ווען ער איז געקומען אין מצרים און דערזען די פּיראַמידן: „טויזנטער יאָר פון געשיכטע קוקן אַרונטער אויף אייך".

מיר זיינען אַ פאָלק מיט אַן אַלטער געשיכטע, און הגם מיר באַנייען זיך יעדן האַלבן יאָרהונדערט, און מיר ווערן אַנדערש, איז עס נאָר לפנים, אין דער טיף זיינען מיר דאָס זעלבע אַלטע פאָלק. דער קרן בלייבט דער זעלבער און עס גילטן בנוגע אונדז די אַלטע געזעצן, און עס פּאַסן זיך אויף אונדז די אַלטע באַצייכנונגען, די אַלטע אַדיעקטיוון: „עם לבדד"... דאָס זיינען מיר אויך איצט, הגם עס איז ניטאָ קיין אַנדער פאָלק אויף דער וועלט, וואָס איז אַזוי, ווי מיר, אידן, אויסגעמישט מיט די אַנדערע פעלקער און פאַרבונדן מיט דעם גורל פון פרעמדע פעלקער — גליד־פון זייערע גלידער. מיר זיינען דאָס אינטערנאַציאָנאַלסטע פאָלק צווישן די פעלקער. מיר זיינען דאָס איינציקע פאָלק, וואָס האָט אַ פאַרשטענדניס פאַר אַלעמען. מיר פאַר־שטייען דער וועלטס לשון אָדער לשונות. עס איז אַ בבל פון שפּראַכן, אָבער מיר האָבן אַ פענאָמענאַלן שפּראַך־חוש, מיר האָבן אין אונדזערע אויערן אַן אויפנאַמס־אַפּאַראַט פאַר יעדן שפּראַכלעכן קלאַנג און ניט נאָר מיר הערן, נאָר מיר פאַרשטייען און סימפּאַטיזירן. אין אונדזער נאַציאָנאַלן לשון מיינט „שמוע", הערן, — אויך פאַרשטיין. אונדזער האַרץ איז ברייט און וויט אָפן פאַר יעדער נאַציאָנאַלער שטרעבונג: מיר באַטייליקן זיך אין יעדער פאָלקס־באַוועגונג און מיר זיינען גרייט מיטצואַווירקן.

על־פּי־דין וואָלטן מיר געדאַרפט זיין דאָס בעסט־פאַרשטאַנענע פאָלק, און דאָך זיינען מיר אויך היינט צו טאָג, ווי אַמאָל מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, אַן איינזאַם פאָלק, אַן עם לבדד... מיר זיינען איינזאַם און אַליין אין אונדזער צער. איינזאַם און אַליין אין אונדזער טיפן פאַרשטיין און באַנעמען די וועלט־לאַגע, און אויך אונדזער אייגענעם מצב.

מיר פילן, אַז דאָס איז אונדזער טראַגישער גורל און עס איז שווער צו קעמפן קעגן פאַטום, הגם אידן זיינען ניט קיין פאַטאַליסטן, און זיי גלויבן אין קאַמף, ספּעציעל אין דעם קאַמף פון ווידערשטאַנד. מיט אַלעם דעם מוזן אויך די אידן פילן דעם כח פון שיקזאַל, אָדער ווי מיר רופן עס: מיסיע. די לעצטע באַצייכנונג איז באמת נאָר אַ נסיון צו געבן אַ נייעם טייטש צו דעם אַלטן וואָרט „גורל". מיסיע האָט דעם שיין פון אויסקלייב און הער־

שאפט, אבער אין תוך קען מען ניט זיין פריי, ווען מען מוז עפעס דורכ־פירן, ווען מען איז באהערשט פון א הויכער אידייע, צו וועלכער מען מוז דינען.

* * *

זייט דורות האבן אידן אזוי ניט געפילט מיט דער גאנצער גרויזאמ־קייט דעם „עם לבדד", זייער איינזאמקייט, זייער אליין־זיין אין דער ברייטער וועלט ווי זייט יענעם טאג, ווען דער צורר־היהודים היטלער איז געווארן קאנצלער פון דעם דייטשישן רייך. עס איז געווען א טראגישער טאג פאר אונדז. די טראגעדיע איז באשטאנען אין דעם, וואס אין טאג, ווען אונדזער פאלק איז טיף באליידיקט געווארן פון א פאלק, וואס איז ביז דעמאלט באטראכט געווארן ווי א וויכטיק קולטור־פאלק, — אין יענעם שווארצן טאג האט קיינער מיט אונדז ניט סימפאטיזירט, קיינער האט פאר אונדז ניט געהאט קיין טרייסט־ווארט אדער פאר דעם שונא א זידל־ווארט. מען האט גאר אן אונדז אינגאנצן פארגעסן, גלייך ווי מיר וואלטן געווען א „קוואנטיטע נעגליזשאבל", אן אומוויכטיק און אומבאדייטנד פאלק, גלייך עס איז אלץ איינס פאר יעדן אנדערן פאלק, וואס מיט אונדזער כבוד געשעט...

עם לבדד!

מיר האבן, שיינט, טאקע קיינעם ניט. מיר האבן קיין פארבינדעטע, ניט נאר די מזרח־אידן האבן ניט, נאר אויך די דייטשישע אידן, הגם זייערע פארוואנדטע זיינען צווישן די גרעסטע אין די ציוויליזירטע לענדער.

זיינען דאך די ראטשילדס געוועזענע דייטשישע אידן, און די שיפס און די מאנדס און די שפייערס און די לעהמאנס און די סעמיועלס און די בלומס און די אנדערע — אלע שטאמען זיי פון דייטשלאנד און האבן דארט פארוואנדטע, משפחה, און זיי האבן פארבינדעטע, אויך פריינט צווישן זיי מאכטהאבער און רעגירער און צווישן די איינפלוסרייכע לייט און פירער, טאנגעבער און ווארט־זאגער, און דאך האט קיינער פון די אלע ניט געפונען פאר נויטיק צו זאגן אן אמת שטראף־ווארט, א ווארנונג צום שונא. עס איז געווען שטיל ווי אין א קבר.

דאס איז אונדזער טראגעדיע.

אויך די דייטשישע אידן זיינען קינדער פון דעם איינזאמען פאלק. די דייטשישע אידן מיט זייער גרויסקייט און מיט זייער פילזייטיקער געניאַליטעט. ס'איז ניטא אין דער גאנצער וועלט, — עס איז ניט קיין גוזמא — קיין זעקס הונדערט טויזנט מענטשן, וועלכע זאלן זיך קענען פארגלייכן צו דער גרופע דייטשישע אידן. זיי דערמאנען מיט זייערע פיהאיקייטן און מיט זייערע קולטור־דערגרייכונגען אן די גריכן אין אטהען. אויף וועלכן קולטור־געביט

האבן זיי דען זיך ניט אויסגעצייכנט? אויב עס איז קונסט, פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט, אָדער דערפינדונג, אָדער אינדוסטריע, אָדער קאָמערץ, אומע־טום איז דער דייטשישער איד געווען טעטיק, אומעטום האָט ער אַרויסגע־וויזן פיל זשעני. אומעטום איז ער געווען צווישן די ערשטע, אָדער דער ערשטער. עס איז ניט ווי עס איז דער פאַל אפילו מיט די גרויסע קולטור־פעלקער. אויף איין געביט איז דאָס פאָלק גרויס, פייאיק, אפילו גענַיאַל און אויף די אַנדערע געביטן, הינטערשטעליק, צווייטקלאַסיק אָדער גאָר סטעריל. נעמט, למשל, די ענגלענדער, האָבן זיי אויף דעם געביט פון מוזיק קיין גרויסע מענטשן ניט אַרויסגעשטעלט. עס זינגט זיך ניט ביי זיי. זיי זיינען גרויס אין דער פּאָעזיע, עס איז ניטאָ ממש צו זיי דערין קיין גלייכן, אָבער אין דער מוזיק זיינען זיי הינטערשטעליק, הייזעריק. ניט אַזוי די קליינע גרופּע דייטשישע אידן. זיי זיינען גרויס אין אַלץ, און מ'דאַרף ניט פאַרגעסן זייער צאָל. פאַרט ניט מער ווי איינִיקע הונדערט טויזנט מענטשן. די דייַ־טשישע אידן האָבן רעכט צו שטאָלצירן. זיי מעגן אויף זיך קוקן ווי אויף דעם זאַלץ פון דער ערד. זיי האָבן ניט אַרויסגעשטעלט קיין געטהע אָדער קאַנט, דאָס איז אמת, אָבער אַ היינע גייט אויך ניט צופוס. און זיי האָבן אַרויסגעשטעלט גרויסע פילאָזאָפן. מענדעלסאָן, זימעל, קאָהן, קאַסירער, קאַנטאָר, הוסערל און פיל אַנדערע. זיי האָבן געשאַפן שיטות און אויפגע־בויט וועלט־אַנשויאונגען. זיי קענען זיך דורכאויס פאַרמעסטן מיט די דייטשן. זיי זיינען אין פיל פּרטים אפילו גרעסער פון די דייטשן. עס זיינען באמת די אידן, וואָס האָבן דעם גרעסטן חלק אין דעם אויפבוי פון דער דייטשי־שער קולטור.

דאָס האָט אָבער די דאָזיקע אידן ניט געהאָלפן אין דעם טאָג פון פּורעניות. זיי זיינען געווען עלנט און אַליין. די גוי'אישע וועלט האָט זיך פאַר זיי ניט אָנגענומען.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די איינציקע פריינט, וואָס די דייַ־טשישע אידן האָבן, זיינען עס די אידן אין אַנדערע לענדער. די אידן אומ־עטום, וואו זיי געפינען זיך, האָבן אַרויסגעוויזן טיפע סימפּאַטיע און אַ רירנדן אינטערעס.

דען עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ אידיש פאָלק. עס איז ניט קיין פראַגע פון רעליגיע בלויז. אידן זיינען אידן. מיר זיינען קינדער פון איין פאָלק. עס איז דאָס זעלבע בלוט, וואָס איז דיקער פון וואַסער. דאָס בלוט שווייגט ניט, דאָס בלוט פּראָטעסטירט.

עס לבדר — אונדזער פאָלק איז איינזאַם, אָבער יעדער יחיד פון דעם פאָלק איז גאָר ניט איינזאַם. ביי אונדזער פאָלק גילט די מאָטאָ: יעדער איינער פאַר אַלע, און אַלע זיינען פאַר איינעם.

אידישער אינטעלעקטואַליזם

זיינען מיר צופיל פלפול'דיק? — „ראסע, ערד און בלוט". — די וועלט איז גערעכט מיט איר ריידן וועגן „אידישן קאפ". — די „תורה" פון נירענבערג. — אונדזער אידעאל איז צו ווערן דאס ליבט פאר די פעלקער.

א

„אידישער אינטעלעקטואַליזם" אָדער אין דעם לעצטן נוסח: „דעקאָדענדישער, אידישער אינטעלעקטואַליזם". מיט זיי האָט היטלער, מעשה פילאָזאָף, אויף איינעם פון די נירענבערגער קאָנגרעסן, זיך געפלייסט גערעכטצופערטיקן זיין פּאָליטיק פון האַס און פאַרפאָלגונג קעגן אידישן פאָלק. די דאָזיקע באַצייכנונג איז ניט קיין נייע און זיכער ניט קיין אָריגינעלע. היטלער איז אויך דאָס מאָל דער באַרימטער פּאַפּוגאַי, וואָס זאָגט נאָך די רייד פון אַנדערע, הגם ער איז ניט פייאיק זיי צו פאַרדייען. דאָס האָט ער פון ראָזנבערגן געבאָרגט די נייע כאַראַקטעריסטיק־באַשולדיקונג מכח „אידישן אינטעלעקטואַליזם". אָבער אויך ראָזענבערג איז ניט איר אָריגינעלער פאָטער. עס איז אַן אַלטע כאַראַקטעריסטיק, וואָס אפילו אידן אַליין האָבן זיך מיט איר אָפט באַנוצט. נאַטירלעך, הענגט אַלץ אָפּ פון דער דעפיניציע פונם וואָרט „אינטעלעקטואַליזם".

עס איז קלאָר, אַז מיט דעם אויסדרוק „אידישער אינטעלעקטואַליזם" ווילן די נאַצי־טעאָרעטיקער זאָגן: אַז אידן זיינען צו אַבסטראַקט, צו שאַרף, צו פלפול'דיק, שפּאַרן זיך צופיל אַן אויפן שכל, וועלכער איז דער אַבסאָלוטער אַליין־הערשער.

עס הייסט ווייטער, אז דערפאר זיינען די אידן מאנאטעאיסטן אין דער רעליגיע, מאניסטן אין דער פילאזאפיע און כאטש די חושים צייגן, אז דאס לעבן איז פליוראליסטיש און אז אין קאסמאס הערשט די פיל־געטעריי, שטעלן זיך אבער די אידן אויפן זייט פון שכל, וואס וויל דווקא איינהייט אין אלץ.

דער אידישער אינטעלעקטואליזם ווערט אויך אידענטיפיצירט מיטן מארקסיזם, וואס שטרעבט צו איינהייט אין דער ווירטשאפט, און וויל ניט דולדן קיין קלאסן אין דער געזעלשאפט. ער פאדערט אייניקייט צווישן פעל־קער, וואס איז באגרינדעט אויף דעם פרינציפ, באוואוסט אדער אומבא־וואוסט, אז אלע מענטשן זיינען גליך, ווייל זיי האבן איין פאטער אין הימל.

ווייטער, הייסט עס, אידישער אינטעלעקטואליזם איז ליבעראליזם, וועלכער דערלויבט יעדן מענטשן, אויך דעם פון ארימסטן שטאנד, אויך דעם, וואס האט ניט קיין פרעטענזיעס אויף אויסערגעוויינלעכע פייאיקייטן, ווער שמועסט זשעני, אויך דעם דורכשניטס־מענטש צו זאגן א דעה, צו נעמען אן אנטייל אין דער פירונג פון דער געזעלשאפט. אויך די פרוי ווערט אריינגערעכנט אין דעם חשבון. אויך זי, ווי דער מאן, איז בארעכטיקט צו אלע פריווילעגיעס אין דער געזעלשאפט.

אידישער אינטעלעקטואליזם, — און דא באצוועקן די קעגנער צו דערלאנגען אונדז ביז אין דער זיבעטער ריפ, — איז א מין לופט־פלאנץ, וואס האט ניט קיין באריערונג מיט דער ערד, ציט ניט קיין יניקה פון מו־טער ערדס זאפט, פארשטייט ניט, וואס הייסט אינסטינקט, אונטערבאוואוסט־זיין, אינטואיציע, עקסטאז און די אלע זיבן זאכן, וואס רעגן אן מענטשן צו רעאלער, פולבלוטיקער האנדלונג. מיר, אידן, זיינען פון די אלע מעלות טובות אויסגעשלאסן. די נייע נאצי־דריי־אייניקייט: „ראסע, ערד און בלוט" — פאר איר האבן מיר, אידן, גאר קיין זין ניט. ס'איז איבער אונדזער פארשטאנד, ווייל מיר קלאמערן זיך נאר אין שכל, וואס איז לויט דער נאצי־השגה בלוט־ארעם, אנעמיש און ווארצללאז. און צוליב דעם אפנים זאל מען בארעכטיקן דאס אויסשאלטן די אידן פון יעדער דייטשישער קולטור־ספערע, כדי, חלילה, ניט אנגעשטעקט צו ווערן פון שכל, וואס איז איבערגע־געבן געווארן צו אונדז, אידן, אין מאנאפאל.

אינטערעסאנט איז, אז לעצטנס איז א גרויסער דייטשישער נאצי־מאטעמאטיקער ארויסגעקומען מיט א באשולדיקונג קעגן איינעם פון די גרעסטע אידישע קעפ אין דער מאטעמאטיק, פראפעסאר לאנדאו, אז זיינע שאפונגען אויף דעם דאזיקן וויסנשאפטלעכן געביט זיינען ריין אידיש, ס'הייסט אבסטראקט און מעטאפיזיש, וואס א ריינער אריער קען עס ניט סובל זיין. אלזא אין דער מאטעמאטיק איז שוין אויך דא א אידישער גייסט.

לויט דער דייטשישער גענעראַליזאַציע קומט אויס, אַז די אידן זיינען בבחינת אַלגעבראַ און די אַריער — בבחינת געאָמעטריע. מעטאַפיזישער אומזין, אויף וועלכן די דייטשן זיינען גרויסע בריות. דערמאָנט זיך אין דעם טונקעלן העגעל און דער שפּיץ איז, אַז די אידן ווערן גאַר די מעטאַפיזיקער. מיר, וועלכע ווערן אין איין אָטעם באַשולדיקט אַלס מאַטעריאַליסטן, וואָס אומעטום שפּילט ביי אונדז די מאַטעריע די הויפּט־ראָלע: פּאַרמענידעסעס „זייןʺ און ניט העראַקליטעסעס „ווערןʺ, „אהיה אשר אהיהʺ, נאָר דאָס, וואָס איז שוין דאָ און ניט דאָס, וואָס עס דאַרף זיך ערשט אַנטוויקלען: מיר ווערן מיטאַמאָל אויסגעפּויקט אַלס ריינע מעטאַפיזיקער, וואָס האָבן ניט קיין באַרירונג מיט דער סובסטאַנץ, מיט דער מאַטעריע.

ב

ניט אַלע באַהויפּטונגען, וואָס אַנטיסעמיטן מאַכן וועגן אידן, מוזן זיין פאַלש, זיינען אומגערעכט. הגם דער תוך און תמצית פון אידישן דענקען, וויסן און פילן בלייבט זיי פרעמד, ווייל „השנאה מקלקלת את השורהʺ, ווייל דער האַס דערלאָזט זיי ניט זען דאָס ליכט, וואו ס'איז פאַראַן און שטערט זיי תופס זיין דעם אמת, אַפילו ווען ער ליגט ממש אויף דער האַנט. דאָך האָבן די אַנטיסעמיטן געבראַכט וויכטיקעביישטייערונגען צו דער אויפדעקונג און צו דער דערקלערונג פון דער אידישער פּסיכיק. איינמאָל מיט דעם, וואָס זיי האָבן געצוואונגען די אידישע דענקער אַליין זיך צו פאַרטיפן אינם מהות פון אידישן גייסט, אידישן שכל, אידישן געפיל און אידישן וועלט־באַנעם און והשגית, מיט דעם, וואָס זיי האָבן דורך אַנאַליז אויפגעדעקט דאָ און דאָרט געוויסע שטריכן אינם אידישן כאַראַקטער, אַנטפּלעקט געוויסע פאַרבאָרגענע ווינקלען אין אידישן נשמה־לעבן.

מיר שטייען אין שטענדיקן מחלוקת מיט די אַנטיסעמיטן צוליב זייערע מסקנות און אויספירונגען, אַז היות די אידן זיינען אַזוי אָדער אַנדערש, דאַרף מען זיי באַגרעניצן אין זייערע רעכט און אַנרייצן אויף זיי בלוט־דורשטיקע מאַסן. אַ קלאַסישער ביישפּיל פון אמת'ע אַנטיסעמיטישע באַהויפּטונגען און פאַלשער שלום מכח אונדזער פאָלק, איז פאַרצייכנט אין דער מגילת אסתר. המן זאָגט צו אחשורש'ן „ישנו עם אחד מפוזר ומפורדʺ, עס איז דאָ אַ פאָלק וואָס איז צעוואָרפן און צעשפּרייט צווישן אַלע פעלקער און זייערע געזעצן זיינען אַנדערש ווי פון אַלע פעלקערʺ. די דאָזיקע באַהויפּטונג איז ריכטיק. אידן זיינען צעשפּרייט און האָבן אַן אַנדער לעבנס־אויפפיר, אַן אַנדער אמונה. פאַלש איז אָבער געווען זיין אויספיר־פאָדערונג, אַז צוליב דעם זאָל מען זיי ניט לאָזן עקזיסטירן.

ס'איז זיכער עפּעס דאָ אין דער באַהויפּטונג מכח אידישן אינטעלעקטור־

אליזם. אידן האלטן זייער פיל פון שכל, פון שכל־הישר און פון מח. די וועלט איז גערעכט, וואס רעדט אזוי פיל פונם „אידישן קאפ". מיר נעמען אן די באשולדיקונג. דער איד זאגט מיט דעקארטן: „ווען איך דענק, איז א סימן, אז איך בין דא". דער שכל איז א הויפט־אנשפאר־פונקט פאר דעם מענטשן. דורך דעם דענקען קען מען אמאל אפפרעגן אויך דאס דענקען אליין, אבער הערט מען אויף דענקען, דעמאלט איז א סוף צו דעם מענטשנס גייסטיקער פיזיאנאמיע.

דער שכל מעג ניט זיין דער ארקעסטער, ניט ער אליין ברענגט ארויס אלע טענער, עס איז אבער זיכער דער דיריגענט, וועלכער פירט אריין הארמאניע צווישן די פארשידענע אינסטרומענטן. אלא ניט קומט ארויס א קאצן־יאמער אנשטאט געטלעכער געזאנג. עס איז אמת, אז אידן זיינען גוואלדיק אנאליטיש, מורא'דיק אביעקטיוו, האבן ליב זיך צו דערגרונטעווען צו דעם אמת ביז זיינע טיפע טיפעניש.

עס איז ריכטיק ווען מען ווייזט אן, אז דער איד צייכנט זיך אויס אלס קריטיקער, אנאליטיקער, אז ער האט ניט מורא פאר דעם מעסער פון דער לאגיק און האט ניט מורא צו פונאנדערנעמען א זאך אויף זיינע עלעמענטן און זוכן אין די חלקים דעם סוד פון דעם גאנצן. דער איד האט ניט מורא, ווי משה רבנו אמאל, צו פאדערן, ווען אפילו ער שטייט פאר דעם סוד פון דער געטלעכקייט, „הראני את פניך". דאס איז דער אידישער דורשט נאך דעם אמת, צי מען קען אים דערגרייכן אדער ניט, אבער שוין אין דורשט אליין ליגט די אויסצייכנונג.

עס איז מיט דעם שכל, וואס דאס אידישע פאלק האט אין זיינע ערשטע יארן דערגרייכט אזוי פיל אמת'ן, וואס האט ביי די גריכן, וועלכע האבן זיך באנוצט מיט דערפארונג און עקספערימענט, גענומען דורות, ביז זיי האבן דאס משיג געווען. דער שכל האט זיך בארעכטיקט און מיר,אידן, האבן גאר ניט בדעה זיך פון אים אפצוזאגן.

אייגנטלעך האלטן מיר איצט ביי א תקופה, ווען מען הויבט אן באגרייפן, אז אלע וויסנשאפטן, וואס זיינען אין פלוג באגרינדעט אויף עקספערימענט, אויף הארטער געזעצמעסיקייט, האלטן זיך בעיקר אויף דעם שכל, אז אפילו דאס קאזאלע געזעץ, סיבה און פועל־יוצא, איז די דערפינדונג פון שכל. אז ס'איז דער שכל, וואס שאפט דעם דעטערמיניזם אין דער נאטור, וואו עס איז ניטא דער מינדעסטער באווייז, אז ער איז פאראן. עס איז אבער דא אזא זאך ווי דעטערמיניזם אין שכל, אין דער לאגיק. דער מענטש ערשט טראגט די דאזיקע געזעצלעכקייט אריין אין דער נאטור, כדי ער זאל אין איר לאבירינט האבן א ריכט־שנור, און ניט מוזן פארפאלן ווערן אין איר זיג־זאג און ווילדן געדריי.

דאס הייסט, דורך דעם דעטערמיניזם שאפן פאר זיך פרייהייט. אויף

דעם געדאַנק האָט שוין דער גרויסער אינטעלעקטואַליסט שפּינאָזאַ אָנגע־וויזן. אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז דער דאָזיקער אינטעלעקטואַליסט פֿאַר עקסעלאַנס איז דווקא געשטאַנען מיטביידע פֿיס אויף דעם רעאַלן באָדן, און האָט אַפֿילו אין דעם אינטעלעקטואַליזם אַריינגעפֿירט דעם עלעמענט פֿון ליבע, וואָס איז צונויפֿגעזעצט פֿון ליידנשאַפֿט און עקסטאַז.

וויכטיק איז, אַז אַלע גרויסע וויסנשאַפֿטס־לייט ווילן דווקא האָבן, אַז נאָר דורך דעם שכל קען דער מענטש אויפֿבויען דעם קאָסמאָס און נאָר דורך אים קען ער קומען צום פֿרייען ווילן, ניט נאָר ווערן הערשער איבער זיין אייגענעם גורל, נאָר אויך איבער דער וועלטס, ווערן אַ שותּף צו מעשׂה בראשית.

אַ מערקווירדיקער צוזאַמענטרעף: אין דעם זעלביקן טאָג ממש, ווען היטלער האָט געפּלאַפּלט אין נירענבערג וועגן אידישן אינטעלעקטואַליזם, האָט סער דזשיימס דזשינס אין זיין פּרעזידענט־אַדרעס פֿאַר דער בריטישער געזעלשאַפֿט צו שטיצן די וויסנשאַפֿט, דערקלערט, אַז רוים און צייט און די גאַנצע פֿיזישע וועלט פֿון סובסטאַנץ האָבן ניט קיין באַזונדער עק־זיסטענץ, אויסער די קאָנצעפּציעס, וועלכע דער מענטשלעכער מח האָט געשאַפֿן. געדאַנק און שטאָף, אויב מען האָט נאָך ניט באַוויזן, אַז זיי זיינען פֿון איין נאַטור, איז על כּל פּנים פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז זיי זיינען באַשטאַנד־טיילן פֿון איין איינציקער סיסטעם. דאָס איז דער ברען־פּונקט.

אידן האָבן דאָס אַרויסגעפֿילט פֿיל פֿריער, איידער די וויסנשאַפֿט און די מאָדערנע פֿילאָזאָפֿיע האָבן עס באַוויזן. עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי שכל, אָפּגעריסן אינגאַנצן פֿון דער ווירקלעכקייט, און צו דער זעלבער צייט איז עס דער שכל, וואָס ניט נאָר איז פֿאַר אונדז תּופֿס די ווירקלעכ־קייט, נאָר שאַפֿט זי פֿאַר אונדז איבער, כּדי מיר זאָלן איז איר האָבן אַן אחיזה. פֿאַר דעם העברעער קומט שכל פֿון דעם שורש: קוקן, זען — הסתּכּלות — און זען מיינט אויך פֿאַרשטיין.

אַ האַלבער אמת איז אָפֿט אָבער ערגער פֿון אַ גאַנצן ליגן. דאָס וואָס אונדזערע שונאים זאָגן אויף אונדז, איז אָפֿטמאָל דערפֿאַר פֿאַלש, ווייל זיי דערזאָגן ניט. זיי זאָגן נאָר אַ האַלבן אמת און לאָזן אויס די אַנדער העלפֿט. דער אמת איז אָבער אין ביידע העלפֿטן, אין דעם גאַנצן.

קומען צו גיין איניקע קריטיקער און זאָגן, אַז די אידן זיינען מאַטע־ריאַליסטן. אַזוי האָבן אויך געזאָגט פֿיל קריסטיאַלאָגן. מיר האָבן דערפֿאַר ניט תּופֿס געווען ישוע הנוצרי, ווייל ער איז פֿאַר אונדז געווען צופֿיל גייסט, צופֿיל יענע וועלט. בקיצור, אַ חסרון, די אידן זיינען מאַטעריאַליסטן· דערצו ווערט נאָך צוגעגעבן צוליב גוטער מאָס, אַז מיר זיינען עגאָאיסטן. אַ ראיה,

אז מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער קריסטלעכער דאָקטרין: „ליב צו האָבן דעם צווייטן מער ווי זיך אַליין".

קומען צו גיין אַנדערע קריטיקער און זאָגן פּונקט דעם היפּוך: אידן זיינען אידעאַליסטן, פאַרשטייען ניט די האַרטע ווירקלעכקייט און זיי ווילן אָוועקשטעלן די וועלט אויף „מדת הרחמים", אויף ליבע צו אונטערדריקטע, צו אַלמנות און יתומים, צו דער מאָראַל פון די שוואַכע. ניטשע רופט עס, — פון די שקלאַפן. די דאָזיקע באַשולדיקער שטעלן שוין דאָס קריסטנטום אויף אונדזער חשבון, כאָטש די קריסטלעכע טעאָלאָגן האָבן טענות, אַז מיר פאַרשטייען ניט איר דערהויבענע מאָראַל.

וואָס איז דער אמת?

דער אמת איז, אַז מיר זיינען ביידע זאַכן צוזאַמען. דאָס הייסט, אויב איר ווילט, ניט דאָס און ניט דאָס, נאָר עפּעס אַ דריטעס, אַ נייעס, פאַר וועלכן עס פעלט נאָך די באַצייכנונג. עס וואָלט גוט געווען: רעאַליסטן, ווען מען וואָלט ניט איין דעם וואָרט אריינגעטייטשט אַ קעגנערשאַפט צום אידעאַליזם און צו פאַנטאַזיע, גלייך ווי זיי וואָלטן ניט זיין רעאַל. זיי זיינען אָבער פּונקט אַזוי רעאַל, ווי די ווירקלעכקייט אַליין. עס איז דערפאַר ניט אמת, אַז ווען מיר זיינען אינטעלעקטואַליסטן, זיינען מיר צוליב דעם אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט, זיינען מיר אַנטוואָרצלט און פאַרשטייען דעריבער ניט דעם טיפן זין פון „ראַסע, ערד און בלוט". קיין גרעסערער שטות איז גאָר אוממעגלעך.

גראָד דאָס אידישע פאָלק האָט דער וועלט געגעבן נבואה, וואָס איז געוועבט פון טיפע עמאָציעס, שטורמישע געפילן, וואָלקאַנישער אויסברוך ממש, אויפברויזנדער עקסטאַז, גליענדע עקזאַלטאַציע און צו דער זעלבער צייט צייכנט זי זיך אויס מיט אַ טיפן זין פון ווירקלעכקייט. פון אירע אַלע פלאַמענדע רייד האָט אַרויסגעשטראַלט דער „אור הגנוז" פון מענטש־לעכן שכל.

די אַלע באַשולדיקונגען מצד די נאַציס, אַז דער אידישער גייסט האָט געהאַט זיין השפּעה אויף דעם ליבעראַליזם, פּעמיניזם, און אויף די אַלע אַנדערע באַוועגונגען, וועלכע שטרעבן ניט דעם הויכן מענטשן אַראָפּצוזעצן, נאָר דעם נידעריקן צו דערהויבן, אַז מיר האָבן געפּריידיקט די אידייע פון פרידן און געשטעלט דעם גייסט העכער פון דער רויער גוואַלד. אָט די אַלע באַשולדיקונגען, וועלכע מיר האָבן דאָ דערמאָנט, און די אַלע אַנדערע, וואָס שטאַמען אַרויס פונם גרונט־געדאַנק, אַז דער מענטש איז ניט נאָר פאַרוואַנדט מיט דער חיה'שער וועלט, נאָר אויך מיט דער העכערער גייי־סטיקער וועלט, בבחינת חלק אלוקי ממעל, — נעמען מיר אָן, אַז שום ווידער־שפּרוך. עס איז ריכטיק. „יד ישראל באמצע", מיר האָבן דערינען געהאַט

א גרוים חלק, און עס פריוט אונדז ממש, וואָס אפילו אַנטיסעמיטן גיבן צו אונדזער השפּעה אויף די אַלע געביטן.

מיר ווייזן אָבער קאַטעגאָריש צוריק, אַז מיר פאַרשטייען ניט די וויכ־טיקייט פון אמת'ן געפיל, אָדער אַז מיר אונטערשעצן די חושים ווי: זען, הערן, אָנטאַפּן, אַז מיר פאַרשטייען ניט, וואָס הייסט אינטואיציע אָדער אינ־סטינקט, אָדער הייליקער אויפברויז: ס'איז פּונקט אַזוי אמת ווי ס'איז אמת, אַז מיר פאַרשטייען ניט וואָס „ראָסע, בלוט און ערד" באַדייט.

דער אמת איז, אַז אידן האָבן מער ווי אַנדערע פאַרשטאַנען די וויכ־טיקייט פון די חושים. אין דער העברעאישער שפּראַך, וואו אַלץ ווערט אַזוי רעאַל געשילדערט, ווערן ג ע ו ו י ס ע קרעפטן באַצייכנט מיט די איברים, וואָס זיינען די אינסטרומענטן, דורך וועלכע זיי אַנטפּלעקן זיך. „עין" הייסט ניט נאָר אויג, נאָר אויך שיין. „יד" הייסט ניט נאָר אַ האַנט, נאָר אויך קראַפט, מאַכט, און „רגל" איז ניט נאָר פוס, נאָר אויך צוליב, אורזאַך. דאָס זעלבע איז ריכטיק וועגן אַנדערע אברים, ווי, למשל, „עקב" און „כף", א. א. וו. און נאָך איידער מען האָט גערעדט פון אינטואיציע און געמאַכט דערפון אַ גאַנצע טעאָריע האָבן מיר, אידן, שוין לאַנג גע־וואוסט פון „רוח הקדש", וואָס איז ביים קריסטנטום, אין דער איבערזעצונג „הייליקער גייסט", אַביסל פאַרגרעבט געוואָרן. מסתמא ווייסן דאָך די נאַצי־טעאָרעטיקער, אַז גראָד אידן זיינען געווען די, וועלכע האָבן געשאַפן די פילאָזאָפיע פון „לאָגאָס" און, אַז דער איד בערגסאָן איז דער באַגרינ־דער פון דער פילאָזאָפיע פון אינסטינקט און אינטואיציע, און דער איד פרויד — דער שאַפער פון דער נייער פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז באַזירט אויף דעם אונטערבאַוואוסטזיין.

איידעלע זאַכן, וואָס זיי קומען אַריין אין די הענט פון גראָבע מענטשן, ווערן זיי פאַרגרעבט. אָט דאָס, וואָס איז געשען מיט דער אידייע פון „אתה בחרתנו", מיט די אידייען מכח בלוט און ערד. די אידן האָבן געמאַכט פיל וועזן וועגן זייער אייגענעם לאַנד און עד היום איז ביי זיי ארץ ישראל דער וויכטיקסטער ווינקלשטיין אין דער נאַציאָנאַלער אויפפאַסונג, און דאָך האָבן זיי מקבל געווען די תורה אויסער די גרעניצן פון ארץ ישראל...

זיי האָבן פיל געהאַלטן פון יחוס און „זכות אבות" און צו דער זעלבער צייט אויפגעשטעלט די לערע, אַז דער גר און דער פרעמדער זאָלן האָבן די זעלבע רעכט, ווי דער געבוירענער.

מיר זיינען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק און אונדזער אידעאַל איז צו ווערן דאָס ליכט פאַר פעלקער. ניט לעבן אָפּגעשלאָסן פאַר זיך אַליין, נאָר זיין ווי דאָס ליכט, וואָס איז נאָר דעמאָלט ליכט, ווען עס איז דאָ אַן אויג, וואָס זעט עס.

אידן און אידנטום זיינען אַביסעלע צו קאָמפּליצירט אפילו פאַר

אײדעלערע מחות װי היטלער און ראָזענבערג. אפילו אונדזער אײגענער אָטאָ װײנינגער, אַז אמת'ער גאון פון מענטשלעכן דענקען, האָט זיך אױסגעגליטשט, װען ער האָט גענומען דרשנ'ען װעגן דעם תוך פון אידנטום, כּל־שכן די גראָבע נאַצי־קעפּ און פאַרגיפטעטע נאַצי־העצער, װי היטלער א. ד. גל. — פאַר זײ איז דאָס אידנטום ממש אומדערגרײכבאַר, זײ טרעפן מיט אַ פינגער אין הימל.

זייַנען אידן אַ קריגעריש פאָלק?

די מחלוקת'ן אין די שולן. — ווען אידן זייַנען געווען אויף זייער ערד. — די קריגערייען זייַנען אפט פאָרגעקומען צוליב רעליגיעזע אנגעלעגנהייטן. — די חשמונאים און די העלעניסטן. — דער קאמף קעגן די פאָלקס־אויסנוצער. — דער אידישער צייכן איז שלום.

וואָלט מען די דאָזיקע פראַגע געשטעלט דעם סתם־אידן אין גאַס, וואָלט ער אַ מינוט ניט געטראַכט, נאָר וואָלט גלייך געענטפערט: אוודאי. די אידן האָבן ליב מחלוקת. ס'איז ביי זיי דאָס לעבן. עס איז אין זייער בלוט. זיי קענען אָן קריג ממש ניט אויסקומען.

דער דאָזיקער סתם־איד וועט אייך לאַנג ניט לאָזן וואַרטן און באַלד נעמען אייך דערציילן פון זיין אייגענער דערפאַרונג ביי זיך אין שטאָט אָדער אין שטעטל, און פון דעם לעבן פון זיין אייגענער קהלה.

עס איז איין און דאָס זעלבע לידל: אין אָנהויב איז געווען איין שול אין שטאָט. אַלץ איז געווען גוט און פיין. עס איז געווען איין רב און איין שוחט — אַן אמת'ע אידיליע. מען האָט געלעבט רואיק און צופרידן, האָט אָבער גאָט אָנגעשיקט אַ מחרחר־ריב, אַ אידן אַ רודף־אחר־הכבוד, האָט ער געוואָלט זיין דער גאַנצער בעל דעה אין שול און איינשלינגען אַלע כיבודים, כאָטש גיב אים שישי און מפטיר און ראשון, כאָטש ער איז גאָר ניט קיין כהן, און די גאַנצע מזרח־וואַנט איז אים קאַרג — ער וויל די גאַנצע שול. האָט דאָס קהל ניט געוואָלט ליידן. ער האָט זיך צופיל געמישט און ניט געוואָלט אַנדעריש, נאָר ווערן דער גאַנצער בעל־הבית, האָט מען אים געפרעגט „מי שמך?” די געדולד האָט געפּלאַצט, און מען האָט אים געוויזן זיין ריכטיקן פּלאַץ. וואָס־זשע טוט ער? נעמט ער זיך צונויף מיט זיינע קרובים און נאָך מיט אַ חברה — דער קריגער קריגט שטענדיק זיין קאַפּיטל, קורח ועדתו —

און באשליסט בויען אן אייגענע שול, און ווען א שול, — איז נאך א רב און אויך נאך א שוחט. ווערט מען, נאטירלעך, אויף מעסער־שטעך, ווי אנ־דערש? די שטאט שפאלט זיך אויף צוויי צדדים און עס איז „ליהודים!״

איז דערפון א באוויז, אז אידן זיינען ביטערע נצחנים, און קענען צווישן זיך ניט אויסקומען.

א משכיל גייט נאך אביסל ווייטער, דערמאנט די מחלוקת׳ן צווישן די חסידים פון די פארשידענע גוטע אידן, אדמו״רים, וועלכע זיינען צווישן זיך ווי פייער און וואסער, ווי, למשל, די חסידים פון סאנדז מיט די פון רי־זשינער גזע, אדער די בלוטיקע מלחמה צווישן בעלזער הויף און מונ־קאטשער.

הכלל, אידן, ביי זייערע אלע צרות און שווערע צייטן, פארגעסן דאך ניט זייערע קריגערייען. דער שטן טאנצט ביי זיי שטענדיק אין דער מחנה, שפרינגט א האפקע, די פאלעס פארקאטשעט, און ער הויבט פיס עד לשמים און אידן שטייען און קוקן צו, פליעסקען צו מיט די הענט און האבן הנאה.

לעצטנס איז מיר געקומען צום אויג א בריף פון א אידן אין איינער פון אונדזערע צייטונגען, א „פאלקס־שטימע״, אזוי צו זאגן. דער בריף האט אויף מיר א בלאז געטאן מיט דעם ווינט פון א דרייסיק יאר צוריק, פון יענער צייט, ווען פייגענבוים און ראזענצווייג האבן געוועלטיקט איבער די מחות פון דער יוגנט אויף דער אידישער גאס, די טרויעריק־בארימטע צייט פון ראדיקאלן לעבן, ווען מענטשן האבן ניט געוואלט אנדערש ווי נאר מאכן דעם כביכול א לונג־פעלער, ווען זיי האבן להכעיס אים געגעסן שנויץ מיט טשוועקעס. יענער איד האט געוואלט באווייזן זיין גרויס געלערנטקייט און ער האט גענומען אויסרעכענען א צעטל פון אידישע מחלוקת׳ן און ער האט זיך ווי געררייצט מיט די יעניקע אידן, וואס זיינען זיך מצער איבער די לעצטע קריגס־אויסברוכן אין אונדזער לעבן, ווען ציוניסטן פון איין שאטירונג אדער פראקציע פאלן אן אויף ציוניסטן פון אן אנדער שאטירונג. אט דער „פאלקס־איד״, פייגענבוימס תלמיד, האט גע׳טענה׳ט: נאך אלעמען, א נייעס, אידן קריגן זיך, אידן שלאגן זיך, עברים נצים? ווען האבן אידן זיך ניט גע־שלאגן, ווען האבן די אידן געלעבט צווישן זיך בשלום? קיינמאל ניט! ניט ביי זיך אינדערהיים, ניט אין גלות, שטענדיק האבן זיי זיך ארומגעשלאגן. יהודה האט זיך געשלאגן מיט ישראל, בלוט האט זיך געגאסן אין די גאסן, מען האט זיך ניט געשעמט אפילו צו רופן דעם פרעמדן שונא, אז ער זאל מכריע זיין. מיט דעם פרעמדן פיינט קעגן דעם אייגענעם ברודער. די אידן האבן שפעטער זיך ארומגעשלאגן צווישן זיך אין דעם חשמונאים־פעריאד, העלעניסטן מיט פאטריאטן. די פאטריאטן און נאציאנאליסטן האבן זיך גארניט געקימערט וואס דער שונא שטייט אויף דער שוועל, און האבן זיך געווארפן מיט גרימ־צארן אויף די מאדערנע אידן, וואס זייערע איינציקע זינד איז געווען, וואס

זיי האבן געוואלט ארייננקריגן אביסל נייעם גייסט, דעם גריכישן. די אומטאָ־לעראַנץ איז געווען אומדערטרעגלעך.

נאָכדעם זיינען געווען נייע קריגערייען. דאָס אידישע בלוט האָט ניט אויפגעהערט קאָכן, אַזוי ווי זכריה׳ס בלוט אויף דעם שטיין, וואָס האָט לויט דער לעגענדע ניט אויפגעהערט זידן, ביז מען האָט ניט אויסגעקוילעט הונדערטע קליינע קינדער, יונגע עופה׳לעך. און דאָס יונגע בלוט אויף זיין בלוט געגאָסן. אַזוי איז דאָס אידישע בלוט בכלל. אויך אין די גרעסטע אומ־גליקן, ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז אין סכנה, וויל זיך עס אַלץ ניט בארואיקן, און ס׳הערט ניט אויף זיך רייסן צו קריג. און די מחלוקת־פלאַמען הערן ניט אויף פלאַקערן און באַלייכטן מיט זייער גרויזאַמען שיין דאָס טרויעריקע אידישע לעבן.

נאָכדעם קומט די געשיכטע ווי אַזוי אידן האָבן זיך אויפגעפירט אין דער צייט פון זייער אויפשטאַנד קעגן רוים, ווי אַזוי די מעסיקע עלעמענטן האָבן זיך ארומגעריסן מיט די הייסע פּאַטריאָטן, מיט די בריונים און סיק־ריקין, וואָס האָבן געשטעלט אין קאָן די גאַנצע אידישע אומאָפּהענגיקייט און ניט געוואָלט הערן פון מעגלעכע פּשרות.

עס איז געווען צוליב אָט די אינעווייניקסטע רייסערייען, וואָס אידן זיינען אַזוי צעשמעטערט געוואָרן דורך רוים, און דאָס אידישע לאַנד איז אָפּ־געווישט געוואָרן אַלס אַ באַזונדערע מדינה צווישן מדינות. די נקמה פון צערייצטן לייב איז געווען ווילד און פלאַמענדיק צוליב דעם אויפפיר פון די אידישע היץ־קעפּ.

היוצא לנו מזה ? וואָס באַווייזן די פאַקטן ? — דערקלערט דער „פאָלקס־איד״, אַז אומזיסט זינגען מיר „עוד לא אבדה״, נאָך איז ניט פאַרלוירן גע־וואָרן אונדזער האָפנונג. די האָפנונג איז פאַרלוירן, און מיר זאָלן גאָר ניט אָנהויבן פּרובירן שאַפן אַ אידישע מדינה, ווייל עס וועט זיין אַ מפלה, און דערפאַר דאַרף מען זיך ווינטשן אַז דער גואל זאָל קיין מאָל ניט קו־מען. ווייל נאָך וואָס אומזיסטע אָנשטרענגונגען און שווערע אַרבעט ? ווען אפילו מען זאָל שוין צולאָזן, אַז אידן וועלן אויפבויען אַ אידיש היימלאַנד, און עס וועט ניט געשען די זעלבע זאַך ווי ביים טורעם פון בבל, אַז איינער וועט ניט פאַרשטיין דעם אַנדערן, ווען איינער וועט זיך הייסן געבן זאַמד, וועט מען אים דערלאַנגען אַ האַמער, וועט ער ווערן אין כעס און וואַרפן דעם האַמער אין קאָפּ פון געבער — נאָר אָנגענומען, אַז אידן וועלן שוין דאָס לאַנד יאָ אויפבויען, וועלן זיי עס אַליין שפּעטער צעשטערן, אָפּט אויס צופיל ליבע, אָבער דער עיקר צוליב מחלוקות און רייסערייען. אַזאַ ביין בלוט איז שוין ביי אידן. דער חילול השם וועט זיין מורא׳דיק גרויס, און די אַנטוישונג וועט זיין זייער ביטער. איז דערפאַר בעסער גאָר ניט אָנהויבן, און אומזיסט קיין צייט ניט פאַרלירן.

אזוי ווייט דאָס מענה־לשון פון „פאָלקס־איד”. עס איז זייער אַ טרויעריק בילד. אויב ער זאָל גערעכט זיין אין זיינע הנחות, דעמאָלט איז אויך דער שלום אַ ריכטיקער. דעמאָלט איז באמת אומזיסט דער גאַנצער ענין פון בויען. איז לשוא עמלו הבונים. צום גליק זיינען אָבער די הנחות פאַלשע, הגם די פאַקטן פון דער געשיכטע זיינען ריכטיק. און דערפאַר איז דער שלום דורכאויס אַ פאַלשער.

עס איז פאַלש, אַז אידן קריגן זיך אַרום מער ווי אַנדערע פעלקער, און זיינען צווישן זיך צעריסן מער ווי אַנדערע אומות. עס איז לאָ דובים ולאָ יער. גיט געשטויגן און ניט געפלויגן. איין זאַך איז יאָ ריכטיק: די אידן זיינען ממש פאַטאַלאָגיש אין דעם פונקט פון שלום. יעדער קלייגער דורכשמועס, יעדער איבערוואַרטלען זיך ברייגנט אידן אַריין אין אַ ציטערניש, אין אַ ווילדן שרעק, טאָמער וועט ווערן אַ מחלוקת אויף אַז אמת, טאָמער וועט מען זיך קריגן. די מורא איז שטענדיק שטאַרקער ווי דאָס מחלוקת.

עס איז אמת, אידן האָבן געהאַט זייערע מחלוקת'ן און קריגערייען, אָבער מען פאַרגעסט, אַז די אידישע געשיכטע איז זייער אַ לאַנגע, האָט הינ־טער זיך אַ פעריאָד פון טויזנטער יאָרן, און עס וואָלט זיין אַ וואונדער, ווען איז אַזאַ לאַנגער צייט זאָלן ניט זיין אייניקע פאַלן פון קריגערייען. קיין מלאכים זיינען מיר ניט, אָבער די פאַלן זיינען אויסנאַמספאַלן, וואָס אונ־טערשטרייכן די לאַנגע תקופות פון שלום ביי אונדז.

די קריגערייען צווישן יהודה און ישראל זיינען פאָרגעקומען אין אַ צייט, ווען די אידישע שבטים זיינען נאָך ניט געווען קאָנסאָלידירט אין אַ נאַ־ציע. אַ גרויסע ראָלע אין דעם לאַנג אויסגעצויגענעם קריג האָט געשפּילט דער פאַקט, וואָס די צוויי טיילן זיינען געווען שטאַרק מחולק איבער רעליגי־עזע פונקטן. רעליגיע איז נאָך היינט זייער אָפט אַ „סלע המחלוקת”. אַ זאַך, וואָס איז מסוגל צו שפאַלטן אַ פאָלק אין פאַרשידענע טיילן. אין אינדיען, למשל, זיינען די מוסולמאַנער מיט די הינדוסן אין שטענדיקן בלוטיקן קריג. אפילו גאַנדי האָט דעם רים ניט געקענט היילן.

דער אונטערשיד צווישן בעל און דעם אידישן גאָט איז געווען ניט נאָר אַ פראַגע פון צערעמאָניעס נאָר אַ נפקא־מינה אין דעם גאַנצן וועלט־בליק, אין לעבנס־אויפנעם. כל זמן די צוויי טיילן האָבן זיך געהאַלטן ביי אַזעלכע פאַרשידענע גלויבנס, האָט געמוזט זיין קריג. עס איז אָבער אויך שטענדיק געווען אַ שטאַרקע טענדענץ פאַר שלום, און עס האָבן ניט געפעלט קיין נביאים אין ישראל, וואָס האָבן פאַראויסגעזאָגט אַ פאַראייניקונג צווישן די זיך־קריגנדיקע מחנות אויפן יסוד פון איין גלויבן, דער גלויבן אין איין איינ־ציקן גאָט.

דער אמת איז, אַז אויך אין יענע אַלטע צייטן איז געווען אידישע מלכים געלונגען צו פאַראייניקן אַלע אידן אין איין מלוכה, וואָס דאָס איז

לויט יענע אומשטענדן דווקא א וואונדער. דוד בלייבט באליבט ביי אידן, און פון זיינע קינדער וועט ארויסקומען משיח, ווייל ער האט די אייניקייט געמאכט משגלער.

עס איז „דוד מלך ישראל חי וקים". דוד לעבט, ווייל ער איז דער סימ־באל פון אידישער אייניקייט און אידישער גרויסקייט, אידישער מאכט און גלאנץ, ווייל אין אייניקייט ליגט קראפט.

נאך עפעס:

אין יענע מחלוקת'ן האבן אויך געהאט א האנט די מלוכות, וואס האבן דאס אידישע לאנד ארומגערינגלט. זיי זיינען געווען אפט פיל שטארקער ווי די אידישע קעניגרייכן, און די גרויסע און קלענערע מלוכות האבן גע־וואלט באזיצן דאס קליינע אידישע לאנד צוליב סטראטעגישע צילן, און זיי האבן אינטריגירט, אנגערייצט איין טייל פאלק אויף דעם אנדערן, כדי זיי ביידע אפצושוואכן און אזוי ארום לייכט צו מאכן דעם זיג איבער ביידע. אז אלט־באקאנטע הויב־פאליטיק, וואס האט אויסגענוצט דאס יונגע אידישע פאלק פאר אירע עגאאיסטישע צוועקן.

וואס עס וואלט געשען, ווען דאס מלכות־ישראל וואלט ניט געווען גע־פאלן און די אזוי גערופענע „פארלוירענע צען שבטים" וואלטן ניט געווען פארשלעפט געווארן קיין אשור, איז שווער איצט צו טרעפן. מען מעג מיט רעכט אננעמען, אז די צוויי טיילן פון אידישן פאלק וואלטן זיך סוף־כל־סוף געווען פאראייניקט. ווייל מיט יעדן יאר זיינען זיי, א דאנק דער השפעה פון די נביאים, דערנענטערט געווארן אין גייסט.

נאר אויב די באהויפטונג געהער צום פעלד פון השערות, איז אבער זיכער, אז נאך דעם פאלן פון מלכות־ישראל, האט יהודה א צייט פון איבער הונדערט און פופציק יאר געלעבט רואיק. אן ערנסטע מחלוקת'ן און אן קריגערייען.

נאך דעם גלות פון זיבעציק יאר, ווען עס איז פארגעקומען די עליה פון בבל, האבן אידן ווידער א גאנץ לאנגע צייט געלעבט רואיק. זיי האבן אין אנהויב געהאט פיל צרות פון די שומרונים, אבער צו קיין ערנסטע קאנסע־קווענצן האט עס ניט געפירט. די אידישע מלוכה לעבט דורך שווערע צייטן. זי איז א שפיל־באל אין די הענט פון שטארקערע מלוכות. אבער די אידן אליין לעבן צווישן זיך בשלום. דאס געדויערט אן ערך פון קארגע צוויי הונדערט יאר, ביז דער צייט פון די חשמונאים. דעמאלט צעברענט זיך א קריג, אבער מען דארף בשום אופן ניט מאכן קיין גרויס ווענן פון דעם זייטיקן קריג צווישן די אידישע העלעניסטן און די פאטריאטן. דער הויפט־קריג איז פארט געווען געווענדט קעגן דער פרעמדער מאכט.

עס איז אויך פאלש צו דערקלערן, אז די חשמונאים זיינען געווען קעגן די העלעניסטן, ווייל זיי זיינען געווען קעגן יעדן פרעמדן גייסט. עס איז א

פאַלשער בליק אויף דער אידישער געשיכטע. אידן האָבן פיל אויפגענומען פון פרעמדע פעלקער. זייערע פענצטער זיינען ניט געווען פאַרהאַקט פאַר השפעות פון אַנדערע קולטורן. דער אמת איז, אַז אויך דער גריכישער גייסט האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אידישער קולטור. עס איז געווען אַ וועקסל־ווירקונג. אָבער דער אידישער העלעניזם איז ניט געווען דער אמת'ער גריכישער גייסט, ער איז ניט געווען פריי פון פּאָליטיק, און דערפאַר דער כעס פון די פּאַטריאָטן. זיי האָבן דעריין געזען, און מיט רעכט, אַן אָפּשוואַכונג פון דעם מרידה־גייסט פון די אידישע מאַסן קעגן דעם פרעמדן באַדריקער.

עס זיינען אפשר געדעכט די היסטאָריקער, וואָס ווילן אין דעם קאַמף, וואָס די חשמונאים און זייערע אַנהענגער האָבן געפירט קעגן די העלעניסטן, זען אַ מלחמה פון קלאַסן. די אידישע מאַסן, פּויערים און אַרבעטער, האָבן געפירט אַ מלחמה קעגן דער אויבערשטער שיכט פון די העלעניסטן, וואָס זיינען געווען די גרויסע לאַנד־באַזיצער און אַריסטאָקראַטן און האָבן דאָס פאָלק עקספּלואַטירט ניט ווייניק מיט דער הילף פון דער פרעמדער מאַכט, וועלכער זיי האָבן געדינט און גע'חנפ'עט.

על כל פּנים קען מען דעם קאַמף ניט ברייינגען אַלס ביישפּיל, אַז אידן קענען ניט לעבן צווישן זיך אין פרידן. אַזעלכע קאַמפן קומען פאָר צווישן אַלע פעלקער, אפילו אין דער איצטיקער צייט, ווען דער נאַציאָנאַלער איינ־פלוס איז פיל שטאַרקער צוליב שפּראַך און קולטור ווי אין דער אַלטער צייט.

וואָס שייך דעם לעצטן קריג פון אידן קעגן רוים, איז אמת, אַז אונד־זערע חכמים זיינען זייער אויפגעבראַכט אויף די קנאים. אָבער ווען מען ליי־ענט יאָזעפוס, מוז מען זיך מאַכן אַ גאַנץ אַנדער בילד מכח אָט די העלדישע קעמפער. מיט יענער מלחמה האָבן מיר אידן זיך לחלוטין ניט וואָס צו שע־מען. און כאָטש מיר פאַרשטייען אויך די מאָטיוון פון ר' יוחנן בן זכאי, וואָס האָט געוואָלט ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך, הייסט אָבער בשום אופן ניט, אַז מיר קענען זיך דערלויבן, חלילה, איין שלעכט וואָרט קעגן די העלדן פון יענער צייט, וואָס האָבן מיט מסירת נפש און התלהבות, וואָס האָט ניט קיין גלייכן, ווי לייבן געקעמפט פאַר די רעכט פון אידן צו לעבן אַלס אַ פריי פאָלק. זייער אויפשטאַנד בלייבט אַן אומפאַרגלייכלעכער ביישפּיל אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַר פרייהייט און רעכט. מיר זיינען זיי מוחל זייער אומפּראַקטישקייט, און מיר גלויבן, אַז אַזאַ סאָרט דורכפאַל איז אין דער לעצטער שורה אַ געווינס, אַ זיג. אַזאַ מלחמה איז דער טיגל, אין וועלכן עס ווערט געלייטערט און געהאַרטעוועט דער כאַראַקטער פון אַ פאָלק. צו וועלן אויסנוצן יענעם פּעריאָד אַלס ראיה, אַז אידן קענען ניט לעבן צווישן זיך רואיק און פרידלעך, איז נאָר אַ סימן פון קליינלעכן גייסט, ענגהאַרצי־

קייט, מצד די ראיה־ברייננגער. יעדע מרידה קעגן רוים באווייזט נאָר, אַז מיר זיינען אַ פאָלק ניט מיט פיש־בלוט, נאָר אַז אונדזער בלוט איז הייס און רויט און אַז מיר זיינען גרייט, ווען נויטיק, זיך מקרב צו זיין פאַר אונדזער פרייהייט.

מיט דער צעשטערונג פון דער אידישער מלוכה, גייט דאָך דאָס אידישע פאָלק ניט אונטער. די אידן גרינדן אַ גייסטיקע מלוכה אנשטאָט דער פיזי־שער. די תלמידי־חכמים ווערן די פירער, די הערשער (מאן מלכי? — רבנן) דאָס פאָלק נעמט גערן אָן זייער דיסציפּלין, כאָטש זייער צוואַנג־מאַכט איז שטאַרק באַגרעניצט.

עס גייען אַוועק הונדערטער יאָרן, זעקס הונדערט יאָר אָן שום קריג. די איינציקע קריגערייען זיינען צווישן בית שמאי און בית הלל און די פאַר־שידענע ישיבות. אָבער דער געראַנגל ווערט געפירט אין אַן אַטמאָספערע פון קעגנזייטיקן רעספּעקט און ענדיקט זיך שטענדיק אין הסכם און פאַר־שטענדעניש.

אַזוי איז אויך שפּעטער, אין דער תקופה פון די גאונים. עס הערשט שלום ושלוה, ביז דעם באַווייזן זיך פון דער סעקטע קאַראַאימען. עס צע־ברענט זיך אַ קריג, אָבער ער פירט ניט צו קיין בלוט־פאַרגיסונגען, חלילה.

עס איז אַ קאַמף פון אַנשויאונגען. עס זיינען אויך פאַרמישט פּערזענלעכע אמביציעס. עס ענדיקט זיך, אמת, מיט אַ ריס, וואָס מען האָט ניט געקענט צונויפנייען — קרעים (קראים) אינם מתאחים — אַ קליינע סעקטע פאַר־לאָזט דעם הויפּט־שטאַם, אָבער ריידן פון דעם ווי פון אַ בלוטיקן קריג, איז אַ גוזמא.

אויב מחלוקת באַווייזט עפּעס, באַווייזט עס נאָר דאָס, אַז צווישן אידן ווערט אויך דער סעקטן־קאַמף געפירט אין די ראַמען פון מענטשלעכקייט. מען דערמאָנט זיך ווי אַזוי די פראַנצויזן האָבן מיט הונדערטער יאָרן שפּע־טער זיך באַנומען קעגן די הוגנאָטן. מען דערמאָנט זיך אין דעם קאַמף פון פּראָטעסטאַנטיזם אין ענגלאַנד. עס זיינען דאָך פאַרגאָסן געוואָרן ממש טייכן בלוט.

ביי אונדז איז אפילו, ווען עס איז כלומרשט אַ קריג, איז עס לויט דעם שניט פון אידישן גלייכווערטל מכה אידישע גולנים. עס לאָזט זיך אויס מיט אַ שמעק טאַבאַק.

באַטראַכט מען די פראַגע פון קאַראַאימען מיט היינטיקע אויגן, מעג עס אפשר אויסקוקן, אַז מען האָט אים געפירט צו הייס, און אַז מען האָט געדאַרפט דעם ריס פאַרמיידן, אָבער אַזוי ריידן הייסט צעמישן די תקופות. אין יענער צייט איז אפשר קיין אַנדער אויסגאַנג גאָר ניט געווען מעגלעך.

גוט איז צו וויסן, אַז שפּעטער איז געווען אַנדערש. די צוויי נייע שאַר־פע מחלוקת'ן אין אונדזער געשיכטע, ווי דער איינער צווישן חסידים און

מתנגדים און דער צווייטער — צווישן טראַדיציאָנעלן אידנטום און רע־פאָרמיסטן, האָבן זיך מיט קיין ריס ניט געענדיקט. מען האָט זיך ערנסט געקריגט און דער קריג האָט פאַר אַ שטיקל צייט אַנגענומען העסלעכע פאָר־מען, אָבער די משפחה איז ניט צעריסן געוואָרן, און ברידער זיינען גע־בליבן ברידער.

נאָך מיין אָפּשאַצונג איז די אידישע געשיכטע ניט אַ באַווייז, אַז אידן זיינען אַ קריגעריש פאָלק. נאָר להיפּוך, אַז אידן האָבן ליב פרידן. זיי צע־קריגן זיך שווער און בעטן זיך לייכט איבער, און זייער צייכן איז שלום. דאָס איז אויך דער נאָמען פון אידישן גאָט.

דער שטרייט ווען גאָט

קריסטנטום און געצנדינסט

לאָמיר מגייר זיין די וועלט

מיר שטאָלצירן מיט אונדזערע נעמען

קריסטנטום און געצענדינסט

די קריסטן אין דער ראָלע פון שטראָפער. — די אומדאַנקבאַרקייט צום פאָלק פון תנ"ך. — אידן זיינען געווען טאָלעראַנט צו אַנדערע רעליגיעס. — וואָס האָט דאָס קריסטנטום גענומען ביי אונדז? — דייטשישע פילאָזאָפן האָבן פיינט געהאַט אידן.

א

עס שטעקט ניט אין דעם קיין סתירה, וואָס פון איין זייט זיינען די אידן די שאַרפסטע קעגנער און קריטיקער פון קריסטנטום און פון דער אַנדערער זייט הערן זיי זיך ניט אויף צו רימען, אַז זיי האָבן געגעבן דער וועלט אַ רעליגיע און די מערב־אייראָפּעאישע פעלקער אַ מענטשן־זון, וועמען זיי באַטראַכטן אַלס געטלעך...

עס איז **ניט** קיין ווידערשפּרוך! ביידע זאַכן שטימען און ווענדן זיך ניט אָפּ. אין **דעם** קאַמף צווישן קריסטנטום און אידנטום זיינען די ערשטע וואָס האָבן אָנגעהויבן דעם שטרייט, געווען די אידן, אין דער צייט ווען דאָס קריסטנטום איז געווען אַ ריין אידישע אָנגעלעגנהייט און ניט בלויז אַ רעליגיעזע פראַגע, נאָר האָט אויך געהאַט איר פּאָליטישע זייט. שפּעטער אָבער איז דער קאַמף אָנגעפירט געוואָרן ניט פון די אידן, נאָר, פאַרקערט, פון די קריסטן, די באַקערטע צום נייעם גלויבן. די נעאָפיטן האָבן ניט אַנדערש געוואָלט, ווי נאָר באַווייזן, אַז דאָס קריסטנטום שטייט העכער פון אידנטום, און אַז די אידן, וואָס ווילן ניט אויפנעמען דאָס קריסטנטום, זיינען שווערע זינדער קעגן גאָט און מוזן דערפאַר שטאַרק באַשטראָפט ווערן. און די קריסטן האָבן אויף זיך גענומען די ראָלע פון שטראָפער.

האט זיך אנגעהויבן א סדרה פון רדיפות אויף אידן מצד די קריסטן, און א העלישע שנאה האט זיך צעפלאקערט. די קריסטן האבן ארויסגעוויזן א גרויסע אומדאנקבארקייט צו דעם פאלק, וואס האט זיי געגעבן דעם תנ"ך, וועלכן זיי האבן א נאמען געגעבן דאס „אלטע טעסטאמענט" און אז וועלכן דאס נייע וואלט זיכער געווען אוממעגלעך. די נייע רעליגיע, וואס האט אויף איר זייט אריבערגעצויגן די מאכט פונם רוימישן שטאט, האט זיך גענומען נוקם זיין אין די אידן, וועלכע האבן זייער נאציאנאלע מאכט פאר־לוירן אין דער לעצטער מלחמה מיט זייער ביטערן שונא — רוים.

דאס איז געווען אין דער בחינה: „בת קמה באמה". די טאכטער האט דא אויפגעהויבן איר האנט, אין וועלכער עס האט געשטעקט א טאפלט־שארפע שווערד קעגן איר אייגענער מוטער, פון וועלכע זי האט גענומען דאס מייסטע, וואס זי האט פארמאגט. די אידן האבן אין דעם קאמף זיך נאר געווערט און פארטיידיקט.

וואלטן די קריסטן ניט געווען פארפירט מיט די אידן א מלחמה, קען מיט זיכערקייט אנגענומען ווערן, אז די אידן וואלטן דאס קריסטנטום געווען גע־לאזט צורו. בעסער ווי געצנדינערייִ איז דאס קריסטנטום זיכער געווען. די אידן האבן ניט געקענט ניט אנערקענען, אז דאס קריסטנטום איז א לייבלעכע טאכטער פון דער אידישער לערע, הגם זי איז אביסל ארוים לתרבות רעה.

די אידן, אזוי ווייט ווי מיר ווייסן עס פון דער געשיכטע, זיינען גע־ווען טאלעראנט צו די רעליגיעס פון אנדערע פעלקער. זיי זיינען, אמת, גע־שטאנען אונטער דעם שטרענגן פארבאט ניט אויפצונעמען פרעמדע רעליג־יעס, ניט זיך פארמישן מיט אזעלכע פעלקער, וועלכע דינען פרעמדע געטער, זיך צו האלטן ווייט פון זיי און זייערע געזעצן. אונדזער תורה האט א גאנצע ריי פון „גזרות", „סיגים" און „משמרות", אלעראַרט צוימען און באריערן כדי אונדזער פאלק זאל, חלילה, ניט אריינפאלן אין דעם אפגרונט פון געצנ־דינסט. אונדזער מחוקק האט אבער קיינמאל ניט פארלאנגט, אז די אידן זאלן ארויסגיין אויף מלחמה און מיט געוואלט צווינגען אנדערע פעלקער אנצונעמען דעם אידישן גלויבן, ווי דאס האט געטאן דער נביא פון איסלאם, מור־באמעד, למשל. די קריסטן האבן עס אין דער פראקטיק אויך געטאן. מען מוז צוגעבן, קיין דירעקטער באפעל פון די גרינדער פון קריסטנטום איז אויף דעם ניט געווען.

אין דער אידישער געשיכטע איז באקאנט בלויז איין פאל, ווען א סע־מיטישער שבט איז מצד די אידן געצוואונגען געווארן אנצונעמען דעם אידישן גלויבן. דאס איז דער שבט אדום. דאס איז אבער געשען דורך הורדוס, וואס האט זיך ניט ווייניק אויפגעפירט לויט רוימישע גענג. די אידן האבן יא אנגעפירט א באוועגונג פון פראזעליטיזם און זיך געפלייסט מאכן גרים, אבער אלץ אויף דעם רואיקן וועג, דורך ארגומענטן און איבערצייגונג.

ווען די קריסטן האבן אבער אנגעהויבן פון איין זייט א קאמף קעגן אידנטום און קעגן אידן, און פון דער אנדער זייט אויך אנגעהויבן א מיס־יאנס־באוועגונג צווישן אונדזער פאלק מיטן צוועק צו באקערן אידן צום קריסטנטום, האבן די אידן ניט געהאט קיין אנדער ברירה, ווי אפצושטעלן אויף דער אטאקע און אויפווייזן די דערהויבנקייט פון זייער אייגענער אמונה און צו דער זעלבער צייט אויך אנצואווייזן די שאטנס און די פע־לערן פון קריסטנטום. דאס איז פאר די אידן געווארן אן עקזיסטענץ־פראגע, ווייל דאס קריסטנטום האט דאך זיינע גלויבער אנגעבאטן מער ערדישע גע־ווינסן ווי מיר האבן עס געקענט טאן. צו דער צוגעזאגטער עולם הבא האט זי שוין געקענט געבן שכר אויף דער וועלט, בשעת צו זיין א איד האט געמיינט אין בעסטן פאל זיין א בירגער פון צווייטן קלאס, א קינד פון א באזיגט פאלק און אפטמאל האט דאס געמיינט אויך זיין הפקר צו די קאַ־פריזן פון די הערשער.

וואלטן די אידישע פארשטייער ניט געקענט באווייזן די מומים און די פעלערהאפטיקייט פון דעם קריסטנטום, וואלט, חלילה, ניט געווען געבליבן פונם אידישן פאלק קיין שריד ופליט. דאס האט אין די ערשטע צייטן גע־שטערט די אידן זיך צו קענען אפילו רימען מיט דעם פאקט, אז זיי האבן געגעבן דער וועלט דאס קריסטנטום. יעדעס גוט ווארט פארן קריסטנטום וואלט דאן געווען געפערלעך פאר דער עקזיסטענץ פון אידן, ווייל דאס וואלט געקענט מיספארשטאנען ווערן פון דעם המון. עס איז געווען אוממעגלעך פאר אידן צו זאגן א גוט ווארט פארן קריסטנטום, אויך צוליב דער אויפפי־רונג פון די קריסטן, וועלכע האבן זיך ממש געבאדן אין אידיש בלוט, אין נאַ־מען פון זייער נייער רעליגיע.

מעגלעך געווארן איז עס ערשט אין דער לעצטער צייט, ווען די קריסטן האבן אויפגעהערט צו פארפאלגן די אידן צוליב זייער אמונה, ווען אידן האבן געקענט דעם עניין באטראכטן אביסל אביעקטיווער.

באמת איז אויך איצט נאך דער שטרייט ניט אריבער, ווייל אויך נאך איצט הערן ניט אויף קריסטלעכע געלערנטע און נאך מער גלחים פון כל המינים צו באווייזן כלומרשט, אז דאס אידנטום האט צו דער צייט פון חורבן געגנומען זיך דעגענערירן און קייקלען זיך בארג אראפ. און א גליק נאר, וואס עס איז געקומען דער מאן פון נצרת און דורך דעם קריסטנטום עס געראטעוועט פון פולשטענדיקער ירידה, פון פאטאלן קראך. זיי הערן דארום ניט אויף צו פאדערן, אז די געבליבענע אידן זאלן זיך גיין טובל'ען אין די וואסערן פונם נייעם גלויבן. איז כל זמן זיי ריידן אזוי, קענען אידן, נאטירלעך, ניט שווייגן, און עס פעלן ניט קיין ארגומענטן און באווייזן, אז אונטער אלע אומשטענדן איז דאס קריסטנטום ניט קיין פארבעסערונג פונם אידנטום, און אידן האבן דארום אין קריסטנטום ניט וואס צו זוכן.

וואס דארט איז שיין און נאבל, האבן זיי ביי זיך אינדערהיים און דער עורח. וואס איז זיי פרעמד, האט דעם קריסטנטום אליין קיין טובה ניט גע־טאן. נאר אלע פארפיינערונגען און פשט'לעך, איז נאך אלץ געבליבן א שיין ביסל פון געצנדינסט אין דער נייער תורה.

על כל פנים דער שטרייט צווישן קריסטנטום און אידנטום איז איצט מער א טעארעטישער און די אידן האבן ניט מער מורא אנצואווייזן אויף דעם אמת'ן קוואל פונם קריסטנטום, וואס איז געווען אונדזער אייגענע לערע. אפילו אונדזערע טענות קעגן דעם גרינדער פונם קריסטנטום בלייבן אין זייער גאנצער קראפט. איז עס אונדזערער אן עניו. עס האט אבער ניט צו טאן מיטן פאקט, אז פאר די פעלקער איז'ער געווען א גליקלעכע דער־שיינונג, ווייל דורך אים האבן זיי זיך דירעקט און אומדירעקט באפרייט פון די מ"ט שערי טומאה, פון מיאוס'ן געצנדינסט. און ער איז געווען א זון פון אונדזער פאלק.

ב

נאר וואס עס זאל ניט זיין די באציאונג פון אידן צום קריסטנטום, איין זאך בלייבט אויסער ספק און אין דעם זיינען אלע אידן מודה, אז צווישן דיביידע אמונות זיינען דא פיל בארירונגס־פונקטן, הגם עס זיינען אויך דא שארפע אונטערשידן. דאס קריסטנטום האט פון אונזער לערע איבער־גענומען צו אלערערשט, אז גאט איז דער פאטער פון אלע קינדער אויף דער ערד. וואס דאס מיינט, אז מיר זיינען מחויב ליב האבן יעדן מענטשן, וואס טראגט דעם צלם אלוקים, אן אונטערשיד פון ראסע. דאס איז דער יסוד פונם אוניווערסאליזם.

צווייטנס: אז דער אלמעכטיקער איז א רחום וחנון. בארימהארצי־קייט און רחמנות אויף אלע באשעפענישן איז א הויפט־שטריך פון כביכול. דערפאר מוזן מענטשן, וואס ווילן גיין אין זיינע וועגן, רחמנות האבן אויף אלמנות און אויסשטרעקן א העלפנדע האנט די יתומים און אפווישן א טרער, אויף וועמענס פנים זי זאל זיך ניט באוויזן. דאס איז להיפוך צו די געווע־זענע אנגענומענע אמונות, וואס האבן געוואלט האבן, אז ווען א מענטש ליידט קערפערלעך אדער גייסטיק, איז א סימן, אז גאט האט אים פארלאזן און דערפאר דארף מען אים גאר ניט העלפן, נאר גאר לאזן אים אונטער־גיין אין זיין שטראף.

די חקירה איז געגאנגען אזוי ווייט, אז לויט איר איז אויסגעקומען, אז ווען א מענטש ווערט קראנק, וואס איז דאך זיכער געשען מיט דעם ווילן פון גאט, איז עס ניט די פונקציע פון די מיטמענטשן אים צו העלפן און זיך צו שטעלן, אזוי צו זאגן, קעגן גאטס ווילן און אפהאלטן זיין גזר,

חלילה! די אידייע איז געווען, אַז מען דאַרף דעם קראַנקן לאָזן אונטערגיין, אויב ער קען אַליין ניט געזונט ווערן.

די אידישע אַנשויאונג ווידער איז געווען פּונקט די דיאַמעטראַל־קעגנגעזעצטע. לויט איר קומט אויס, אַז דער קראַנקער, דער אומגליקלעכער, דער פאַרלאָזטער, דער יתום, די אַלמנה און דער נרדף זיינען ממש גאַנצע מיוחסים. מען דאַרף זיך מיט זיי ספּעציעל אָפּגעבן. זיי קומט, אַזוי צו זאָגן, די מזרח־וואַנט. די אידייע איז, אַז ווען גאָט אַליין איז אַ רופא חולים, ער נעמט זיך אַן די קריוודע פון פאַרפאַלגטן און האָט ליב דעם עלנטן און האָט רחמנות אויף דעם קריפּל, דעם אומגליקלעכן, איז דער מענטש מחויב צו גיין אין גאָטס וועגן און דאַרף אים אין דעם פרט פאַרטרעטן אויף דער ערד: („מה הוא חנון אף אתה חנון"). און כאָטש געוויינלעך איז גענוג, ווען דאָס לעבן איז געבויט אויף דין און צדקה, ווערט דאָך אין דער אויפפירונג צווישן איין מענטש צום אַנדערן געפאָדערט מדת־הרחמים. דין אַליין איז ניט גענוג, נאָר עס דאַרף זיין „לפנים משורת הדין". עס ווערט אפילו אויך געפאָדערט: קדושה! אַ גאַנץ נייער באַגריף, וואָס איז העכער אפילו פון גערעכטיקייט און אפילו פון רחמנות, וואו עס קען נאָך זיין צוגעמישט אַן עלעמענט פון לויז, פון שכר. קדושה האָט ניט צו טאָן מיט דעם מענטשן, דעם מקבל. ניט ער איז דער אינטערעס. ניט. צוליב אים דאַרף אַ מענטש געבן צדקה און טאָן גוטס, נאָר צוליב זיך אַליין, ווייל אַ מענטש דאַרף זיין הייליק. ניט אין אַלע פרטים שטימט דאָס קריסטנטום איין מיט דעם וועלט־בליק. עס זיינען פאַראַן ניואַנסן, קלענערע און גרעסערע אונטערשידן. בדרך כלל זיינען אָבער ביידע אמונות איינשטימיק, אַז רחמנות איז אַ הויפּט־אַטריבוט פון כביכול, און אַז גאָט אַליין איז גרייט געווען ברייינגען קרבנות פאַר דעם אומגליקלעכן מענטשן.

דריטנס: די ביידע רעליגיעס גלויבן, אַז גאָט איז דער קעניג פון פרידן. די הענט פון די קריסטלעכע פעלקער זיינען אפילו אויסגעשמירט אין בלוט און פון רציחה־אינסטינקטן האָבן זיי זיך נאָך ווייט ניט באַפרייט, אָבער טעאָרעטיש, לכל הפחות, זיינען זיי פאַר פרידן און שלום און „גוטן ווילן" — דער אידעאַל, צו וועלכן מען דאַרף שטרעבן.

פערטנס: ביידע אמונות זיינען מסכים, אַז די גאָלדענע צייט ליגט אין פאָראויס, אַז די וועלט אַנטוויקלט זיך און ווערט בעסער פון טאָג צו טאָג און וועט זיך אַמאָל דערנענטערן צום תכלית השלימות. ניט נאָר דער מענטש, נאָר אפילו די חיה וועט ווערן מענטשלעכער און זי וועט פאַרלירן אירע בייזע אינסטינקטן. דאָס איז דער באַרימטער „באחרית הימים", ווען דער וואָלף מיט דער שאָף וועלן וואוינען אינאיינעם.

פינפטנס: עס איז פאַראַן די הסכמה צווישן די ביידע אמונות, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן האָט אַ ציל און אויך די גאַנצע בריאה האָט איר זין, עס

איז ניט פוסט; עס איז ניט קאפריז, און זיכער ניט בייזער ווילן, ניט א להכעיס־שפיל. און מעגן מיר ניט איננאנצן פארשטיין גאטס הויכע וועגן, האבן מיר דאך א שטיקל באגריף, אז די וועלט ווערט געפירט לויט די הויכע פרינציפן פון מאראל און עטיק. ניט קוקנדיק דערויף, וואס פיל זאכן אין דער נאטור זעען אויס ווילד, ברוטאל און אכזריות'דיק, זיינען אבער דאס אלץ בלויז אפגעלייגטע שטעגן, פארוואָרפענע וועגן און ניט דער דרך המלך. דאס איז דער טייל אידנטום, אין וועלכן דאס קריסטנטום נעמט א חלק. דער היפוך דערפון איז געצנטום.

עס איז נאטירלעך שווער צו ריידן וועגן געצנטום ווי וועגן איין באַ־שטימטער לערע, ווייל עס זיינען דא פילע עבודה־זרה'ס און יעדע האט איר באשטימטן קולט. דאך קען מען זאגן, אז די געצנדינערייַ האט ווייניק גע־וואוסט פון רחמנות און גערעכטיקייט און זיך זייער ווייניק געצערעמאָניעט מיט די עלנטע און אומגליקלעכע, ווען מען האט אן שום התנצלות אפּ־געראמט פון וועג.

די פארהערלעכער פון פאגאניזם שילדערן אפילו די דאזיקע אמונה אלס א ליכטיקע און פרייע און לוסטיקע, באשר עס פלעגן אין איר קולט פארקומען ארגיעס און וואקכאנאליעס. דאס איז אבער א ווילדער טעות. פאגאניזם איז א קינד פון פחד, דער גאט וואס רעגירט די וועלט איז א קפדן, א קאפריזנער און האט הנאה פון בלוט־פארגיסן. מען דארף פאר אים שטענדיק ציטערן, אים איבערבעטן, געבן אים שוחד, און דאך איז מען מיט אים קיינמאל ניט זיכער. ווייל גיט איינער מער, לאזט ער זיך איבערקויפן. דער מענטש געפינט ניט אין גאט קיין שטיצע און ער איז ניט זיין פאטער און פירער, נאר פארקערט, זיין פארפאלגער און שונא און ערשט דאמאלט ווערט דער מענטש פריי, ווען ער קען גאט אפנארן, פארשלעפערן, דערלאנגען א כאבארל, אים אפגעבן, ווען נויטיק, די אייגענע פרוי. בקיצור, די פאגא־ניסטישע וועלט איז געווען זייער א טרויעריקע, א פעסימיסטישע, אין וועל־כער דער מענטש האט געדארפט ציטערן ווי א בלאט פאר דעם קלענסטן ווינטל וואס בלאזט.

דער אויפפיר צווישן מענטש און מענטש איז, נאטירלעך, געווען די אפּ־שפיגלונג פון דער באציאונג פון גאט צו מענטש. ווי גאט, אזוי דער מענטש. דערפאר האבן אין דער פאגאניסטישער וועלט געהערשט גזלה און רציחה. דער לייטנדער פרינציפ אין יענעם לעבן איז געווען: ווער עס איז שטארקער, דער איז גערעכט. אבער אין אמת'ן האט דער שטארקער אויך קיין רו ניט געהאט, ווייל עס גיט דאך ניט קיין גרענעצן צו קיין שטארקייט. איין מענטש האט דארום מורא געהאט פאר דעם אנדערן און איז מיט זיין לעבן קיינמאל ניט געווען זיכער. איינער האט דעם אנדערן ניט געגלויבט און דאס לעבן איז דארום געווען פול מיט אויסגעלאסנקייט און בלוט־פארגיסונג, און די

לופט איז געווען אנגעזאפט מיט די געשרייען און טרערן פון די אונטערדריק־טע און בארויבטע, וואס האבן ניט געהאט פאר וועמען זיך צו באקלאגן, און זייער גורל פלעגט ארויסרופן ביי די פייניקער נאר א געלעכטער.

דאס אידישע פאלק מעג מיט רעכט שטאלץ זיין און זיך ניט אויפהערן באַרימען דערמיט, וואס זי האט געגעבן די פעלקער לערעס, וואס לגבי דעם פאגאניזם זיינען זיי געווען ווי ליכט קעגן פינצטערניש, און העכער פון אים ווי דער הימל איז פון דער ערד.

די פעלקער האבן דורך דעם קריסטנטום זיך אויך באקענט מיט גאנץ אנדערע געשטאלטן, מיט די הויכע פערזענלעכקייטן פון אונדזער תנ"ך, איבערהויפט מיט די, וועלכע זיינען פארבונדן מיטן גורל פון אונדזער פאלק, אנהויבנדיק פון אברהם אבינו, וועלכער האט דערקענט דעם באשעפער, „שהכיר את בוראו", און גלייך איז אים געווען דעם גאט פון גערעכטיקייט און געוואגט כביכול גאט אליין צו שטעלן א קשיא מכח זיין באנעמונג: „השופט כל הארץ לא יעשה משפט ? !"

די פעלקער, וואס האבן זיך באקענט מיטן תנ"ך, האבן גענומען איבער־אנדערשן זייער לעבן לויט גאנץ נייע כללים, כאטש ניט שטענדיק האבן זיי געקענט מנצח זיין דאס געצנטום, וואס איז זיי אריין טיף אין די ביינער.

ג

אלע פעלקער האבן מיט שוועריקייטן פארדייעט דאס קריסטנטום, דער־הויפט זיינע אידישע עלעמענטן, און שטענדיק זיינען פארגעקומען אינערלעכע קאמפן צווישן דעם אידנטום, וואס איז געווען דער הויפט־שותף פון קריסטנ־טום, און דעם געצנטום, וואס האט אים געוואלט פארדוקן אין א ווינקל און אליין איבערנעמען די ממשלה.

אפקלאנגען פון דעם געראנגל קען מען ארויסהערן פון פיל געשעענישן אין דער געשיכטע פון קריסטנטום. שטענדיק אבער איז די אלטע ביבל געקומען צו הילף דעם אידישן טייל, וואס איז באקעמפט געווארן, און אים גע־האלפן אנהאלטן זיין פאזיציע. עס שטעקט א גרויסע גבורה אין אונדזער תנ"ך. זיינע ווערטער זיינען פלאם פייער און האבן בכח אויסצוברענען יעדע פסולת און לייטערן דעם גייסט.

דאס פאלק, וואס האט אמוייניקסטן געקענט שלום מאכן מיטן תנ"ך, איז געווען דאס דייטשישע, הגם עס הייסט, אז דאס דייטשישע פאלק איז דער הויפט־גרינדער פון דער רעפארמאציע. דאס איז זיכער א טעות. די גרויסע רעפארמאטארס, וואס האבן געפאדערט א רעוויזיע פונם קריסטנטום לויט דעם גייסט פון אלטן תנ"ך, זיינען ניט געקומען פון דייטשלאנד. אפילו לוטהער אליין האט זיך אינגאנצן ניט געקענט באפרייען פון געצנדינערישן

אבערגלויבן, כאָטש ער האָט זיך געפּלייסט עס צו טאָן. מיט קיין טינטערל קען מען אָבער קיין שד ניט הרג'ענען, און ווען מען וואַרפט עס אים אין קאָפּ, טרעפט מען גאָר אין דער וואַנט און מען פאַרפלעקט זי בלויז. לוט־הערס שד איז אָבער ניט געקומען צו אים פון דרויסן, ווי ער האָט געמיינט, נאָר איז געלעגן ביי אים אינווייניק אין האַרצן. מען קען ניט ליב האָבן דעם תנ"ך און פיינט האָבן דאָס אידישע פאָלק. לוטהער האָט אָבער פיינט געהאַט אידן. דער בעסטער סימן, אַז ער האָט ניט געקענט אויפנעמען דעם גייסט פון תנ"ך.

די מערסטע דייטשישע פּראָטעסטאַנטן פאַרערן דעם תנ"ך און האָבן פיינט אידן. דאָס איז אַ סתירה מיניה וביה. זייער ליבע איז דאַרום זייער חשוד. ציילן די אותיות פון תנ"ך און ראַנגלען זיך מיט דעם טייטש פון די ווערטער, הייסט נאָך ניט פאַרשטיין זיין גייסט. נאָך ווייניקער הייסט עס, זיך לאָזן פון אים באַהערשן. דאָס דייטשישע פאָלק איז ביזן גאַרטל גע־בליבן שטעקן אין געצנטום און דאָס אידנטום איז אים געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז. עס האָט זיך געהאַלטן אין איין ווערגן מיט די אידן און די שנאה צו אידן איז צוליב דעם אַליין געוואָרן נאָך שטאַרקער.

די מערסטע דייטשישע פילאָזאָפן האָבן פיינט געהאַט אידן. אויך קאַנט האָט קיין איבעריקע ליבע צום תנ"ך ניט אַרויסגעוויזן. ניטשע האָט, ווי באַקאַנט, די אידישע מאָראַל געערופן די „שקלאַפן־מאָראַל" און האָט גע'חלומ'ט וועגן אַ בלאָנדער בעסטיע. שאָפּענהויערן איז ניט געווען געפעלן דער אָפּטימיסטישער גייסט פון דער אידישער לעבנס־פילאָזאָפיע. אַזוי אויף דער גאַנצער ליניע. פילאָזאָף נאָך פילאָזאָף, מיט קליינע אויס־נאַמען. דאָס אידנטום אין קריסטנטום איז פאַר דעם דייטשישן מאָגן גע־ווען צו שווער צום פאַרדייען.

דערוויילי הוליען בייזע ווינטן אין דייטשלאַנד. דאָס געצנטום זיצט אויפן טראָן, צי מען האָט עס אָפיציעל געקרוינט אָדער ניט. דער קאַמף, וואָס פירט זיך, איז בלויז וועגן אָפיציעלקייט. די דייטשישע קריסטן ווילן אָפיציעל אָנטאָן די קרוין אויף וואָטאַן, וואָס זי לאָזט ניט אַרויס די האַק פון האַנט. דאָס איז אָבער ניט וויכטיק. דאָס דייטשישע פאָלק האָט זיך אַרונטערגעקאַטשעט מאָראַליש צען קלאַפטער אונטער דער ערד. די שנאה צום תנ"ך איז איצט נאַטירלעך. מען קען ניט פיינט האָבן אידן און ליב האָבן דעם תנ"ך.

מיר אידן קענען רואיק וואַרטן אויף דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה. אונדזער תנ"ך איז אומצעשטערבאַר. אפילו די נאַציס האָבן אים ניט גע־וואַגט פאַרברענען אינם טאָג, ווען זיי האָבן געברענט ביכער פון אידישן גייסט.

עס איז קיין ספק ניט, אַז דאָס דייטשישע פאָלק וועט טייער באַצאָלן

פאַר דער נייער געצנדינערישער אוואַנטיורע און אַז אונדזער תנ״ך וועט האָבן זיין נצחון אפילו אין דייטשלאַנד אַליין. מעג עס נעמען לענגער, אָבער דער טאָג וועט קומען. און אָנהויבן וועט זיך די נייע רעפאָרמאַציע ניט מיט דער ליבע פאַרן תנ״ך, נאָר מיט פאַרשטענדעניש פאַר דעם אידישן פאָלק, קעגן וועמען זיי האָבן אַזוי שווער און ברוטאַל געזינדיקט.

לאָמיר מגייר זיין די וועלט

דער אידישער גייסט פּרעדיקט רחמנות צו קראַנקע און שוואַכע. — איין מענטש איז דעם אַנדערן אַ וואָלף. — אידישע רעליגיע איז ניט געשטעלט אויפן גרונט פון בלוט. — אידן זיינען גע־ווען די פרידלעכסטע מיסיאָנערן.

פּאַרשטייט מען די אַנטי־אידישע, היטלעריסטישע פילאָזאָפיע ריכטיק, מוז קלאָר ווערן, אַז מער ווי היטלער איז קעגן די דייטשישע אידן און די אידן פון דער וועלט בכלל, איז ער קעגן דעם אידישן גייסט. עס איז אַן אַרויספאָ־דערונג ניט נאָר קעגן די אידן פון דעם דור, נאָר קעגן די אידן פון אַלע דורות, קעגן דעם אידישן פאָלק, קעגן דעם אידישן בלוט, ווייל די נאַציס זיינען אין דער ערשטער ליניע קעגן דעם אידישן גייסט. זייריידן פון ראַסע און האָבן אַ גאַנצע ראַסן־טעאָריע. די אַרישע ראַסע איז דאָס זעמל־מעל פון דער מענטשהייט, „דאָס אויבערשטע פון שטויסל". עס איז בלוט און לאַנד. די אַנדערע ראַסן זיינען ניט מער, ווי „האָלץ האַקער" און „וואַ־סער שעפּער", און אפשר דאָס אויך ניט. זיי זיינען אפילו ניט דאָס מיסט, מיט וועלכן מען קען פרוכטבאַר מאַכן דאָס פעלד. זיי זיינען אינגאַנצן איבעריק.

עס איז די אַרישע ראַסע, וואָס האָט אַ רעכט די וועלט צו באַהערשן, און אַלע אַנדערע ראַסן האָבן גאָר קיין רעכט ניט צו עקזיסטירן. בקיצור, עס איז ראַסע פון אָנהויב ביזן סוף. איז אמת'ן אָבער, ווען מען דרינגט אַריין אַביסל טיפער, איז די גאַנצע ראַסן־טעאָריע זייערע ניט מער ווי אַ שווינדל, ניט מער ווי אַ מאַסקע, מיט וועלכער זיי ווילן פאַרדעקן די טיפע שנאה קעגן דעם אידישן גייסט. עס איז דער אידישער גייסט, וואָס זיי קע־נען ניט דולדן, וואָס זיי קענען ניט פאַרדייען. די אויטאָ־דאַפע, וואָס זיי

האבן געמאכט פאר ביכער, וואס זיינען געשריבן דורך אידן אדער זיינען אנגעשטעקט מיט דעם אידישן גייסט. האט מיט פלאמען און רויך באוויזן קעגן וואס זייער שנאה איז באמת געצילט. עס איז דער אידישער גייסט, ווערמען זיי באטראכטן פאר זייער ביטערן שונא, קעגן וועמען זייערע גיפטיקע פיילן זיינען געצילט.

אין דער ערשטער צייט האבן זיי גערעדט פון אריער און ניט־אריער און עס האט געהייסן, אז זיי ציען א ליניע צווישן דער אַרישער ראסע און די אנדערע ראסן. די אידן, וועלכע זיינען פון אן אנדער ראסע, און ניט אריש, דארפן אויסגעטיילט ווערן פון דייטשישן פאלק און אוועקגעשטעלט מחוץ למחנה, כדי ניט פארשוועכן די ריינקייט פון דער אַרישער ראסע. די אידן, האט עס געהייסן, זיינען דא נאר א צופאל, ווייל זיי זיינען צופעליק אין דייטשלאנד. די דייטשן זיינען אבער ניט נאר קעגן אידן, נאר אויך קעגן אנדערע ראסן. די אידן — די סעמיטישע ראסע, איז נאר איינע פון די פיל אנדערע ראסן, פון וועלכע די אַרישע ראסע וויל זיך האלטן פון דער ווייטנס. ווען איר ווילט, זיינען זיי גאר ניט אזוי קעגן די אנדערע ראסן, ווי זיי זיינען פאר דער אַרישער ראסע, וועמענס ריינקייט, אריגינאליטעט זיי ווילן איינהיטן.

שפעטער האבן זיי ארונטערגעווארפן די מאסקע און קלאר געמאכט, אז מיט ניט־אריש מיינען זיי נאר אידן, אז די גאנצע זאך מיט אריש און ניט־אריש איז צוגעטראכט געווארן, כדי צו געבן א ווימנשאפטלעכן כאראקטער צו זייער אויסראטונגס־פאליטיק קעגן אידן. די דייטשן, אז וויסנשאפט רירן זיך דאך ניט. אין תוך איז דאס די געוויינלעכע שנאה צו אידן, וואס מיר קענען פון לאנג אן. אבער דאס מאל איז עס מער געצילט קעגן אידישן גייסט, אין וועלכער פארם ער זאל זיך ניט מאניפעסטירן, ווי עס איז קעגן אידן. איצט ריידן זיי שוין וועגן דעם כמעט אפן. זיי זיינען אפילו קעגן דעם קריסטנטום. ווידער פארשלייערן זיי דאס מיט אלערליי פראזן. עס הייסט, אז די דייטשן ווילן צוריקקערן צו זייער אייגענער ראסן־רעליגיע, צום אמאליקן היידנטום. אין תוך מיינט עס ווידער, אז זיי ווילן זיך אפטרייסלען פון דעם אידישן גייסט און דערפאר פירן זיי אן א פארשטעלטע מלחמה קעגן קריסטנטום, וועלכן זיי באטראכטן אלס אן אויסדרוק פון אידישן גייסט, וואס דאס איז ביז א געוויסן גראד אויך ריכטיק.

עס איז, אלזא, אן אפענער ארויספאדער קעגן אידישן גייסט, פון וועלכן היטלער וויל רייניקן די וועלט. ער רעדט בלוט און מיינט גייסט, ווייל ער מיינט, אז דער גייסט שטעקט אין בלוט. ער גלויבט, אז ער דארף נאך אנווייזן דער וועלט אויף דער שעדלעכקייט פון אידישן גייסט און די וועלט וועט זיך אפטרייסלען פון אים ווי פון א פעסט. ער זאגט אזוי אויך בפירוש. זיין הויפט טעארעטיקער, אלפרעד ראזענבערג, באווייזט כלומרשט מיט אר־

גומענטן די שעדלעכקייט פון אידישן גייסט. דער אידישער גייסט ווייס ניט וואס הייסט ערע, באוואונדערט ניט קיין העלדישקייט, פארשטייט ניט קיין ליבע פאר דער אייגענער ערד און אונטערשעצט די וויכטיקייט פון בלוט, פון ראסע. דער אידישער גייסט שטעלט אוועק אויף דעם ערשטן פלאץ דאס לעבן. דאס מענטשלעכע לעבן איז הייליק, מען דארף עס אויפהאלטן אום יעדן פרייז. דער אידישער גייסט פרעדיקט דארום רחמנות, סימפאטיע פאר אינוואלידן און קראנקע, פאר יתומים און אלמנות. זיי פארנעמען דעם ערשטן פלאץ אין דער געזעלשאפט, מיט זיי מוז מען זיך מער אינטערעסירן, אפילו ווי מיט געזונטע און מיט דער יוגנט, ווייל יענע קענען זיך אליין ניט העלפן, מוז די געזעלשאפט זיי העלפן. און דאס קומט אלץ פון דעם פאלשן פרינציפ, אז דאס מענטשלעכע לעבן איז וויכטיק, אז איין מענטש איז דעם אנדערנס היטער, אז ליבע איז דער קאנטראלירנדער פאקטאר אין מענטשלעכן אויפפירן, אז רעכט און ניט מאכט איז דער לייטנדער פרינציפ, און די אידייע פון רעכט, אויב ריכטיק פארשטאנען, קוועלט דאך ארויס פון דער פאלשער תורה, פון מענטשנליבע.

קעגן דעם אלעמען ווערט זיך די נאצישע פילאזאפיע. דאס מענטשן־לעבן האט ניט קיין באדייטונג. אפילו בלוט פארגיסן פארשאפט פארגעניגן, ווען עס העלפט שיצן די ערע. ניט רעכט איז די ריכטשנור אין מענטשלעכן לעבן, נאר די מאכט. זי באשטימט און זי איז אליין איר רעכט און דארף קיין פארטיידיקונג ניט האבן. מענטשנליבע איז א שווינדל. איז א אידישע דערפינדונג, וואס שוואכט אפ די מענטשלעכע ענערגיע, מאכט דעם מענטשן פאר א פחדן. אט די אידישע תורה ווילן די נאצים אויסראטן. מיט אנדערע ווערטער, די אידישע עטיק, וועלכע ניטשע, זייער פילאזאף, האט שוין לאנג באצייכנט אלס די „מאראל פון די שקלאפן". זייער אידעאל איז ניט דער מענטש, וועלכער באפרייט זיך פון זיינע אנימאלישע, בייזע אינסטינקטן, נאר די „בלאנדע בעסטיע". דער קאליר איז דא ניט דער עיקר, דאס איז א נעבנזאך. די הויפט זאך איז די בעסטיע. די אידייע פון פרידן ווידער־שפרעכט דער מענטשלעכער נאטור, ווייל איין מענטש איז דעם אנדערן א וואלף. דער מענטש איז פאר קריג באשאפן געווארן און ער איז אין זיין עלע־מענט, ווען ער פירט קריג אדער גרייט זיך צו קריג. דאן איז ער שעפעריש, דאן זינגט אין אים דאס בלוט. די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די גע־שיכטע פון קריג. פרידן ווידער מיינט טויט און אונטערגאנג. קעגן דער אידישער אידייע פון שלום שטעלן די נאצים ארויס דעם אידעאל פון קריג און אין דעם אידעאל דערציען זיי די דייטשישע יוגנט. עס איז קריג און קריגס־פרייד, בלוט־פארגיסונג און עקסטאז מענטשלעכע לעבנס אומצוברייי־גען. די נאצים ווילן אויף דעם פלאץ פון דער אידישער תורה, א נייע תורה פארשפרייטן. זיי האבן דערקלערט א פארניכטונגס־קריג קעגן דעם אידישן

גייסט, און צוליב דעם גייסט אויך קעגן דעם אידישן פאָלק. אָבער מען קען זיך פאָרשטעלן, ווען עס וואָלט אפילו קיין אידיש פאָלק אויף דער וועלט ניט זיין מער, וואָלטן זיי נאָך אַלץ געפירט אַ קאַמף קעגן אידישן גייסט, אויב ער זאָל בלייבן עקזיסטירן. וואָס קען אונדזער ענטפער דאַרויף זיין?

מיר מוזן די אַרויספאָדערונג פון גרויסן שונא פון אידישן פאָלק אויפ־נעמען. ער באַקעמפט דעם אידישן גייסט און וואָרנט אַלע פעלקער קעגן אים, טאָ וועלן מיר גיין צו די פעלקער מיט אונדזער גייסט און מיר וועלן זען, צי זיי וועלן אים ניט אָננעמען אין זיין ריינער פאָרם. אויב ביז איצט האָבן מיר זיך צופרידנגעשטעלט מיט אידישן גייסט אין אַ פאַרוואָסערטער פאָרם, פאַרשלייערט און פאַרמאַסקירט, אידישער גייסט, צוגעפּאַסט צו אַנ־דערע לעבנס־פאָרמען, אונדזער גייסט געוויסערמאָסן אין זיין פילאָזאָפיע, אָבער ניט ווי ער ווערט איבערזעצט אין אַ רעאַלן לעבנס־שטייגער, וועלן מיר איצט גיין מיט אונדזער גייסט, ווי ער דריקט זיך אויס אין אונדזער רעליגיע, וואָס איז מער ווי אַ פילאָזאָפיע. עס איז ניט נאָר עטיק און מאָראַל אין אַבסטראַקט, נאָר אויך אַ רעגלאַמענט, אַ פּינקטלעכער לעבנס־אויפפיר, און מיר זיינען זיכער, אַז אויך אויף אונדזער רעליגיע מיט איר שולחן ערוך וועלן זיך געפינען פיל בעלנים. גאַנצע פעלקער וועלן אונדזער תורה אויפ־נעמען און בענטשן דעם טאָג, אין וועלכן זיי האָבן די געלעגנהייט באַקומען. דאָס דאַרף זיין אונדזער ענטפער.

ביז איצט איז אונדזער רעליגיע אין איר עסענץ געווען אינטערנאַציאָ־נאַל און האָט פון דעם ערשטן טאָג אָן זיך געווענדט צו אַלע פעלקער, זיי זאָלן קומען אונטער אירע פליגל, וואו זיי וועלן געפינען פרייד, העכסטן נענוס, גליק און צופרידנהייט, נשמה־עקסטאַז און קערפּערלעכע געזונטהייט. פון ערשטן טאָג אָן, זינט דאָס אידישע פאָלק האָט זוכה געווען, אַז גאָט האָט אים אויסגעקליבן פאַר אים זיך צו אַנטפּלעקן און אים די הייליקע שריפט צו געבן, איז דאָס ניט געווען אין דער פאָרם פון אַ מאָנאָפּאָל און ניט אַ סאָרט פּריוואַט־אייגנטום, וואָס עס האַלט פאַר זיך און לאָזט קיין אַנדערע דערפון ניט געניסן, עפּעס, וואָס גייט איבער בירושה צו קינדער און קינדס־קינדער, אָבער קיין פרעמדער האָט דערין ניט קיין חלק. ניין, חס ושלום! פאַרקערט. די אידן האָבן אָנערקענט, אַז די פּריווילעגיע איז אויך אַ חוב, אַז זיי מוזן דאָס הייליקע וואָרט טראָגן צו די פעלקער אַרום, מוזן פּראָקלאַמירן ווייט און ברייט, אויסשאַלן הויך און הונערהדיק די גרויס־קייט פון דעם אידישן גאָט און פאַרגרעסערן זיינע מחנות. אידישע רעליגיע איז ניט געווען ענגהאַרציק און האָט ניט אוועקגעשטעלט אירע אמת'ן אויף דעם גרונט פון בלוט, נאָר האָט דערקלערט, אַז יעדער איינער, וואָס נעמט אויף גאָטס וואָרט, ווערט גלייך אַ קינד פונם אידישן פאָלק, אַ זון פון אברהם, יצחק און יעקב.

די אידישע רעליגיע איז באמת פון ערשטן טאג אן געווען פראזעליטיש אין איר גייסט. ווען שלמה המלך האט דאס טעמפל געבויט, האט ער עס געהייליקט ניט נאר פאר אידן אליין, נאר פאר אלע פעלקער אין דער וועלט. די אידישע אמונה האט שטענדיק צוגעצויגן פיל גרים, איינקע פון וועלכע האבן פארנומען זייער א הויכן פלאץ אין דער אידישער געשיכטע, זיינען צווישן די ערשטע און דער גאלדענער קייט פון אונדזער הויכן למדן'נישן יחוס. לויט אונדזער מסורה, שטאמט אפילו דוד המלך פון גרים, וואס דאס מיינט, אז אויך משיח וועט טראגן אין זיינע אדערן טראפנס ניט־אידיש בלוט. און דאס איז ניט קיין חסרון, נאר א מעלה.

לויט דער זעלבער מסורה זיינען אויך משה רבנו'ס קינדער געקומען פון א געמישטער חתונה. זיין פרוי איז געווען ניט פון אידיש בלוט, נאר האט אנערקענט דעם אידישן גאט. די אידישע רעליגיע האט ניט געוואוסט פון א קאליר־ליניע. אפילו שווארץ איז פאר איר ניט געווען קיין אפהאלט. לויט אונדזער טראדיציע האט אברהם אבינו, דער ערשטער איד, דער ערשטער צו אנערקענען דעם אידישן גאט, זיך ניט באנוגנט מיט ברענגען די אידישע לערע און מיט פריידיקן דעם אידישן גאט צו זיין פאמיליע און פארוואנדטע, נאר האט גלייך זיך ארויסגעלאזט מאכן גרים, מיט וועלכע זיין פאמיליע האט זיך פריי געמישט און אזוי ארום פארגרעסערט דעם נאמען פון גאט צווישן פרעמדע משפחות.

ווען דאס אידישע פאלק האט געלעבט אויף זיין לאנד, און אים איז די ערשטע צייט אויסגעקומען צו קעמפן מיט פעלקער, וואס האבן געוואוינט מיט אים אין שכנות,—האט ער אין דער אמת'ן ניט מיט די שכנים געקעמפט, נאר מיט זייערע פאלשע געטער און מיט זייער אומווירדיקן לעבנס־אויפפיר. עס איז געווען א מלחמה אויף לעבן און אויף טויט. אבער די אידן האבן געזינגט, וואס דאס האט געמיינט, אז גרויסע טיילן פון די פעלקער האבן אנגענומען דעם אידישן גלויבן און זיך מיט אידן פארמישט. און פון דעם געמיש איז געווארן דאס גרויסע בלוט־רייכע און דאס הערלעכע פאלק ישראל. אפילו אזוי שפעט ווי אין הורדוס'עס צייטן האט די אידישע נאציע פארשלונגען דאס אדומ'ישע פאלק מיט די ביינער. עס איז פארמישט געווארן צווישן אידן און געווארן איינס מיט אים אויף ניט צו דערקענען מער.

עס איז ניט ריכטיק, וואס פיל מיינען, אז אידן זיינען געווען קעגן מגייר זיין מענטשן פון אנדערע פעלקער. דער היפוך דערפון איז דער אמת. אידן זיינען געווען די גרעסטע מיסיאנערן פאר זייער רעליגיע צווישן אנדערע פעלקער. וואוהין אידן זיינען געקומען, האבן זיי געפרעדיקט זייער גאט און געמאכט גרים. זיי האבן עס געטאן פריער אין רוים, אין עגיפטן, און שפעטער אין אראביע, און אויך אויף אלע ברעגן פון מיטל־ים. וואו נאר זיי האבן א קאלאניע געגרינדעט, האבן זיי גלייך גענומען פארשפרייטן די אי־

דישע קולטור, וואָס דאָס האָט געמיינט פּאָפּולער מאַכן די אידישע רעליגיע און געווינען פאַר איר אָנהענגער צווישן די באַוואוינער פון יענע ברעגן, צעטראָגן דאָס אידישע וואָרט, גאָטס בשורה, צווישן דער גאַנצער אַנ־טיקער וועלט. די אידישע רעליגיע האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. זי איז אויפ־גענומען געוואָרן מיט פרייד פון דעם שקלאַף, און דאָס זעלבע פון דעם קעניג.

ווייל אונדזער רעליגיע איז געווען און איז די לערע פון לעבן, פון ליכט און פרייד, פון האָפענונג און זון־און־אויפגאַנג, ווייל אונדזער רעליגיע שלעפּט ניט בלויז דעם מענטשן אין הימל, נאָר ברענגט דעם הימל אַרונטער אויף דער ערד. זי מאַכט ניט קיין קולט פון טויט און פּריידיקט ניט קיין אָפּיום־לערעס, נירוואַנע־פאַרשלעפערונג: טראַגט זיך ניט אַרום מיט בלומען־פראַזן וועגן שיינע, הויכע, אַבסטראַקטע אמת׳ן, וואָס האָבן צום לעבן קיין שייכות ניט, וואָס רעדט מיט׳ן מויל איין זאַך און האַנדלט אין לעבן פּונקט פאַר־קערט, רעדט פון מענטשנליבע און דולדעט האַס, לויבט פרידן און לעבט פון קריג, באַגריסט דעם פּרינץ פון שלום, גלייך ווי ער וואָלט שוין געווען דער קעניג און האַלט אים באמת געפאַנגען אין קייטן, פאַרשפּאַרט אין דער קירכע, ווי אין אַ געפענגעניש, און אויף דעם לעבן האָט ער ניט קיין שליטה.

ניט אַזוי אונדזער רעליגיע. זי איז ניט אין הימל, זי איז מענטשלעך. זי איז ערדיש, אָבער דורך איר ווערט דער מענטש ביז צום הימל דערהויבן. זי איז ניט שלעפעריק־פאַר׳חלומ׳ט, פאַרוואָלקנט פון ווירקלעכקייט, נאָר איז ענערגיש, אַגרעסיוו, אַקטיוו, זי מיאוס׳ט זיך ניט מיט דעם לעבן, נאָר ראַנגלט זיך מיט אים, רייניקט עס, לייטערט עס און דערהויבט עס צו דער הויכער מדרגה, וועלכע פּאַסט פאַר דעם מענטשן, וואָס טראָגט די געטלעכקייט אין זיין ברוסט. קיין וואונדער ניט דערום, וואָס די אידישע רעליגיע האָט שטענ־דיק געהאַט אַזאַ גרויסאַרטיקן אויפנאַם, ווען נאָר אידן האָבן זיך גענומען די מי פּרעמדע צו דערקלערן איר לעבנס־אינהאַלט, איר גרויסקייט און שיינ־קייט. ווען די פּרעמדע האָבן זיך מיט דער אידישער רעליגיע באַקענט, האָבן זיי גענומען באַוואונדערן, ניט נאָר איר הויכן עטישן אידעאַלן־וואָרט, נאָר נאָך מער איז זיי געפעלן דאָס אידישע לעבן, דער אידישער אויפפיר, וואָס איז אויף דער דאָזיקער רעליגיע באַזירט, און שטייט דירעקט אין זיין ליכט־קרייז.

בלויז צוליב אַ צופאַל איז די אידישע רעליגיע ניט געוואָרן קיין וועלט־רעליגיע. צוויי מאָל האָט מען ביי איר די מעגלעכקייט ממש פון דער האַנט אַרויסגעריסן. אין דער צייט פונם אָנהויב פון קריסטנטום איז די אַנטיקע וועלט געווען גרייט זיך צו שטעלן אונטער דער אידישער פאָן, און צו דערקע־נען דעם אידישן גאָט און צושטיין צום אידישן פאָלק. די אידישע רעליגיע

האט, נאטירלעך, פארלאנגט א הויכן פרייז פאר איר גאלדענעם רענדל און האט ניט געוואלט יוצא זיין מיט באקערונג, וואס מיינט בלויז נאכזאגן מיטן מויל אייניקע אידישע פסוקים, אבער פאדערט ניט קיין טיפע ענדערונג אין לעבנס־שטייגער, נאר פארקערט, איז גרייט איינצוגיין אויף קאמפראמיסן מיט די אלטע געוואוינהייטן און אויפפירונגען.

די אידישע רעליגיע האט פארלאנגט א ניי הארץ מיט א נייעם געדאנק, מיט א נייעם גייסט, אן אמת'ע אטמאספערע; אן איבערראשאצונג פון ווערטן און א נייעם אנהויב אין די האנדלונגען. איז געקומען דאס קריסטנטום און עס געמאכט פאר האלב געלט, עס פארקויפט ביליקער, האט יוצא געווען מיט פראזן און דערקלערט, אז באקערונג מיינט ניט א ניי לעבן, אן איבערריים מיטן אלטן, נייז, דאס אלטע מעג בלייבן באשטיין. עס איז גענוג, ווען מען גיט א גלאַץ מיט די אויגן און א פרעפל מיטן מויל, אויב מען חזר'ט נאר איבער די שיינע הויכע פראזן, וועלכע זיינען, אמת, גענומען פון אידנטום, דארף מען מער גארנישט טאן. דער אמת איז, אז אויך דאס קריסטנטום האט געווירקט רעוואלוציאנער אויף די פעלקער. עס שטעקט אין דעם אידישן גייסט א קראפט, וואס אפילו ווען מען כאפט פון אים בלויז א קליינעם פראצענט, ווירקט ער אויפן מענטשן, וואס נעמט דעם פראצענט אויף לייטערנדיק, רייניקנדיק, אבער פארט איז דאס א קליינער פראצענט. קריסטלעכע עטיק איז אידיש, אבער עס איז עטיק אין דער לופט, אן א שום אינהאלט, אן אחיזה אין דעם לעבן. עס איז צוויי באזונדערע זאכן. מען שטעלט די עטיק אוועק אזוי הויך, אז זי קען אויף דעם לעבן קיין ווירקונג ניט האבן. בלייבט דאס לעבן שפל'דיק, ווערימדיק, און וואס נאך ערגער איז, מען מאכט לייכט שלום מיט דעם דאזיקן לעבן, ווייל מען געפינט באפרידיקונג, קאמפענסאציע בלויז אין דעם פרעדיקן די הויכע עטישע פרינציפן.

סיי־ווי־סיי, דאס קריסטנטום האט פארכאפט די וועלט און ווען עס איז ארויף אויף דעם פערד, האט עס געטומען ענג מאכן די טריט פון דעם אידנטום — איר מוטער־רעליגיע, האט איר דעם קאפ ניט געלאזט אויפהויבן און אויפן מויל א שלאס אויפגעהאנגען. דאס קריסטנטום האט מורא געהאט פאר דער קאנקורענץ פון דעם אידנטום, און האט, מיט רעכט, געמעגט מורא האבן. עס האט מורא געהאט פאר דעם עכטן ארטיקל, וואס ווען עס וואלט זיך באוויזן און מען וואלט פארגליכן, וואלט די פאלשע מינצע קיין גרויס אפגאנג ניט געקענט האבן.

דאס צווייטע מאל וואלט דאס אידנטום געוועז איינגענומען דעם מזרח און אפריקע. די פעלדער זיינען געווען גרייט. ווען עס וואלט זיך ניט באוויזן דער נביא פון דער מדבר, וואס האט מיט דער שווערד אין האנט געצוואונגען מענטשן פון אנדערע גלויבנס אנצונעמען זיין גלויבן קעגן זייער ווילן. אויך דער מאכמעדאניזם טראגט אין זיך פיל אידישע אמת'ן, וואס ער

האט ארויסגענומען פון אידישע שריפטן און געגאשט פון אידישע געלערנטע. אבער אויך דער מאכמעדאניזם, וואס פרעדיקט מאנאטעאיזם, פארשטייט ניט דאס הויכע אידישע לעבן. דאס האט דער מענטש אין מדבר ניט געקענט פארשטיין און ניט געקענט אויפנעמען. ווען ער האט אליין דאס ניט געהאט, האט ער עס דאך קיין אנדערן ניט געקענט ברייגגען. דער מאכמעדאנישער גלויבן האט שיינקייט, אבער קיין איבערקערעניש אין דעם לעבן פון די פעלקער האט ער ניט געמאכט. אויך דער מאכמעדאניזם האט פארווערט דעם אידנטום אנצופירן מיסיאנערישע ארבעט אויס שרעק פאר זיין קאנקורענץ. צוליב דעם איז דאס אידנטום געבליבן באגרעניצט בלויז אויף דעם אידישן פאלק.

דאס מיינט אבער ניט, אז די אידישע רעליגיע האט געביטן איר נאטור און כאראקטער. לויט איר גייסט און תוך קען זי און וויל אויך אויפנעמען אלע פעלקער אין איר שוים און לאזט זיי געניסן פון איר אייביק־שיינענדן ליכט און טרינקען פון איר שטענדיק שטראמענדן לעבנס־קוואל.

מען דארף געדענקען, אז טראץ דעם פארבאט מצד די עקזיסטירנדע צוויי גרויסע רעליגיעס קעגן אידישער מיסיאנערישער ארבעט, האבן דאך שטענדיק אין אלע צייטן, ביזן היינטיקן טאג, צווישן אלע פעלקער זיך באוויזן אידישע סעקטעס, כמעט אן שום מי פון דער אידישער זייט. אויך היינט צו טאג זיינען אין אלע לענדער פאראן סעקטעס, וואס זיינען זייער נאענט צום אידישן גייסט, וואס דארפן נאר אביסל דערמוטיקונג און זיי וואלטן געקענט ווערן פולשטענדיקע אידן.

עס האבן זיך באוויזן הונדערטער טויזנטער קריסטן אין רוסלאנד, וואס האבן ממש געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, אז מען זאל זיי אויפנעמען אין דער אידישער געמיינשאפט. און אידן האבן גארנישט געטאן, זיי מיט גאר־נישט געהאלפן. די רוסישע צארישע רעגירונג האט זיי מורא׳דיק פארפאלגט, האט זיי ביטער געפייניקט, דאך האבן זיי זיך פעסט געהאלטן ביי זייער פארלאנג צו ווערן אידן, ניט קוקנדיק דארויף, וואס צו זיין א איד אין רוס־לאנד האט געמיינט פארלירן פיל פון די בירגערלעכע רעכט, וואס קריסטן האבן גענאסן.

עס זיינען געווען סעקטעס פון דעם מין א־יד אין פוילן. פאראן אזעלכע סעקטעס אויך ביי אונדז אין אמעריקע, ווי סובאטניקעס — יוניטאריער, קריסטאדעלפיענס, אדווענטיסטס און די מאראנען.

מיר מוזן אונדזער שטעלונג ענדערן. היטלער וויל דעם אידישן גייסט אויסראטן. מיר דארפן אים, פארקערט, שטארקן און פארשפרייטן צווישן די פעלקער. לאמיר מגייר זיין די וועלט!

דער וועג איז א שווערער. אבער דאס איז דער וועג פון לעבן. אויף דעם וועג וועלן מיר אונדזער גייסט שטארקן. איבעררראשן אונדזער פיינט,

געווינען פילע וויכטיקע פריינט צווישן אַלע פעלקער, און, מעגלעך, אייניקע גאַנצע פעלקער און דערנענטערן מיט דעם די משיח־צייט. עס איז אַ גע־וואַגטער שריט, נאָר דער וואָס וואַגט ניט, געווינט ניט. אידן זיינען קיינמאָל קיין פּחדנים ניט געווען. און ווען מיר וועלן אָנהויבן, וועט דער אידישער גאָט זיין מיט אונדז.

מיר שטאָלצירן מיט אונדזערע נעמען

„ישראל" און „שרה". — עס וועט קומען א צייט, אז דאָס דייטשישע פאָלק וועט זיך שלאָגן עפנטלעך חטאתי. — דור המבול, דור הפלגה און די מעשה סדום. — דער סימבאָל פון אונדזערע נעמען. — אונדזער נצחון און גייסטיקע הערשאַפט.

בדאי צו פאַרצייכענען פאַר דער געשיכטע די נייעסטע נאַצי־גזירה: אידן מוזן צושטעלן צו זייער ערשטן נאָמען, ווען ער איז ניט אידיש, דעם נאָמען „ישראל" — אויב עס איז א מאַן, און „שרה" — אויב עס איז א פרוי. די אידן מוזן געצייכנט ווערן. יעדער זאָל, ווי ער דערהערט נאָר דעם נאָמען פון דעם אידן, גלייך וויסן, אז ער האָט צו טאָן מיט א ניט־אַריער, מיט א פאַרהאַסטן אידן. דאָס איז די טריפה'נע, וויסטע נאַצי־כוונה.

שרה — אונדזער מוטער שרה — מיט איר נאָמען וועלן מיר זיך אוודאי ניט שעמען. שרה, דאָס איז א נאָמען, — די נאַצים אין זייער ווילדער גראָבקייט ווייסן עס ניט, — וואָס באַדייט און האָט צו טאָן מיט הערשאַפט. מיר זיינען איצט אין נאַצי־לאַנד און אין אַנדערע לענדער פון בייז בלוט דערנידעריקט. מען באַליידיקט אונדז אויף שריט און טריט. מען רופט אונדז מיט אַלערליי צונעמען. מיר זיינען שווינדלער, פאַרברעכער, אויסוואורפן. מיר, ביי וועמען די נאַצים גזלנ'ען אוועק אפילו אונדזער העמד פון לייב. מיר פאַרברעכער, וואָס מוזן אויסשטיין פאַרפאַלגונגען פון א פאַרברעכערבאַנדע, פון א געפאַלן געזינדל, וואָס איז פון חיות געבוירן, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין איין טראָפּן מענטשלעך בלוט אין אירע אָדערן.

ניט קיין מענטשן זיינען זיי, די נאַצים, נאָר טייוולאָנים. עס איז אמת א באַליידיקונג פאַר די טייוולאָנים, ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט די נאַצים.

עס וועט קומען א צייט, ווען די זין און טעכטער פון דעם דייטשישן אפשטאם וועלן זיך שעמען קוקן מענטשן פון אנדערע פעלקער אין די אויגן.

עפעס איז ניט גלאט מיט דעם דייטשישן פאלק, ווען עס האט פון זיך געקענט אַרויסשטעלן אזעלכע ווילדע באַשעפענישן. עפעס איז באמת ניט אינגאַנצן רעכט מיט דעם דייטשישן בלוט, ווען עס קען געבוירן אזעלכע סאַדיסטן, אזעלכע שלענג און עקדישן. עס איז מער ווי טמא — אט דאס דייטשישע בלוט. מען טאר ניט ריידן אויף א גאַנץ פאלק — טא זאל מיך גאט שטראפן פאר די רייד — אבער דאך איז שווער אנדערש צו פאַרשטיין, אויב דער שורש איז ניט פאַרגיפטעט און ווערימדיק, ווי אזוי א פאלק קען אַרויסגעבן אזעלכע שעדלעכע טיפן אין אזא גרויסער צאל?

עס וועט קומען א צייט, ווען דאס דייטשישע פאלק וועט זיך שלאָגן עפנטלעך חטאתי אויף דער שווערער זינד, וואס זיינע רעגירער, וועמען עס באַגריסט מיט יובעל, זיינען באַגאַנגען קעגן אידן.

עס וועט קומען דער טאג, ניט פון אונדז אליין וועלן זיי מחילה בעטן, נאר פון דער וועלט, וועלכע איז איצט דערשלאָגן און שלינגט אַרונטער די אלע נידערטרעכטיקייטן ממש אן פראַטעסט. עס איז איצט בכלל א זינדיקער דור. אין אונדזערע אלטע ספרים האבן מיר שוין אנצוהערענישן וועגן דעם, אז עס זיינען פאַראַן תקופות אין דער געשיכטע, ווען די גאַנצע מענטשהייט פאַרזינדיקט זיך, גייט אראפ פון דרך־הישר און טוט אפ מעשים, וואס זיינען א שאַנד פאר דעם מענטשלעכן מין. א גאַנצער דור ווערט פאַרברעכעריש און גרייט פאר זיך אליין די שטראף.

אונדזערע הייליקע ספרים, וואס זיינען באלד פיר טויזנט יאר אלט, אבער אין זיי געפינען זיך צייכנונגען פון גאר עלטערע צייטן, האבן שוין געוואוסט אונדז צו דערציילן וועגן דור המבול. די ערד איז פול געווען מיט רויב און עס איז ניט כדאי געווען צו ראַטעווען דעם מענטשלעכן מין, נאר גאט אין זיין באַרימהאַרציקייט האט דאך געראַטעוועט א פאר משפחות. אפשר דערפאר, ווייל מען האט ניט געוואלט אומברענגען די חיות און בהמות, וואס זיינען געווען פיל לייטישער פון דעם מין מענטש.

דור המבול און דור הפלגה און די מעשה סדום — עס קומט די שטראף. דער דור באַצאָלט פאר זיינע זינד קעגן זיך אליין. אונדזער דור וועט אויך באַצאָלן פאר זיינע זינד. ניט נאר דייטשלאַנד וועט באַשטראפט ווערן, איר שטראף וועט זיין זייער שווער. און ווי שווער זי זאל ניט זיין, וועט זי ניט זיין אזוי שווער ווי איר זינד. אבער אויך די אנדערע פעלקער וועלן זיך פון דער שטראף ניט אויסדרייען. זיי וועלן באַצאָלן פאר זייער גלייכגילטיקייט, פאר זייער שווייגן, פאר זייער פאלשער מאַראל, אז וואס א פאלק טוט צו אן אומגליקלעכער גרופע ביי זיך אין לאַנד, איז ניט קיינעמס עסק, דאַרף מען זיך ניט מישן.

יענער טאג וועט קומען. אבער דערווייל ליידן אונדזערע ברידער אין יענע לענדער. פון פרי באגינען ביז שפעט אין דער נאכט, נאר מען באליידיקט זיי. אידן זיינען פון נידעריקן אפשטאם, אידן זיינען פארברעכער פון געבורט. איין פזמון די גאנצע צייט. אידן מוזן עם הערן, מוזן עם לייענען. די אידן זיינען פארשפארט ווי אין א שטייג, און דערצו האט מען די שטייג מיט נאפט באגאסן און געלאזט אונטערצינדן, אלעמאל אז אנדער טייל. קענען דאך אידן פארגעסן אין זייער נאבעלן אפשטאם, פארגעסן, אז ווען עס זיינען נאך קיים געווען די דייטשישע מענטשלעכע חיות אין יענע צפונ־געגנטן, איז שוין געווען דאס אידישע פאלק מיט זיין דערהאבענער קולטור אין בלענדענדן זונען־לאנד. דערמאנט מען זיי, אז שוין גאר אין די אלטע צייטן איז שוין געווען אזא פיגור ווי אברהם — די נאציס ווילן ניט אידן דערלויבן זיך צו רופן אברהם, נאר דווקא אברם — וואס האט שוין דעמאלט געוואגט זיך שטעלן קעגן דעם פארדארבענעם פאגאניסטישן גייסט און איז געווען גרייט פארלאזן זיין לאנד און שטאם, ווייל די קולטור דארט איז געווען א זינדיקע — און זיך לאזן אין אן אנדער לאנד, כדי אויפצובויען א ניי לעבן, א גייע קולטור, וואס איז עד היום שווער פארן נאצי־פאלק צו פארדייען.

אברהם און זיין געליבטע פרוי שרה — זיי זיינען דאך סימבאלן פון א גערעכטער שיינער וועלט. ווי אוידל אונדזער אברהם האט זיך אויפגעפירט אין יענער צייט, ווען ער האט געהאט א פאמיליען־סכסוך. שטענדיק געמאכט פריי דעם וועג פאר זיינע קרובים, שטענדיק אויסגעמיטן דעם קריג. אברהם, וואס האט מיט גאט אליין זיך אויסגעטענה'ט, ווען כביכול האט געוואלט אומברייגנען סדום ועמורה, וואס אברהם האט באטראכט פאר אן אומרעכט. אברהם האט עס בשום אופן ניט געוואלט דערלאזן און האט פראטעסטירט שארף קעגן דעם שופט כל הארץ, דעם ריכטער פון דער וועלט. — פון דעם אברהם מיט זיין געליבטער פרוי שרה שטאמען מיר. מיר זיינען אמת'ע פרינצן, קינדער, וואס האבן איידל, נאבל בלוט אין זייערע אדערן, וואס ווערן געבוירן מיט קרוינען אויף די קעפ.

איז בדעבר גוט ווען די דייטשישע בעסטיעס הייסן צוזעצן דעם נאמען שרה צו דעם נאמען פון יעדער אידישער פרוי. עס איז א טיטול. עס איז ווי „גרעפין", „דוקסעס". מיר וועלן דעם נאמען שרה מיט פרייד אננעמען. עס קען ניט זיין קיין שענערער נאמען, ווי ס'קען ניט זיין קיין שענערער נאמען פון ישראל. די נאציס האבן גוט אויסגעקליבן. זיי האבן געמיינט, אז דער נאמען וועט אונדז באליידיקן, חלילה — דער נאמען ישראל וועט בלייבן אייביק. נצח ישראל לא ישקר.

דער נאמען ישראל — די נאציס האבן פארגעסן די גאנצע געשיכטע פון דעם נאמען. אונדזער עלטער זיידע האט געקעמפט מיט א בייזן מלאך

און אים בייגעקומען, ווען דער טאָג איז אויפגעגאַנגען. איידן האָבן דאָרום ניט מורא פאַר די היטלערס, קיינמאָל ניט מורא געהאַט. מיר ווייסן, אַז מיר וועלן די היטלערס איבערלעבן. דער נאָמען ישראל דערמאָנט אונדז אין דעם. אפשר איז די גייע גזרה אַ שטראָף פאַר אונדז, וואָס מיר האָבן אַזוי שפּעט אויסגעביטן אונדזערע אייגענע, שיין קלינגענדיקע נעמען אויף געצנדינער־רישע נעמען.

על כּל פּנים, מיט דעם נאָמען ישראל באַליידיקן זיי אונדז ניט. ווי זיי באַליידיקן אונדז ניט מיט דער ליסטע פון 185 מענערישע נעמען און מיט 91 פרויען־נעמען. פאַרוואָס פאַר פרויען ווייניקער? ווייל די שיינע נעמען פון אונדזער ביבל באַנוצן די דייטשן. מען האָט אויסגעלאָזט דעם שיינעם אידישן נאָמען „רות" און „אלישבע". רות, דער נאָמען פון יענער פרוי, וואָס האָט פון איר אייגענעם פרייען ווילן זיך אָנגעשלאָסן אַן דעם אידישן פאָלק און דעם אידישן גלויבן. עמך — עמי, ואלוקיך — אלוקי. רות, פון וועמעס קינדער עס וועט קומען משיח בן דוד. דער נאָמען איז אונדז פאַרבאָטן. די נאַציס ווילן אים פאַר זייערע פרויען. דאָס איז זייער שטראָף.

זיי קענען זיך פון דער אידישער השפעה ניט באַפרייען. ווען זיי זאָלן זייער לייב מיט צעגליטע אייזנס ברענען, וועט נאָך אַלץ דער אידישער קולטור־גייסט זיך פאַרבאַהאַלטן ערגעץ וואו אין די פאַלדן פון זייער פינצ־טערער נשמה, אַלס דער איינציקער ליכטיקער שטראַל.

רות — זיי מעגן זיך מאַכן תמ'יש — אָבער מיר ווייסן וואָס דער נאָ־מען באַדייט. און די טויזנטער נאַצי־פרויען מיט דעם נאָמען זאָגן עדות, אַז אַן אַנדערע ליכטיקערע צייט וועט פאַר אונדז קומען.

צווישן די אידישע מענער־נעמען האָבן זיי אויסגעלאָזט דעם נאָמען דוד און דעם נאָמען יוסף. זיי האָבן עקספּראָפּריאירט די צוויי נעמען. צופיל דייטשן הייסן מיט די צוויי נעמען. אפילו דער גרעסטער גיפטיקסטער שלאַנג, געבעלס, טראָגט דעם נאָמען יוסף, און — פאַרשוועכט אים.

גאָט זיי דאַנק, וואָס זיי האָבן אונדז איבערגעלאָזט דעם נאָמען משה. אויך מאָזעס. נאָר מוחל איצט מאָזעס מיט זיין מצרי'שן קלאַנג. גיב מיר צוריק משה. אָט די ליכטיקע דריי אותיות. משה רבנו, מיט דעם טראָפּ אויף רבנו. אונדזער גרויסער רבי. ער האָט אונדז באַפרייט פון שקלאַפעריי. אָבער מער פון אַלץ שעצן מיר אים פאַר זיין תורה. דען זי שיצט אונדז קעגן דער מענגלעבקייט, אַז אין אונדזער לייב זאָל זיך באַווייזן נאַצי־פאַרדאָרבנקייט.

דאָס זעלבע בנוגע דעם נאָמען דוד. פיל דייטשן הייסן דוד, מסתמא אויך פיל נאַציס. די טמאים וואָלטן דעם שיינעם היסטאָרישן נאָמען מיט זייער מויל ניט געדאַרפט דערמאָנען.

דוד איז פאַר אונדז ניט נאָר דער געוועזענער גרויסער מלך, נאָר דוד איז פאַר אונדז דער פאָטער פון מלך המשיח. איידן זאָגן יעדן שבת אוונט

„דוד מלך ישראל חי וקים". דוד לעבט, ער לעבט אין אונדז. די גרויסע האפנונג אין אונדזער און דער וועלטס פרייד, וואס איז פארבונדן מיט זיין נאמען, ווערט גענערט מיט אונדזער בלוט און נערוון.

די נאצים זעען אוצט אוים ווי חוזק. וויסטע קאמיקער! די וועלט לאכט אין די הויפנס פון דער גזירה, ווייל אויב אידישע נעמען זיינען טריף, טא פארוואס האבן זיי פארכאפט די אידישע נעמען דוד און יוסף, דער נאמען פון ערשטן אידישן שטאטסמאן, וואס איז געווארן שני למלך אין א פרעמ־דער מדינה און מיט זיין שטאטסמאנשאפט געראטעוועט דאס לאנד פון אונטערגאנג? גאר גיי זוך לאגיק ביי משוגעים, מאראל ביי צערייצטע הינט! זיי בילן, ווייל בילן איז זייער נאטור.

נאר אויך די נעמען, וואס זיי האבן פאר אונדז געלאזן, איז אן ערנ־ליסט פאר אונדזער פאלק. נאר דאס אלטע פאלק ישראל קען זיך באריימען מיט אזא רשימה פון גרויסע וויכטיקע מענטשן.

עס איז גענוג צו כאפן א נאמען פון יעדן אות, און באלד ווערט קלאר, אז די אייראפייאישע פעלקער, זיכער ניט דאס דייטשישע, וואס האט אויך גרויסע מענטשן און העלדן, קען זיך מיט אונדז אידן ניט פארגלייכן. אברהם אבינו און אהרן הכהן, צוויי מענטשן. דער ערשטער סימבאליזיט די גע־רעכטיקייט, און דער צווייטער — דעם שלום. ברק און בועז, ברק בן אבינועם, וואס האט שוין מיט באלד דריי טויזנט יאר צוריק אנערקענט דאס רעכט פון דער פרוי צו רעגירן, אויב זי באזיצט נאר דעם גייסט און די פיאיקייט. דבורה הנביאה איז געווען די פירערין, דער לעבעדיקער גייסט אין דעם קאמף פאר דער אידישער פרייהייט. ביי די נאצידייטשן איז נאך אויך היינט די פרוי א האלבע אדער גאנצע שקלאפין. פאר איר איז נאך היינט אויך אוועקגעשטעלט געווארן די נאבעלע מיסיע פון די דריי קופ"ן: קירכע, קאכן און קינדלעך. קינדער זיינען נויטיק, כדי עס זאל זיין וואס מער קאנ־נאנען־פלייש. ברק און בועז — דער צווייטער איז דער סימבאל פון דעם שיינעם לעבן פון אידישע ערד־ארבעטער, ווען אידן זיינען געזעסן אויף זייער לאנד. בועז דער בויער איז ניט געווען קיין פויער, ניט קליין און ניט הערש־זיכטיק. עס איז א שיינער טיפ אט דער בועז. און הלואי וואלטן די פויערים אין די פארשידענע לענדער צו אים ענלעך געווען, וואלט א שיינע וועלט געווען און די ווילדע גיפטיקע נאצי־פרי וואלט דאן ניט מעגלעך געווען.

גדעון און גדליה און אויך גד — דער דריטער נאמען, וואס איז א נאמען פון א שבט, דערמאנט אונדז, אז און אנהויב האבן מיר אויך גע־גלויבט אין דעם כח פון דער שווערד און פון מיליטער. עס איז א לאנגע צייט צוריק. גד גדוד יגודנו. א ספעציעלע גרופע האט מארשירט, מו־שטירט און געפאכטעט מיט דער שווערד אלס לעבנס־צוועק. אבער דאס איז געווען א לאנגע צייט צוריק, גאר א לאנגע צייט.

יעקב — א נאָמען, וואָס די נאַצי־חיות האָבן עקספּראָפּריאירט. דווקא יעקב, פון וועמען אונדזער פאָלק שטאַמט. ער איז דאָך געוואָרן ישראל. עס איז ער, וואָס האָט מיט זיין פערזענלעך לעבן סימבאָליזירט פאַר די צוקונפ־טיקע דורות דאָס אידישע לעבן. יעקב, דער מענטש, וואָס לעבט מיט שכל און שטאַרבט מיט ודוי, אַן איבערלייגטער קאָפּ און דאָך דער בעסטער ראָ־מאַנטיקער. ער ווערט אָפּגענאַרט פון דעם כיטרען לבן, אָבער ער בייט ניט זיין נאַטור. רחל׳ען האָט ער ליב, הויבט ער אָן אַרבעטן אויפסניי זיבן יאָר, כדי זיין הארצנס געליבטע צו באַקומען. יעקב האָט שוין געוואָרנט קעגן דער שווערד אַלס פּראָפּעסיע. די מציאה האָט ער איבערגעלאָזט צו עשו׳ן. זאָל ער לעבן אויף זיין שווערד, אויב אים געפעלט די פרנסה. יעקב וועט בע־סער גיין אין דעם בית המדרש פון שם ועבר.

פון גד שטאַמט גדעון — עס איז די זעלבע גרופּע, די גדעונים. זיי זיינען מוטיקע מענטשן, זיי שרעקן זיך ניט פאַר דער סכנה. זיי זיינען גרייט געבן זייער לעבן פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק, אָבער זיי ווילן פרייהייט און ניט קיין שקלאַפעריי. דאָ איז דער אונטערשיד. נאַציס לאָזן ניט אַרויס דאָס וואָרט פאָלק פון מויל, און די איינציקע זאַך וואָס זיי טוען פאַר זייער פאָלק, איז וואָס זיי פאַרשקלאַפן עם גייסטיק און פיזיש.

אָבער עס איז ניט נאָר גדעון. אונדזער געשיכטע רימט זיך מער מיט איר גדליה, א נביא און מאַרטירער. ער שטייט פאַר אמת און גערעכ־טיקייט, ער שאַנעוועט ניט זיין אייגן פאָלק. קיין נביא שוינט ניט זיין פאָלק. דעם נביא׳ס מיסיע איז מוסר׳ן זיין פאָלק פאַר זיין שלעכטן אויפפיר און אפילו שילטן עס. דער נביא איז עס מדריך. מיר זיינען א נביא־פאָלק און מיר פאַרגעסן ניט אונדזער גדליה. זיין מאַרטירער־טויט רופט נאָך עד היום אַרויס א ציטער, גלייך ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געשען. מיר פאַסטן עד היום אַלס טרויער־אויסדרוק אויף זיין טויט. מיר זיינען א היסטאָריש פאָלק. ניט היטלער קען אונדז בייקומען. ער וועט זיין ווינקל באַקומען אין אונדזער געשיכטלעכן פּאַלאַץ, אינאיינעם מיט די נעמען פון אַלע אַנדערע שונאים, וואָס קיינער ווייס אפילו ניט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען. ווען ניט אונדזער געשיכטע, וואָס האָט זיי פאַרצייכנט, וואָלט מען וועגן זיי גאָרניט געוואוסט.

איר קענט זיכער זיין, אַז דייטשלאַנד וועט מיט דעם היטלער־עפּיזאָד אין איר געשיכטע זיך שעמען און וועט נאָך זוכן באַווייזן, אַז ער איז קיין דייטש ניט געווען, אַז ער איז געווען א ווילדער אַזיאַט. אָבער ער איז פאַרזי־כערט קעגן פאַרגעסנקייט, ווייל מיר וועלן שוין זיין פינצטערן נאָמען פאַר־צייכענען, אָבער שטענדיק מיט דעם צוגאָב, עס זאָל זיינע ביינער אַרויס־וואַרפן. דען עס איז א רחמנות אויף די ווערים, וואָס דאַרפן אַזא פאַרגיפ־טעט פלייש עסן.

איך שטעל זיך אָפּ ביי די נעמען פון בלויז דריי אותיות: אל"ף, בי"ת און גימ"ל, ווייל מען דאַרף אַ גאַנץ בוך, כדי אויסצורעכענען די אַלע געשיכט־לעכע עפּיזאָדן, ווען אַפילו אויבערפלעכלעך, פון די הונדערט און פינף און אַכציק מענער נעמען. אַפילו דער נאָמען עשו, אונדזער פעטער, וואָס זיי האָבן אַריינגעשטעלט אין אונדזער רשימה, איז אין זיין מינדסטן פינגער לייטישער פון דער גאַנצער היטלער־באַנדע. די נאַצים ריידן דאָך פון בלוט. אפשר איז עשו אַזוי איידל, ווייל אין זיינע אָדערן פליסט סעמיטיש בלוט? מיר זיינען מיט עשו'ן זיך גאָר ניט מתיחס, אָבער ער איז פאָרט איידעלער, מאָראַלישער ווי די ווילדע היטלעריסטן.

עס איז אַ שיינע ליסטע: הלל און ירמיהו, און ישעיהו. ווי האָט פּראָ־פעסאָר הערמאַן קאָהן געענטפערט צו יענעם אידן, וואָס האָט אים געפרעגט צי ס'איז אמת דער קלאַנג, אַז שעקספּיר איז אַ איד? דער פילאָזאָף קאָהן האָט מיט קלוגער פּשטות אַ זאָג געטאָן: פאַר מיר איז גענוג וואָס ישעיהו איז אַ איד.

אַ פאָלק, וואָס האָט דער וועלט געגעבן אַ ישעיהו און אַ ירמיהו, האָט שוין באַוויזן די איידלקייט פון זיין ראַסע, זיין הויכן זשעני און מאָראַ־לישן ווערט.

טאַ ווי אַזוי קען אונדז היטלער באַליידיקן? זאָל ער בילן, וויפל ער וויל. ער בילט קעגן דער לבנה, קעגן דער זון. עס איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף דער ליסטע פון נעמען, וואָס איז גאָר אַ קליינער טייל, אַז מיר זאָלן זיך איבערצייגן אין דער דערהויבנקייט פון אונדזער געשיכטע. יחזקאל, חבקוק, צפניה, חגי, נחמיה, צדקיהו — יעדער נאָמען רעדט צו אונדז מיט אַ קלינ־גענדער קלאָרער שפּראַך. עס איז אַ גלאָק אויף די הויכע בערג, קלאָר און לויטער קלינגט דער שאַל.

נחמיה — ער האָט אונדזער געפאַלענעם טראָן צוריק אויפגעהויבן. דער נאָמען דערמאָנט אין דעם נחמו נחמו — טרייסט דיך, טרייסט דיך, מיין פאָלק. און צפניה האָט קלאָר גערעדט וועגן משיח'ס צייטן.

ווער קען די אַלע שיינע היסטאָרישע אויפטוען דאָ אויסרעכענען?

מיר בלייבן דערווייל ביי די ערשטע צוויי — ישראל און שרה...

ביידע ריידן פון אונדזער נצחון און גייסטיקער הערשאַפט. דער גייסט וועט באַזיגן די ברוטאַליטעט און רציחה. עס איז נאָר אַ פראַגע פון צייט, אָבער מיר זיינען אַן אַלט פאָלק און מיר וועלן די גרויסע צייט דערלעבן.

נצח ישראל

גייען מיר אונטער?

שמד אין די לעצטע פופציק יאָר

די אַסימיליאַציע איז נאָך ניט טויט

דער שונא פון אינעווייניק

די קאָהנם און די לעווים

דאָס רעפאָרם-אידנטום טוט תשובה

גייען מיר אונטער?

אַסימיליאַציע ניט אין אידעאָלאָגישן, נאָר אין עטנאָלאָגישן זין. — די געמישטע חתונות. — ווער עס האָט געקענט, איז פון אונדז אַנטלאָפן. — איצט האָט מען אָנגעהויבן צוריקצוקומען. — מען מוז אַרויסנעמען אונדזער פאָלק פון גלות.

די וואָס זיינען באַקאַנט מיט דעם אידישן לעבן אין די וועסט־אייראָפּייאישע לענדער, האָבן שוין פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר געוואוסט, אַז די אידן אין יענע לענדער שטייען אויפן ראַנד פון אָפּגרונט. עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס אידישע סטאַטיסטיקער און פּובליציסטן האָבן אָנגעוויזן אויף דעם כסדר׳דיקן נידערגאַנג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין יענע לענדער, אויף דער סכנה, אַז אידן זאָלן אונטערגיין אין יענע לענדער, אַז עס זאָל ממש פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבן. דאָס איז געשען נאָך פאַרן ערשטן וועלט־קריג, דאָס הייסט, מיט העכער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק.

עס זיינען דעמאָלט אויך דייטלעך אָנגעגעבן געוואָרן די סיבות פון דעם אונטערגאַנג. צום אַלעם ערשטן איז אונטערשטראָכן געוואָרן די הויפּט־סיבה וואָס מען האָט באַצייכנט מיט דעם וואָרט: „אַסימיליאַציע“, ניט בלויז אין אידעאָלאָגישן, נאָר ממש אין עטנאָלאָגישן זין, פּשוטו כמשמעו. אידן ווערן אויסגעמישט מיט די פעלקער אַרום, דורך געמישטע חתונות, וואָס די קינדער פון די פּאָרלעך זיינען שוין קיין אידן ניט מער, און דורך דירעקטן שמד, דורך אַרויסטריט פון דער אידישער געמיינדע, און צושטיין צו קריסטלעכע קירכן — אַ פּראָצעס וואָס האָט אָנגענומען זייער גרויסע דימענסיעס און אין איניקע לענדער אַרומגעכאַפּט אַלע קרייזן פון דער אידישער באַפעלקערונג און ניט דווקא אירע רייכע טיילן.

אזוי, למשל, איז אנגעוויזן געוואָרן, אַז אין בודאַפּעסט זיינען צווישן הונדערט אידישע חתונות ניינציק געמישט — אַז אמת'ע עפּידעמיע. עס איז געקומען אזוי ווייט, אַז עס איז ממש ניט געווען קיין אייז אידישע פאַמיליע אין יענער שטאָט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גוי'אישע משפחה.

דאָס זעלבע איז אויך געשען אין קאָפּענהאַגען, דענמאַרק. דאָרטן האָט מען שוין געהאַלטן ביים סוף. די קבורה־לייט זיינען שוין געווען גרייט אָרויסצושיטן די לעצטע לאָפּעטע ערד אויף דעם דעניש־אידישן טייל — זייער צאָל איז בכלל געווען זייער קליין, אייניקע טויזנט אידן — אָבער דאָס איז דאָך ניט געשען, ווייל איידער די אַלטע אידישע בירגער אין דענמאַרק האָבן צייט געהאַט אינגאַנצן אסימילירט צו ווערן, האָבן זיך שוין דאָרט באַוויזן אַנדערע, נייע אידן, רוסישע, פּוילישע און גאַליצישע אידן, ניט פיל אין צאָל, אָבער זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אין דער נייער מדינה דעם אַלטן אידישן טומל און רעש לויט'דעם מנהג פון אחינו בני ישראל אין מזרח־אייראָפּע. עס האָבן זיך באַוויזן ניט נאָר בתי־מדרשים מיט רבנים און שוחטים, נאָר אויך די אַלע זיבן און זיבעציק פּאַרטייען, אין וועלכע יענע אידן זיינען צעטיילט. עס האָבן אפילו ניט געפעלט דאָרט קיין אידישיסטן, וועלכע האָבן געראַטן די דענישע אידן גאַנץ ערנסט אָנהויבן צו ריידן אידיש. עס איז אפילו אַ שווערע אויפגאַבע, אָבער די עצה איז דאָך געגעבן געוואָרן, און אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אויב די דענישע אידן האָבן קיין אידיש ניט גענומען ריידן, האָבן זיי זיך אָבער גענומען פאַראינטערעסירן אין דער אידישער ליטעראַטור ווענן וועלכער זיי האָבן געהערט וואונדערלעכע מעשיות.

די אידן אין דענמאַרק האָבן, נאַטירלעך, ניט געהאַט דעם האָס קעגן אידיש, וואָס די דייטשישע אידן, וועלכע האָבן באַטראַכט אונדזער לשון פאַר אַ העסלעכן זשאַרגאָן און זיך כלומרשט אַנגענומען די קריוודע פון הויך־דייטש, וואָס מיר, אידן, האָט עס געדאַרפט הייסן, האָבן שטאַרק פאַרדאָרבן. די דענישע יאהודים האָבן געקוקט מילדער אויף דעם קאָנקורענט פון דער דייטשישע שפּראַך, ווייל ביי זיי איז דייטש ניט אָנערקענט אַלס אַ מוטער־שפּראַך, ווייל אויב יאָ — איז דאָך דעניש אַ פאַרדאָרבענער דייטש. נאָר דאָס איז בדרך אגב.

אינטערעסאַנט איז, אַז די מזרח־אידן האָבן צווישן דעם ביסל דענישע אידן אויפגעוועקט אַ נאַציאָנאַלן גייסט. עס האָבן זיך באַוויזן הייסע ציוניסטן, גרויסע אידעאַליסטן אויף דעם געביט פון נאַציאָנאַלער רעטונג. אפילו אונדזער מאַריץ קאָהען, וועלכער האָט זיך גענומען אַלס פּסעוודאָנים דעם נאָמען געאָרג בראַנדעס, און געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן יענע קענגער אין דער ליטעראַטור, וועלכע האָבן אים דערמאָנט זיין אידישן אָפּשטאַם און ער האָט געלאָזט וויסן דער וועלט, אַז ער באַטראַכט זיך בשום אופן ניט פאַר קיין אידן, נאָר ממש פאַר אַ גריך — ניט אַ הייַנטיקער, נאַטירלעך, נאָר אַ גלגול פון

די אמאליקע, די קלאסישע גריכן — אויך ער האט אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן צוגעגעבן, אז הערצל, פון וועמען ער האט פריער זיך דערלויבט צו לאכן, האט ריכטיק געזען, איז געווען א נביא און א גרויסער שטאטס־מאן, ווייל אידן האבן אן אייגענע קולטור און זיינען בארעכטיקט צו אן אייגן לאנד.

דענמארק האט אפיציעל קיין אנטיסעמיטיזם ניט געהאט. דער פרעמיער אין דענמארק איז פאר א לאנגער צייט געווען דער איד בראנדעס, טאקע א ברודער פון דעם גרויסן ליטעראט און קריטיקער. אבער אין דער געזעל־שאפט, אין די הויכע קרייזן איבערהויפט, האט דער ארטיקל אידן־האס ניט געפעלט. געארג בראנדעס האט פון דעם פלאג ניט ווייניק געליטן, הגם ער האט פיל געהאלפן דער סקאנדינאווישער ליטעראטור גרויס און בארימט צו ווערן.

דענמארק און אונגארן זיינען ניט געווען די איינציקע לענדער, וואו שמד און געמישטע חתונות האבן געווילדעוועט. אין דייטשלאנד איז עס צוגעגאנגען ניט פיל בעסער, הגם אויף דעם ערשטן בליק האט עס אויסגעזען, אז די דייטשישע אידן מאכן דורך אן אויפלעבונגס־פראצעס. די ציוניסטישע באוועגונג איז געווען גאנץ שטארק אין יענעם לאנד, נאך פאר 1914. עס זיינען דארט געגרינדעט געווארן פיל נאציאנאלע געזעלשאפטן, עס איז אויפגעשטאנען א ריי נאציאנאלע שריפטשטעלער. עס זיינען געגרינדעט געווארן אידישע פארלאגן און פיל ביכער מיט א נאציאנאלער טענדענץ זיינען דארט זייער אפט דערשינען. דאס האט אבער ניט געמיינט, אז דער פארטיליקונג־פראצעס צווישן די דייטשישע אידן האט אויפגעהערט.

די סטאטיסטיקער, וואס האבן די אידיש־דייטשישע לאגע געפארשט און שטודירט, האבן געהאט זייער טרויעריקע נייעס צו דערציילן פון יענעם פראנט. די געמישטע חתונות צווישן די אלטע דייטשישע פאמיליעס האבן, טראץ דער ציוניסטישער אגיטאציע, דאך ניט אויפגעהערט. די ציוניסטן האבן גע׳דרשנ׳ט, אבער די אלטע דייטשיש־אידישע פאמיליעס האבן זיי געהערט ווי דעם פאראיאריקן שניי, גלייך ווי ניט זיי מיינט מען עס. אויך דער אנ־טיסעמיטיזם האט דעם פראצעס פון צעפאל און דעגענעראציע ניט אפגע־שטעלט. להיפוך, ער האט אים אין געוויסע קרייזן פארשנעלערט. ווער עס האט נאר געקענט, איז אנטלאפן פון אידישן לעבן, פון דעת אידישער גע־מיינדע און איז אוועק צו די „מיוחסים״, צו די, וואס האבן דאס אידישע פאלק ביטער געהאסט.

עס איז געווען א מאדנע סארט נקמה, וואס די דאזיקע אבטריניקעס האבן גענומען פון די דייטשן. עס איז אזוי, ווי זיי וואלטן זאגן: איר, דייטשן, זאגט, אז איר האט פיינט אידן, קענט זיי פשוט ניט סובל זיין, זייער שיין!

אפשר זיינען מיר גאַר מיט אייך ניט מסכים. מיר אַליין זיינען אויך ניט פאַר־ליבט אין אידן. אבער איר באַקומט דאַך אייער שטראָף פאַר אייער שנאה. מיר וועלן אייך „פאַראידלען", איר וועט אונדז מוזן אַריינגעמען צו זיך, ניט נאַר אין אייער סביבה, נאַר אין אייער משפחה. איר וועט מוזן מישן אייער בלוט מיט אונדזערס. עס וועט אייך קיין דאָקטאָר און קיין טאַטער אפילו ניט העלפן.

דער אמת איז געווען, אַז דער ציוניזם האָט די אמת־דייטשישע אידן ווייניק באַרירט, געהאַט אויף זיי ניט קיין זייער גרויסע השפעה. די ציוניס־טישע באַוועגונג איז אין עצם געווען אַ מזרח־אייראָפּייאישע. די ציוניסטן זיינען על פי רוב געקומען פון די קינדער פון די אימיגראַנטן. די דייטשישע אידן אַליין זיינען אַלץ געבליבן שטיין פון דער ווייטנס. נאַטירלעך, זיינען געווען אייניקע אויסנאַמען. עס זיינען געווען אייניקע טראַץ־אידן. דאָס הייסט, דערפאַר, וואָס די דייטשן האָבן אַזוי געפילדערט קעגן אידן, האָבן זיך געפונען אייניקע אידן, וואָס האָבן אויף להכעיס זיך באַקענט אַלס אידן, אָבער זייער צאָל איז ניט געווען איבעריק גרויס.

אין די הויכע דייטשיש־אידישע פאַמיליעס זיינען אויך אין די האַניק־יאָרן פון ציוניזם אָנגעגאַנגען מיט גרויס אימפּעט דער שמד און די מישע־ריי. דאָס איז איצט צו זען גאַנץ קלאָר. די מייסטע .גרויסע קינסטלער און פראָפעסאָרן און וויסנשאַפטסלייט, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון דייטשלאַנד, זייט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, זיינען באמת זייט לאַנג שוין ניט געווען קיין אידן. זיי האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט גע'שמד'ט. איצט קומט עס אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער. אין דייטשלאַנד האָט מען וועגן דעם גערעדט, אָבער באַשטימט האָט מען ניט געוואוסט. עס פלעגט געמאַכט ווערן אין דער שטיל. אַביסל הייליקע וואַסער און דער באַרימטער יאהודי ווערט אַ קריסט, אָדער ער שמד'ט — ניט זיך, נאַר די קינדער. נאָך לייכטער איז דער אַרויסטריט דורך אַ געמישטער חתונה. אַליין בלייבט מען נאָך כלומרשט אידיש, אָבער די קינדער זיינען שוין גויים גמורים. מען בייט אַפט פאַר זיי אויך די נעמען, כדי זיי זאָלן אפילו ניט וויסן, אַז זיי שטאַמען אָפּ פון אידן. אַזוי, למשל, האָט געטאָן דער פאָטער פון עמיל לודוויג, וועלכער איז געווען אַ קאהן, אַ באַרימטער אויגן־דאָקטאָר. ער האָט זיין זון גע'שמד'ט אין דער יוגנט און אים געביטן דעם נאָמען פון קאהן אויף לוד־וויג. עמיל לודוויג איז די לעצטע יאָרן צוריקגעקומען צו אונדז, זיך עפנטלעך באַקענט אַלס איד. דאָס איז געשען דעמאָלט, ווען די היטלעריסטישע בולי־גאַנעס האָבן קאַלטבלוטיק דערמאָרדעט דעם פילאָזאָף, פּאָעט און שטאַטס־מאַן, וואַלטער ראַטענוי. עס האָט אים אַ נעם געטאָן ביים האַרץ, איז ער אַרויסגעקומען אין דער עפנטלעכקייט און דערציילט דעם סוד פון זיין אידיש־קייט. אָבער ער איז געווען איינער. אַ מאָדנער אויסנאַם. וואָס האָט דער־

מאַנט אין דעם טרויעריקן, ביז פאַרפּוילטקייט צעפּרעסענעם, דייטשיש־אידישן קערפּער.

די אידישע פאַרשער און פּובליציסטן אין דייטשלאַנד האָבן געשילדערט זייער אַ פינצטער בילד וועגן דער צוקונפט פון די דייטשישע אידן. דער באַקאַנטער פּובליציסט און סטאַטיסטיקער, דר. טהיילהאַבער, האָט שוין לאַנג, מיט צענדליקער יאָרן צוריק, געגעבן זיין וואָרנונג צו די דייטשישע אידן, אַז אויב זיי וועלן זיך פירן אויף דעם אופן און ניט בייטן זייער לעבנס־שטייגער, וועלן זיי אין פינף און צוואַנציק יאָר לחלוטין פאַרשווינדן. ער האָט עס באַוויזן מיט ציפערן אין די הענט. אונדזער דר. אַרטור רופּין, וועלכער האָט אָוועקגעגעבן דרייסיק יאָר אויף סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען צווישן אידן, האָט מיט אים פולשטענדיק מסכים געווען.

טהיילהאַבער האָט שוין דעמאָלט אין זיין בראשור אָנגעוויזן אויף די אַנדערע סיבות פון דעם אונטערגאַנג פון די דייטשישע אידן, אויסער די געמישטע חתונות. און זיי זיינען: די פאַרמינערונג פון געבורט, דאָס „פאַר־זיצן". פיל אידישע מיידלעך און מענער געפינען ניט קיין פּאַסיקע זיווגים און בלייבן דאָס גאַנצע לעבן „לעדיג". אויך אונטערגאַנג צוליב דעגענעראַ־ציע. אַזוי ווי דאָס ביסל דייטשישע אידן האָבן חתונה נאָר צווישן זיך, און פרישן ניט אָפּ זייער בלוט און פאַרשטאַרקן, אַזוי צו זאָגן, זייערע באַשטימ־טע אייגנשאַפטן, ווערט צווישן זיי געבוירן אַ גרויסע צאָל באַגאַבטע מענטשן, אָבער אויך ניט ווייניק דעפעקטיווע, מענטשן מיט אַלערליי מומים. איינע פון די חסרונות איז אויך די קינדערלאָזיקייט. אַ גרויסע צאָל דייטשישע אידן וויל ניט ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט.

דר. טהיילהאַבער און דר. רופּין, ביידע זיינען מהאי טעמא געוואָרן שטאַרקע ציוניסטן. זייער ציוניזם האָט אויסער אַלע טעמים געהאַט נאָך איין הויפּט־טעם: זייער גלויבן, אַז אַן ציוניזם איז פאַראַן אַ סכנה, אַז אידן זאָלן בכלל אונטערגיין. ניט אין אונדזער צייט, אָבער אַזאַ צייט מוז קומען, אויב מיר וועלן ניט אָננעמען קיין פּאַסיקע מיטלען.

וואָס די מיטלען זיינען אויסער ציוניזם האָבן די ביידע און אויך אַנ־דערע, וואָס האָבן גערעדט וועגן דער פראַגע, ניט אָנגעוויזן, ווייל קיין דיר־רעקטע מיטלען זיינען באמת ניטאָ. די איינציקע זאַך וואָס די מענטשן האָבן געהאָפט, איז, אַז אַ דאַנק דעם ציוניזם וועט זיך צווישן אידן פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין אַלע אירע פאָרמען און עס וועט דעמאָלט נעמען אַ סוף צו דער שמד־עפּידעמיע ווי אויך צו די געמישטע חתונות, און עס וועלן אויך אויפגעהויבן ווערן די מחיצות, וואָס טיילן אָפּ די וועסט־אייראָפּייאישע אידן פון די מזרח־אידן און דעמאָלט וועט דאָס דייטשיש־אידישע בלוט אָפּגעפרישט ווערן און פיל פון די פּלאָגן, ווי פאַרזיצן און קינדערלאָזיקייט, וועלן ממילא אָפּגעשאַפט ווערן.

מען קען ניט זאגן, אז ביז א געוויסן גראד איז עס ניט אזוי געווען. די באריערן צווישן די ביידע טיילן אידן זיינען טיילוויז אומגעווארפן געווארן. פיל עכט־דייטשישע אידן האבן גענומען זיך אסימילירן מיט מזרח־אידן. קיין סטאטיסטיקס דארויף זיינען ניטא, אבער יעדערער איז באקאנט מיט דעם פאקט. דאס איז צו באמערקן אין פיל דייטשיש־אידישע פאמיליעס.

ביז א געוויסן גראד איז די שמד־באוועגונג פארקלענערט געווארן אדער איז לכל הפחות ניט געווארן גרעסער.

דערווייל האט מען וועגן דעם פראבלעם אינגאנצן אויפגעהערט ריידן. מען האט אפילו אויך אין אנהויב אים ניט געשענקט די נויטיקע אויפמערקזאמקייט. עס איז אויך פארשטענדלעך פארוואס: די פאלקס־ציילונג האט באוויזן, אז דאס אידישע פאלק איז אין די לעצטע פאר צענדליק יארן ממש פארדאפלט געווארן. מיר זיינען מיטאמאל געווארן א באדייטנד גרויס פאלק: זיבעצן מיליאן אידן. אנדערע האבן געוואלט האבן, אז עס זיינען פאראן נאך מער אידן. דאס איז שוין א גרויס פאלק. ביז צען איז מען נאך א קליין פאלק, איז מען אבער די ציפער אריבערגעגאנגען, איז מען שוין א גרויס פאלק. ביי אזא לאגע, ווער האט צייט געהאט זיך אפצוגעבן מיט דער פראגע פון די אלטע אידיש־דייטשישע פאמיליעס? בפרט, ווען אויך אין דייטשלאנד איז די צאל אידן ניט קלענער געווארן, כאטש דאס איז געשען ניט דורך א נארמאלן צוואוקס, נאר צוליב דער איינוואנדערונג פון אידן פון די מזרח־אייראפייאישע לענדער. אויב די דייטשיש אידישע פאמיליעס מוזן און ווילן אונטערגיין, טא זאלן זיי.

דערווייל איז אנגעקומען היטלער. אין די לעצטע פאר יאר האט מען דאך גאר קיין צייט ניט געהאט צו טראכטן וועגן דעם אידישן אונטערגאנג, ווייל מיטאמאל זיינען מיר אין דייטשלאנד באריכערט געווארן מיט מיליאנען פון דריי־פערטל, האלבע און פערטל אידן. אן אמת'ע שפע. די פראגע איז געווען, וואו נעמען פלאץ פאר די אידן, וואס מיר האבן? און ווער האט גאר צייט און געדולד זיך צו זארגן, וואס עס וועט ווערן מיט דעם אידישן פאלק אין דער צוקונפט. עפעס רעדט מען איצט אין דער וועלט אזוי פיל וועגן אידן, אז עס ווילט זיך גארניט גלויבן אין דער מעגלעכקייט, זיי זאלן ווען־עס־איז אונטערגיין.

מיטאמאל איז געקומען פראפעסאר סאלא באראן מיט זיינע נייע היסטארישע ביכער, און אונדז דערמאנט, אז אויסער די טאג־טעגלעכע פראבלעמען מכח דעם, וואס צו טאן פאר אידן און מיט אידן, וואס זוכן א לאנד פאר זיך, איז גאר פאראן א פראבלעם וועגן דעם גאנצן קיום פון אידישן פאלק.

באראן דערמאנט אונדז אז די ווארנונגען, וואס אנדערע געלערנטע האבן געגעבן פאר אים און וואס מיר האבן פארגעסן, צוליב דעם דרוק פון

דער נויט. צוליב חיי־שעה האָבן מיר פאַרגעסן אין דעם חיי־עולם, אין דער צוקונפט, און דאָס טאָרן מיר בשום אופן ניט טאָן.

די פראַגע פון אידישן קיום איז אויך ניט קיין נייע פראַגע, על כל פנים ניט פון אונדזער דור, ווייל פאַגראָמען האָבן מיר געהאַט פיל שטאַרקערע אין דער צייט פון צאַריזם. הריגות אויף אידן זיינען געווען די באַגלייט־דערשיינונג פון אידישן לעבן אין מיטלאַלטער. אויך האָבן מיר דעמאָלט פיל מער געליטן פון שמד, ווי היינט.

אוודאי איז אַ פאָלק, וואָס איז אין גלות, ניט זיכער מיט זיין לעבן. עס זיינען שוין געווען צייטן אין אונדזער געשיכטע, אַז מיר זיינען אַזוי רעדוצירט געוואָרן אין צאָל, אַז אַ פּאָר באַרטלאַמעאוס־נעכט וואָלטן אונדז געווען אינגאַנצן אָפּגעווישט פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד. עס זיינען אָבער שפּעטער געקומען בעסערע צייטן און מיר האָבן דערלעבט, אַז מיר זיינען איצט פון די גרויסע פעלקער, אויך וואָס שייך אין צאָל.

ווען מיר וואָלטן ניט געווען פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד, וואָלטן מיר אפשר געווען אַזוי פיל אין צאָל ווי די כינעזער. אָבער מיר זיינען דאָך יאָ פאַרטריבן געוואָרן און מיר האָבן באַוויזן דעם נס, אַז מיר זיינען געבליבן, — כאָטש מיר האָבן ניט קיין לאַנד, און טראָץ אַלע רדיפות און געצוואונגענעם שמד.

אויף נסים טאָר מען זיך, נאַטירלעך, ניט פאַרלאָזן. מען דאַרף עפּעס טאָן. עס איז אָבער שווער צו באַקעמפן די גלות־אומגליקן אין גלות גופא, סיידן מען האָט אַ זכות אין הימל. זיכער איז דאָס שווער צו טאָן אָן סיעתא דשמיא. מיר לעבן אָבער איצט אין אַ דור פון כפירה און שאַרפער אפיקורסות.

דער בעסטער מיטל איז אַרויסצונעמען אונדזער פאָלק פון גלות. עס איז אָבער ניט קיין לייכטער מיטל און מיר האָבן דערצו אויך ניט קיין איבריק מזל. איז טאַקע ניט גוט. עס בלייבט ניט קיין אַנדער ברירה, ווי זיך צו קלאַמערן אין דעם אַלטן אידישן גלויבן, וואָס האָט אונדז פאַרשפּראָכן, אַז אידן וועלן קיינמאָל ניט אונטערגיין. עפּעס וועט שוין טרעפן. נצח ישראל לא ישקר.

שמד אין די לעצטע פופציק יאָר

די האָפּערדיקע סטאַטיסטיק. — אַ פאָלק וואָס ציילט מער ווי צען מיליאָן. — אידישע מלוכה־לייט און אידישע גענעראַלן. — מיר און די בינעזער. — די לעצטע פופציק יאָר זיינען דער אָנהויב פון אונדזער רענעסאַנס.

סטאַטיסטיק נאָך סטאַטיסטיק. מיר, אידן, האַלטן מיט דער מאָדע. מיר האָבן איצט אונדזערע אייגענע סטאַטיסטיקער. אַמאָל האָבן אידן ניט גע־רעכנט. עס איז נאָר געווען אַ פראַגע פון השערות. וויפל אידן זיינען געווען אין פופצנטן יאָרהונדערט, אין צענטן? ווער קען וויסן! מען מוז מאַכן אַלערליי חשבונות, אום צו קומען צו אַ וועלכן עס איז באַגריף וועגן זייער צאָל. זיכער איז עס בשום אופן ניט. איצט איז די לאַגע פיל בעסער. מיר זיינען נאָך איצט אויך ניט ביכולת דורכצופירן אַ צענזוס, ווי עס איז דער מנהג ביי לייטן. אָבער די פעלקער פירן דורך און מיר קריגן אָפט אַ רובריק, וואָס גיט אונדז די מעגלעכקייט אויסצוגעפינען, ווען ניט גענוי, איז כאָטש נאָענט צום אמת, וויפל אידן עס לעבן אין אַ געוויסן לאַנד.

עס זיינען פאַראַן אַנדערע וועגן ווי אויסצוגעפינען. אויב אידן פירן ניט קיין חשבון פון די לעבעדיקע, פירן זיי אָבער אַ חשבון וועגן די טויטע, וועגן זייערע מתים און לויט די מתים רעכנט מען אויס, לויט אַלערליי השערות, וויפל עס איז די צאָל פון די לעבעדיקע. עס זיינען פאַראַן נאָך וועגן. די צאָל פון כהנים און לויים זאָלן זיין אַ שליסל, ווי צו לעזן די פראַ־גע מכח דעם, וויפל אידן עס געפינען זיך אין אַ געוויסן לאַנד. על כל פנים: עס איז שוין דאָ אַ וועג ווי צו רעכענען.

די נייע סטאַטיסטיק מכח דער צאָל פון אידן אין דער וועלט איז פון זייער אַ דערמוטיקנדיקן כאַראַקטער. אידן האָבן זיך פאַרמערט פינף מאָל

אזוי פיל אין א משך פון א הונדערט יאר. מיר האבן אונדזער צאל פארמערט אין א פיל גרעסערן מאסשטאב ווי די אנדערע גליקלעכערע פעלקער, וואס לעבן אין זייערע לענדער מיט אייגענע מלוכות און מיט גרויסע פארזארג־אנשטאלטן. עס איז דאך גאטס וואונדער.

מיר זיינען איצט א גרויס פאלק, ניט נאר אין גייסט, ווייל ווי עס ווערט באהויפטעט, איז א פאלק גרויס אויך לויט צאל, ווען דאס פאלק ציילט צען מיליאן און מער. די אידן זיינען איצט א פאלק, וואס פארמאגט מער מיט פופציק פראצענט ווי צען מיליאן. מיר זיינען בכן, א וויכטיק, באדייטנדער פאלק וואס אנבאלאנגט דער צאל. די צאל פון אידן אין דער וועלט באטרעפט מער ווי די צאל פון פיל פעלקער, וואס האבן מלוכות און דערלויבן זיך צו באהאנדלען אידן, וואס וואוינען ביי זיי, גלייך ווי זיי וואלטן געווען מינדערווערטיק, בשעת אין דער אמת'ן זיינען די אידן ניט נאר גייסטיק הימל־העכער פון זיי, נאר אויך אין צאל. ניט מער, מיר זיינען צעשפרייט אין דער גאנצער וועלט, אויף שבעה ימים, און זיי האבן זייער אייגן שטיקל לאנד, וואו זיי פירן אן זייער אומאפהענגיקע עקזיסטענץ. מיט אנדערע ווערטער: אונדזער אומגליק איז, וואס מיר זיינען אין גלות.

עס איז אבער קיין ספק ניט, אז טראץ די אלע פארפאלגונגען, וואס מיר האבן ביים סוף פון לעצטן יארהונדערט דורכגעלעבט און לעבן נאך דורך, טראץ די כוואליעס פון פאגראמען, וואס האבן פארפלייצט די אידן אין מזרח־אייראפע, פאר דעם קריג אין דער אוקראינע און אין דער צייט פון קריג און נאך דעם אויך אין פוילן, — איז אונדזער תקופה טאקע די אידישע תקופה. מיר זיינען אין דער צייט געשטיגן גייסטיק, געוואקסן אין צאל, געווארן א וויכטיקער פאקטאר אין דער פאליטיק פון דער וועלט, א חשוב'ער מיטגליד אין דער פעלקער־משפחה.

אין אט דער צייט האבן אידן באקומען גלייכבארעכטיקונג אין אלע לענדער, מיט דער אויסנאמע פון לענדער, ווי תימן און פערסיע. די צאל דארטן איז אבער זייער קליין, און עס איז ניט ווייט די צייט, ווען דאס ביסל אידן, לערך א הונדערט און צוואנציק טויזנט, וועלן פארלאזן די דאזיקע לענדער און זיך באזעצן אין ארץ ישראל, א לאנד, וואס וועט זיין פאר זיי ניט נאר דאס לאנד פון פרייהייט, נאר אויך דאס לאנד פון אייראפייאישער, וועלטלעכער קולטור.

די אידן זיינען פאליטיש הויך געשטעלט געווארן אין דער וועלט. זייער פיל ווערט ביי אונדז געריכטעט די עפאכע פון דער אראביש־אידישער צוזאמענארבעט אויף דעם קולטורעלן געביט אין דער צייט פון די קאליפן, ווען אידן זיינען אויך געווען קרובים למלכות. אין יענע הויפן פון די סולטאנען און קאליפן האבן אידן געהאט צוטריט אלס דאקטוירים, ראטגעבער און קאסירער. יענע עפאכע ווערט דארום באצייכנט אין אונדזער געשיכטע

אלס די גאָלדענע. עס איז זיכער, אַז אין דעם פּרט איז איצט די לאַגע פיל בעסער, אפילו ווי אין יענער תקופה. עס פעלט אונדז נאָך די נויטיקע פּער־ספּעקטיוו, כּדי צו קענען אויף ריכטיק אָפּשאַצן אונדזער ראָלע צווישן די וויכטיקע פעלקער. עס איז אָבער זיכער, אַז מיר שפּילן איצט אַ פיל גרע־סערע ראָלע, ווי דעמאָלט. עס איז איצט ניטאָ קיין איין וויכטיק לאַנד, וואו אידן זיינען ניט צווישן די פירער פון די גרויסע פּאַרטייען, די אמת'ע עצה־געבער און דעה־זאָגער. מיר זיינען שוין דערצו אַזוי צוגעוואוינט, אַז עס מאַכט מער גאָר ניט קיין איינדרוק אויף אונדז.

מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, ווען אַ איד איז עולה לגדולה געווען און פאַרנומען אַ וויכטיקע מלוכה־שטעלע, האָט מען וועגן דעם געיובלט אין אַלע גאַסן, אין דעם גאַנצן תּפוצות הגולה. ווער געדענקט ניט, ווי אַזוי אידן האָבן זיך געפרייט מיט משה מאָנטיפיאָרע, וועלכער איז געווען איינער פון די מקורבים פון ענגלישן טראָן? אָדער מיט קרעמיע אין פראַנקרייך? די משׂכּילים האָבן שיער ניט דעם קאָפּ פאַרלוירן און זיינען געווען גרייט צו פאַרקויפן די נאַציאָנאַלע בכורה פאַר די גלאַנציקע קנעפּ און גאָלדענע עפּאָלעטן. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס באַדייט משיח'ס צייטן, און אַז די אידן דאַרפן מער ניט ווי גיין אין די ניט־אידישע שולעס און זיך באַקענען מיט דער „השׂכּלה בת השמים" און אַלע זייערע צרות זיינען פאַריבער. נאָ־טירלעך, ווייסן מיר איצט בעסער. מיר ווייסן, אַז מיר מוזן צו דער עמאַנ־ציפּאַציע, וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן, נאָך עפּעס אַליין אויך טאָן פאַר אונדזער באַפרייאונג. די עמאַנציפּאַציע איז פאַר אונדז דערפאַר וויכטיק, ווייל זי האָט מעגלעך געמאַכט די אויטאָ־עמאַנציפּאַציע.

מיר דאַרפן אָבער מודה זיין, אַז די משׂכּילים האָבן ווייט געזען, זיי האָבן געפילט, אַז די באַשטימונג פון אידן צו אַזעלכע וויכטיקע עמטער איז אַ ווענד־פּונקט אין אונדזער געשיכטע, איז אַן איבערבחור, און דער אָנהויב פון אַ נייער תקופה. די משׂכּילים האָבן ניט פאַרשטאַנען די סיבה פון דער ענדערונג. זיי האָבן אין זייער נאַאיוויטעט געגלויבט, אַז דאָס איז דער פּועל־יוצא פון דער אידישער באַטייליקונג אין דער השׂכּלה. זיי האָבן אַרויס־געזוקט דעם אַרגומענט, וואָס פיל ניט־אידישע עמאַנציפּאַטאָרס האָבן באַ־נוצט, דעם מענדעלסאָן־אַרגומענט: די אידן זיינען גלייך מיט אונדז, זיי האָבן אונדז שוין אפילו געגעבן אַ פילאָזאָף ווי מענדעלסאָן.

עס איז אמת, אַז דער דאָזיקער אַרגומענט איז באַנוצט געוואָרן, אָבער ער איז ניט דער אַרגומענט, וואָס האָט געזיגט. עס זיינען געווען פיל וויכטי־קערע פאַקטאָרן, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע. דער אמת איז, אַז די אידן באַקומען זייער רעכט ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך דערנענ־טערט צו דער פרעמדער קולטור, נאָר דערפאַר, וואָס די פעלקער האָבן זיך דערנענטערט צו דער אידישער וועלט־אַנשויאונג, צו דעם אידישן וועלט־

באנעם. עס איז געווען דער רעזולטאט פון נצחון פון אידישער עטיק און מאראל אין דער וועלט. עס איז געקומען דורך דער רעפארמאציע און פריער נאך דורך דעם רענעסאנס. מען איז צוריקגעגאנגען צו די ערשטע מקורות, צו גריכנלאנד — וואס שייך קונסט און וויסנשאפט, און צו ירושלים — וואס איז נוגע עטיק, סאציאלן איינפיר, צו דער אידייע פון גלייכהייט פאר אלעמען, פאר דעם בירגער און אויך פאר דעם גר, וואס וויל ווערן א בירגער, א טייל פון דעם שטאט.

אז די משכילים אבער זיינען געווען נערעכט אין זייער אפשאצונג, אז עס קומט א נייע תקופה, זעען מיר היינט בעסער ווי זיי. הגם אין אונדזערע דערקלערונגען קלינגט שטענדיק א פעסימיסטישע נאטע, הגם מיר האבן אין דער צייט ארויסגעטראגן א פסק־דין, וועלכער איז ניט באַרעכטיקט אין דעם ליכט פון היסטארישע פאקטן און וואס לויטעט: שנאת־עולם לעם עולם, אז די וועלט וועט אונדז אייביג פיינט האבן, ווייל זי האט אונדז שטענדיק פיינט געהאט. די פארגאנגענהייט איז אבער ניט שטענדיק קיין גאראנטיע, אז די צוקונפט וועט אויך אזוי זיין. עס איז ניט געדרונגען. די וועלט שטייט ניט אויף איין ארט, נאר באוועגט זיך. עס איז ניטא קיין גרונט, ווארום מיר זאלן אננעמען, אז עס מוז שטענדיק זיין שלעכט, און ניט גלויבן, אז ווען נעכטן איז אפילו געווען שלעכט, וועט דאך מארגן זיין בעסער. בפרט, ווען עס איז נוגע אידן, איז אויך ניט ריכטיק, אז אין דער גאנצער גלות־צייט איז אידן געווען שלעכט. די אידן האבן געהאט גוטע צייטן אין בבל, שפעטער אין שפאניען, אין דער פריינטלעכער פראנצויזישער פראוואנס, א שטיקל צייט אין פוילן, אין דער טערקיי, אין האלאנד א. ד. גל.

פון די לעצטע צוויי הונדערט יאר זיינען די לעצטע פופציק די ליכטיקסטע, אפשר די וויכטיקסטע אין אונדזער גאנצער גלות־געשיכטע, טראץ די געדיכטע שאטנס, טראץ די פאגראמען און רדיפות, וואס זיינען פארגעקומען. אין א געוויסן זין קען מען זאגן, אז אויך די שאטנס האבן געהאלפן פארגרעסערן דאס ליכט פון דער תקופה און באַרייכערן איר אינהאלט.

אין דער לעצטער תקופה האבן מיר געהאט אידן אין די וויכטיקסטע מיניסטעריומס פון די הויפט־אייראפעאישע מדינות. אין די איבעריקע מדינות, וואו די אידן זיינען ניט אריין אין די מיניסטעריומס, האבן זיי אזוי געשפילט א וויכטיקע ראלע אין דער פירערשאפט, זיינען זיי אפט געווען „די מענער הינטער דער ביקס". אין ענגלאנד האבן מיר געהאט אייניקע אידישע מיניסטארן און אפילו א אידישן וויצע־קעניג פון אינדיען.

אין פראנקרייך איז געווען דאס זעלבע. פראנקרייך איז אין דעם פרט געגאנגען אפילו ווייטער ווי ענגלאנד, ווען זי האט באשטימט אלס איינעם

פון אירע מיניסטאָרן אַפילו ניט קיין געבוירענעם פראַנצויזישן אידן, נאָר אַ פוילישן אידן, דעם איד באָקאַנאָווסקי.

עס זיינען געווען אידישע מיניסטאָרן אין בעלגיען, דענמאַרק און אַפילו אין דייטשלאַנד. ניט קיין גע׳שמד׳טע אידן, נאָר אידן, וואָס זיינען געבליבן ביי זייער גלויבן און געווען שטאָלץ אויף זייער אָפּשטאַם.

פון נייעם רוסלאַנד איז דאָך אָפּגערעדט. דאָרט האָבן אין אַ געוויסער צייט אידן באַהערשט כמעט די גאַנצע רעגירונג. שפּעטער איז צוליב געוויסע ענדערונגען פון קורס געוואָרן אַביסל אַנדערש. די אידן זיינען באַזייטיקט געוואָרן אָבער אַפילו איצט שפּילן נאָך די אידן אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער סאָוועטן־רעגירונג. דער אויסערן־מיניסטער איז געווען אַ איד. מיט דעם שעפּט זיך ווייט ניט אויס דער אידישער אָנטייל אין דער סאָוועטן־רעגירונג. זייער צאָל איז באַדייטנד אויף אַלע געביטן. די סאָוועטן־רעגירונג האָט אויך געשיקט פיל אידן אַלס אַמבאַסאַדאָרן אין די וויכטיקסטע מדינות ווי פראַנקרייך און ענגלאַנד. ווער שמועסט אין די קלענערע לענדער.

אויך אין אַמעריקע פאַרנעמען אידן אין דער פּאָליטיק אַ וויכטיקן אָרט. אידן פאַרוואַלטן אָפט מיט אַמעריקעס פינאַנצן, ווי עס טוט עס אין דער מינוט דער איד מאָרגענטוי. די אידן זיינען דאָ זייער אָפט צווישן די ראַטגעבער פון דער רעגירונג.

נאָר דאָ האַנדלט זיך וועגן יחידים, דאָס הייסט: וועגן דער ראָלע, וואָס איינצלנע אידן שפּילן אין דער רעגירונג. זיי פאַרטרעטן דערמיט ניט דאָס אידישע פאָלק, נאָר זיך אַליין, הגם זיי זיינען אַ שטאָלץ פאַר אונדזער פאָלק. און אַ באַווייז אויף דעם אידישן זשעני אין דער איצטיקער צייט שפּילט אָבער דאָס אידיש פאָלק אַליין אַלס מאַסע אויך אַ באַדייטנדע ראָלע. מען רעכנט זיך דערמיט אין דער וועלט. מען גייט מיט אים אריין אין פאַרבינדונגען. מען שליסט מיט אים אָפּמאַכן און מען גיט אים קאָנצעסיעס.

דאָס אידישע פאָלק האָט אין דעם דור באַקומען זיין אָנערקענונג אַלס פאָלק אין פיל לענדער און באַקומען דאָס רעכט אויף זיין לאַנד. דאָס זיינען זאַכן, וואָס גייען איבער דעם חלום פון די גרעסטע בעלי־חלומות אין אונדזער פאָלק.

נאַטירלעך, פעלן אויך ניט קיין שאָטן־זייטן, ווייל עס איז אַ פאַקט, אַז אַפילו איצט פאַרלירן מיר פיל בלוט, פיל קראַפט. אויך אויף דעם האָבן מיר ניט קיין סטאַטיסטיק, אָבער עס איז זיכער, אַז מיר האָבן פאַרלוירן צענדליקער מיליאָנען מענטשן דורך שמד און געמישטע חתונות. וואָלט דאָס ניט געווען דער פאַל, וואָלטן מיר היינט ניט געהאַט בלויז זיבעצן מיליאָן מענטשן, נאָר הונדערט און זיבעציק און אפשר נאָך מער. ווייל ווען מיר וואָלטן געווען געלעבט אויף אונדזער לאַנד, ווער ווייס, צי מיר וואָלטן ניט

געוועזן ארונטערגענומען אונטער אונדזערע פליגל פיל אנדערע פעלקער, ווי מיר האבן עס אויך אין א געוויסער צייט געטאן אין אונדזער געשיכטע.

עס איז א פאקט, אז ביים סוף פון אונדזער זעלבסטשטענדיקייט איז גראד די לאגע אין יענער אנטיקער וועלט געוועזן זייער גינסטיק פאר דער באקערונג פון פיל ניט־אידן צום אידישן גלויבן, וואס וואלט אין דער לעצ־טער ליניע געוועזן געמיינט א גרעסערער צופלוס פון מענטשן פאר אונדזער נאציע.

מיט דעם אנווערן פון אונדזער זעלבסטשטענדיקייט האבן מיר מער קיין פראזעליטן ניט געקענט מאכן. אונדזער קראפט איז אפגעשוואכט גע־ווארן און ניט ווייניק אלס פועל־יוצא דערפון איז דאס קריסטנטום פאר־שטארקט געווארן און די אידישע סעקטע, וואס האט זיך דערווייטערט פון מקור, האט געוואונען אויף איר זייט אט די אלע פעלקערשאפטן, וואס זיינען געווען גרייט צו ווערן אידיש.

אנדערש וואלטן אידן אפשר געווען אזוי פיל אין צאל ווי די כינעזער אדער די אינדיער. זיי זיינען ניט קיין עלטערע פעלקער פון אונדז.

דאס אידישע פאלק האט אבער אין גלות יארהונדערטער לאנג ניט גע־קענט וואקסן, ווייל מען האט אים ניט געלאזט. די רדיפות, גזירות און נאכמער דער שמד, אלס רעזולטאט פון די פארפאלגונגען, האבן שטארק פארקלענערט די אידישע צאל.

ווי א לעצטע השערה, וואס קומט פון קוועלן פון וואטיקאן, ווערט דער־קלערט, האבן אידן פארלוירן א קארגן פערטל מיליאן מענטשן דורך שמד אין די לעצטע פופציק יאר. דאס הייסט, אז זיי האבן פארלוירן מער ווי א מיליאן, ווייל אין די לעצטע פופציק יאר האבן זיך דאך אידן פארפינף־פאכט.

די אידן האבן אבער זיכער דורך דער צייט פארלוירן מער. ווייל די רשימה רעדט נאר פון דירעקטן שמד. אידן פארלירן אבער מער דורך גע־מישטע חתונות, ווי דורך שמד. דערפון האבן מיר גאר קיין רעכענונג ניט. מיר ווייסן נאר, למשל, אז פאר דעם ערשטן וועלט־קריג איז אין אונגארן אדער דענמארק אויף יעדע הונדערט חתונות ביי אידן געווען אכציק גע־מישטע, וואס דאס האט אין מייסטע פאלן געמיינט, אז דער קומענדער דור פון געמישטער פאראייניקונג איז אוועק פון אידישן גלויבן.

אויך שפעטער איז ניט געווארן בעסער. אין איין לאנד איז געוויס די לאגע געווארן ערגער, און דאס איז סאוועט־רוסלאנד. דארט זיינען די גע־מישטע חתונות פשוט א מגפה. דער פראצענט איז גוואלדיק גרויס, און הגם עס איז דארט ניט פאראן קיין גרונט, הלמאי קינדער פון געמישטע פארלעך זאלן ווערן קריסטן, איז אויב זיי ווערן עס ניט, רעכענען זיי זיך אבער גלייך צו צום רעגירנדיקן פאלק און הויבן אן אויף זיך צו קוקן ווי אויף רוסן. די

אידן פארלירן זיך סיי־ווי־סיי. זיי פארלאזן אונדזער פאלק און גייען אוועק צום רעגירנדיקן פאלק. דערצו זעט זיך דערוויילן קיין הילף ניט. אויך די פארשטארקטע נאציאנאלע באוועגונגען שטעלן ניט אפ דעם שטראם פון גע־מישטע חתונות, וואס זיינען פארמעל א סימן פון דער אידישער גלייכהייט. נאר אזוי ווי דאס לעבן ווערט ניט רעגירט פון פארם, נאר פון קרעפטן, לאזט זיך די גלייכהייט אויס מיט גוואלדיקער אומגלייכהייט, ווייל די קינדער גייען על פי רוב איבער צו דער שטארקערער גרופע, ווייל זי האט די שטאר־קערע צוציאונגס־קראפט.

די איינציקע טרייסט דערויף איז, אז ראשית איז דאך סוף כל סוף ניט אזוי וויכטיק די צאל, ווען מען רעדט פון דער וויכטיקייט פון א פאלק. ביי א פאלק גילט זיכער דער לא הכמות הוא העקר... ניט די צאל איז דער הויפט־פאקטאר, נאר די קוואליטעט. וואס וואלטן מיר דען פארדינען, ווען מיר וואלטן זיין הונדערט מיליאן אדער מער? פארנעמען דען די כינעזער מיט זייערע פיר הונדערט מיליאן א וויכטיקערן ארט אין דער וועלט איידער מיר אידן? זיכער ניט! וואס פאר א פארגלייך צווישן אידישן פאלק און כינע־זער. עס איז אן אונטערשיד ווי צווישן הימל און ערד. ביידע זיינען אלטע פעלקער. די כינעזער זיינען זיכער אמאל געווען א גרויס קולטור־פאלק. אויך איצט קען מען זיך ניט אפלויבן פון זייערע שיינע זיטן. זיי האבן זייער גרויסע מעלות. אבער זייערביישטייערונג איצט צו דער קולטור איז נול. ווען עס קומט צו קולטור, איז גלייך ווי זיי וואלטן גאר ניט עקזיסטירט. אויב מען רעדט פון כינעזישער קולטור, מיינט מען ניט די איצטיקע, נאר פון די אמאליקע יארן. איצט זיינען די די כינעזער פולשטענדיק סטעריל. דאס זעל־בע איז ריכטיק וועגן די אינדיער, וואס האבן פיל באוואונדערער אין א סך אייראפייאישע קרייזן. די אינדישע קולטור, זאגט מען, איז זייער באדייטנד, זייער וויכטיק. דאס איז זיכער אזוי, הגם מען איז פיל מגזם איר וויכטיקייט. נאר דאס איז אבער אלץ די רייכקייט פון אמאל. היינט לעבט אבער אינדיע אויף דעם חשבון פון אמאליקער גרויסקייט. עס איז זכות־אבות. דער אייגע־נער זכות איז אבער ניט אזא מיט וואס מען קען זיך בארימען.

עס איז דא נאך א פונקט בנוגע די געמישטע חתונות, וואס קען אונדז אביסל טרייסטן, הגם די טרייסט איז א קנאפע און דאס איז, וואס די גויים ווערן אביסל אידישער, צוליב דעם צומיש פון אידישן בלוט.

בלוט האט א ווירקונג, און דאס לאזט זיך ווירקלעך מערקן אין די שטעט, וואו די געמישטע חתונות זיינען פארגעקומען אמשטארקסטן. די באפעלקע־רונג איז ווי פאראידישט געווארן, ניט נאר אין אויסזען, נאר אויך אין בא־נעמען זיך. זיי זיינען פראגרעסיווער, עטישער, דאס הייסט, אידישער אין דער וועלט־אנשויאונג.

די אַסימילאַציע איז נאָך ניט טויט

דער קאַמף צווישן די צדוקים און פרושים. — אידייען גייען קיינמאָל ניט אונטער. — די פירער פון דער רעפאָרם־באַוועגונג. — צי האָבן אידן טאַקע ניט קיין רעכט צו פּראָטעסטירן קעגן היטלערן? — די אַסימיליאַציע גייט נאָך אָן.

אידייעס האָבן אַ טבע, אַז אויב זיי האָבן זיך איינמאָל באַוויזן אויף אונדזער זינדיקער וועלט, האָבן זיך באַזעצט אין די הערצער פון מענטשן, אנגעצונדן אַ פלאַם אין זייערע מחות, ווילן זיי ניט אַזוי לייכט אַראָפּגיין פון דער לעבנס־בימה. און ווען עס קומט אפילו דער מלאך־המות אליין בכבודו ובעצמו מיט זיין שאַרף מעסער און איז מודיע, אַז עס איז געקומען דער סוף, פּרובירט די אידייע, גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ וויצלינג, אַ מין הערשעלע אסטראָפּאָלער, אָפּצונאַרן דעם שלעכטן מלאך, זיך צו פאַרשטעלן און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי לעבט שוין ניט מער, האָט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם, כדי ער זאָל זי צורו לאָזן. אָבער אין אמת׳ן איז עס אַ נעכטיקער טאָג. די אידייע איז נאָך ניט געשטאָרבן. זי לעבט נאָך ערגעץ אין פאַרבאָהעלטעניש, ווייזט ניט, אמת, איר פּנים בייטאָג, ווען די זון שיינט, אָבער ווען עס ווערט טונקל, אָדער בחדרי חדרים לעבט זי נאָך און ווייזט איר פּרצוף ווי ער איז געווען מיט יאָרן צוריק, אין די גוטע צייטן, ווען זי האָט געהערשט אויף דער וועלט און געקנאַקט מיט דער בייטש.

כאַפּט מען זיך ערשט דעמאָלט, אַז־ווען מען האָט געגלויבט, אַז די אָדער יענע אידייע איז שוין אַ בר־מינן און מען האָט שוין אפילו אָפּגעזאָגט אַ קדיש דרבנן, איז עס געווען אַ טעות אין פּשט. טויט אינגאַנצן איז נאָך די אידייע ניט געווען: צו קבר ישראל איז זי נאָך זיכער ניט געקומען. על כל פּנים שוועבט נאָך איר לעבעדיקער גייסט ערגעצוואו אויף דער וועלט.

און עס איז באַרעכטיקט די מורא, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט זי זיך נאָכאַמאָל באַווייזן, וועז ניט אין דער אָריגינעלער פאָרם, איז אין אַן אַנדער געשטאַלט, אין אַ גלגול. דאָס פּנים איז אַן אַנדערס, אָבער די נשמה איז די אַלטע, אַ כשר'ע אָדער אַ טריפה'נע, אָבער די זעלבע.

אַ פּאָר ביישפּילן וועלן עס אילוסטרירן — פון אונדזער געשיכטע און פון דער נאָענטער געשיכטע פון די פעלקער.

ביי אונדז איז געווען אַ באַרימטע פּאַרטיי — די צדוקים. איר קעגן־פּאַרטיי איז געווען די פּרושים. די מלחמה צווישן די ביידע גרופּן איז געווען אַ מוראַ'דיקע, אַן אומ'ברחמנות'דיקע. עס איז געקומען צו מעסער־שטעך. עס איז ניט געווען בלויז אַן אידייען־קאַמף. דאָס הייסט, מען האָט ניט יוצא געווען בלויז מיט מחלוקת'ן אין בתי־מדרשים און אין די ישיבות, נאָר דער שטרייט איז געווען אויך אַ פּאָליטישער. ער איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין גאַס און עס איז געקומען צו דיני נפשות, אָבער דער סוף איז געווען אַז די פּרושים, די וואָס האָבן אונדז געגעבן די תורה שבעל פּה, די משנה מיט דעם תלמוד, האָבן מנצח געווען. זיי זיינען געוואָרן די באַלעבאַטים איבער דעם אידישן לעבן. עס האָט געהייסן, אַז פון די צדוקים איז ניט געבליבן קיין זכר, קיין שריד ופליט. אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער וועלט. זייער גייסטיקער באַגאַזש איז ערגעץ נעלם געוואָרן. אַזוי, אַז ווען מען האָט געוואָלט זיך באַקענען מיט זייער תורה, — מיט זייער אידעאָלאָגיע, אויף היינטיקן לשון, — מיט זייער געדאַנקן־גאַנג, וועלט־באַנעם, האָט מען קיין אָריגינעלע קוואַלן וועגן דעם ניט געפונען, הגם די מענטשן האָבן דאָך מסתמא געשריבן און גערעדט און האָבן צווישן זיך געהאַט בעלי־השפּעה, ווירקזאַמע, אָנגעזעענע לייט.

אייגנטלעך זאָל עס דאָך הייסן, לויט די נייע השערות, אַז די צדוקים האָבן פאַרטראַטן דעם רייכן קלאַס, די הויכע פענצטער, די גבירים אדירים, די פּאָליטיקער, די יעניקע מענטשן, וואָס האָבן געגאָסן זייער בילדונג ניט נאָר פון אייגענע קוואַלן, נאָר אויך פון דרויסן. זייער האָריזאָנט איז אַזוי צו זאָגן געווען ברייטער. אַזעלכע מענטשן האָבן מסתמא געשריבן ספרים, ערגעצוואו פאַרצייכנט זייערע רעיונות און מיינונגען, באַגרינדעט זייערע פאָדערונגען. אָבער ביי אונדז איז דערפון גאָרניט געבליבן, קיין שפּור ניט ממש.

מען דערמאָנט זיך אַז דער תלמוד דערציילט אונדז וועגן אַ יוחנן כהן גדול, וואָס האָט ביז אַכציק יאָר פון זיין עלטער געטראָגן די קרוין פון דער כהונה און ביים סוף איז ער געוואָרן אַ צדוקי — אַן ענדערונג אין זיין געדאַנקען־גאַנג, אַן אמת'ע רעוואָלוציע. אויב אַזוי, איז דאָך מסתמא געווען אַ ווירקטיקער גרונט פאַר דער ענדערונג, צווינגענדע מאָטיוון. אָבער מיר ווייסן ניט וואָס זיי זיינען געווען. מיר זיינען געצוואונגען צו טאַפּן אין דער

פינצטער. וואָס מיר ווייסן פון זיי, מוזן מיר נעמען על פי רוב פון פיינטלעכע קוואַלן. צו וואָס איז דאָס גלייך? ווען עמיצער זאָל זיך וועלן באַקענען מיט דעם אידנטום לויט די קוואַלן פון די ערשטע קריסטן, אָדער צו נוצן אַ משל פון דער היינטיקער צייט: זיך צו וועלן באַקענען מיט טראַצקיזם לויט סטאַליניסטישע אָנווייזונגען.

נאָר דאָס איז בדרך אגב. דער עיקר איז, אַז עס זיינען אַוועק יאָרהונ־דערטער און מען האָט ממש ניט געהערט פון די צדוקים. האָט מען דאָך גערעכנט, אַז זיי זיינען טויט ווי אַלע טויטע — און וועלן אפילו קיין תחית המתים ניט אויפשטיין. ערשט לאָזט זיך אויס אַז עס איז געווען אַ טעות. די פּאַרטיי איז ניט אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען. אין דער עפנטלעכקייט האָט זי ניט געלעבט מער, אָבער זי האָט געאַרבעט, אַזוי צו זאָגן, „אונטערערדיש". עס זיינען געווען קליינע קרייזלעך, וואָס האָבן ממשיך געווען די צדוקישע טראַדיציע ניט נאָר ביי אידן, נאָר אויך צווישן די קריסטן. אַ ווידער־קול פון צדוקים איז צו פאַרנעמען אויך אין קריסטנטום, וואָס האָט זיך גע־שפּאַלטן אויף פּאַרטייען.

דער שפּיץ איז געווען, אַז מיטאַמאָל באַווייזט זיך אַ נייע פּאַרטיי אין אידישן לעבן, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען קאַראַאימען און זיי זיינען עס די אמת'ע יורשים פון די אַמאָליקע צדוקים. עס איז די זעלבע תורה, אָבער אַביסל אַנדערש געשלייערט. עס איז אָבער ניט געווען שווער זי צו דערקע־נען. די זעלבע איינווענדונגען קעגן דער תורה שבעל פה. די אַלטע מחלוקת'ן. און דאָס מאָל האָט עס געפירט צו אַן אמת'ן ריס אין אידישן לעבן, צו בלוט־אַפּצאַפּעניש. די קאַראַאימער האָבן זיך פון אונדז אָפּגעשפּאָלטן און אַ וויכ־טיקער טייל פון אונדזער פאָלק איז פאַרלוירן געגאַנגען.

דאָס באַווייזט, בכן, אַז אידייעס גייען ניט אַזוי שנעל אונטער. אַ סברא, אַז זיי גייען בכלל ניט אונטער. זיי בייטן זייער צורה לויט די פאָדע־רונגען פון דער צייט, אָבער אין עצם זיינען זיי די זעלבע אַלטע אידייעס.

די מעשה פון שבתי צבי איז פיל נעענטער און מער באַקאַנט דעם עולם. אין אונדזער אידיש איז דאָך געבליבן אַ וואָרט פון יענער צייט — „שבתי־צבי'ניק". ווען מען וויל עמיצן זידלען, אַז ער איז ניט ווי ער שטעלט זיך אַרויס צו זיין, זאָגן מיר: ער איז אַ שבתי־צבי'ניק.

איז מיט דעם ענין פון שבתי־צבי אויך געווען דאָס זעלבע. ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געטאָן. עס איז געווען אַ מיאוס'ע מעשה. ער האָט פאַרלאָזן די אידישע אמונה, אויסגעביטן דאָס רענדל. טאָ וואָס דאַרף מען מער? איז דאָך קלאָר, אַז ער האָט געדינט דער סטרא אחרא. און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס אידן האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים. ווי אַנדערש? אָבער דער שבתי־צבי'איזם איז ניט אַזוי שנעל פאַרשוואונדן פון אונדזער לעבן. מיר האָבן מיט אים געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. זיינע האַלעוועשקעס

האבן געגליט אינם תפוצות הגולה א גאנץ לאנגע צייט, ניט פטור צו ווערן. עם האבן ניט געהאָלפן קיין חרמות און השבעות, קיין רדיפות און אויסשלי־סונגען פון כלל־ישראל. מען האט דעם שד — אדער, בעסער געזאָגט, דעם דיבוק — אינגאנצן ניט געקענט פארטרייבן, און ער האט זיך ניט בארואיקט, ביז ער האט זיך ניט באוויזן אין א נייער פארם — אין פראנקיזם — און ביז ער האט ניט אפגעריסן א חשוב'ן גליד פון אידישן פאלק, אוועקגעטראגן אונדזער בלוט און ארעמקייט צו די פאליאקן, צו א פאלק, וואס האט אונדז ניט ווייניק גע'רודפ'ט. צווישן די פארפאלגער געפינען זיך טאקע אייניקלעך פון די פראנקיסטן, קינדער פון יענע משפחות, וואס זיינען בדרך אגב צווישן די וויכטיקסטע אין פוילן.

אין דער ניט־אידישער וועלט זיינען מיר עדות פון צוויי וויכטיקע דער־שיינונגען, איינע אין דייטשלאנד און איינע אין רוסלאנד. איינע אויף א גרויסן מאסשטאב, איינע אויף א קלענערן.

דאס דייטשישע פאלק איז אין דער נאטור מיליטאריסטיש. דער דייטש האט ליב די שווערד און דעם מארש, די ביקס און דעם פולווער. ער רייסט זיך צו מלחמה, ניט צוליב נוצן דווקא, נאר אוים ליבע צו דער „קונסט". איבערהויפט האבן זיי ליב די געהארכזאמקייט, וואס קומט באמת פון דעם ווילן צו הערשן. ער איז גרייט אפילו צו ליגן יענעם אונטער די פיס, כדי ער זאל מעגן, ווען ער קען, זיך אוועקשטעלן מיט זיין פוס אויף יענעמס האלדז. אזוי איז דער דייטש.

איז געקומען דער לעצטער קריג מיט זיין מפלה פאר די דייטשן, און מענטשן האבן געגלויבט, אז דאס דייטשישע פאלק האט זיך שוין אויסגע־ניכטערט און עס וועט פארזאגן א צענטן ניט האבן צו טאן מיט מיליטא־ריזם און יונקעריזם, אז זיי וועלן אויסמיידן יעדע נייע מעגלעכקייט פאר קריג, ווי מען מיידט אוים א מגפה. אזוי האט מען גערעכנט. עס זיינען געווען געווען סימנים, אז עס איז באמת אזוי. די ווייימאר־רעפובליק איז פאר א צענדליק יאר געווען די פרייסטע פון אלע רעפובליקן, וואס מיר קענען פאר יארן און יארן. דאס דייטשישע פאלק איז ניט נאר ניט געווען אנט־וואפנט בפועל, נאר אנטוואפנט אויך פסיכאלאגיש. מען האט מיט רעכט געוואלט גלויבן, אז דאס דייטשישע פאלק וועט ווערן די טריבנדיקע קראפט פאר שלום אין דער וועלט. אין שלום איז איינגנטלעך געלעגן זיין דערלייזונג און זיין גליק. דאס לאנד, באפרייט פון דער קללה פון מיליטאריזם, איז גע־ווארן דער צענטר פון העכער קולטור און מענטשלעכקייט. דאס דייטשישע טעאטער און די פרעסע זיינען דאך געווען איינס אין דער וועלט — אין במוהם. די דייטשישע ליטעראטור און די דייטשישע קונסט איז געווען א קוואל פון באגייסטערונג און התעוררות. דאס פאלק האט איבערגעלעבט אן אמת'ן רענעסאנס־פעריאד און איז בארימט געווארן אין דער וועלט.

אויך די דייטשישע דיפלאמאטיע האט ארויסגעוויזן גרויסע פייאיקייטן. גראד אויף דעם פונקט זיינען די דייטשן שטענדיק געשלאגן. זייער גרויסער דיפלאמאט, ביסמארק, האט געפירט א פאליטיק פון בלוט און אייזן. אבער דאס איז קריג, ניט פאליטיק. די דייטשן האבן ארויסגעשטעלט א פאליטיקער פון א הויכן קאליבר — שטרעזעמאן און צווערשט אונדזער אייגענער פאליטיקער, וואלטער ראטענוי, וועלכער האט אין ראפאלא געשלאסן שלום מיט די רוסן — איינע פון די קליגסטע דיפלאמאטישע שריט, וואס דאס דייטשישע פאלק האט געקענט מיט שטאלץ פארצייכענען אויף זיין רייסטער.

הכלל, עס איז געווען ששון ושמחה. א מיליטעריש פאלק איז געווארן דאס פרידלעבסטע פאלק אויף גאטס ערד. נסים ונפלאות. אן אמת'ע מעשה־בראשית. און וואס איז געווארן מיטן יונקעריזם? און מיט טרייטשקעס אידייען, און בערנארדים סטראטעגיקע? און מיט ניטשעס איבער־מענטש? האבן מיר געזאגט, אז צו דעם אלעם האט גענומען א סוף. אזוי האבן מיר געוואלט גלויבן. לאזט זיך אויס — א נעכטיקער טאג. דער דייטש האט זיין נאטור ניט געענדערט. לחלוטין ניט! לפנים בלויז איז מען געווען ליבעראל און ראדיקאל. מען האט, אזוי צו זאגן, יוצא געווען פאר לייטן. בפרהסיה האט מען מקיים געווען די מצוה פון ליבעראליזם, אבער אין הארץ איז מען געבליבן יונקעריש געשטימט און „עס האט זיך געבענקט נאך די פיש, וואס מען האט געגעסן אין מצרים"... עס זיינען ניט געווען קיין ביקסן, — ניט גע־דאגה'ט! דייטשן האבן זיך געמושטירט סיי ווי סיי, איז באדיי מיט שטעקנס. ווי יענער שיכור: ניטא קיין בראנפן, רעדט מען פון בראנפן. דער דייטש האט אויפסניי געוויזן זיינע טיגערשע ציין... עס האבן זיך באוויזן קריגס־טעארעטיקער, ווי דער טרויעריק־בארימטער שפענגלער, מיט שווארצע מיי־סטיקער, ווי דער מנובל ראזענבערג. די גאס איז צוריק פול געווארן מיט קריגס־געשרייען, מיט מארשן און פאראדן, און, דער עיקר, דער דייטש האט באקומען די מעגלעכקייט צו ווערן געהארכזאם, אונטערטעניק, דאס הייסט: ער האט באקומען דאס רעכט צו הערשן און אונטערדריקן זיינע מיטמענטשן די קלענערע פון אים, זיין אייגענע פרוי און קינדער אדער אנדערע מענטשן פון א נידעריקערן שטאנד. ביז עס איז געקומען היטלער. ער איז געקומען צו אלעם גרייטן. דאס פאלק האט באמת געווארט אויף אים ווי אויף משיח'ן. דער אידיאטישער דייטשישער מיבעל האט זיך צעשריען: „הייל!" דארויף האט ער לאנג געווארט, און דייטשלאנד איז איצט צוריק ווי עס איז געווען — א קאזארמע און א קנעכט־לאנד, כקדם.

היוצא לנו מזה? אידייעס שטארבן ניט אזוי שנעל. די פערצן יאר פון ווײמאר־רעפובליק זיינען ווי א חלום, ווי א מיראזש. אבער אויך זיי זיינען ניט געשטארבן. אויך זייער צייט וועט נאך קומען. עס איז: גלגל החוזר.

א דערפאַרונג פון אַז אַנדער מין האָבן מיר געהאַט אין רוסלאַנד מיט דעם טראָצקיזם.

געהייסן האָט עס, אַז מיט טראָצקיס גירוש האָט געטומען אַ סוף צום טראָצקיזם. עס זיינען באמת אַוועק איינציקע יאָר פון רו. די „פּיאַטילעטקאַ", האָט מען אונדז געלאָזט וויסן, איז אַ גרויסער דערפאָלג. די קריטיקער האָבן פאַרמאַכט דאָס מויל. ניין, דאָס איז ווייניק. זיי האָבן אויף אַן אמת זיך געשלאָגן אין הארץ און חחטה. געהאַט אויף זייער אפּיקורסות. ראַדעק — צו דערמאָנען איינעם — איז צוריק געוואָרן אַן אַנגעזעענער מיטגליד פון דער פּאַרטיי. דאָס זעלבע מיט די אַנדערע. אפילו ראַקאָווסקי, וועלכער האָט בשום אופן ניט געוואָלט חוזר־בתשובה־זיין און איז געבליבן איינגע־שפּאַרט, האָט אויך לסוף זיך עפנטלעך געשלאָגן על חטא.

איז דאָך גוט. לאָזט זיך אויס: לא דובים ולא יער. ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. די תשובה איז ניט געווען קיין תשובה. טראָצקיזם האָט זיך אין די יאָרן פון בלומרשטדיקן דערפאָלג פאַרשפּרייט מיט געוואַלדיקער שנעלקייט, „ווי אַ וואַלד־פייער".

אַזוי זיינען די אידייעס. זיי שטאַרבן ניט אַזוי שנעל. גוט, שלעכט, זיי קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ, און זיי לעבן אין די קעלערס ווי די מאַראַנען, ווען זיי קענען ניט פירן זייער לעבן אין דער עפנטלעכקייט.

אויך אין אונדזער אייגן לעבן פון דער לעצטער צייט האָבן מיר באַ־מערקט, אַז מיר האָבן זיך זייער פרי געפרייט אויף דער מפּלה פון אסימי־ליאַציע, אַלס אידעאָלאָגיע. אויך די אסימיליאַציע איז נאָך ניט טויט. זי האָט ניט געהאַט דעם מוט אַרויסצוקומען מיט אירע דערקלערונגען אין דער עפנטלעכקייט, האָט זי „געכאַפּט אַ שווייג". זי האָט אָבער אויף איר רעכט נאָך ניט מוותר געווען, און זי וואַרט נאָך אויף איר צייט. לאָמיר האָפן, אַז די צייט וועט זיך פאַר איר מער ניט אומקערן.

ווען היטלער איז געקומען, האָבן מיר געווים גערעכנט, אַז עס איז גע־קומען אַ סוף צו דער אסימיליאַציע. די לאַגע פון די אידן אין דייטשלאַנד, האָט מען גערעכנט, דאַרף אפילו די בלינדע צווישן אונדז עפענען די אויגן. דער מוסר־השכל איז דאָך אויף דער האַנט. די אסימיליאַציע איז קיין ענט־פער ניט אויף דער אידישער פראַגע, אין יענעם פאַרשאָלטענעם לאַנד האָט זי נאָך די פראַגע פאַרשאַרפט. האָבן פיל בלינדע געעפנט די אויגן, אָבער עס זיינען נאָך געבליבן גענוג בלינדע. און די בלינדע זיינען ניט שטום און זיי פאַררייסן דעם קאָפּ און ריידן, און מיט זייערע רייד דערמאָנען זיי אונדז, אַז מיר האָבן זיך צו פרי געפרייט אויף דעם טויט פון דער אסימי־ליאַציע. זי איז נאָך ניט טויט אפילו אין דייטשלאַנד אליין.

אויך די אסימיליאַציע איז דאָך ביי אונדז ניט פון נעכטן. זי האָט אַ לענגערן יחוס־בריף, אַזש פון די צייטן פון די חשמונאים. די „מתייוונים",

די געמאַכטע העלענער, וועלכע האָבן זיך ניט געכאַפּט צו העלעניזם ווי צו אַ קאַפּריז אָדער ווייל די עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן עס געפאָדערט. די מתייוונים האָבן געהאַט אַ אידעאָלאָגיע. זיי האָבן ניט געוואָלט פּטור ווערן פון אידישקייט, נאָר שאַפן עפּעס אַ ניי־אידישקייט, כלומרשט אַ ברייטערס. זיי האָבן ניט געוואָלט אַרויסוואַרפן דעם מזבח, נאָר האָבן געוואָלט אַפילו אַ חזיר אויף אים מקריב זיין.

די חשמונאים האָבן מנצח געווען. די העלעניסטישע פּאַרטיי איז אונטערדריקט געוואָרן, אָבער ניט די אַסימילאַציע אַלס אַ שטרעמונג אין אידישן לעבן. זי האָט אַפילו געפונען אַ וועג ווי צו לעבן זייט ביי זייט מיט דעם עכטן ריינעם אידנטום. מיר געפינען תלמודיסטן מיט גריכישע נעמען, און באַדייטנדע רוימישע און גריכישע השפעות און נוסחאות אין אידישן אויפפיר. כאָטש די זעלבע בעלי תלמוד האָבן אונדז געלערנט, אַז צוליב דריי זאַכן זיינען די אידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים: ווייל זיי האָבן ניט געביטן זייערע נעמען, זייער לשון און זייערע קליידער. און זיי אַליין האָבן געביטן אי די נעמען, אי דאָס לשון. האָבן גערעדט גריכיש און זיינען אַפילו געווען קעגן דעם אידיש־אַראַמעאיש, וואָס דאָס פאָלק האָט גערעדט — לשון סורסית. אייניקע זיינען געווען קעגן, ווי אייניקע נאַציאָנאַלע אידן זיינען קעגן אידיש איצט אין אונדזער צייט.

אין דער אַראַבישער תקופה האָבן מיר אויך געהאַט זייער פיל אַסימילאַציע, שפּראַכלעך, אין דער הלבשה א. ד. גל., הגם דאָס איז געווען איינע פון די רייכסטע און שעפערישסטע פעריאָדן אין אונדזער לעבן.

ביז עס איז געקומען די צייט פון עמאַנציפּאַציע און השכלה — דערמאָלט האָבן מיר דערלעבט אַסימילאַציע מיט אַ שאַרפער אידעאָלאָגיע. אידן ווערן אין הארצן בטל פאַר די גויים און האַלטן זיך אין איין פאַרענטפערן פאַר זיי. עס ווערט געבוירן אַן אַפּאָלאָגעטישע ליטעראַטור. אויך אונדזערע שטודיען אין דער געשיכטע שטאַמען פון אַ ניט גאַנץ עטישן קוואַל. מיר ווילן באַווייזן פאַר דער וועלט, אַז מיר זיינען געווען מיט לייטן גלייך — די לייטן זיינען ניט מיר, דער „אור לגויים”; נאָר גאָר זיי, די אומות העולם. כאָטש זיי, די פירער פון דער רעפאָרם־באַוועגונג, הערן ניט אויף צו ריידן מכח אַ מיסיע. איז למה הדבר דומה, צו איינעם, וואָס געפינט זיך ביינאַכט אין אַ פינצטערן וואַלד, ציטערט פאַר זיין אייגענעם שאָטן, נאָר וויל זיך מאַכן הארץ, פייפט ער בקול רם, אָבער פילט, אַז ער ציטערט מיט זיין גאַנץ לייב. דערפאַר איז מיט דער רעפאָרם און השכלה געקומען אויך די שמד־באַוועגונג.

שפּעטער האָט מען אונדז פאַרזיכערט, אַז די דאָזיקע ניט־אידישע באַוועגונג וואָס האָט זיך געפּוצט מיט אידישע פעדערן, האָט באַנקראָטירט. אויף דעם פּלאַץ פון עמאַנציפּאַציע, איז געקומען די נייע אידייע פון אויטאָ־

עמאנציפאציע. מיר האבן זיך לסוף באפרייט פון דעם „עבדות בתוך חירות". מיר זיינען געווארן פרייע מענטשן. זיכער! עס איז געשען א גרויסע ענדע־רונג אין אונדזער לעבן, אבער עס איז נאך געבליבן געגוג „לקט שכחה ופאה". די אסימילאציע איז נאך נים אינגאנצן טויט אפילו אין אונדזער צייט מיט דעם גאנצן דערפאלג פון ציוניזם פון איין זייט און מיט די עשר מכות, וואס מיר האבן באקומען, צוליב דעם היטלעריזם, פון דער אנדער זייט.

דער ים איז געשפאלטן, אבער אויף דער טריקעניש זיינען מיר נאך נים געקומען.

באווייזן זיינען פאראן דארויף פיל און פיל. נים לאנג צוריק האבן מיר געהאט דאס גליק צו הערן אט די דערקלערונגען פון איינעם א אידן, א גאנצער מאכער ביים „אמעריקאן דזשואיש קאמיטע", און ער איז נים געבליבן פאראיינצלט. לויט זיינע רייד, איז דער קאמף קעגן היטלעריזם נים אונ־דזער זאך. נאר די זאך פון דער וועלט. א קנעכטישע איינשטעלונג בכל אופן.

נאך אים איז געקומען א באקאנטער ראבאי — אן אלטער הינער־פרע־סער — א בעל עבירה אין נאציאנאליזם. ער איז קעגן פאליטישן ציוניזם. ער איז קעגן נאציאנאליזם. ער איז פאר אראבער. ער איז א גייסטיקער קנעכט, וועמען מען דארף בויערן דעם אויער, האט מען אים שוין געבויערט, האט אויך נים געהאלפן. ווי שטייט ביי אונדז: אפתחא דגיהנום, אפילו אויף דער שוועל פון גיהנום טוען זיי נים תשובה.

איצט האבן מיר געהערט אז דער ראבאי איז ארויסגעטראטן און דער־קלערט אפן, אז אסימילאציע איז די איינציקע תרופה צו אלע אידישע צרות, ווי אן אנדער אידישער פארזארגער פון גרויסן יחוס — א מענטש לא קרא ולא שנה — האט דערקלערט, אז אידן דארפן אויפגעבן זייערע באזונדערע אינסטיטוציעס, נאר דארפן זיך באטייליקן אין אלע אנדערע זאכן, אויסער דער שול, אין די אלגעמיינע אנשטאלטן, אלס אלגעמיינע ביר־גער און פטור אן עסק. דאס הייסט, איינגעמען א מיתה משונה.

און די לעצטע טעג האבן מיר געהערט לשון פון אן אנדער ראבאי, א בייע אנשיקעניש. דאס איז דער מאן, וואס פארזארגט אונדז מיט „גוד וויל" מצד די גויים. א נאבעלע אויפגאבע. ווי איז צו דעם פאלק, וואס דארף זיך בעטן רחמים ביי די ליבעראלן, זיי זאלן זיך באציען צו אונדז אידן מיט יושר, ווייל אויך מיר זיינען מענטשן. עס איז א טיפער בזיון, נאר וואס קען מען טאן? אז מען דארף דעם גנב, שניידט מען אים פון דער תליה. קיינער האט נים דאקעגן, וואס דער ראבאי פארט ארום איבער דעם לאנד און פעדלט מיט „גוט וויל". אבער דאס איז אים נים גענוג.

לעצטנס איז ער ארויס מיט א מענה לשון, אז אידן האבן קיין רעכט נים צו פראטעסטירן קעגן היטלערן, נאר מוזן עס שטענדיק מאכן אויף א

גוי'אישן נאמען, שענקען אויף א פרעמד בלעטל. אט דאס איז געווארן פון דער מיסיע. אידן, וואס דארפן פארשפרייטן ליכט אויף דער וועלט און דארפן זיך שטעלן קעגן אומרעכט און פאלשקייט און גזלנות און צביעות. דאס איז דאך די מיסיע פון נביאים — די דאזיקע אידן זאלן ניט טארן פראטעסטירן, נאר סיידן זיי טוען דאס דורך דעם מויל פון גויים. זיי מעגן זיין הינטער די קוליסן, אבער אויף דער בימה דארפן זיי זיך ניט ווייזן.

און נאך עפעס: אידן דארפן געדענקען, אז אונדזער רעגירונג לעבט בשלום מיט היטלער־דייטשלאנד, דערפאר דארפן מיר אפווישן די ליפן און מאכן א שווייג, מוזן מיר ארונטערשלינגען אלע בזיונות און באליידיקונגען און ניט זאגן א ווארט, כאטש פריער האבן מיר געהערט אז גויים מעגן יא. לויט זייער לאגיק דארפן דאך די גויים אויך זיך ניט מישן. אזוי פארשטייען די דאזיקע ראבאים דעם גייסט פון אמעריקע. נאכדעם ווי מענטשן פון זייער חדר האבן נאך מיט א פערטל יארהונדערט צוריק געפאדערט פון אמעריקע אפצוברעכן דעם אפמאך מיטן צארישן רוסלאנד, ווייל זי וואגט ניט אריינצולאזן א אידישן בירגער אין די גרעניצן פון דער הייליקער רוסלאנד.

א נייע איבערראשונג האבן מיר געהאט אויך פון דעם ארויסטריט פון דעם וויסנשאפטסמאן דר. לאנדשטיינער. דא דערגרייכט שוין די אסימילאטארישע חוצפה און טפשות ביז די הימלען. א מאן, וואס איז פון אידישע עלטערן, נאר איז גע'שמד'ט, וויל ניט, אז מען זאל דערמאנען זיין אפשטאם און איז גרייט צו גיין אין געריכט און מאנען געלט פאר זיינע „ליידן" פון די, וואס וואגן אנצוגעבן זיין נאמען אלס איד — עס איז משוגע צו ווערן.

דער לאנדשטיינער האט באמת צו אידן ניט דערלייגט. אויב ער איז איצט אין אמעריקע און ניט אין ווין, וואו אפילו דאס טויף־וואסער האט אים ניט געקענט ראטעווען פון דער פאראכטונג פון גויים, דארף ער עס פארדאנקען אזא אידן ווי פלעקסנער, וואס איז צו איין צייט געווען דער ראש פון ראקפעלער־אינסטיטוט.

פונדעסטוועגן וויל דער ווארים לאנדשטיינער, אז מען זאל ניט אויסזאגן, אז ער איז א איד, און דאס וויל ער דערגרייכן דורך א פראצעס, וואס ברייננגט זיין נאמען אין די צייטונגען און וואס באווייזט דעם זומפ פון דער אסימילאציע און ווי וויים אז אסימילאטאר קען דארט זינקען — ביז דעם האלדז ממש.

די אלע פאקטן באווייזן טאקע, אז די אסימילאציע איז נאך ניט טויט• זי באהאלט זיך נאר און ווארט אויף א געלעגנהייט ווידער אנצוהויבן איר בייזע טעטיקייט. זי איז איצט, אמת, ניט מער אזוי געפערלעך ווי אמאל אבער נאציאנאלע אידן דארפן נאך שטיין אויף דער וואך און האלטן זייער פולווער טרוקן. הלוואי מען זאל ניט באדארפן.

דער שונא פון אינעווייניק

„ניט א מינוט פון פרידן פארן אידישן פאלק". — אונדזער קאמף מיט די אייגענע פאררעטער. — דער רייכער קלאס ביי אונדז. — די הארצלאזיקייט לגבי די אייגענע ברידער. — מען משפט דאס אידישע פאלק לויט זיין פסולת.

א

איז דעם לעבן פון אונדזער צעזייטן און צעשטויבטן פאלק, גייט ניט אוועק א טאג, וואס מיר זאלן ניט מוזן שטיין אין אן ערנסטן, הארטנע־קיגן קעגן־קאמף מיט דער סביבה ארום. אפילו ווען עס דאכט זיך אויס, אז די צייט איז א פרידלעכע און דער שונא זיצט מיט פארלייגטע הענט, קיינער רירט אונדז ניט אן, און מיר זיינען אוודאי צופרידן, וואס דאס לעבן לויפט אזוי רואיק, — איז אין אמת'ן דאס אבער ניט אזוי.

ווען אונדזער פאלק איז אנטשטאנען, האט, זעט אויס, א בת־קול אויס־גערופן פון הימל: „ניט א מינוט פון שלום פאר די אידן", אזוי איז דאס אויך געווען דעמאלט, ווען מיר זיינען געזעסן אויף אונדזער אייגן לאנד. אויך דעמאלט האבן מיר זייער ווייניק גענאסן פון פרידן. פון די ליפן איז קיינמאל דאס ווארט „שלום" ניט ארונטער, און אין לעבן — א שטענדיקע מלחמה, א קאמף מיט די שכנים און א געראנגל מיט זיך אליין. א וואסערפאל, וואס ווערט געפאטשט פון א שטורעם־ווינט, ווער שמועסט איצט, ווען מיר זיינען אין גלות.

מיר זיינען שטענדיק ארומגערינגלט מיט שונאים פון אלע זייטן. אפע־נע און פארשטעלטע. מיר מוזן שטענדיק שטיין אויף דער וואך, היטן אונדזע־רע טריט, אין אייביקער ציטערניש פאר דעם אייגענעם שאטן. און איז דאס

ניט געגוג, מוזן מיר נאך שטענדיק מלחמה האלטן מיט א שונא, וואס איז דיין איינגענער ברודער, בלוט פון דיין בלוט, פלייש פון דיין פלייש,—אבער איינער, וואס איז פרעמד דיין גייסט און איז א קעגנער פון דיינע האפנונגען... און דאך זיצט ער אינעווייניק, מישט זיך אין דיין לעבן און דעמאראליזירט עם מיט זיין טריפה׳ענעם אטעם, שוואכט אפ דיין ווידערשטאנדס־קראפט און פאראַליזירט דיין קאמפס־לוסט. די אידן זיינען אין א שטענדיקער מלחמה מיט די דאזיקע שונאים פון אינעווייניק און מוזן פארווענדן א טייל פון זייערע קרעפטן אויף דעם דאזיקן שטרייט. דאס איז אונדזער טראגעדיע.

דער קאמף, וואס מיר פירן מיט די שונאים פון דרויסן, איז אמאל פארשטעלט. ווערט געפירט אונטער א דעק־טוך. שונאים שעמען זיך פאר לייטן און זיי מאכן דארום ניט קיין פראנט־אטאקעס און מיידן אויס יעדן פרסום, נאר אלץ ווערט געטאן אין דער שטיל, מיט א זיס, פרום, גאט־דיר־נשמה־שולדיק שמייכעלע אויף די ליפן, מיט פארגלאצטע אויגן. אויסגעפוצט ווי צו א חתונה, זויגן זיי אבער ווי פיאווקעס דאס אידישע בלוט, טוען אן דעם אידן אלערליי צו־להכעיס׳ן, שפיצלעך, מיט א געוואל־דיקער פלינקייט, ווי ניט זיי מיינט מען עס, מיט „פארדאן” אויף דער צונג. אזוי שפילט זיך די קאץ מיט דער מויז איידער זיווארפט זיך אויף איר און פרעסט זיי אויף, די שפין מיט דער פליג — זי פארשנירט די פליג מיט אירע זיידענע פעדים אין אזא שיינעם געוועב, א פארגעניגן אויף דעם א קוק צו טאן, באטש נעם און שפיל זיך דערמיט. די פליג צאפלט זיך, זי וויים ניט וואס עס ווארט אויף איר. אבער דער תכלית איז, אז איר בלוט איז א געשמאקע סעודה פאר דער שפין.

זייער אפט אבער איז דער קאמף אן אפענער, א הארטער, א בלוט־טראגישער. דער שונא באפרידיקט זיך ניט מיטן מעסער, נאר גייט מיט דער האק, נוצט דאס סדום־בעטל. אים ארט ניט, וואס מען דענקט וועגן אים ,מיט וועלכן נאמען מען וועט אים רופן. ער גליט פון גליק, ער איז שיכור פון בלוט. דער קאמף גייט אן. אויף איין זייט שטייט דער שונא, גע־וויינלעך פיל שטארקער אין צאל ווי עס זיינען די אידן, אויף וועמען ער פארמעסט זיך. און דערצו איז ער באוואפנט ביז די ציין און ער נעמט אויך דאס געזעץ אויף זיין זייט. פאר דעם געוויסן האט ער ניט מורא, ווייל ער איז, געווייגלעך, הארצלאז און געוויסנלאז. אונדזער ווייגעשריי איז אין זיינע אויערן מוזיק, און ער פרעגלט זיך אין נחת ווען אונדזער בלוט גיסט זיך ווי וואסער. און קעגן אים שטייט א קליינע, פאר׳חלש׳טע, דערשראקענע גרופע אידן, וועלכע ווערט זיך מיט אלץ, וואס זי קען, קעגן דעם בייזן פיינט, פארדעקט מיט די בלויזע הענט איר פנים, כדי די רוט זאל אהין ניט דער־גרייכן. ווערט די האנט אויף שטיקער צעשניטן. און דאס איז נאך „גם זו לטובה”, אזוי לאנג ווי דאס פנים איז געראטעוועט. און זי נוצט אלערליי

אויסריידן, תירוצים, מיטלען, פארטלען, כדי צו געווינען אביסל אפרו, פאר־לייכטערונג, כדי זיך צו קענען ארויסרייסן כאטש אויף א שטיקל צייט פון די נעגל פון די בייזע חיות.

אונדזער קאמף איז, געוויינלעך, א פארטיידיקונגס־קאמף. דאס איז דער איינציקער סארט קאמף, אס מיר קענען פירן. מיר מוזן זיך באגנוגענען מיט דער ראָלע פון א מארטירער, ווייל מיר האבן ניט די מעגלעכקייט צו ווערן העלדן. אבער דער מארטירער האט די נשמה פון א העלד. און מיט רעכט מעגן מיר זיך באצייכענען אלס א העלדיש פאלק, וואס זיינע גבורים ווערן פארוואנדלט אין קדושים.

טראגישער איז אבער דער קאמף, וואס מיר מוזן פירן מיט אונדזערע אייגענע פחדנים און פאררעטער, וואס זיינען יעדע רגע גרייט אריבערצו־שפרינגען דעם פארקן און צו פארגרעסערן די מחנה פון שונא. נאר איי־דער זיי מאכן דעם לעצטן שריט, ווען זיי זיינען נאך מיט אונדז, פאר׳סמ׳ען זיי די לופט און ברענגען אריין א צעמישעניש אין אונדזערע מחנות און צערייסן דעם בונד פון אונדזער איניקייט, און גיבן דורך דעם צו מוט דעם שונא, וועלכער ווארעמט די הענט ביי דעם פלאקער פון אונדזערע מחלוקת׳ן און פרייט זיך מיט דער צעריסנקייט, וואס הערשט אין אונדזער מחנה.

קיין אנדער פאלק ווי מיר אידן ליידט ניט אזוי פון פאררעטער און עגאאיסטן, וואס זיינען פאר זייער וואוילזיין גרייט צו פארקויפן דאס לעבן פון זייערע ברידער. קיין אנדער פאלק איז אזוי ניט געשלאגן געווארן מיט דעם פארראט־צרעת ווי מיר. ביי אונדז איז דער גאנצער אויבערשטער קלאס, אונדזערע רייכע און וואוילגעבוירענע, שטענדיק מיט איין פוס אין דער מחנה פון שונא, שטענדיק גרייט אונדז איבערצולאזן אין אונדזער שווערער לאגע צו קעמפן מיט דעם שונא אליין, שטענדיק גרייט צו אנטלויפן ווי מייז פון א זינקענדיקער שיף, און אריבערצולויפן צו דעם פיינט, וואס האט נאר פאר די לייט פאראכטונג. און פאראכטונג מעג ער פאר זיי האבן, ווייל זיי האבן ניט קיין זעלבסט־רעספעקט, ווייל זיי זיינען מיאוס׳ע ברואים, וואס קריכן אויף אלע פיר און לעקן די פאדעשוועס פון זייערע נייע הארן, און קוויקן זיך מיט דעם שוויים.

אונדזער לאגע איז על כל פנים זייער שלעכט, זייער טראגיש, ווייל מיט דעם איינפלוס און מיט די מיטלען, וואס דער דאזיקער הויכער קלאס האט אין דער האנט, וואלטן מיר געקענט א מער דערפאלגרייכן קאמף פירן קעגן די, וואס ווילן אונדז אומברענגען. דורך זייער פארראט ווערן מיר שוואכער. עס פעלן אונדז אויס די מיטלען און מיר מוזן נאך צו דער זעל־בער צייט זיך שיצן קעגן זייער דעמאראליזאציע, וואס איז, געוויינלעך, אנ־שטעקנדיק. אזוי איז אבער אונדזער גורל און עס איז ניטא קיין שום עצה דערצו.

ב

א בלוט־פארקילנדן ביישפיל פון אונדזער טראגעדיע האבן מיר געזען אין דעם איצטיקן קאמף, וואס קומט אונדז אויס צו פירן מיט די בייזע, צערייצטע הינט פון היטלעריזם און ראסאלאגיע. ניט מיר האבן דערקלערט דעם דייטשישן פאלק א קאמף, ניט מיר האבן, חלילה, קעגן אים איין בייז ווארט געזאגט. פארקערט, מיר זיינען צווישן די באוואונדערער פון דעם דאזיקן פאלק, און ניט אויפגעהערט עס צו רימען און לויבן. ווען מען דארף און ווען מען דארף ניט, און געזען אין אים בלויז ליכט און ניט קיין שאטן, בלויז מעלות און ניט קיין חסרון. און מיט אמאל זיינען מיר געצוואונגען געווארן צו פירן א קאמף מיט דעם דייטשישן פאלק, וואס האט אן א טראפן בזיון פאר זיינע הערשער אויסגעוויילט מערדער און אויסוואורפן, וואס ווילן ניט אנדערש, ווי לייגן דעם פונדאמענט פון דעם פארשאלטענעם „דריטן רייך" אין טייכן פון אידיש בלוט און צעמענטירן זיינע ווענט מיט אידישן מארך, און בארעקן זיין דאך מיט אידישע שארבנס. האבן די אידן פון דער וועלט געמוזט, אין זעלבסטפארטיידיקונג, אויפנעמען דעם היטלערישן ארויספאדער און טאן, וואס מען קען, כדי אפצושוואכן דעם אימפעט פון שונא'ס אטאקע, און ניט דערלאזן זיין גיפטיקן איינפלוס וואקסן, אפשלייפן זיינע שטענעדיקע שפיציקע ציין, וואס זיינען גרייט אונדז צו פארצוקן: מיר פירן דעם קאמף אויך, כדי צו געווינען אונדזער זעלבסט־רעספעקט, מיר אליין זאלן ניט אנהויבן מיינען, אז אונדזער לעבן איז הפקר און יעדער באנדיט און אויסוואורף קען אונדז טרעטן מיט די פיס, אומגעשטערט און אומבאשטראפט.

אונדזערע קאמפס־מיטלען זיינען באגרעניצט. דער שונא איז שטארק, מעכטיק, פינף מאל אזוי גרוים אין צאל ווי מיר און ער איז געוויסנלאז, און אפעלירט צו די געמיינסטע אינסטינקטן פון פאלק און פארשפרעכט זיינע בלוטיקע ארויסהעלפער גאלדענע גליקן. עס איז ניט קיין גלייכער קאמף, אבער אידן האבן אים אויפגענומען מיט ווירדע און רעספעקט, אז א ביטערן נקמה־געפיל, דאך גרייט צו פארטיידיקן זייער רעכט און זייער כבוד מיט אלץ, וואס זיי קענען.

ווי אבער האט זיך אונדזער רייכער קלאס געהאלטן אין משך פון די לעצטע צוויי יאר קאמף מיטן היטלעריזם, דעם גרעסטן שונא פון דעם אידישן פאלק? שענדלעך! — איז דער ענטפער. זיי האבן זיך באצויגן צו דער גאנצער זאך ווי זיי וואלטן געווען ווילד־פרעמדע מענטשן, ווי עס וואלט זיך ניט געהאנדלט אום זייערע ברידער און שוועסטער.

דער רייכער קלאס ביי אונדז אין אמעריקע באשטייט, געוויינלעך, פון קינדער פון דייטשיש־אידישע אימיגראנטן. די דאזיקע מענטשן זיינען

באמת בלוט־קרובים מיט די אידן פון דייטשלאנד. דאס זיינען זייערע קרובים שוועסטער־קינדער און גליד־שוועסטער־קינדער. דער אומגליק, אלזא, האט דערגרייכט צו דער אייגענער טיר. עס איז ניט קיין פראגע פון פוילישע אידן אדער אוקראינער, גאליציאנער אדער ליטווישע, וועמען זיי קענען נאר פון דערוויטנס און פון וועמען זיי דערווייטערן זיך, ווייל דער מזרח־איד איז פאר זיי ניט קולטורעל גענוג, שמעקט צופיל מיט געטא און טראגט נאך אויף זיך די סמנים פון דעם אור־אלטן אפשטאם. דא האנדלט זיך אום דייטשישע אידן, אום מענטשן, וואס קומען פון זייער אייגענער סביבה, קולטורעל שטייען זיי נאך העכער פון זייערע אמעריקאנער ברידער, און אויך זיי האבן געהאט די זעלבע מיינונג ווי זייערע אמעריקאנער ברידער פון דעם רייכען קלאס, אז כדי באהאנדלט צו ווערן דורך דער מאיאריטעט פון דער באפעלקערונג, פון די הערשער פון לאנד, אלס גלייכע בירגער, און כדי צו קענען געניסן פון אלע פריווילעגיעס וואס דאס בירגערטום גיט, דארף מען זיך צום אלעם ערשט באפרייען פון דעם אידישן אייגנארט, אויסרייסן מיט דעם ווארצל דעם אידישן געפיל און אחוסשלאגן פון קאפ דעם אידישן געדאנקענגאנג. בקיצור, די דייטשישע אידן האבן פראקטיצירט יארן לאנג פולשטענדיקע אסימילאציע, דאס זעלבע וואס דער רייכער קלאס טוט דא, און אפשר האבן זיי עס געמאכט נאך אביסל שענער ווי די היגע אסימילאטארן, ווייל יענע זיינען קולטורעלער און האבן דארום געוואוסט ווי די אסימילאציאנספילאזאפיע צו באצירן מיט שיינע פעדערן.

פונדעסטוועגן האט עס זיי ווייניק געהאלפן ווען דער יום הדין איז געקומען. וואס גרעסער דער אסימילאטאר איז געווען, אלץ טיפער זיין מפלה. צו אלעם ערשט האט מען זיך גענומען צו די געלערנטע און צו די קינסטלער, צו די פאליטיקער און צו די ווארט־פירער, צו אלע די, וואס האבן געשטעקט ביזן האלדז אין די מ"ט שערי טומאה פון דער אסימילאציע. זיי האט מען געטריבן ווי די הינט און געשיקט אין די קאנצענטריר־לאגערס און געטריבן זיי צו זעלבסטמארד. דער חורבן צווישן דעם קלאס איז געווען דער גרעסטער. פיל פון זיי האבן זיך קוים מיט דעם לעבן געראטעוועט און אוועק אפריכטן גלות אין אנדערע לענדער. ניט ווייניק פון זיי זיינען געשטארבן אויף דעם וועג אוים ערגערניש און הארצקלעמעניש. די תוכחה איז קינדער־שפיל אין פארגלייך מיט דעם, וואס האט געטראפן אט דעם קלאס. עס איז קיין פראגע ניט, אז דער היגער רייכער קלאס האט געהערט מכח דעם אומגליק, וואס איז געשען מיט זייערע ברידער אין דייטשלאנד. האט עס געהאט אויף זיי וועלכע עס איז ווירקונג? חס ושלום! קיין אנהויב ניט!

עס איז א פארשאלטענע ראסע, דער היגער רייכער קלאס; קאלט ווי אייז איז ער געבליבן צו דער גאנצער טראגעדיע, וואס האט זיך אפגעשפילט מיט די אידן אין דייטשלאנד. עס איז גארניט זיין עסק, גלייך ווי ניט אים

מיינט מען. ער זעצט פאר זיינע הוליאנקעס און שמועסט זיך ווייטער אריין אין די ניט־אידישע קלובן, וואו ער איז א זייער ניט־געווינטשטער גאסט, און רוקט זיך מיט חוצפה ווייטער אין מזרח־וואנט און שמד'ט זיך אונטער אין דער שטיל און פארדעקט ווי ווייט ער קען זיין אידישן אפשטאם, און וויל דורך דער אכזריות צו זיינע ברידער פון אייגענעם שטאם זיך איינקויפן אין גוי'אישן יחוס. ער מיינט, ער וועט מיט דעם אפנארן די גויים און זיי וועלן נעמען מיינען, אז ער איז איינער פון זיי, ער, דער גיפטיקער שלאנג.

דען די פראגע איז דאך: וואו זיינען די אלע דייטשישע אידישע מיליאר־נערן, די שפייערס מיט די גוגענהיימס מיט די זעליגמאנס, די יודזשין מייערס מיט די בארני בארוכס? פארוואס הערט מען ניט פון זיי? פארוואס האט מען זיי ניט געזען אויף די פראטעסט־פארזאמלונגען, וואס אונדזערע אידן האבן דורכגעפירט קעגן היטלערן און היטלעריזם? ווארום לאזן זיי ניט הערן זייער שטימע און נוצן ניט אויס זייער איינפלוס אין די קרייזן, וואו זיי געפינען זיך, קעגן דער פינצטערער אגיטאציע, וואס היטלער פירט דא אן? וואחום אידענטיפיצירן זיי זיך ניט מיט זייערע ברידער אין דייטשלאנד און קומען ניט ארויס מיט א דערקלערונג, אז די ליידן פון יענע אידן זיינען זיי־ערע ליידן און זייער ווייטיק, און אז זיי וועלן זיך ניט בארואיקן, ביז דער שאנדפלעק פון היטלעריזם וועט אפגעווישט ווערן פון דער וועלט. אבער די חברה האט ניט קיין מוט און שווייגט ווי אלדאס־בייז, און ניט נאר שווייגן די לייט, נאר זיי פארבארגן זיך ערגעץ וואו אין זייערע פאלאצן און מיידן אויס צו קומען אפילו אין בארירונג מיט די אידישע מאסן, וועמען דער אומגליק פון דעם דייטשישן רייכן אידישן קלאס האט געטראפן טיף אין הארצן.

עס מוז דארום קלאר זיין פאר יעדן אומפארטייאישן, דענקענדיקן אידן, אז מיר קענען זייער ווייניק געבויט ווערן פון דעם דאזיקן רייכן יאהודישן קלאס. די דאזיקע לייט זיינען ניט קיין שלעכטע אידן, נאר שלעכטע מענטשן. זיי זיינען הארצלאז און געוויסנלאז. אזא ביישפיל פון הארצלאזיקייט לגבי אייגן בלוט און פלייש, קעגן אייגענע ברידער און שוועסטער, האט נאך די וועלט ניט זען. קיין וואונדער ניט, וואס אין די הויכע ניט־אידישע קלאסן האט מען אזא שלעכטע מיינונג וועגן אידן. עס איז אט מיט די קריכער, לאקייעס, מאלפעס, געפאלענע נשמות, גייסטיקע מצורעים, דעגענעראטן, מיט וועלכע זיי קומען אין קאנטאקט. היינט ווי קענען זיי האבן א גוטע מיינונג וועגן אידן? מען משפט אונדזער פאלק לויט די אייגנשאפטן פון יענע מענטשן, בשעת זיי זיינען באמת שוין ניט מער קיין אידן, און קיין גויים אויך ניט, נאר אפגעריבענע מטבעות, פסולת, וואס מען דארף ארויס־ווארפן אויף דעם מיסט־הויפן. זיי זיינען די שמאד און די שאנדע פון זיי־ער פאלק.

צום באדויערן ווייסט עס ניט די וועלט, און זי מיינט, אז אויב דער

אויבערשטער קלאַס פֿון אידן איז אַזוי פֿאַרדאָרבן, איז דאָס פֿאָלק אוודאי און אוודאי פֿאַרדאָרבן. דאָס איז זייער טעות. ביים אידישן פֿאָלק איז דער אויבערשטער קלאַס ניט דאָס שענסטע און דאָס בעסטע צווישן זיינע מענטשן, נאָר דאָס ערגסטע און דאָס נידעריקסטע. עס איז דער אָפּפֿאַל, אַן אויסשלאַג אויף אונדזער לייב. מיר האָבן פֿון דעם קלאַס גאָרנישט אויסער צער און שאַנדע. עס איז אפֿשר געקומען די צייט, אַז מיר זאָלן שאַפֿן אַ „קאָרדאָן־סאַניטער" קעגן אָט דעם געזינדל, און לאָזן וויסן אין דער עפֿנטלעכקייט, אַז מיר האָבן מיט די דאָזיקע מענטשן קיין שייכות ניט, און מיר זאָגן זיך אָפּ פֿון יעדער אחריות פֿאַר דעם, וואָס זיי טוען אָדער ריידן.

די קאָהנס און די לעוויס

ווען אַ לעווי וויל ווערן אַ לינטאָן. — אויך די גויים בייטן זייערע נעמען. — עס זיינען שולדיק די הערשנדע שכנים. — די ביטערע פּרנסה צווינגט דערצו. — די גויים גיבן זיך ביבלישע נעמען. — ניט נאָר דאָס אידישע פּינטעלע, אויך די דייטשישע פּינטעלעך זיינען אַמאָל אין גלות.

דאָס מאָל האָט עס געטראָפן מיט כהן און לוי — דער ריכטער האָט געהייסן קאָהן און דער, וואָס איז געקומען בייטן דעם נאָמען, האָט געהייסן לעווי — אָדער לעווין. אים האָט זיך געוואָלט בייטן אויף לינטאָן. האָט אים דער ריכטער קאָהן אַריינגעבראָכט אַ פּאָרציע מוסר, און זיין נאָמען ניט געענדערט. לעווין מוז נעבעך בלייבן לעווין לעולם ועד.

צוריק מיט אַ שטיקל צייט האָט עס געטראָפן מיט אַ גאָלדסטיין, וואָס האָט געוואָלט בייטן זיין נאָמען, און ער איז גראָד געקומען פאַר אַ ריכטער מיטן זעלבן נאָמען: גאָלדשטיין. גאָלדשטיין קעגן גאָלדסטיין. אַזוי גאָר? אַ איד וואָס הייסט גאָלדסטיין וויל גאָר בייטן אויף גאָלדינג, האָט אים דער ריכטער דערלאַנגט מיט אַ גובערנאַטאָר אין זייט, שטאַרק אָנגעזידלט, אים דערמאָנט, אַז ס׳איז ניט שיין, אַז עס איז ממש אַ נידעריקע מדה צו וועלן בייטן אַ נאָמען, און אים אָפּגעזאָגט זיין בקשה. גאָלדסטיין האָט נעבעך געמוזט בלייבן מיט זיין אַלטן נאָמען און זיך טרייסטן דערמיט, וואָס ס׳געפינט זיך אַ שטאָלצער אידישער ריכטער, וואָס הייסט גאָלדשטיין און בייט ניט אפילו אויף גאָלדסטיין.

פאַרשטייט זיך, אַז די ריכטער האָבן ניט יוצא געווען מיט די שטראָף־רייד צו די אומגליקלעכע בעטער, נאָר האָבן זייערע קלוגע רייד מפרסם

געוועז אין די בלעטער ווייט און ברייט, כדי מיר זאָלן זען, אַז אונדזערע אידישע ריכטער שלאָפֿן ניט און דרימלען ניט און לאָזן חלילה ניט צו, ראשית, אַז עס זאָלן ווערן ביי אונדז ווייניקער לעווינס און גאָלדסטיינס, און, צווייטנס, צו דינען ווי אַ וואָרנונג צו די אַנדערע אידן, וואָס האָבן חלילה אַזאַ חשק, אַז עס זאָל זיך זיי מער ניט גלוסטן, וואָרום „היה לא תהיה".

ווייל איך מיר דאָ ניט אַנגעמען די קריוודע פֿון לעווין און גאָלדשטיין, וועלכע זיינען באַצייכנט געוואָרן אַלס אומווירדיקע פּאַרשוינען, מענטשן אַז אַ טראָפּעלע שטאָלץ, וועלכע מאַכן אונדז נאָר אַ שלעכטן נאָמען צווישן די גוים. עס פעלן ביי אונדז ניט קיין אידן, וואָס האָבן ניט קיין זעלבסטווירדע, אָבער איך גלויב ניט, אַז דער צוגאַנג צו דער פראַגע איז אַ ריכטיקער. ניט לעווין איז שולדיק, ניט גאָלדשטיין פֿאַרדינט שטראָף־רייד, נאָר אונדזערע ליבע שכנים, וואָס מאַכן אַזוי שווער דאָס לעבן פֿון דעם יעניקן, וואָס טראָגט אַן אויסגעשפּראָכענעם אידישן נאָמען, און ניט נאָר אַ אידישן, נאָר איבערהויפּט אַ פרעמדן נאָמען, וואָס איז ניט געננג אַנגלאָ־זאַקסיש, ניט פֿון דער הערשנדער ראַסע.

אייגנטלעך בייטן ניט די אידן אליין זייערע נעמען, נאָר אויך די דייטשן, און איטאַליענער. עס איז קיין סטאַטיסטיק אין די זאַכן ניטאָ, אָבער עס איז קיין סוד ניט, אַז אויך אַנדערע פעלקער בייטן די נעמען. די פּאָליאַקן מיט זייערע „סקים" טוען דאָס זעלבע וואָס אידן. מ'שניידט אָפּ דעם „סקי", כדי ניט אויסצוזען פרעמד. ניט אַלע פּאָליאַקן בייטן די נעמען, און ניט אַלע דייטשן, אויך ניט אַלע אידן. ביי אַלע פעלקער זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס טוישן דעם נאָמען און צוליב דעם זעלבן טעם, ווייל עס איז דאָ פאַראַן אַ הערשנדיק פאָלק מיט אַ הערשנדער קולטור, און די אַנדערע קולטורן און פעלקער בויגן זיך צו דער הערשנדער מאַכט. אידן, נאַטירלעך,ליידן מער פון אַנדערע פעלקער. זיין אַ איד און אַ פרעמדער איז אַ דאָפּלטע שטראָף.

די, וואָס בייטן זייער נאָמען, טוען עס ניט שטענדיק צוליב קריכערישע מאָטיוון, דאָס איז אויך פאַלש, נאָר אָפט צוליב ברויט און פוטער, כדי צו פאַרלייכטערן דעם ביטערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ. זאָל דער ריכטער אַ פרעג טאָן די אידישע קאָמיוואָיאַזשאָרן, וואָס פאַרא שוועריקייטן דער נאָמען מאַכט פאַר זיי, ווען ער קלינגט אידיש, און ער וועט די קאָמיוואָיאַזשאָרן ניט מוסר'ן, נאָר די שווערע אומשטענדן, וואָס מאַכן אַזאַ בייט נויטיק.

עס וואָלט אונדזערע ריכטער ניט געשאַדט דורכצולעזן דאָס בוך „קרים־טשענס אָנלי!" עס איז איצט אַ צייט פון מאַראַנענטום אין דער פרייער מדינה. אידן, וואָס ווילן באַקומען אַ שטעלע אין אַ קריסטלעכן פּלאַץ, מוזן פאַרבאַהאַלטן זייער אידענטיטעט, אָפּנאַרן דעם גוי, וועלכער איז צופרידן אַז מ'זאָל אים נאַרן, אַזוי גרויס איז די שנאה. מוסר דאַרף מען דאַרום

זאגן ניט דעם אָרימען אידן, וואָס קומט בייטן דעם נאָמען, נאָר דער גוי׳אישער וועלט, וואָס שטומערהייט שטעלט זי אַרויס אַזאַ פאַרלאַנג.

וואָס זיינען די פאַקטן? נאָר צוערשט, איידער איך קום צו דער אויפציילונג פון די פאַקטן, מוז איך זאָגן, אַז בדרך כלל דאַרף זיך אַ ריכטער ניט מישן אין אַזאַ פּריוואַטן ענין ווי אַ נאָמען. דער נאָמען איז דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון דעם, וואָס טראָגט אים, און ער מוז האָבן דאָס רעכט אים צו בייטן, אויב זיין כונה איז נאָר ניט צו באַשווינדלען עמיצן אָדער פאַר אַנדערע שעדלעכע צוועקן. עס איז אַ פראַגע פון אינדיווידועלער פרייהייט און עס איז געזינטער פאַר דעם שטאַט, ווען ער שטופּט ניט זיין נאָז אין אַזעלכע ריין־פּריוואַטע אַנגעלעגנהייטן.

וואָרום זאָל אַ פּשוט׳ער מענטש האָבן ווייניקער רעכט פון אַ שרייבער אָדער אַזוי אַ קינסטלער, וואָס קלייבט זיך אויס אַ פּסעוודאָנים, וואָס דאָס מיינט, אַז מיט דער צייט וואַרפט דער באַטרעפנדער שרייבער אָדער קינסטלער אַוועק זיין אַלטן נאָמען און בלייבט ביים פּסעוודאָנים? ווערמען אינטערעסירט דער אמת׳ער נאָמען פון מאַרק טוועין? אין אונדזער אייגענער אידישער שרייבער־פאַמיליע האָבן מיר פיל שרייבער, וואָס זיינען אונדז און דער וועלט באַקאַנט דוקא מיט זייערע פּסעוודאָנימען און ניט מיט זייערע אמת׳ע נעמען. איין ביישפּיל פון פיל: שאָמער — אפילו זיינע קינדער רופן זיך ביי דעם נאָמען, כאָטש דער אמת׳ער נאָמען איז גאָר געווען שייקעוויטש.

מיר האָבן פיל אַקטיאָרן, וואָס רופן זיך מיט העברעאישע נעמען און ניט מיט זייערע אידישע. דער העברעאישער נאָמען, דרך אגב, קלינגט ווייניקער פרעמד ווי דער אידישער, קלינגט אַפּט גוט אין אַלע שפּראַכן. איך וויל, חלילה, ניט זאָגן, אַז צוליב אַסימילאַציע האָבן די מענטשן געביטן די נעמען. עס ווייזט אויס, אַז פאַרקערט: זיי האָבן עס געטאָן צוליב נאַציאָנאַלע מאָטיוון. זיי האָבן אָבער געביטן, און מיר האָבן בן עמי, ורדי, בן־ארי א. ד. ג. — וואָרום מעגן זיי יאָ און אַ פּשוט׳ער בשר־ודם ניט?

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל איז דער נאָמען דאַמראָש פון דעם באַקאַנטן אַמעריקאַנער קאָמפּאָזיטאָר. קיינער איז אפילו ניט חושד, אַז דאָס איז אַ העברעאישן נאָמען, אָבער אַזוי איז עס. דער דאַמראָש שטאַמט פון אידן. זיין אמת׳ער נאָמען איז געווען בלוטקאָפּ — האָט ער דעם נאָמען איבערזעצט אויף העברעאיש: „דם־ראש”, און עס איז געוואָרן דער שיין־קלינגענדיקער נאָמען דאַמראָש, און ער איז פּטור געוואָרן פון זיין דייטשישן נאָמען, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרבאָרגן.

נאָר איצט צו די פאַקטן.

עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז אידן אַלס מאַסע בייטן ניט

די נעמען אזוי לייכט. „שלא שנו את שמותיהם". נאר אויב אידן טוען עס, איז דאס, ווען די ביטערע פרנסה צווינגט.

אין דער צייט פון דער דייטשישער עמיגראציע, האבן דעמאלט אידן ווייניקער געביטן זייערע נעמען. די שיפס, זעליגמאנס, לואיסאנס, שטראוסעס, אונטערמייערס, גוגענהיימס, שפייערס, ראזענוואלדס א. ד. ג. זיי זיינען געבליבן ביי זייערע אלטע דייטשישע נעמען, כאטש זיי זיינען ניט קיין פארברענטע אידישע נאציאנאליסטן. די סיבה איז פשוט. די אידן זיינען אין די 48ער יארן געקומען אינאיינעם אהער מיט זייערע לאנדסלייט, די דייטשן, וועלכע די מדינה האט אויפגענומען מיט אפענע ארעמס, און די דייטשן האבן ניט געביטן די נעמען און די דייטשישע אידן אויך ניט.

אינטערעסאנט איז אבער, אז שוין פון ערשטן טאג אז האבן די אידן געביטן זייערע ערשטע נעמען. אפילו אונדזערע ערשטע שריפטשטעלער, וואס האבן געשריבן אידיש פאר אידן, האבן געביטן זייערע ערשטע נעמען: יאהאן פאליי, מארים ראזענפעלד, לואיס מילער, פיליפ קראנץ.

עס האט ביי אונדז געשוויבלט און געגריבלט מיט מאריסעס און לעאנס און קארלס און קיינער האט קעגן דעם מנהג גארנישט געהאט אויסצוזעצן, כאטש באמת שטעקט אין דעם בייט פון ערשטן נאמען, וואס איז על פי רוב אן עכט אידישער, מער עולה, ווי ווען מען בייט דעם צווייטן נאמען, דעם נאמען גאלדשטיין: מיט וואס איז, למשל, גאלדשטיין אזוי אידיש? און פארוואס זיינען די פוילישע „סקים" אזוי טייער?

אינטערעסאנט איז, אז איצט זיינען שוין מארים און איזידאר אויך צו־אידיש. וועלכער אידישער עכט־אמעריקאנער וועט זיך רופן מיט אזא נאמען ווי איזידאר? ניט פאר קיין שום אידן געדאכט! היינט איז: עדווארד, העראלד און סטענלי. מארים איז צו־אידיש! אידישע טעכטער וועלן זיך היינט ניט מער רופן מיט דעם נאמען פעני אפילו. עס מוז זיין פראנסיס און שארלאט, בשעת ביי די גויים טרעפט איר נאך די נעמען אברהם, יצחק און בנימין און ראובן — ביי אונדז איז הס מלהזכיר.

דערציילן אונדז די היסטאריקער, אז אין דער צייט פון דער פוריטאנישער עמיגראציע, איז יעדער דריטער נאמען געווען א ביבלישער. מיר האבן אבער גראד די עכט־העבראאישע נעמען פארווארפן. קיינער פראטעסטירט אבער ניט קעגן דעם. עס איז אפנים אין דעם ענין פראטעסטן אויך פאראן אזא זאך ווי מזל.

נאר צוריק צו דער פראגע פון די דייטשישע אידן. זיי האבן אין דער ערשטער צייט זייערע נעמען ניט געביטן. ס'זיינען ניט געווען קיין אידישנאציאנאלע מאטיוון, וואס האבן אנטשידן, נאר דער געוויינלעכער מענטשלעכער אינסטינקט, וואס וויל בלייבן ביים אלטן און וויל ניט בייטן, ווען

מ'מוז ניט. מ'האָט דעמאָלט ניט געמוזט, ווייל עס זיינען דעמאָלט ניט גע־ווען קיין פאָראורטיילן קעגן פרעמדע דייטשישע נעמען, כאָטש איניקע האָבן אויך דעמאָלט געביטן, ווי צב"ש בלומינגדייל און רוזדייל — צוויי גוטע דייטשיש־אידישע נעמען: בלומענטאַל און ראָזענטאַל.

עס איז זיכער, אַז די וואָס האָבן דעמאָלט געענדערט זייערע נעמען, האָבן עס ניט געטאָן פון וואוילטאָג. עס זיינען שוין דעמאָלט אויך געווען אַנטיסעמיטישע טענדענצן: מען וויל ניט האַנדלען מיט אידישע געשעפטן, איז געקומען די מאַסקע. נאָר מיט יאָרן צוריק איז די אַפּנייגונג ניט געווען אַזוי שטאַרק אויסגעשפּראָכן ווי איצט. עס איז איצט אַ מכת־מדינה. מ'מיידט אויס דעם אידן, מ'פאַרהאַקט אים גלייך די טיר פאַר דער נאָז. דער ניט־אידישער נאָמען העלפט לכל הפחות ביים אָנהויב. מען עפנט די טיר, און קאָן זיך דער איד גוט אויס'טענה'ן, זיין סחורה ריכטיק פאַרשטעלן, האָט ער עפּעס אַ געלעגנהייט. ווען מ'לאָזט אָבער אין הויף ניט אריין, וואָס העלפן אַלע מציאות? מען מוז ליידער מודה זיין, אַז אַ אידישער נאָמען איז איצט אין דער געשעפט און פּראָפעסיאָנעלער וועלט אַ שווערע שטערונג.

עס איז אמת, אַז שפּעטער, ווען מען ווערט באַרימט, איז עס קיין אונ־טערשיד ניט מער: אַלנפאַלס שאַדט עס ניט פיל. עס איז אָבער גאַנץ אַנ־דערש אין אָנהויב, ביי די ערשטע טריט.

דאָס איז די לאַגע, און עס איז געוויס שיין, אויב איינער וויל דאָך בלייבן ביי זיין נאָמען און זאָגן: כ'וועל זיך ניט אונטערגעבן. עס איז אַ קאַמף און איך וועל קעמפן, ביז איך וועל מנצח זיין. די מייסטע אידן זאָגן אַזוי, אָבער מיר האָבן קיין רעכט ניט אָנצופאַלן אויף דעם שוואַכערן, וואָס צוליב מורא פאַר זיין ברויט איז ער גרייט דעם נאָמען צו בייטן. פרעגט ביי אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע לייט, וואָס זיי קומט אויס פירן געשעפטן מיט אַ גוי'אישע קליענטעל און זיי וועלן אייך דערציילן פון אַ פּעקל צרות צוליב דעם נאָמען. דער אידישער נאָמען איז ווי אַ רויטער טוך פאַר דעם אָקס.

איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו ריידן מיט פיל אידן, וואָס האָבן געביטן זייערע נעמען, צווישן זיי גוטע ציוניסטן, נאַציאָנאַלע אידן, און זיי האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן עס געטאָן, ווייל זיי האָבן מיט זייער אידישן נאָמען ניט געקענט ווייטער קומען צוליב פאָראורטיילן, כאָטש איצט, נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך דורכגעזעצט, איז כאָטש די גוים ווייסן, אַז זיי זיינען אידן, שאַדט עס שוין ניט מער. די מעשים ריידן פאַר זיי. זייער פּייאָקייט איז זייער בעסטער פאַרטיידיקער. אין אָנהויב איז דער נאָמען געווען אַ שטער.

און זאָל מען נאָר ניט דערציילן קיין באָבע־מעשיות, אַז נאָר אידן בייטן זייערע נעמען. אַט איז אַ טשעך מיט אַ שווערן נאָמען און ער האָט ניט געביטן און אַ איד לעווין וויל יאָ בייטן. דאָס איז קינדיש. ניט נאָר אַ

באַרימטער טשעד בייט ניט, נאָר אויך הונדערטער טויזנטער אידן בייטן ניט.

עס זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע ביי אַלע פעלקער, וואָס בייטן יאָ און זיי זיינען ביי אונדז אויך דאָ.

די דייטשן אין צייט פון קריג האָבן אויך געביטן זייערע נעמען. דער נאָמען קייזער איז צעהאַקט געוואָרן אויף שטיקער. עס איז פון אים געוואָרן: טשיים, סיזער און אפילו קיי — דער ערשטער בוכשטאַב פון נאָמען, אַ זכר לחורבן און יוצא. ניט יעדער קאָן זיין אַ העלד און שווימען קעגן שטראָם, ווען עס האַנדלט זיך אום זאַכן, וואָס זיינען ניט קיין פּרינציפּן און דאָס גלייכן, נאָר אַ ענין פון שטאַלץ אָדער פאַמיליע־צובונד.

און נאָך אויף עפּעס וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן. עס קומען פאָר איבערבייטן אין די נעמען, לייכטע בייטן, וואָס קיינער פילט ניט, אָבער עס איז דאָך ניט דער אָריגינעלער נאָמען. דאָס ווערט דערגרייכט דורך איבערזעצונגען: שטיין ווערט סטאָון, זילבער — סילווער, זילבערמאַן — סילווערמאַן — דרך אגב, די לעצטע צוויי נעמען זיינען פון באַרימטע רבנים. וויים ווערט וואַייט, און וויסמאַן — וואַייטמאַן, און איצט שוין אויך וואַיטמאַן. אָדער אַזאַ המצאה: מען לייגט אום דעם אידישן נאָמען אויף ענגליש, איז דאָך געוויס רעכט. למשל, וויים ווערט אויסגעלייגט אויף ענגליש, דעמאָלט מיינט עס „וויִז״, קלוג, בשעת אין דייטש ווערט עס גאָר: וויזע. אַלע נעמען, וואָס ענדיקן זיך אויף פעלד, ווערן געביטן אויף „פילד״, גרינפילד, בלומפילד א. ד. גל. דער גרין ווערט אויסגעלייגט אויף ענגליש. נאָכדעם קומען אַ ריי איבערזעצונגען, וואָס האָבן ניט דעם זעלבע קלאַנג: שניידער, ווערט טיילאָר, שוסטער — שומייקער. און אַפּקירצונגען: די „סקים״ פאַלן ווי שטרוי. די „אווס״ ווערן אויסגעלייגט מיט אַ דאַבליו — אַן ענגלישער סוף. און עס איז אַ סוף צום אידישן נאָמען. די „וויטשעס״ ווערן געענדערט אויף — „ט״ אַליין. הילקוויטש ווערט הילקוויט, א. ד. ג.

און נאָכאַמאָל דאָסזעלבע: דאָס טוען ניט נאָר אידן, נאָר די דייטשן. מיר מאַכן פון שפּירא — ספּירא און זיי פון שניידער — סניידער און דעם „איי״ בייטן זיי פאַר דעם ענגלישן „אואיי״, כדי וואָס מער צו פאַרדעקן דעם אָפּשטאַם. עס איז אַ פּראָצעס פון צופּאַסונג, וואָס גייט אַ טאָג טעגלעך. וויל זיך עמיצער באַקענען מיט דעם אונטערשיד, זאָל ער פאַרגלייכן דעם טעלעפאָן-בוך פון היינט מיט דעם פון צען יאָר צוריק און ער וועט זען די געוואַלדיקע טראַנספאָרמאַציע.

פאַר אַ פּאָר יאָר צוריק האָט די פּרעסע געבראַכט די נייעס, אַז אַ געוועסער דייטשישער פּרינץ מיט דעם נאָמען בעטענבערג האָט געביטן דעם נאָמען אויף מאַנטבעטן. דער דייטשישער „פאָן״ ווערט געביטן אויפן פראַנצויזישן „דע״. די צוויי פינטעלעך, דער באַקאַנטער דייטשישער אומלאַוט,

וואס פלעגט אזוי שטאַלץ באַצירן די נעמען: געבעל און גרינוואַלד א. ד. ג. זיינען איצט אַרונטערגענומען געוואָרן, און פון געבל איז געוואָרן גאַבעל און פון גרינוואַלד — גרונוואַלד. עס איז אַלזאָ ניט נאָר דאָס אידישע פינטעלע, וואס איז אין גלות, נאָר אויך די צוויי דייטשישע פינטעלעך.

עס איז בכן, ניט איינער אַ לעווין, וואס ווייל פלוצים בייטן זיין נאָמען און דער ריכטער לאָזט ניט, נאָר עס דרייען זיך אַרום צווישן אונדז טויזנ־טער, צענדליקער טויזנטער אידן, וואס האָבן אויף דעם אָדער אַן אַנדערן אופן געביטן זייערע נעמען, און עס וואָלט געווען אַן עולה און אַ נאַרישקייט זיי אַלע צו דערקלערן אַלס שלעכטע אידן; זיי זיינען עס בפירוש ניט. עס איז אַן ענין פון פרנסה און אַלע פרעמדע פעלקער דאָ זיינען דעריין גלייך.

עס איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז ווען עס לוינט זיך צוליב געשעפט, צו האַלטן דעם פרעמדן נאָמען, ווערט עס געטאָן מיט גרויס כונה. אַזוי צום ביישפיל האַלטן אונדזערע פידל־קינסטלער און פיאַניסטן זייערע ערש־טע רוסישע נעמען: יאַשאַ, סאַשאַ, טאַשאַ, מישאַ, ווייל דער רוסישער קלאַנג איז אין דעם פרט אַ רעקלאַמע. גוטע מוזיק קומט פון רוסלאַנד, האַלט מען אַן דעם רוסישן נאָמען. די ענגלישע קינסטלערין מיס לעגען רופט זיך דווקא לעגינסקי, כדי צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז זי איז פון רוסלאַנד, ווייל ווען זי איז רוסיש, וועט דער מוזיק־ליבנדער עולם קומען שנעלער הערן, ווי ווען זי איז ענגליש. ענגלישער אַפשטאַם איז פאַר מוזיק ניט קיין מעלה, נאָר אַ חסרון. פלייסט מען זיך צו פאַרבאַהאַלטן דעם פאַקט. אונדזער ברונאָף האָט באמת געהייסן ברוין. אָבער ער האָט ניט גע־וואָלט דעם ענגליש־קלינגענדיקן נאָמען וואָס איז אַ קנאַפע רעקלאַמע פאַר מוזיק, און ער האָט צוגעזעצט ניט אַ „דאַבליו”, נאָר דווקא צוויי „עפ׳ן”, כדי די וועלט זאָל וויסן, אַז ער איז ניט קיין ענגלענדער, נאָר אַ רוס. די קינדער זיינע, וואָס זיינען אפשר ניט קיין מוזיקער, וועלן איצט האָבן אַן אַרבעט די צוגעטשעפעטע „עפ׳ן” אַפצושניידן.

היוצא לנו מדברנו: דער ריכטער קאָהן, ווי זיין קאָלעגע גאָלדשטיין, האָבן געווים געהאַט אַ רעכט אויפמערקזאַם צו מאַכן די פעטיציאַנטן, אַז עס איז ניט גאַנץ ווירדיק, ווען מען בייט אַ נאָמען און זיי דערציילן, אַז, למשל, רוב גאָלדבערג, דער באַרימטער קאַרטוניסט, האָט זיין נאָמען ניט געוואָלט בייטן אויף גילבערט אָדער מאַנטאַר, אויף וועלכע דער נאָמען ווערט געוויינטלעך אויסגעטוישט, און איז דאָך זייער באַרימט געוואָרן. דאָס זעלבע האָט געטאָן לעאָן אַרנשטיין: ער האָט ניט געוואָלט איינשטימען אויף קיין אָפקירצונג אָדער ענדערונג. זיי האָבן געמעגט דערציילן וועגן זייערע אייגענע שוועריקייטן און זיי האָבן זיך דאָך ניט אונטערגעגעבן. די רעדע בלייבט אָבער איינזייטיק, ווען מען דערציילט ניט צו דער זעלבער צייט, אַז דער געלויף פאַר בייטן די נעמען איז אַ רעזולטאַט פון דער מיאוסער דיסקרימי־

נאציע אין אמעריקע קענן א פרעמדן נאמען בכלל און אקענן א אידישן בפרט, און ניט מאכן דעם אנשטעל, אז יעדער נאמען איז גלייך, און עס איז קיין שוועריקייט ניטא.

נאטירלעך וועלן מיר די דיסקרימינאציע ניט אפשאפן, ווען מיר וועלן נאכגעבן דעם פארלאנג פון די ענגהארציקע שאוויניסטן. עס מוזן קומען מו־טיקע מענטשן און צווינגען די ענגלישע גרויסהאלטער, אז זיי זאלן אנער־קענען, אז א אידישער נאמען האט דא זיין רעכט ווי זייער אייגענער נאמען.

גאט צו דאנק, האבן מיר גענוג צווישן אונדז אזעלכע מוטיקע מענטשן. מען געפינט זיי אין אלע קלאסן. ניט אלע מענטשן זיינען אבער העלדישע נאטורן, און מען קען ניט צווינגען מענטשן צו זיין העלדיש. צווינגען א מענטשן צו בלייבן ביי א נאמען, וואס ער באטראכט פאר א שטרויכלונג אויף דעם וועג פון זיין קאריערע אדער פאר אן איבעריקער משא אויף זיינע פלייצעס, אויף וועלכע ער טראגט דעם עול פון פרנסה, איז זיכער ניט געזונט פאר דעם געזעץ און איז ניט קיין טובה פאר דער אידייע פון זעלבסט־ווירדע אליין.

דאָס רעפאָרם־אידנטום טוט תשובה

די שיפס, ווארבורגס, אונטערמייערס און לעהמאנס. — דער נייער באגריף פון „יחוס". — די נאציאנאלע אידן קענען ניט זיין גלייכגילטיק צום רעפארם־אידנטום. — דער „כהן גדול" פון רעפארם־אידנטום איז פאר א „רעפארם פון רעפארם".

באטש דאָס רעפאָרם־אידנטום מאַכט איצט דורך א ירידה־צייט, איז עס אָבער נאָך אַלץ אַ קאָלאָסאַלער כח אין דעם לעבן פון אַמעריקאַנער אידנטום. גלאַט מבטל־זיין מיט דער האַנט קען מען עס ניט. אין צאָל זיינען די רעפאָרמער פיל ווייניקער ווי אָרטאָדאָקסן דאָ אין לאַנד, אפשר ניט מער ווי איינס צו דריי, אָבער אין איכות זיינען זיי פון גרויסער באַדייטונג. מיט דעם וואָרט איכות — קוואַליטעט — מיינען מיר ניט עפעס אַ ריין־אידישן שטאַנדפונקט. קיין עכטע אָריגינעלע אידישקייט פאַרטרעטן זיי ניט איבעריק פיל, אָבער סוף כל סוף לעבן מיר דאָך ניט אין אַן אייגן לאַנד און דער אויפטו פון געוויסע אידן אויף דעם פעלד פון פּאָליטיק, וויסנשאַפט, קונסט, פינאַנץ, לטובה פונם לאַנד, אין וועלכן זיי לעבן, ווערט געווײנלעך זייער פיל גענומען אין אַנבאַטראַכט.

דעריבער, ווען מען רעדט פון די רעפאָרם־אידן און מען האָט אין זינען די מענטשן צווישן זיי, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף פאַרשידענע געביטן לטובת אַמעריקע, פאַרנעמען זיי דאָ דעם אויבנאָן. צווישן זיי געפינט מען די גרויסע פינאַנסיסטן, באַנקירן, הויכע ריכטער, וויכטיקע וויסנשאַפטסלייט, סאָציאָלאָגן, עקאָנאָמיסטן און וואָס איר ווילט נאָר אַליין. די אידן־רעפאָרמער זיינען מענטשן פון גרויס געוויכט און איינפלוס אין לאַנד, זייערע משפחות פאַרנעמען די מזרח־וואַנט אין אַמעריקאַנער לעבן. דאָס זיינען די שיפס, וואַרבורגס, לעהמאַנס, לואיסאָנס, שטראַוסעס, אונטערמייערס

און מייערס און ווי זיי הייסן דאָרט. דאָס איז די פּני, דאָס איז דער גרויסער יחוס. מיט זיי בענטשט מען זיך. אפילו אַנדערע מזרח־אידן קניען פאַר זיי און מאַכן פאַר זיי אַ וואָרע, ווען נאָר זיי באַווייזן זיך אין דער עפנטלעכ־קייט.

דאָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין דער אָפּשאַצונג פון דעם וואָרט „יחוס". עס איז עפּעס אַנדערש פון דעם, וואָס מיר האָבן אונטער דעם וואָרט פאַרשטאַנען ביז איצט. עס האָט ניט צו טאָן מיטן אָפּשטאַם פון גדולי־תורה אָדער פון יראים ושלמים, צדיקים און חסידים אָדער פּרנסים אָדער אַפילו גבירים, וואָס האָבן געלעבט מיט דעם פאָלק און פאַר דעם פאָלק. עס איז איצט אַ גאַנץ אַנדער באַגריף. אַ מיוחס קען אויך זיין דער, וואָס קען ניט אַפילו אַ בלעטל עברי. פון אַ פּסוק חומש מיט רש"י איז שוין אָפּגערעדט. ניט ער דאַרף קענען און ניט זיינע עלטערן האָבן עס גע־דאַרפט קענען. עס איז גאָר מחוץ דעם איצטיקן זין. די תורה שטייט אין אַ ווינקל פאַרשעמט, קיינער פרעגט גאָר ניט אויף איר — מען קען זיך דאָ דער־שלאָגן צו גרויס יחוס אויך אָן איר. אַפּט איז זי גאָר אַ שטער. דער יחוס דאָ האָט אויך ניט צו טאָן מיט צדקות, מיט אמת'ער פרומקייט, מיט קרבנות, וואָס איינער ברענגט פאַר אידישקייט, פאַר אידעאַלן. עס איז גאָר אַן אַנדער סדרה.

דער נייער יחוס ציט זיין יניקה פון גאַנץ אַנדערע מקורות. ער האָט גאָר ניט צו טאָן מיט אידן דירעקט נאָר מיט דעם פּלאַץ, וואָס דער מענטש פאַרנעמט אינם לאַנד, מייסטנס צווישן ניט־אידן, על פּי רוב אין געביטן, וואָס האָבן קיין שייכות ניט מיט אידישקייט. עס איז אַ פאַקט, אַז ניט נאָר די ניט־אידן אַנערקענען אָט די דאָזיקע אידן, וואָס זיינען עולה־לגדולה געוואָרן אַלס די הויפּט־מיוחסים, נאָר די אידישע מאַסן אַליין אַנערקענען זיי אויך אַלס אַזעלכע. אַדרבא, גייט אַרויס אין דער אידישער גאַס און הערט זיך צו מיט וועמען אידן גרויסן זיך, וועט איר באַלד אויסגעפינען, אַז זיי טוען עס מיט די יעניקע אידן, וועלכע זיינען געוואָרן גאָווערנאָרס אָדער אַמבאַסאַדאָרס, אָדער הויכע ריכטער, קאַבינעט־מיניסטאָרן אָדער אַזוי מקורבים למלכות. דאָס זיינען די לעהמאַנס און די באַרוכס, מאָרגענטויס און די שטראַוסעס און אַזוי אויף דער גאַנצער ליניע. און דאָס טאַקע פון רע־פאָרם־אידנטום קומען זיי די פלעקסנערס און די מייקעלסאָנס, די אַקסעס און די בראַנדייסעס און אַזוי ווייטער.

ס'איז דערום ניט צו אונטערשעצן דאָס רעפאָרם־אידנטום. הגם אַלס אידנטום האָט עס אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר ניט געמאַכט קיין שום ערנסטן ביישטייער. זיי האָבן אַפילו זיך אַליין ניט געקענט ראַטע־ווען פון די פלאַמען פון אַסימילאַציע, וואָס זיי האָבן אָנגעצונדן. מיט יעדן יאָר פאַלט אַוועק אַן אַנדערע פאַמיליע פון די גאָר חשוב'ע רעפאָרם־פאַמי־

ליעס. דער ערשטער דור איז נאך אידיש, דער צווייטער דור איז שוין גע־מישט און דער דריטער דור מיינט שוין דעם סוף צו דער אידישקייט פון דער באטרעפנדער פאמיליע. דאס אבער שטערט ניט דעם אמעריקאנער אידנטום צו באטראכטן יענע אידן אלס דעם חשוב'סטן שיכט פון אידישן לעבן. זייער איינפלוס אויף דעם גאנג פון דער אידישער עפנטלעכקייט, דירעקט און אומדירעקט, איז אין לשער.

מיר קענען ניט אט דאס דאזיקע אידנטום איגנארירן. עס לאזט זיך אויך ניט. עס ווערט ניט איגנארירט ניט פון אינעווייניק און ניט פון דרויסן. א פאקט האבן מיר, אז כאטש די צאל פון די ערשטע רעפארמער ווערט ווייניקער און ווייניקער, טאקע צוליב געמישטע חתונות און דורך פאר־שטעלטן שמד, פונדעסטוועגן איז די צאל פון די רעפארם־אידן ניט ווייניקער געווארן אין דעם לאנד, נאר זי האט זיך אפילו אביסל פארמערט.

אויך די נייע רעליגיאנס־פארמע, באקאנט אונטער דעם נאמען — קאנ־סערוואטיזם, וואס איז מאדערנער פון דער ארטאדאקסיע און טראדיציא־נעלער פון דער רעפארם, האט אויך ניט געהאט דעם כח אפצושטעלן אינ־גאנצן דעם וואוקס פון רעפארם־אידנטום. על כל פנים פון אונטערגאנג איז עס נאך ווייט און דערהפאר איז וויכטיק שטענדיק צו שטיין אויף דער וואך און זען, אין וועלכער ריכטונג דאס רעפארם־אידנטום פארנעמט זיך צו גיין. עס איז וויכטיק פאר די נאציאנאלע אידן, פאר וועמען אידן זיינען אידן, כל זמן זיי בלייבן אינעווייניק און טרעטן ניט ארויס פון דעם כלל. אויך די נאציאנאלע אידן פון ריינסטן וואסער האבן זיך פון דעם רעליגיעזן עלע־מענט און רעליגיעזן וועלט־באנעם אינגאנצן ניט געקענט באפרייען, ווייל אויך זיי אנערקענען, אז דער וואס נעמט אן א פרעמדן גלויבן, שליסט זיך אויס פון אידישן פאלק, פון כלל־ישראל.

די נאציאנאלע אידן קענען ניט זיין גלייכגילטיק צו דעם רעפארם־אידנטום, כאטש די רעפארמער האבן אין זייער טעאריע פארלייקנט דעם נאציאנאליזם און אפגעמעקט די אידישע האפנונג און דערקלערט, אז די אידן זיינען ניט מער קיין פאלק, נאר א רעליגיעזע סעקטע. אויך וואס איז שייך דער אידישער רעליגיע האבן זיי פון איר ארויסגעקוועטש יעדן טראפן פון פאלקסטום, פון טראדיציע, פון אידישן שטייגער, פון נאציאנאלן לעבנס־שטייגער, פון נאציאנאלן לעבנס־ארט. זיי האבן די גאנצע זאך אוועקגע־שטעלט אויף דער אבסטראקציע, אויף דעם גלויבן אין דער איין־גאטהייט, אבער ווי וויכטיק דער פונקט זאל ניט זיין, און אפילו ווען ער איז דער עיקר העיקרים, שעפט זיך דאך מיט דעם ניט אויס דער באגריף אידישקייט. דען דער באגריף האט ניט צו טאן מיט דעם אינטעלעקט, נאר אויך מיט דעם הארץ, מיט דעם געפיל; האט צו טאן אויך מיט דער געשיכטלעכער אנט־וויקלונג פון אונדזער פאלק, מיט לאנד, בלוט און ראסע — דריי באגריפן, וואס

הגם די נאַציס האָבן זיי גענומען אַלס יסוד פאַר זייער פּינצטערער טעאָריע, קען מען זיי פון זייער וויכטיקייט ניט באַרויבן. אַפילו אין דעם „שמע ישראל", וואו די איין־גאָטהייט ווערט פּראָקלאַמירט, מוז עס געוועגדט זיין צו ישראל: אַ באַשטימטע גרופּע מיט באַשטימטע געשיכטלעכע סימנים, וואָס דאַרף עס אויפנעמען. צוערשט איז שמע ישראל, ישראל דאַרף הערן. עס הויבט זיך בכן אָן פון ישראל.

פונדעסטוועגן, כל זמן די רעפאָרמער האָבן זיך ניט אָפּגעטיילט פון דעם אידישן פאָלק, אַדער אַנדערש געזאָגט: כל זמן דאָס אידישע פאָלק האָט ניט אָפּגעריסן מיט די רעפאָרמער, ווי דאָס איז געשען מיט די שומר־חונים, איז דאָ אַ האָפנונג, אַז די רעפאָרמער וועלן זייער, אין נאַציאָנאַלן זין, בלוט־אָרימע וועלט־אַנשויאונג ענדערן און וועלן זיך צוריק דערנעג־טערן צו דעם נאַציאָנאַלן קוואַל און נעמען פאַרשטיין, אַז אידישע רעליגיע, אָן אידיש לעבן, איז אַ סתירה מיניה וביה, איז אַ זאַך, וואָס קען ניט עק־זיסטירן, ווייל אידישע רעליגיע איז ניט נאָר אמונה, נאָר אויך דת. עס איז עפּעס, וואָס איז געקניפּט און געבונדן מיט דעם לעבן פון אידישן כלל, מיט דעם לעבן פונם אידישן יחיד, פון וויג ביזן קבר.

אויב דאָס רעפאָרם־אידנטום האָט זיך דערהאַלטן ביים לעבן, איז עס געשען דערפאַר, ווייל כאָטש עס האָט גערעדט אין אַבסטראַקטע טערמינען, האָט עס אין דער פּראַקטיק דאָך איבערגעלאָזט געוויסע אַלטע אידישע לעבנס־פאָרמען. אמת, ווייניק, אָבער אויך דאָס ביסל האָט עס געראַטעוועט פון פולקאָמער פאַרגליוערונג און פאַרשטיינערונג.

י טעאָרעטיקער פון רעפאָרם־אידן האָבן זיך, ווי עס שיינט, דאַרויף ווייניק פאַרטראַכט. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז ווען דער נאַציאָנאַלער אינ־סטינקט ביים פאָלק וואָלט ניט געווען גענוג שטאַרק און די אידישע מאַסן וואָלטן זיך געשפּייזט בלויז מיט דער אַבסטראַקטער אידישער רעליגיע לויט דעם נוסח פון די רעפאָרמער, דאָס הייסט, ווען די אידישע מאַסן וואָלטן גע־מאַכט די רעליגיע פאַרן איינציקן בונד, ווי דאָס טוען די רעפאָרמער, וואָלטן איצט אונדזערע ברידער־רעפאָרמער ניט געווען מער קיין טייל פון אידישן פאָלק, ווייל רעליגיעז זיינען די אידישע מאַסן ווייט פון די רעפאָרמער, ווי מזרח פון מערב. אלא מאי, פאַרוואָס ווערן זיי באַטראַכט פאַר אַ טייל פונם אידישן פאָלק? ווייל זיי זיינען בלוט פון אונדזער בלוט און פלייש פון אונ־דזער פלייש און ווייל זיי האָבן אויפגענומען געוויסע פונקטן פונם אידישן לעבן, וואָס מאַכט זיי דערקענבאַר אַלס אידן. דער נאַציאָנאַליזם האָט זיך דאָ נוקם געווען אין דער רעפאָרם. זי האָט אים פאַרלייקנט און ער האָט איר אָפּגעצאָלט מיט ברויט פאַר שטיינער.

דער פאָלקס־אינסטינקט האָט אָפּנים פאַרויסגעזען, אַז עס וועלן נאָך קומען אַנדערע טעג פאַרן רעפאָרם־אידנטום, און עס וועט קומען אַ צייט

פון תשובה, ווען זיי וועלן דערפילן זייער עלנטקייט און האַפנונגסלאָזיקייט אַלס אַ קיבוץ אַן וואָרצלען. ווייל אין דעם סאָציאַלן לעבן איז די פאָרם דער וואָרצל, און לייקנט מען אָפּ די פאָרמען, איז מען ניט נאָר אַ מקצץ בנטיעות, נאָר אויך אַ מקצץ בשרשים. עס איז ניט נאָר אַ פראַגע פון אידייען, ניט נאָר פון מחשבה און כונה, וויכטיק ווי זיי זיינען, נאָר אַ פראַגע פון לעבנס־שטייגער, פון לעבנס־פאָרם. דער טראָפּ ווערט געשטעלט אויף דער טאַט, אויף דער מצוה, אויף דער נאָרם און ווער עס באַפרייט זיך פון דעם, מוז סוף כל סוף אונטערגיין. און אויב דאָס רעפאָרם־אידנטום וויל לעבן אָפּגעזונדערט פון אידן, מוז עס מיט דער צייט זיך צוריקקערן צו דער אידישער טראַדיציע. דאָס איז די תשובה אין דעם נוסח פון „ושבו בנים לגבולם". בלייבן זיי קינדער פון דעם אידישן פאָלק, מוזן זיי לעבן אין זיינע גרעניצן. גרעניצלאָזיקייט מיינט — הייסגען אין דער לופטן.

דער פּראָצעס פון תשובה אין רעפאָרם־אידנטום האָט זיך באמת אָנגעהויבן אינם טאָג, ווען זי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. און כאָטש אין אָנהויב איז עס געווען בונטאַריש געשטימט און האָט כלומרשט געפירט אַן אָפּגעזונדערטן קאַמף קעגן דעם טראַדיציאָנעלן אידנטום, האָט עס אין האַרצן אָבער געפילט אַן אומזיכערקייט און עס האָט גערעדט מיט אַ האַלבן מויל, ווייל עס האָט זיך פאַרמאָסטן די בלי־זיין פאַר זייער מלחמה צו נעמען פונם אַלטן אַרסענאַל. און ווען זיי האָבן דאַרפן די וואָפן ניט געפונען, האָבן זיי זיך געשלאָגן מיט בלויזע הענט קעגן טורעמס. האָבן זיי די הענט צעבלוטיקט און די טורעמס זיינען נאַטירלעך, געבליבן טורעמס. אַלס רעזולטאַט אָבער פון דער פאַרלוירענער מלחמה האָט דאָס קול פון דער תשובה זיך גענומען הערן שטאַרקער און שטאַרקער. דערצו האָט, נאַטירלעך, מיטגעהאָלפן דער פאַקט, וואָס אַ דאַנק דער איינוואַנדערונג איז דאָ אין נייעם לאַנד, ווי דורך כישוף, אויסגעוואַקסן אַ גרויסער טראַדיציאָנעלער אידישער צענטער, וואָס האָט מיט זיין פעסטקייט און תמימות'דיקן גלויבן, מיט זיינע שיינע אַלטע לעבנס־פאָרמען און מיט זיין בטחון אין אַ ניי־ער אידישער צוקונפט אין אייגענעם אידישן לאַנד, געקראָגן אַ חיזוק און גרוים דערמוטיקונג אין דער אַרבעט פון די ציוניסטן און סתם נאַציאָנאַליסטן. דאָס האָט דירעקט און אומדירעקט געווירקט אויף אונדזערע אויפּגעשטאַנענע רעפאָרם־ברידער, וועלכע האָבן אָפּן און נאָך מער פאַרשטעלטערהייט, „בלא יודעים", גענומען זיך דערנענטערן סיי צו דער טראַדיציע און סיי צום אידישן נאַציאָנאַליזם, אין זיין אויסגעשפּראָכענער פאָרם — דער ציוניזם.

אויף איינער פון די לעצטע רעפאָרם־קאָנווענשאָנס האָט זיך אפילו נאָך געהערט אַ שטימע וואָס האָט דערמאָנט אַז דער רעפאָרם פון די אַלטע יאָרן. נאָך אַמאָל איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די רעליגיע איז דער עיקר אין

אידישן לעבן און אומדירעקט איז געמאכט געווארן אן אטאקע אויפן ציוניזם, וואס האט כלומרשט סעקולאריזירט דאס אידנטום, אבער דאס איז געווען בלויז א שטימע פון קבר.

דער חשוב'ער ראביי, וועלכער האט די נייע אנטדעקונג געמאכט, האט פארגעסן, אז מעג רעליגיע זיין דער הויפט־פונקט פונם אידישן לעבן, איז זי אבער אוממעגלעך, ווען עס איז ניטא קיין אידיש לעבן. צוערשט קומט אידיש לעבן. און ווידער האט דער ראביי פארגעסן, אז עס זיינען געווען די ציוניסטן, וואס האבן מעגלעך געמאכט, אז פיל פון אונדזערע אידן, וואס זיינען שוין געשטאנען אויף דעם שוועל גרייט צו פארלאזן דאס פאלק, זאלן א דאנק דעם ציוניזם צוריק בלייבן אין תחום. און עס איז דארום דא א האפ־נונג, אז זייערע קינדער און קינדס־קינדער זאלן אויך אויפנעמען די אידישע רעליגיע אין איר גאנצער ברייט און טיף. וואלטן זיי אבער אוועקגעגאנגען פון אונדז, וואלטן זיי ניט נאר זיי אליין פארלוירן געגאנגען, נאר גאנצע דורות מיט זיי. און ווער ווייסט וויפיל וויכטיקע און שעפערישע קרעפטן אונדזער לעבן וואלט אנגעווארן.

ניט טאדלען דעם ציוניזם האט דער ראביי געדארפט, נאר לויבן, ווען ער וואלט דעם ענין ריכטיק פארשטאנען. אבער דער מענטש פארשטייט ניט, אז ער רעדט פון פוסטן פאס. זיין שטימע איז געקומען פון דער מדבר און זי האט ניט געקראגן קיין ווידערקלאנג אויף דער רעפארם־קאנפערענץ, ווייל עס האלט שוין זייט לאנג ביי דער „רעפארם פון דער רעפארם". יענע יארן פון רעדעס, וואס ווילן צוריקדרייען דעם זייגער פון דער אידישער געשיכטע, זיינען שוין לאנג אוועק. די הענט זיינען צו קליין, נאך דעם וואס עס איז געשען אין היטלער־לאנד, דאס מוטער־לאנד פון דעם רעפארם־אידנ־טום, זיינען זיינע רייד קעגן ציוניזם פשוט הברים בטלים.

פיל אינטערעסאנטער איז דער פאקט, וואס אפילו דער „כהן גדול" פון רעפארם־אידנטום, פראפעסאר פיליפסאן, האט צוגעגעבן אז אויב רע־וויזיע פונם רעפארם איז נויטיק, וועט ער ניט זיין קעגן. אבער אויך דער פראפעסאר האט זיך שפעט דערמאנט. די רעוויזיע אין דער רעפארם־מחנה האט זיך אויך שוין זייט לאנג אנגעהויבן. עס איז ניט די זעלבע רעפארם, וואס איז געווען. עס זיינען נאך געבליבן א פאר פארבאלזאמירטע ראביים, א פאר מומיעס, אבער זייער איינפלוס אפילו אין רעפארם־אידנטום איז זייער קליין, און אין ברייטן אידישן לעבן — נול.

עס זיינען איצט אנדערע צייטן און ראביי פיליפסאן, ווען ער רעדט פון רעוויזיע, אנערקענט ער בלויז א געשעענעם פאקט. עס איז ניט ווייט דער טאג, ווען דאס רעפארם־אידנטום וועט זיך אויפן וועג פון ציוניזם שטארק דערנענטערן צו דעם טראדיציאנעלן אידנטום.

דער ציוניזם וועט זיין דער גוטער שליח!

דער אידישער קאָפּ

א פאָלק געניאַל אין אַלע ספערן

משה'לעך און שלמה'לעך מיט די שאַרפע קעפּעלעך

אַ פאָלק געניאַל אין אַלע ספערן

אידן האבן אויפגעדעקט נייע האריזאנטן. — פארוואס ווערן פעסימיסטיש? — דער קרומער און דער גלייכער שפיגל פון דער וועלט. — די דערפינדונג פון דזשעז־מוזיק. — דער גלאבוס ליגט צופוסנס פון מענטשן.

ווען עס קומען צו אונדז אידן, איז אפנים קיין אוממעגלעכקייט ניט פאראן. דער שמועס גייט דא וועגן גייסטיקע דערגרייכונגען, מכח געניאלע אויפטואונגען און קרעאציעס, מכח א פאלקס גייסטיקין אויפשטייג אויף אלע געביטן פון מענטשלעכער שאפונג. עס האנדלט זיך דא אום דעם „ספר היצירה״. איז וועגן דעם מעג מען זאגן: קיין זאך וואס איז מענטשלעך איז דעם אידישן פאלק ניט פרעמד, און ער ווייזט ארוים זיינע געניאלע פייאי־קייטן אין אלע ספערן פון מענטשלעכער טעטיקייט; מיר אונטערשטרייכן: מענטשלעכע. אידן זיינען ניט נאר בריה׳ס, ניט עמיצער שאפט און זיי כאפן אויף און פארבעסערן: אז אנדערער הויבט אן און זיי לאזן אוים; עמיצער פלאנצט און זיי באוואסערן: נאר די אידן זיינען שותפים צו מעשה בראשית, ווען זיי האבן נאר א מעגלעכקייט, ווען נאר מען לאזט זיי אין הויף אריין, און מען האלט זיי ניט מחוץ למחנה, נעמט ניט לאנג און זיי באווייזן זייער טיפע און אומאויסשעפלעכע שאפונגס־קראפט. דער ערשטער באדינג פאר יעדער גרויסער שאפונג איז רוח הקודש, אינטו־איציע, אויפדעקן נייע האריזאנטן דורך דער אספקלריה מאירה. דאס פאר־מאגן אידן און צו וואס זיי טרעטן צו און צו וואס זיי נעמען זיך, עפענען זיך נייע פערספעקטיוון, ווייל זיי קוקן מיט ליכטיקע אויגן.

דער נייעסטער באוויז אויף דעם גרויסן אידישן שעפערישן כח, אויב עס זיינען נאך באוויזן נויטיק, איז דער אידישער אויפטו אויף דעם פעלד

פון דזשעז, לייכטע מוזיק, וועלכע פארבינדט אין זיך גוטמוטיקן הומאר און שארפע סאטירע, אן אפלאד, וואס פארוואונדעט נים. דער מענטש לאכט פון זיך אליין, אבער ער איז גוט צו זיך, און מיט רעכט ווענדט ער נים אן דעם מידת הדין קעגן זיך אליין. ווייל וועז עס איז אפילו אמת, אז דער מענטש האט חסרונות, פעלערן, מומים, פגימות און סירכות און אפילו אין זיין קדשי קדשים, וואו די שכינה רוט, הויערן שאטנס, וואס ווילן איינשלינגען דאס ליכט, אויך דעמאלט האט דער מענטש קיין רעכט נים אריינצופאלן אין א מרה שחורה, אין אן עצבות, ווייל ווער דען אנדערש ווי דער מענטש איז א מבין אויף זיינע חסרונות? ווער, אויסער דער דאזיקער באשעפעניש אויף דעם גאנצן ערד־קוגל, קען זיך דערהויבן צו זיין מדרגה צו ווערן זיין אייגענער קריטיקער און זיך אליין שלאגן מלקות אויף זיינע זינד, און באנעמען די וויכטיקייט פון תשובה און חרטה און פון אויסבעסערונג און תקון, און פון פלעכטן לייטערס פון דער ערד ביז צום הימל? קיינער נים נאר דער מענטש! היינט פארוואס ווערן פעסימיסטיש? מיט וועלכן רעכט זיך דערלויבן ארונטערצולאזן זיך אין דעם אפגרונט פון האפנונגסלאזיקייט?

דער דזשעז פארמאגט סאטירע אבער גוטמוטיקע, וואס איז אויף דעם ערשטן בליק א סתירה מיניה וביה, ווייל סאטירע לויט דעם אנגענומענעם באגריף מיינט גאל, ביטערקייט, סאטאניזם, א ניט־צוטרוי צום מין־מענטש, זוכן פלעקן אויף דער זון, איקאנא־קלאסטעריי, גאט־לעסטערונג, דער גלויבן אין פאטאליזם. די דאזיקע אויפפאסונג פון סאטירע איז אפשר לאו דווקא, עס קען אויך זיין מילדע סאטירע. עס קען זיין סאטירע, וואס איז סאטיריש אויף איר אייגענעם חשבון. למה הדבר דומה? אט שטעלט זיך א מענטש אוועק קעגן א שפיגל און שטעלט ארויס זיין צונג קעגן זיך אליין און זאגט צו זיך אליין: איך בין גארנישט, און נעמט זיך באשטעקן מיט חוזק־פעדערן. דער מענטש מיט דער אויסגעשטרעקטער צונג איז באמת מעשה חוזק, אבער פילאזאפיש באטראכט, מעג דאך דער מענטש צו זיך זאגן: סוף כל סוף איז דאך דאס מיין צונג, דאס האב איך אים אליין מיט מיין גוטן ווילן ארויסגעשטעקט, און דעם שפיגל האב איך געמאכט, א מענטש האט אים געמאכט, „מעשה ידינו להתפאר", וויפיל חכמה און דערפינדונגס־גייסט עס ליגט אין דעם שפיגל. עס זיינען פאראן אלערליי שפיגלען, אויך קרומע שפיגלען, פארגרעסערונגס און פארקלענערונגס־שפיגלען. דער שפיגל כאפט אויף די וועלט, אויב מיר ווילן, איז עס א שפיגל, וואס כאפט זי אויף ווי זי איז, און אויב מיר ווילן, איז עס א שפיגל, וואס כאפט זי אויף אנדערש. בקיצור, אויך דער שפיגל הענגט אפ פון אונדזער ווילן, פון אונדזער דערפינדונגס־גייסט. אויב אזוי האט דער מענטש א רעכט זיך אויסצולאכן פון זיין אייגענעם מין געלעכטער, וואס באשטייט פון בטול, ווייל

נאר איין זאך טאר דער מענטש ניט טאן: זיך אליין מבטל זיין, ווייל אויך אין דער פייאיקייט פון בטול, באווייזט זיך די מענטשלעכע דערהויבנקייט.

דזשעז האט אויך אן אונטערשלאג, א קלפה און א תוך. אויבנאויף זיינען דאס זארגלאזע, איבערפלעכלעכע, אין דער לופט־שוועבנדע, לייכטזי־ניקע ניגונים, מעלאדיעס. עס איז דער אויפשטוים פון וויין און דער שוים פון ביר. מיט איין ווארט, מיט דער נשמה האט דאס ווייניק וואס צו טאן. דאס איז אבער זיכער א טעות. דזשעז קען און זאל אויך פארשטאנען ווערן, על פי פרדס, עס איז דערינען דא אי פשט, אי רמז, אי דרש, אי סוד, אויך א סוד, אן אנוואונק אויף אנדערע וועלטן, לויטערע ספערן, אויף זון און לבנה און שטערן, אויך זון, וואס באדייט דאס בריענדע, דאס גליענדע, דאס לײדנשאפטלעכע, דאס שאפנדע און דאס צעשטערנדע אין לעבן, דער לויף-פאנאנדער און דער צונויפקום, די אמת'ע דבקות און די צונויפפארונג. דזשעז איז שטורם און דראנג, אבער ניט די וועלכע זיינען עקר'דיק, סטע־ריל, נאר די בליצן און דונערן, וואס ברייגנען גאטס ברכה.

די גרויסקייט פון אידישן פאלק באשטייט אין דעם, וואס ווען מען רעדט פון געניאליטעט, זיינען זיי ניט נאר געניאל אין אלע „עשר ספירות", נאך מער: זיי זיינען הוד שבהוד אין די אלע ספירות. אונדזערע אייגענע קרי־טיקער און די אפשאצער פון אונדזער אייגענעם זשעני האבן ביז ניט לאנג צוריק דעם שווערן טעות געמאכט, וואס זיי האבן באגרענעצט די אידישע געניאליטעט בלויז צו איין פעלד, דאס פעלד פון רעליגיע און עטיק. עס הייסט ביי זיי אזוי: אויף אנדערע געביטן איז מהיכא תיתא, שאפן די אידן אויך. אינגאנצן מבטל מאכן קען מען זיי ניט, אבער אמת גרויס זיינען זיי פארט ניט. אין דעם פרט מוזן זיי אפטרעטן דעם פעלד צו אנדערע פעלקער; דערפאר ווען עס קומט צו עטיק, דארטן זיינען מיר לעילא ולעילא, דארטן קען אונדז קיינער ניט איבערגיין. אונדזערע שונאים האבן גלייך גענומען באווייזן, אז אויך אין דעם פונקט זיינען מיר ניט גענוג גרויס, על כל פנים ניט אריגינעל; אלץ האבן מיר געבארגט פון אנדערע, און דארום זיינען מיר א צווייט־קלאסיק פאלק. אונדזער וועלן פארפעסטיקן זיך ארום די קרנות המזבח האבן דא גארניט געהאלפן. זיי האבן זיך דווקא געפלייסט אונדז פון דארט ארונטערצושלעפן און אונדזער זשעני צו פארטיליקן.

צום גליק איז די גאנצע זאך א טעות אין פשט. עס איז אוממעגלעך צו זיין גרויס אין רעליגיע און זיין קליין אין אנדערע געביטן, ווייל רעליגיע איז דאך דער סך־הכל פון דער מענטשלעכער גרויסקייט, פון אלע זיינע שטרעבונגען, פון זיינע דערפאלגן, פון זיין אויפשטייג, גדלות, און שיינ-קייט. עס איז אין דער בחינה פון הפך בה והפך בה דכולא בה. רעליגיע איז פילאזאפיע, דער העכסטער פונקט פון דעם מענטשלעכן געדאנק, און עס איז קונסט, דער שפיץ פון דער שיינקייט, און עס איז קדושה, וואס אין

לעצמן תכלית מיינט, אַז דער מענטש ווערט אַ טייל פון גאָטהייט, אַ שותף צו מעשה בראשית — אַלע דערפינדונגען גייען אין דעם אַריין. גיבן מיר צו, אַז דער אידישער גניוס איז געווען גרויס אויף דעם פעלד פון רעליגיע, האָט ער ממילא ניט געקענט זיין קליין אויף די אַנדערע פעלדער. די ערלעכע ניט־אידישע פילאָזאָפן הויבן דאָס אָן צו פאַרשטיין. עס ווערן היינט אונטערגענומען אונטערזוכונגען און פאָרשונגען אין דעם אידישן תנ"ך, ניט נאָר פון שטאַנדפונקט פון רעליגיאָזיטעט, נאָר אויך פון שטאַנדפונקט פון קונסט, פילאָזאָפיע, פסיכאָלאָגיע. אויך די שפּראַך אַליין ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק דורך די גרויסע מייסטער, איז אַן ענין פון שטודיום און פאָרשונג און אויך דאָרטן געפינט מען די אידישע געניאַליטעט. העברעאיש האָבן גערעדט פיל פעלקער, אָבער קיין אַנדער פאָלק האָט ניט פאַרמאָגט די שפּראַך־קונסט, ווי דאָס אידישע פאָלק האָט פאַרמאָגט, יענע פּלאַסטישקייט און יענע ליריק, דעם ברי און דעם פלי, יענע פאַנטאַסטישע הויכן, ערדישער זאַפט און הימלישער טוי, ווי דער העברעאיש, וועלכער איז געוואָרן דער אויסדרוקס־מעדיום פון דעם אידישן פאָלק. די פאָרשונג, וועלכע איז נאָך אין אירע וויקעלער, האָט שוין באַוויזן, אַז אונדזער שפּראַך, ביי איר גאַנצער שיינקייט און פאַנטאַסטישקייט, איז אויך אמת און שטאַנדהאַפטיק.

צום באַדויערן איז פון אונדזערע שאַפונגען פון יענער ערשטער צייט געבליבן ניט מער ווי דער תנ"ך און די ספרים חיצונים. די לעצטע זיינען געראַטעט געוואָרן בדרך נס און דווקא ניט אין דער העברעאישער שפּראַך, נאָר אין גריכיש. אָבער אויך די אַפּאָקריפן זיינען אַ גרויסער באַווייז אויף אונדזער שעפערישקייט. אין תנ"ך האָבן מיר בלויז אַ פּאָר פרשות פון דניאל, וואָס ווייזן אויף אונדזער מיסטישער קראַפט, אין די ספרים חיצונים אָבער בליט דער מיסטיציזם אין אַלע פאַרבן פון אַן ארץ ישראל'דיקער שקיעת־החמה, מיט אַלע קאָלירן פון אַ דימענט, וואָס שפּיגלט זיך אין דער זון. מיר זיינען אויך מיסטיקער, היסטאָריאָגראַפן, מייסטערס פון משל און מיניאַטור. איצט קומען די אויסגראַבונגען און באַווייזן די אידישע פייאיקייט אויך אויף די אַנדערע געביטן: אויך מאַלעריי און סקולפּטור איז אונדז ניט געווען פרעמד.

נאָר ווען מען נעמט אָן, אַז די אידן זיינען געווען שעפעריש אויף פאַרשידענע געביטן, איז צו פאַרשטיין די אידישע דערגרייכונגען שפּעטער אין גלות: און דאָס דערקלערט, ווי אַזוי דאָס אידישע פאָלק איז געווען ביכולת אַרויסצושטעלן אַ גאַנצע רייע גאונים אין דעם לעצטן יאָרהונדערט. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס אין כח, אין דער פּאָטענץ, האָט דער געניאַלער גייסט געלעבט אין דעם אידישן פאָלק, ווען ער האָט אפילו ניט געקענט זיך דערשלאָגן צו אַן אַנטפּלעקונג. מען האָט נאָך דאָס געטאָ, וואו די אידן האָבן געלעבט, ניט גענוג אויסגעפאָרשט. עס איז אַ פאַקט, אַז טראָץ

די מחיצות, וואָס מען האָט אוועקגעשטעלט פאַר דעם אידישן גייסט, איז ער אריבער די באַריערן און אפילו אונטער דעם פּאַרוואָלקנטן פינצטערן געטא-הימל געשאַפן ליכטיקע אייביקע ווערטן.

אַז אומפּאַרטייאישע אָביעקטיווע אונטערזוכונג וואָלט באַוויזן, אַז די אידן זיינען געווען צווישן די גרעסטע אויפן פעלד פון דער פילאָזאָפיע. גענוג צו דערמאָנען: פילאָן, גבירול און שפּינאָזא. זיי זיינען נאָך ניט דער סוף-פּסוק, ווייל ווען מען רעדט פון שפּעטער אויף דעם געביט, איז אפילו שלמה מימון געווען איינער פון די גרעסטע קריטיקער פון דער קאַנט-שיטה. בעת הערמאַן קאָהען איז געווען פון די וויכטיקסטע באַגרינדער פון דער נעאָ-קאַנטישער לערע. אידן זיינען גרויס אין דער סאָציאָלאָגיע, אין דער מאַטעמאַטיק, אויך אין דער פיזיק. די אידישע שפּעטער פאַרנעמען אַ חשוב'ן אָרט אויך אין דער אַגריקולטור. אין סדר זרעים זיינען מיר שיין פאַרטראָטן. אין דער פּסיכאָלאָגיע איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן. אין דער פּלאַסטישער קונסט, אַ געביט, וואו מען האָט געגלויבט, אַז די אידן זיינען הינטערשטעליק צוליב דעם „לא תעשה לך פסל", זיינען באמת אידן אויך צווישן די גרעסטע מאָלער און סקולפּטאָרן; און דער עיקר זיי זיינען אויך דאָרט אָנהויבער, זוימען-וואָרפער, פאָרזייער און פלאַנצער. זיי זיינען אויך גרויס אויף דעם פעלד פון מוזיק. דערביי דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז מיר זיינען איינגאַנצן ניט מער ווי אַ פאָלק פון אַ וועלכע זיבעצן מיליאָן, און אַז צען מיליאָן שטיקן זיך אין דער ענגער אַטמאָספערע פון באַגרענצונגען און רדיפות. איבער זייער קאָפּ הייננגט דער שווערד פון משחית. אידן האָבן געוויזן זייער כח אויך אויף דעם פעלד פון דערפינדונגען, און געמאַכט רעוואָלוציעס סיי אין דער פיזיק און סיי אין דער כעמיע. גענוג צו דערמאָנען די נעמען פון הערץ און האבער, אויך ערליך געהער צו דער קאַטעגאָריע. ווער קען דען די אַלע נעמען אויסרעכענען?

אין אַמעריקע האָבן מיר ערשט אָנגעהויבן. מיר האָבן נאָך קיין טיפע וואָרצלען אין דעם באָדן ניט געשלאָגן, אָבער שוין מערקן זיך די ערשטע צייכנס פון דעם אידישן זשעני: נאָר געדולד! מיר קומען. דער איד בלאָנדזשעט נאָך דאָ, אָבער ער וועט זיין וועג געפינען. דער שטח פון זיין שאַפן איז אַזוי גרויס ווי אַמעריקע, אויף אַלע געביטן שטעקט ער שוין אַרויס זיין קאָפּ. ער שטויסט זיך שוין אַז אין שווערקייטן, אָבער ער וועט זיי ביי-קומען און זיין געניאַליטעט באַווייזן.

אינטערעסאַנט איז צו מערקן ווי דער איד כאַפּט זיך צו אַלץ. אַנטי-סעמיטן מיינען, אַז דאָס נעמט זיך פון דער אידישער חוצפה, דער באַקאַנטער: „אויב טייטש, לאָזט מיך!" דאָס איז אָבער פאַלש. עס איז ניט די חוצפה, נאָר דער עזות שביצירה. ער כאַפּט זיך, ווייל ער איז מיט יעדער זאַך פאַרוואַנדט. עס איז אַ טייל פון אים. ער זעט דאָרום ניט איין פאַרוואָס

ער זאָל ניט פּרובירן, זיין אינסטינקט זאָגט אים אונטער: — דו וועסט אויך דאָ טריאומפירן, הויב נאָר אָן, סוף הכבוד לבוא. די מעשה מיט דזשעז וואַרפט אַ זייטיקן ליכט אויף די אומבאַגרענעצטע אידישע גאָניאַלע כחות. אין פלוג איז דער איד סעריעז, פילאָזאָפיש געשטימט, נעמט זיך ערנסט און דאָס לעבן ערנסט. צוליב זיין לאַגע דאַרף דער איד זיין אַ קלאָג־מוטער, דער גרויסער מייסטער פון דעם איכה־ליד, אַ ירמיהו הנביא. דאָס איז אָבער ניט אַזוי. אַלע כללים און סימנים גילטן ניט, ווען מען רעדט פון אידן. נעכטן האָט איר געזאָגט: פּלאַסטישע קונסט ניט, אידן זיינען דאָרט ניט. קיין שאַפער, איצט מוזט איר איבערבייטן דעם פזמון. נעכטן האָט איר געזאָגט: אין דערפינדונגען ניט, מאָרגן מוזט איר צוגעבן, אַז דער איד איז אויך אין דעם קרייז אַ בן־בית. עס איז קיין נייעס ניט מער, אַז גראָד דאָס טראַגישסטע פאָלק פון דער וועלט שטעלט פון זיך אַרויס די גרעסטע הומאָריסטן און קאָמיקער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייערע וויצלערייען, שטיפעריייען. די אידן זיינען אויך די גרעסטע שאַפער פון דער לייכטער מוזיק. דאָ אין אַמעריקע איז די בוף־קאָמעדיע און די לייכטע אָפּערע געווען דער מאָנאָפּאָל פון אידישע מוזיקער. אַזוי איז עס אויך געווען אין עסטרייך. אידן האָבן געשאַפן דאָס האַרציקע, זוניקע, זאָרגלאָזע, אויף די אויבערשטע שטאָפּל פריילעכע און אין תוך טרויעריקע, פאָלקסטימלעכע ליד.

אויך אין אַמעריקע זיינען די אידן צווישן די ערשטע, ווען עס קומט צו דעם פאָלקסטימלעכן ליד. אירווינג בערלין איז עד היום איינער פון די גרעסטע אויף דעם פעלד. און ער איז ניט דער איינציקער. נאָר אָט האָט זיך באַוויזן דער דזשעז, אַ נייער סאָרט מוזיק, וועמענס אָפּשטאַם איז געבליבן פאַרבאָרגן. פאַראַן פאַרשידענע חקירות וועגן זיין אַנטשטייאונג. עס איז קיין ספק ניט אָבער, אַז דאָס לייכטע ליד, וואָס אידן האָבן אין דעם לאַנד געשאַפן, האָט צוגעגרייט דאָס פעלד פאַר דזשעז, וואָס איז געבויט אויף די זעלבע יסודות, הגם עס פאַרמאָגט אַ „נופך משלו”, איז מער דער אויסדרוק פון אונדזער צייט אין דער מאַשין־עפּאָכע, מיט איר אימפּעט, געלויף און געפּילדער, מיט איר פאַרמעסט, וואָס דערגרייכט אַזש ביז די הימלען: איר אומרו, נערוועזקייט, האַרץ־קלאַפּעניש און הויכן בלוט־דרוק. דער דזשעז־ריטם פאַסט פאַר דער תקופה, איז וועלכער מיר לעבן. אין פלוג איז עס אַ גייסט פון „אכול ושתה כי מחר נמות”. עס איז ניטאָ קיין זיכערקייט פאַר דעם מאָרגן, מוז מען אויסנוצן דעם היינט. אין פלוג דריקט דער דזשעז אָט דעם גייסט אויס: לאָמיר לעבן היינט, ווייל גאָט ווייסט וואָס עס וועט זיין מאָרגן. דאָס איז אָבער נאָר אין פלוג, ווייל אין תוך איז דאָך די תקופה די שעפערישסטע אין דער מענטשלעכער געשיכטע; און דווקא זי האָט די כלי מכשירים פאַר דער מענטשלעכער זיכערקייט און אומאָפּהיינגיקייט. ער האָט היינט וויניקער מורא פאַר הונגער, מגפה, איז וויניקער

צוגעבונדן צו דעם פלאץ. דער מענטש האט היינט פליגל. דער גאנצער גלאבוס ליגט אונטער זיינע פיס. איז אויך דא גרונט פארוואס פריילעך צו זיין. דען פארוואס זארגן וועגן היינט, ווען גאט האט געזארגט פאר דעם מארגן. בקיצור, דזשעז איז א טיפע סוגיא. עס איז אויף אן אמת אי סוגית „ברזל" אי סוגית „נשר", ווי די ביידע צו פאראייניקן, ווי צו מאכן אייזן פליען. און ווי צו געבן דעם פלי שטאנדהאפטיקייט, אז ער זאל ניט זיין אויף בלימה. דעם פראצעס דורכצופירן האבן אויף זיך גענומען די אידי־שע דזשעז־זינגער, בלא יודעים, נאטירלעך, צווישן וועלכע דזשארדזש גער־שווין איז געווען דער זשעני. ער האט זיכער קיין קבלה ניט געקענט: אבער ער איז עס געווען דער גאון, וואס האט צונויפגעקליבן די ניצוצות אין דעם „חומר העכור" פון דזשעז און דערפון געפלאכטן א קרוין פאר דעם שר פון נגינה. ער האט געאיידלט און דערהויבן דעם דזשעז, אים געלייטערט און ווי אן אלכעמיסט האט ער פון גראבע מעטאלן געמאכט גאלד.

הכל מודים: גערשווין איז ניט געווען קיין נאכמאכער. אנדערע וועלן קומען נאך אים, אידן און ניט־אידן, און גרעסערע שאפן, וועלן אויף דעם שפיץ בארג דערגרייכן, אבער אן דער געציייג, וואס ער האט זיי צוגע־גרייט, וואלטן זיי אהין ניט דערגרייכט. זיין אויסגעשטרעקטע האנט וועט ווייזן זיי דעם וועג און זי וועט זיין אויך זייער אנשפאר.

דער זין פון די אלע רייד איז, אז מיר זיינען גרויסע בריה'ס. מיר האבן שארפע חושים. אונדזער געהער איז שארף, אונדזער אויג זעט ווייט, טיף און ארייַנדרינגענד — עינים מאירות. און דער עיקר, מיר האבן הארץ, מיר האבן געפיל, אויך געדאנק און ליבע און שאפונגס־פרייד. ניט שטענדיק קענען מיר די פרייד האבן. עס זיינען דא שאטנס, וואס דערלאזן ניט, אבער דא וואו מיר קענען, באווייזן מיר וואונדער, אויך דארט וואו מען ריכט זיך ניט. ווארים מיר זיינען פון גאט געבענטשט מיט שאפונגס־כחות אין אלע היכלות, נישט ווייניקער אויך אין דעם היכל הנגינה.

משה׳לעך און שלמה׳לעך
מיט די שאַרפע קעפּעלעך

אפילו ניט־אידן האבן דרך־ארץ פאַרן אידישן קאָפּ. — דער טיפּ נאָר ביי פאַרשידענע פעלקער און ביי אידן. — זיינען מיר טאַקע בלויז די פאַרמיטלער? — דער פּראָצענט פון אידישע גאונים איז גרעסער ווי ביי יעדער אַנדער פאָלק.

ניו־יאָרק האָט געהאַט אַ סענסאַציע. מען האָט אַנטדעקט אַ אידיש אינגל פון אַ יאָר זיבן, וואָס פאַרמאָגט אַן איינשטיין־מח, און גייט איינשטיי־נען נאָך אפילו איבער. דאָס איז זיכער אַן ערשט־קלאַסיקע סענסאַציע. עס האָט ניט גענומען לאַנג און עס האָט זיך גלייך געמעלדעט אַן אַנדער אידיש אינגל, וואָס אויב ער איז נאָך ניט קיין גאַנצער איינשטיין, איז ער אָבער אויף דעם וועג — על כל פּנים אַ קינד מיט אויסערגעוויינלעכע פיאַיקייטן, וואָס גרענעצן זיך מיט געניאַליטעט.

דערווייל האָט מען ביי צוויי — וואָלט מען געזוכט, וואָלט מען גע־פונען מער. עס פעלן ניט קיין שאַרפע קעפּלעך צווישן אונדזערע קינדער. דער אידישער קאָפּ האָט שוין פאַר זיך געמאַכט אַ שם. ניט נאָר מיר אידן ריידן וועגן אידישן קאָפּ און רימען זיך מיט אים, נאָר אויך ניט־אידן ווייסן וועגן אים. ביי אונדז אידן אליין איז עס געקומען אַזוי ווייט, אַז ווען מיר ווילן זאָגן אויף עמיצן, אַז ער האָט אַ גוטן קאָפּ, אַ שאַרפן קאָפּ, זיינען מיר אָפּט יוצא מיט דעם, וואָס מיר זאָגן, אַז ער האָט אַ אידישן קאָפּ. דאָס שליסט שוין איין אַלץ און אין דער ערשטער ליניע: שאַרפזין, חריפות. דאָס איז דער סאָרט קאָפּ, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר העכערער מאַטעמאַטיק; אַ קאָפּ, וואָס פאַרלירט זיך ניט אין די גרעסטע קאָמפּליקאַציעס פון סילאָגיזמען,

וואס קען האלטן אויף דעם שנור כל מיני הנחות, היפאטעזן, לאזן זיי פירן צווישן זיך א געראנגל: איינער זאל פרובירן באזיגן דעם אנדערן און הגם וואס דערוויל ווערט די גאנצע אויפמערקזאמקייט קאנצענטרירט אויף דעם געפעכט, לאזט ער דאך אויף קיין רגע דאס אויג ניט אראפ פון דעם פונקט, פון וואנען ער האט אנגעהויבן, און פארגעסט ניט דעם ציל, צו וועלכן ער באוועגט זיך. דער וואס האט פרובירט לערנען יבמות מיט דעם ר"ן, דער ווייסט לייכט פארשטיין וועגן וועלכן קאפ עס רעדט זיך דא. עס איז דער זעלבער קאפ, וואס איז ווי אנגעמאסטן פאר פילאזאפיע און פאר יעדן ערנסטן עניין, וואס פאדערט דערפינדערישקייט און פייאיקייט זיך צו קענען האלטן אויף דער אויבערפלאך און ניט ארונטערגעשלעפט ווערן אין דעם אפגרונט, אין וועלכן ער דרינגט מיט דעם אויג אריין און מעסט אים אויס מיט זיינע דענק־אינסטרומענטן.

עס איז דער קאפ, וואס קען זיך פארמעסטן מיט דעם שווערסטן פלפול און ארויסקומען א זיגער. צום באדויערן האט דאס ווארט „פלפול", צוליב די קורצע השגות פון די משכילים, באקומען א גאנץ אנדערן טייטש. פלפול מיינט היינט פאר פיל, „דראפען זיך אויף די גלייכע ווענט": פארשטייט זיך, אז דאס איז פאלש. דער אויסדרוק „אידישער קאפ" אבער האט אפגע־גליקט: ווען מ'זאגט עס, ווייס יעדער וואס מען מיינט.

אפילו ניט־אידן, אויך די וואס האבן ניט זייער ליב קיין אידן, האבן דרך ארץ פאר דעם אידישן קאפ. עס איז שטענדיק אין די אידישע שטעט און שטעטלעך געווען א שפע אין גוטע, שארפע אידישע קעפלעך, וואוילע אינגלעך, פיינע לערנער, ווייל די אידישע פייאיקייט איז ניט באגרענעצט צו די הויכע פענצטער בלויז, נאר האט א הויכן דורכשנים. דער פאר־שטאפטער קאפ איז די אויסנאמע. עס זיינען אויך ביי אונדז פאראן שווע־רע קעפ, אבער דער פראצענט איז א קליינער. דאס געוויינלעכע אידישע אינגל, די משה'לעך און שלמה'לעך, וואס שפילן זיך אויף דער אידישער גאס, צי „אונטער די גרינינקע ביימעלעך", צי אויף א גליטש אין א ווינ־טער־טאג, זיינען פלינקע באשעפענישן מיט אפענע אויגעלעך ,וואס בליצן און פינקלען נייגעריק און אויפגעוואכט, גרייט פאר אינטעלעקטועלער גי־מנאסטיק, פאר א גייסטיקער שלאכט. זיי ווארטן, אז מען זאל זיי „פאר־הערן"...

זיי האבן ליב, ווען מען פרעגט זיי פראגעס, וואס פאדערן אנשטרענגונג און שעפן גרויס נחת, ווען מען טרייבט מיט זיי קאטאוועס — זיי האבן א זין פאר הומאר, און ווערן זיי היימיש מיט דעם פרעגער, ווארטן זיי ניט ביז מען וועט זיי פרעגן — זיי פרעגן אליין פראגעס. און נאך וואס פאר א פראגעס! אזוי, אז זייער אפט מוז דער עלטערער, וואס האט מיט זיי אנגעהויבן, זיך צוריקציען פון פעלד, כדי ניט צו ליידן קיין בזיונות.

עס איז אפילו מצד אונדזערע שונאים באמערקט געווארן, אז אידן, איז אונטערשיד צו אנדערע אומות, האבן ניט דעם טיפ נאר, דעם באקאנטן תם, וואס מ'טרעפט געוויינלעך צווישן די מאסן, אפילו ביי די הויך־געביל־דעטע נאציעס. די דייטשן, למשל, האבן א „מיכעל" אדער א „יעקע". דאס איז א מענטש, וואס קען זיין אין יעדן פרט זייער פייאיק און קען זיך אפילו אויסצייכענען אויף א געוויסן געביט און איז א זייער א ניצלעכער מיטגליד אין דער געזעלשאפט, אבער איין זאך פעלט אים — שכל. איר רעדט צו אים — קוקט ער אייך אן תמ'עוואטע מיט אויסגעגלאצטע אויגן, קראצט זיך אין פאטילניצע און איר ווייסט ניט, צי ער איז מסכים מיט אייך, צי ניט — עס איז שווער צו זאגן — איין זאך ווייסט איר, ער ענטפערט אייך פאר־ליצע. די ענגלישע האבן זייער „יאקל" — אויך א פיין מענטשל; אויף זיין ווארט קענט איר בויען. ער טראגט דעם יאך פון זיין פאלק; דווקא אים האט ענגלאנד צו פארדאנקען איר גרויסקייט; אבער שטארק איבערגע־שפיצט איז ער ניט. און אפט מוזט איר זיך פריער אנעסן מיט ארבעס, צו האבן געגנוג כח, כדי צו קענען געבן אים צו פארשטיין וואס איר מיינט. שוין ניט צו ריידן פון דעם רוס מיט זיין איוואן דוראק. רעדט מען אבער וועגן אידן, איז ביי זיי אזא חברה־מאן גאר ניט בנמצא. מיר האבן שלומיעלס און בטלנים, מענטשן, וואס קענען ניט א קאץ אן עק פארבינדן און אלערליי קאליקעס, גראבע יונגען און עם הארצים, וואס קענען קוים מיט מאטערניש אפבראקן א שיטל עברי, אבער מיר האבן ניט דעם געוויינלעכן טיפ נאר, שוטה בן פיקהאלץ, וואס פארנעמט אזא גרויס פלאץ ביי די אנדערע פעלקער.

דאס מיינט ניט אז כולנו חכמים, כולנו נבונים — מיר האבן נאטיר־לעך נאראנים און משוגעים, און מענטשן וואס זיינען אביסל מטושטש, און ווילדע מענטשן און איבערגעדרייטע שלעפלער, אבער דער נאציאנאלער נאר פעלט. ענלעך דערצו איז דער יענקי — אויך ער האט ניט קיין הורכ־שניט־נאר — הגם ער האט דעם „איקס", ער, דער מר. איקס, וואס קומט פון איקסלאנד, איז אבער ניט קיין נאר — נאר ניבער א פראווינציאל, וואס איז צו דער זעלבער צייט אויך דורכגעטריבן און שארף, ווי א גאל־מעסער.

אונדזערע שונאים האבן פון דעם פאקט, וואס מיר אידן האבן ניט קיין נאציאנאלן נאר, געוואלט אויסטייטשן, אז אויב מיר צייכענען זיך אוים, וואס שייך דעם דורכשניט־מענטש, מיט דעם, וואס אונדזער דורכשניט־מענטש איז קליגער און פייאיקער ווי דער דורכשניט ניט־איד, דערפאר איז אבער ביי אונדז א מאנגל אין געניאלע מענטשן. מען האט דערויף אויפגעבויט אלערליי נארישע טעאריעס. די מילדערע אידן־פיינט האבן געזאגט, אז אידן שטעלן ארוים א זייער קליינעם פראצענט גאונים, דער־

פאר האבן די עקסטרעמע אנטיסעמיטן דערקלערט, אז די אידישע ראסע איז בכלל ניט פייאיק ארויסצוגעבן פון זיך קיין געניאלע מענטשן, ווייל אונדזער ראסע איז א צווייט־קלאסיקע אין יעדן פרט, נידעריקער פון דער ארישער ראסע. אידן, לויט זייערע רייד, זיינען אויך אין דער קולטור בלויז פייאיק צו זיין פארמיטלער, צו האנדלען מיט גרייטער סחורה — אבער ניט צו זיין קיין אריגינעלע שאפער. אידן זיינען, אין בעסטן פאל, גוטע איבערזעצער, אגיטאטארס, מיסיאנערן, אבער זיי זיינען ניט קיין בויער און גרינדער פון דער קולטור. אין דער מוזיק זיינען די אידן די ווירטואזן, אבער ניט די קאמ־פאזיטארס, ווייל שאפן מוזיק פאדערט זשעני און דאס האבן זיי ניט אויף א רפואה.

עס איז א שאנדע אויסצוזאגן, אבער די דאזיקע נארישע רייד האבן געמאכט אן איינדרוק אפילו אויף געוויסע אידן, וועלכע זיינען געווען גרייט צוצוגעבן, אז דאס אידישע פאלק האט טאקע ניט ארויסגעשטעלט קיין זשע־ניען אויף פיל קולטור־געביטן. דערפאר האבן זיי פארלאנגט אלס פארגי־טיקונג, אז די ניט־פריינטלעכע וועלט זאל כאטש מודה זיין, אז לכל הפחות אויף דעם פעלד פון רעליגיע און עטיק האט דאס אידישע פאלק יא ארויס־געשטעלט אריגינעלע שאפער.

די ניט־פריינטלעכע וועלט האט אבער אויך דאס ניט געוואלט מודה זיין, ווייל זיי האבן געוואוסט, אז א פאלק, וואס צייכנט זיך אויס אויף דעם פעלד פון רעליגיע, איז געוויינלעך גניאל אויף אלע פעלדער: רעליגיע איז דאך א צוזאמענמיש פון קאפ און הארץ, פון אינסטינקט, געפיל און געדאנק. עס איז דאך דער אנהויב און דער סך־הכל פון אלעם, דער קול־מיניר־פונקט פון מענטשלעכער דערגרייכונג, וואס נעמט זיך מאניפעסטירן גלייך דעם ערשטן טאג, ווען מענטש דערקענט זיך אלס מענטש.

אבער יענע אידן זיינען געווען צו לייכטזיניק ,ווען זיי האבן צוגעגעבן, אז דאס אידישע פאלק שטעלט ארויס, אויסער רעליגיע, ווייניק זשעניען אויף אנדערע קולטור־געביטן. דער היפוך דערפון איז דער אמת. נאטירלעך איז דאס א ווילדער אומזין קעגנצושטעלן אידן קעגן אלע אומות פון דער וועלט. אויף איין וואגשאל אלע ציוויליזירטע פעלקער, און אויף דער אנדע־רער — די אידן. אין פארגלייך מיט די הונדערטער מיליאנען קריסטן איז דער פראצענט, וואס עס שטעלן ארויס די זיבעצן מיליאן אידן, פון וועלכע בלויז זיבן מיליאן זיינען אריינגעצויגן אין דער אלוועלטלעכער קולטור, געוויס ניט איבעריק גרויס. פארגלייכט מען אבער די זיבעצן מיליאן אידן מיט וועלכע עס איז אנדערע זיבעצן מיליאן, זאל עס זיין פון די העכסטע קול־טורעלע פעלקער, ווי פראנצויזן, ענגלענדער, איטאליענער און דייטשן, וועט אונדזער פראצענט זיין גאר הויך און וועט זיי שטארק איבערשטייגן. דער בארימטער שריפטשטעלער און פארשער יוסף דזשייקאבס, האט נאך מיט

דרייסיק יאָר צוריק באַוויזן מיט טאַבעלן און דער האַנט, אַז דער פּראָצענט פון זשעניעס, וואָס אידן שטעלן אַרויס, איז העכער פון יעדן אַנדערן אייראָ־פּייאישן פאָלק.

אין דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט איז די לאַגע אין דעם פּרט פון אידישער געניאַליטעט ניט געוואָרן ערגער, נאָר פיל בעסער.

אידן האָבן זיך אין דער לעצטער צייט גענומען אויסצייכענען, ניט נאָר אין מאַטעמאַטיק, פילאָזאָפיע און מעדיצין, געביטן, וואָס זיי זיינען לאַנג באַקאַנט אַלס אידישע, נאָר אויך אין דער וויסנשאַפט, אויף פאַרשידענע פעלדער, פיזיק, כעמיע, אפילו אין דער אַגריקולטור און דער באָטאַניק — אויף יעדן פעלד אָן שום אויסנאַם. אויך אין דער קונסט, מוזיק, דראַמע, אַרכיטעקטור, מאַלעריי, סקולפּטור — ווידער דאָס זעלבע, אויף אַלע פעל־דער, אומעטום האָבן זיי אַרויסגעשטעלט געניאַלע מענטשן, ערשט־ראַנגיקע שאַפער. אויך אין דער מיליטער־קונסט פעלן היינט ניט קיין אידן. אין דער פירערשאַפט פון פעלקער און פאַרטייען פאַרנעמען אידן אַ הויפּט־פּלאַץ, הגם די קנאה איז דאָ זייער גרויס און מען לאָזט דעם אידן זעלטן פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס.

נאַטירלעך, פיל איינשטיינס האָבן מיר אויך ניט. זיי ווערן ניט גע־בוירן אין יעדן דור ביי קיין פאָלק — אויך ביי אונדז ניט. עס זיינען דאָ מענטשן, וועלכע בלייבן פאַראייביקט אויף אייביק. עס איז אַ מין קאָמ־בינאַציע, וואָס איר צוזאַמענשטעל חזר'ט זיך ניט איבער.

ווען מען רעדט וועגן איינשטיין, איז דאָס ניט נאָר אַ פראַגע פון קאָפּ, וועלכן פיל פאַרגלייכן צו ניוטאָנס — נאָר פון דעם גאַנצן מענטשנס באַגע־מונג. דער באַנעם פון איינשטיינען איז אפשר ענלעך צו ניוטאָנס, אָבער קיינער רעדט היינט ניט מער בלויז וועגן איינשטיינס קאָפּ, נאָר פון דער גאַנצער פערזענלעכקייט, וועלכע רירט און פאַר'כישוף'ט מיט איר האָר־מאָנישקייט און בכורה'דיקייט.

איינשטיין ווערט דאַך גערימט און באַוואונדערט, ניט נאָר פון געלערנטע פילאָזאָפן און דענקער, נאָר פון גרויסן, ברייטן עולם. די מאַסע יאָגט זיך נאָך אים, כאָטש זי פאַרשטייט ניט איין וואָרט פון זיין לערע. עס איז באַוואונ־דערונג פאַר דעם מענטשן, עס איז דאָס געפיל, אַז ער איז דער אויבער־מענטש, דער אדם העליון, דער אמת'ער פאַרשטייער פון דעם מין מענטש.

מיר, אידן, האָבן געהאַט דעם זכות, ניט נאָר אַרויסצוגעבן פיל זשע־ניען, נאָר אויך אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן געגעבן אַ נייע ריכטונג דעם מענטשלעכן געדאַנק, דעם מענטשלעכן לעבן און דערביי מיט זייער פער־זענלעכקייט אַרויסגערופן גרויס באַוואונדערונג. דאָס הייסט ניט נאָר זייער לערע האָט מען באַוואונדערט, ניט נאָר זייער אינטעלעקט, נאָר אויך זייער גייסט און פערזענלעכקייט. צו דערמאַנען, למשל, די נעמען פון שפינאָזאַ

און מאַרקס — דער מענטש און דער לערער האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איינעם, און די וועלט באַוואונדערט איצט ביידע — די מענטשן, ניט ווייניקער פון די לערער.

דאָס אידישע פאָלק איז אָבער פיל רייכער ווי די וועלט ווייסט, ווייל די וועלט קען נאָר די יעניקע פון אירע גרויסע, וועלכע זיינען טעטיק אין דער אַלוועלטלעכער קולטור — זי האָט אָבער ניט קיין באַגריף פון אונדזערע בעל שם׳ס און ר׳ נחמן מבראַצלאַווס און אַנדערע אונדזערע גאונים. אפילו אונדזער ביאַליק איז נאָך דערווייל אַ סוד פאַר דער ניט־אידישער וועלט. כאָטש ער האָט שוין געשריבן אין אייראָפּייאישן סטיל און אייראָפּייאישער פאָרם.

עס איז געווים פאַר אונדז אַ פרייד צו הערן, אַז שוין איצט, ווען איינשטיין איז נאָך מיט אונדז, געפינט זיך שוין אַ אינגל, וואָס זיין קאָפּ, באַנעמונג, פייאיקייט זיינען פון דער זעלבער קאַטעגאָריע, פון וועלכער איינשטיינס מח איז געוועבט. עס הייסט אָבער נאָך ניט, אַז עס וואַקסט שוין נאָך אַן איינשטיין — עס איז ניט אויסגעשלאָסן, און מיר וואָלטן ניט געווען איבערראַשט, ווען עס וואָלט זיך באַוויזן איינער, וואָס איז אפילו גרעסער פון איינשטיינען — אויף אידן איז אַלץ צו גלויבן. מיר וואָלטן אָבער ניט געהאָט קיין טענות צו דער השגחה, ווען דורות זאָלן אַוועקגיין און קיין נייער איינשטיין זאָל זיך ניט באַווייזן — אַזעלכע מענטשן קומען בכלל ניט זייער אָפט. די ענגלענדער האָבן דערווייל קיין נייעם ניוטאָן ניט, אויך ניט קיין צווייטן שעקספּיר. די גאָר גרויסע זיינען געוויינלעך יחידים במינם. אויף זיי זאָגט מען „עוד לא קם".

איין זאַך ווייסן מיר זיכער, אַז ווען מען אונדז אידן נאָר צולאָזן צום „פסוק", וועט מען נאָר אונדז לאָזן נעמען אַן אַנטייל אין דער קולטור און ציוויליזאַציע, וועלן מיר געווים אונדזער חלק ביישטייערן. אין אַמעריקע האָבן מיר ערשט אָנגעהויבן. העלפט פון די אידן אין דעם לאַנד באַשטייען דערווייל פון אימיגראַנטן, און דער גרעסטער טייל פון אידן דאָ זיינען קינדער פון אימיגראַנטן, און אַמעריקע אַליין האָט ביז ניט לאַנג צוריק איר גרעסטע ענערגיע אָפּגעגעבן אויף מאַטעריעלע דערגרייכונגען, אויף ציוויליזאַטארישע אויפטואונגען. מען דאַרף אָבער גאָר ניט מורא האָבן. ווען מען האַלטן ביי קולטור, וועלן מיר אויך דאָ אין אַמעריקע אונדזער וואָרט זאָגן. אידן האָבן שוין אָנגעהויבן און עס זיינען אומעטום דאָ סימנים פון אידישן מח, פון זיין אָנרעג. קיין גאונים האָבן מיר נאָך דאָ ניט אַרויסגעשטעלט, אָבער די אַמעריקאַנער האָבן זיי דערווייל נאָך אויך ניט.

אונדזער צייט וועט קומען.

דער אידישער קאָפּ אַרבעט, לא ינום ולא יישן. ער שלאָפט ניט און דרימלט ניט. ער איז וואַך און אויפגעוועקט. דאָס זיבניעריקע אינגל מיט

דעם איינשטיין־קאַפּ דערמאַנט אונדז בלויז, וואָס מיר האָבן דאָ צו דערוואַרטן אין דער צוקונפט. זאָל מען אונדז נאָר ניט שטערן, וועלן מיר די וועלט ניט אַנטוישן.

מיר זיינען ביז איצט ניט געווען צווישן די לעצטע, און מיר וועלן עס ווייטער ניט זיין. און די שונאים, וואָס בילן קעגן אונדז, בילן קעגן דער לבנה.

די אומצעשפּאָלטענע צונג

צווישן אידיש און העברעאיש איז קיין קריג ניטאָ

ווען אַ פֿאָלק האָט ליב זיין שפּראַך

ענגליש נעמט דאָס וואָרט

צווישן אידיש און העברעאיש איז קיין קריג ניטאָ

דער געשריי פון די אידישיסטן אין ארץ ישראל. — די פאַלשע פּאַראַלעלן. — העברעאיש איז ניט לאַטיין. — דער אידישער רענעסאַנס. — דער בבל פון לשונות אין ארץ־ישראל. — העברעאיש איז געווען דער הויפּט־קוואַל פון ציוניזם. — אויך אידיש האָט בייגעשטייערט איר חלק.

א

די פראַגע וועגן דער באַציאונג פון העברעאיש צו אידיש און פאַרקערט, — דער אַזוי גערופענער „שפּראַך־קאַמף" — איז אַ גאַנץ אַלטער. מען קען וועגן דעם קיין איבעראַשנדע אַנטדעקונגען ניט מאַכן.

די פראַגע איז באַנייט געוואָרן, ווען מיט דער גרויסער אידישער איינוואַנדערונג אין ארץ־ישראל, די לעצטע פאַר יאָר פאַרן אויסברוך פון טעראָר זיינען אַהין אָנגעקומען געוויסע אידישיסטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך דערמאָנט, אַז זיי זיינען באַגאַנגען אַן עולה קעגן זייער אידעאַל, וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזט ארץ ישראל פון זייער חשבון, ווען זיי האָבן באַשלאָסן, אַז אידיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונם אידישן פאָלק, והראיה — אידיש ווערט גערעדט איבער דער גאַנצער וועלט, פאַרמאָגט ממש אַן אימפּעריע, אין וועלכער, לויט אַפּאַטאָשוס ווערטל, „די זון גייט קיינמאָל ניט אונטער". ווייל דער „אידישיסטישער אימפּעריאַליזם" איצט אויך דאָס קליינע ארץ ישראל ניט איבערלאָזן צו די העברעער. אימפּעריאַליזם האָט שטענדיק גרויסע אויגן, ווייל ניט אַנדערש ווי איינעמען פאַר אידיש אויך ארץ־ישראל.

„לכבוש את המלכה בבית". דאָס ווערט דערווייל געטאָן ניט אָפן, נאָר אויף א פאַרמאַסקירטן אופן: עס ווערט געפירט כלומרשט אַ קאַמף פאַר דעם רעכט פון אידיש אין ארץ ישראל, וועלכע די גזלנ'ישע העברעער פאַר־גוואַלטיקן. דער וואָלף פאַרקליידט זיך דאָ אין דער פעל פון א שאָף: די אידישיסטן האָבן, חלילה, גאָרנישט קעגן העברעאיש. העברעאיש איז אדרבא ואדרבא. זיי פאָדערן בלויז מינאָריטעטס־רעכט, בלויז דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיט אידיש אַפיציעל אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, צו דרוקן צייטונגען, צו קענען האָבן שולן אין דער שפּראַך, וכדומה.

דער געשריי, וואָס די אידישיסטן אין ארץ ישראל האָבן אויפגעהויבן: עברים עליך, ישראל! האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין די גלות־לענדער: דאָס איז ארץ ישראל'ס מזל, זי איז אַ גוט „קלינג־ברעט", דער מינדסטער שאָרך דאָרט שאַפט אַן אָפּקלאַנג. האָבן זיך פאַר דעם לאָזונג „רעכט פאַר אידיש אין ארץ ישראל" געכאַפּט די אידישיסטן אין געוויסע גלות־לענדער, איבערהויפּט אין אַמעריקע. ביי אונדז דאָ איז אַפילו געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע מיטן אומגעלומפּערטן נאָמען „די ליגע פאַר רעכט פון אידיש אין ארץ ישראל", וועלכע שטעלט זיך ניט אָפּ מיט די שוואַרצסטע פאַרבן צו שילדערן די ביטערע צרות, וואָס אידיש מוז נעבעך אויסשטיין פון אידן אין דעם אידישן לאַנד. די קליינע גרופּע פון אידישיסטן אין ארץ ישראל, וואָס כדי צו דערזען איר עקזיסטענץ, איז נויטיק אַ מיקראָסקאָפּ, איז פון דער דערמוטיקונג וואָס זי באַקומט אומגעריכט אין די גלות־לענדער גאָר אויפגעריכט געוואָרן, גענומען בויען שלעסער אין דער לופט, אַז מיט דער הילף פון די אידישיסטישע לעגיאָנען אין גלות וועט איר געלינגען צו „דעראָבערן" ארץ ישראל און דאָס איינגלידערן אין דער גרויסער „אידישיסטישער אימפּעריע".

די ארץ ישראל'דיקע אידישיסטישע גרופּע האָט שוין לעצטנס אפילו גענומען שיקן ספּעציעלע שליחים קיין אַמעריקע, פאַרצולייגן פאַר די גרויסע אידישע מאַסן אירע טענות און קלאָגעס, כאָטש די אידישע מאַסן זיינען באמת גאָר מלא שמחה פון די נייעס, וואָס קומען פון אונדזער לאַנד, אַז העברעאיש איז צוריק אויפגעלעבט געוואָרן, געוואָרן אַ שפּראַך „מיט לייטן צו גלייך", האָט אַפילו באַקומען די אַנערקענונג פון דער רעגירונג אַלס אַן אַפיציעלע שפּראַך. אידן פרייען זיך: נסים ונפלאות! אויך די אידן, וואָס פאַרשטייען קוים אַ אידיש וואָרט, זעען אין דעם אַ סימן פון אַ באַנייט מזל פאַר אונדזער פאָלק, דער אָנהויב פון „חדש ימינו כקדם", אויף וואָס זיי האָבן געבעטן אין זייערע תפילות.

באמת, איז די גאַנצע זאַך מיט דעם קאַמף, כביכול, פאַר אידיש אין ארץ ישראל ניט מער ווי חוזק און איז ווייטער פון די פיר ווענט פון דער „קיבעצאַרניע" ניט געגאַנגען. און צוליב דעם וואָלט זיך אויך ניט געלוינט

צו פאַרלירן צייט און אָטעם, האָט אָבער לעצטנס דער ענין געקראָגן אַ תנא דמסייע פון אַ גאַנץ אַנדער זייט, וואָס מאַכט די זאַך ערנסטער און פאַר־דינט יאָ די אויפמערקזאַמקייט מצד העברעער און ציוניסטן. דאָס באַציט זיך אויף דעם פאַקט, וואָס וויכטיקע אידישע שרייבער, ניט בלויז מענטשן, וואָס שרייבן צופעליק אידיש, נאָר מענטשן, וואָס שטייען נאָנענט צום נאַ־ציאָנאַלן קוואַל און פיל פון דעם וואָס זיי שרייבן, האָט אַ פּרעטענזיע צו זיין אַ טייל פון אונדזער נאַציאָנאַלן אוצר — שרייבער ווי לייוויק, אָפּאַטאָשו א. ד. גל. האָבן לעצטנס גענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער העברעאי־שער שפּראַך און צום ציוניזם. זיי ווילן זיך עס אריינלייגן אין שלום צווישן העברעאיש און אידיש, וואָס פירן כלומרשט צווישן זיך אַ קאַמף, און מאַכן צווישן זיי אַז אויסגלייך, סיי אין ארץ ישראל און סיי אין גלות. ווייל, זאָגן זיי, אַז כל זמן אויף דעם געביט איז קיין שלום ניטאָ, איז שווער פאַר זיי און זייער גלייכן צו אַרבעטן מיטן גאַנצן הארצן פאַר דעם אויפבוי־ווערק פונם אידישן לאַנד. די דערגרייכונג דאָרט אינם לעצטן צענדליק, יאָר אַנער־קענען זיי אַלס אַ גרויסן נאַציאָנאַלן אויפטו און פאַר אַ יש, וואָס איז אים באַשערט צו האָבן גרויס איינפלוס אין אידישן לעבן.

צוליב דעם איז געוואָרן וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע פון אידיש און העברעאיש אויף דאָס ניי, און קלאָר צו מאַכן איינצקע פונקטן. די דערמאָנטע שרייבער פאַרדינען עס: זייער כוונה איז געווים אַ ריכטיקע, אַ ריינע, זיי האָבן ערלעכע וואונטשן. לוינט זיך די זאַך קלאָר צו מאַכן, כדי גלייך ביים אָנהויב צו פאַרמיידן אומנויטיקע מיספאַרשטענדענישן.

ב

אויך בשעת מען האָט ביי אונדז זייער פיל גערעדט וועגן דעם שפּראַך־קאַמף, איז באמת צווישן אידיש און העברעאיש גאָר קיין קאַמף ניט פאַר־געקומען. די צוויי האָבן געלעבט צווישן זיך בשלום, ולא יחלוקו. דער קאַמף איז דורכאויס געווען אַן אויסטראַכטעניש מצד די אידישיסטן, אין וועלכן די העברעער זיינען ניט ווילנדיק אריינגעצויגן געוואָרן. די מלחמה, וואָס די אידישיסטן האָבן געפירט קעגן העברעאיש, איז געווען אַ קאַמף קעגן ווינט־מילן, ווייל דער שונא פון אידיש איז ניט העברעאיש, נאָר די לאַנדס־שפּראַך, וואָס איז אויך גלייכצייטיק דער שונא פון העברעאיש. העברעאיש איז קיינמאָל ניט געווען קיין שונא פון אידיש, ער איז אָבער אַ שונא פון אידישיזם, לויט די דעפיניציעס, וואָס זיינע הויפּט־שעפער האָבן אים געגעבן.

אידיש איז געווים ניט קיין שונא פון העברעאיש, ווייל נאָר מיט זיין כח און אונטער זיין השפעה איז ער געוואָרן אידיש. זאָל מען

צונעמען די העברעאישע ווערטלעך און אויסדרוקן פון אידיש, זאל מען אראפ־נעמען דעם העברעאישן איינפלוס וואס האט אריינגעדרונגען אויך אין אי־דישן סינטאקסיס, ווערט די שפראך אויס אידיש נאר א שלעכטער דייטשישער דיאלעקט. איידער אידיש איז געווארן א י ד י ש, איז דאס פריער געווען ע ב ר י־טייטש. „צוויי פעלקער אין איין בויך", און עס איז פארגעקומען אז אמת'ער ויתרוצצו. ערשט שפעטער, ווען די צוויי עלע־מענטן האבן זיך גוט דורכגעמישט, און העברעאיש האט אריינגעיאגט זיין גייסט אינם בלוט־שטראם פון דער שפראך, איז געשאפן געווארן א י־ד י ש. און די באציאונג פון אידישן פאלק צו אט דער שפראך איז געווארן אז אינטימע ווי צו עפעס, וואס איז אים אייגן — זיין גייסט.

* * *

עס איז קיין ספק ניט, אז די אידישע מאסן האבן ליב די שפראך, וואס זיי ריידן. ניט אומזיסט רופן זיי דאס: א י ד י ש. זיי האבן ליב א אידיש ווארט, א אידיש ליד, זיינען זיך פשוט מחיה, ווען זיי הערן עס. אבער עס וועט קיין אידן ניט איינפאלן, אז דארום איז אידיש די נאציאנאלע שפראך פון אונדזער פאלק. קענן דעם ווערט זיך דער איד, ווייל זיין גאנצע געשיכטע איז אויפגעבויט אויף דעם פרינציפ, אז הגם מיר זיינען אין גלות, האבן פארלוירן אונדזער לאנד און אונדזער שפראך איז פארשניטן געווארן פון אונדזער מויל, און מיר האבן ניט קיין אייגענע רעגירונג, וועט דאך קומען א טאג אין זיין לעבן, ווען זיין פאלק וועט צוריק האבן זיין שפראך, זיין לאנד, זיין רעגירונג.

זיין לאנד לעבט ביי אים אין הארצן, גייט ניט ארויס פון זיין זכרון, און אויף טויזנטער וועגן האט ער זיך מיט דעם פארבונדן פון דער ווייטנס. זיין שפראך האט ער, כאטש ער האט זי ניט גערעדט, דאך ניט געלאזט פארגליווערט ווערן, נאר פארקערט, האט זי געהיט, ווי דאס שווארצאפל פון אויג און זי אנטוויקלט, און זי באניימט, און געמאכט זי פאר דער שפראך, ניט נאר פאר „דברים שבקדושה", נאר אויך פאר די אינטערעסן פון טאג־טעגלעכן לעבן. העברעאיש האט באמת דערפילט א וויכטיקע נאציאנאלע מיסיע אין יענער צייט, ווען דאס פאלק, צעשפרייט איבער אלע שבעה ימים, האט גענומען ריידן אלערליי לשונות: דורך דעם העברעאישן•ווארט, דורך דעם העברעאישן ספר, איז ניט נאר געשאפן געווארן א פארבינדונג צווישן די פארשידענע פאלקס־טיילן, וועלכע האבן גערעדט פארשידענע לשונות, נאר עס איז אויך געשאפן געווארן א געוויסע ענלעכקייט — קרבת הרוח — צווישן די באזונדערע טיילן: העברעאיש איז, אזוי צו זאגן, געווארן די אב־סטראקטע אידישע טעריטאריע, דער מרכז רוחני, דאס מאגנעטישע פעלד, פאר די פארשידענע פעריפעריעס.

עס איז דארום א טעות מצד די אידישיסטן צו ציען א פארגלייך צווישן אידיש און אנדערע מאדערנע שפראכן, למשל, וועלכע זיינען אנטשטאנען פון לאטייניש, וואס האבן לסוף פארטריבן לאטיין און פארנומען איר פלאץ. דער פארגלייך הינקט אונטער. מיטן אויפשטייג פון די נייע שפראכן, האבן זיך יענע גרופעס דערפילט אלס באשטימטע, באזונדערע פעלקער, אויף וועלכע לאטיין האט געלאסטעט ווי א שווערע משא, איז געווען פאר זיי א צוואנגס־יאך. האבן זיי, אן שום שוועריקייט און אן שום צערעמאניעס, געווארפן לאטיין, וואס איז זיי געווארן פרעמד, און גענומען אנטוויקלען אייגענע קולטורן אין זייערע אייגענע שפראכן מיט אנערקענונג פאר לאטיין, אלס דער אורשפרונג פון זייער לשון. ביי אונדז איז בנוגע אידיש פארגע־קומען א גאנץ אנדער פראצעס. און הגם ער איז ביז א געוויסן גראד ניי, איז ער דאך ניט אינגאנצן ניי. ענלעכע פראצעסן זיינען פארגעקומען אין אידישן לעבן אין לויף פון די לאנגע גלות־יארן. אידיש האט זיך ניט אנטוויקלט פון העברעאיש, ווי שפאניש, פראנצויזיש און איטאליעניש א. ד. גל. פון לאטיין, נאר אידיש איז געווארן אידיש ד ו ר ך העברעאיש. דער אנטוויקלונגס־פראצעס פון העברעאיש האט זיך דורך דעם אויפקום פון אידיש ניט אפגעשטעלט, נאר פארקערט, אידיש האט אריינגעבלאזן א רוח־חיים אין צענדליקער טויזנטער העברעאישע אויסדרוקן און ווערטער, דורך באהעפטן זיי מיט דעם ווירקלעכן לעבן, פון וועלכן זיי האבן געצויגן יניקה. אידיש האט אויף אזא אופן לייכטער געמאכט דעם פראצעס פון דער ווידעראויפלעבונג פון דער העברעאישער שפראך, ווייל א גרויסער טייל פון העברעאישן ווערטער־אוצר האט צוליב אידיש געלעבט ביים פאלק אין מויל. די אידישע שפראך קען קיינמאל ניט פארנעמען דעם פלאץ פון הע־ברעאיש און ווערן די נאציאנאלע שפראך פונם פאלק. זי האט דאס אויך קיינמאל ניט פרעטענדירט, נאר שטענדיק געוואוסט איר פלאץ, איז געווען צופרידן מיט דעם נוץ, וואס זי בריינגט העברעאיש, אלס באלוינונג פאר די אלע טובות, וואס העברעאיש האט איר געטאן. העברעאיש איז דאך איר מוטער. און די צוויי שפראכן האבן צווישן זיך געלעבט בשלום, ביז עס איז געקומען די נייע סעקטע אידישיסטן, א סארט קאראאימער, נאר אויף דער פארקערטער זייט. יענע האבן ניט געוואלט אנערקענען די ת ו ר ה ש ב ע ל פ ה, און די ווילן ניט אנערקענען דאס לשון ש ב כ ת ב. דאס אידישע פאלק נעמט די סעקטע צו קענטניש און גייט זיין וועג ווייטער.

איידער די אידישיסטן זיינען געקומען, איז געווען אן אנדער גרופע, וואס האט ניט אנדערש געוואלט ווי, אז דאס פלאץ פון אידיש זאל פאר־נעמען די לאנדס־שפראך. זי האט זיך געהאלטן ביים אמאליקן אויסדרוק: עברית או יונית—סורסית למה? (העברעאיש אדער גריכיש, אראמעאיש, ווער דארף עס?) זי האט ניט איינגעזען דעם אונטערשיד. סורסית איז אונדז

געוועז א פרעמדע שפראך, הגם פון זעלבן סעמיטישן אפשטאם. אז אנדער פאלק האט די שפראך גערעדט. איז אויב מען רעדט שוין א פרעמדע שפראך, איז פארוואס ניט גריכיש? אבער אידיש איז ניט קיין פרעמדע שפראך. קיין אנדער פאלק רעדט ניט קיין אידיש. נאר מיר אלייןריידן די שפראך, זי איז בלוט פון אונדזער בלוט און פלייש פון אונדזער פלייש. און בשעת דעם ערשטן פלאץ אין אונדזער הארץ און באוואוסטזיין פארנעמט העברע־איש, בלייבט דאך אידיש אונדז נאענט צום הארצן און קיין פרעמדע שפראך קען ניט פארנעמען איר פלאץ. די ערשטע השכלה־גרופע האט שוין לאנג דעם קאמף פארלוירן. אידיש האט באקומען זיין אנערקענונג אלס א שפראך, ניט נאר ביי אידן, נאר אויך אין דער וועלט. און די נייע אידישיסטישע סעקטע, וועלכע וויל דווקא אוועקזעצן אידיש אויפן פלאץ פון העברעאיש, וועט מוזן פארלירן. העברעאיש בלייבט ווי ביז איצט די נאציאנאלע שפראך פון אידישן פאלק. איצט נאך מער ווי שטענדיק, מחמת איצט איז העברעאיש א לעבעדיקע שפראך און האט א „פלאץ אונטער דער זון", וואו זי קען זיך אומגעשטערט אנטוויקלען.

ג

קיינער ווינטשט ניט דעם אונטערגאנג פון אידיש. וועגן נארישע העברעאיסטן איז דא ניט די רייד. קלוגע העברעאיסטן ווייסן, אז העברעאיש וועט ניט געבויט ווערן פון דעם חורבן פון אידיש. קלוגע העברעער ווייסן ווי צו שעצן אידיש און די גרעסטע העברעאישע קלאסיקער האבן אליין געשריבן אידיש. ניט נאר מענדעלי, שלום־עליכם, פרץ, האבן געשריבן איןביידע שפראכן, נאר אפילו דער לייב פון דער השכלה יהודה לייב גארדאן, אויך דער נאציאנאלער דיכטער פרוג, וועמענס געבורטיד־שפראך איז געוועזן רוסיש, האט געהאט א גרויסע ליבע פאר אידיש און העברעאיש און ציוניסטן האבן געוואוסט, פון וואנען די ליבע שטאמט. זי איז געקומען פון דעם נאציאנאלן באוואוסטזיין. דער אידישער נאציאנאליסט באציט זיך מיט אכטונג צו יעדער שאפונג פון אידישן גייסט, און אידיש איז זיכער אזא שאפונג.

פונדעסטוועגן דארפן מיר, אלס רעאליסטן, קיינמאל ניט פארגעסן, אז עס קען זיך טרעפן — די שעה זאל ניט זיין — אז אידיש זאל פארשניטן ווערן פונם מויל פון אידן, ווי עס האט געטראפן מיט אנדערע שפראכן, וואס אידן האבן גערעדט, אויך מיט העברעאיש. די אידישע געשיכטע טוט אפ אלערליי שפיצלעך. און אויב דאס טרעפט, וואס וועט דעמאלט זיין, אויב מיר זאלן לאזן די אידישיסטן אויספירן און לאזן העברעאיש פאלן?

אזעלכע זאכן האבן דאך געטראפן. נעמען מיר אראמעאיש. סיי דער תלמוד בבלי, סיי דער תלמוד ירושלמי זיינען געשריבן געווארן אין צוויי אראמעאישע דיאלעקטן, אבער ביידע אין אראמעאיש. דער תלמוד איז גע־

ווען א פּלפּול אַרום ריינע העברעאישע טעקסטן, ווי די משנה און מקרא, און ער איז דערפאַר געשריבן אין אַראַמעאישע דיאַלעקטן, וואָס דאָס פאַלק האָט דעמאָלט גערעדט. וואָס איז שפּעטער געוואָרן? די אידן האָבן פּלוצלונג אויפגעהערט ריידן אַראַמעאיש, אידן ציען זיך איבער אין אַנדערע צענטערן, וואו אַראַמעאיש איז שוין אַ פרעמדע שפּראַך, ווי אידיש איז דאָס היינט צו טאָג אין איטאַליען, למשל, אָדער גריכנלאַנד, באַגדאַד אָדער אַלעפּאַ. וואָס וואָלט פון דעם תלמוד געוואָרן אין יענע לענדער, וואו אַראַמעאיש איז ניט גערעדט געוואָרן, און אויך אין די לענדער, וואו אַראַמעאיש איז אונטערדריקט און פאַרגעסן געוואָרן, ווען ניט העברעאיש, וואָס איז געקומען צו הילף אַראַמעאיש און אים פאַרטייטשט. וואָס וואָלט פון תלמוד געוואָרן, ווען ניט דער פּירוש רש״י, און נאָך פריער דער רי״ף, וואָס האָט איבערגעגעבן דעם גאַנצן אַראַמעאישן פּלפּול אין גוטן העברעאיש?

דער תלמוד וואָלט פאַר אידן געווען אַ ספר החתום. אויב ער איז גע־ראַטעוועט געוואָרן, דאַרף ער דאַנקען העברעאיש, וואָס האָט אים געמאַכט פאַרשטענדלעך פאַרן פאָלק, אונדזער רש״י מיט זיין פיינעם העברעאיש, וואָס איז כמעט אַ פאָלקס־שפּראַך.

דאָ האָט איר אַ מאָדנעם קוריאָז: אַ בוך ווערט געשריבן ניט אין העברע־איש, נאָר אין אַ פרעמדער שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק רעדט דעמאָלט, מיטן צוועק צו דערקלערן די העברעאישע טעקסטן. דאָס איז דאָך אייגנטלעך וואָס דער תלמוד איז, לסוף מוז שפּעטער קומען העברעאיש און דערקלערן און איבערזעצן דעם דאָזיקן פרעמד־שפּראַכיקן פּלפּול, כדי אידן זאָלן פאַרשטיין וועגן וואָס דער גאַנצער ענין גייט.

אינטערעסאַנטער איז די זאַך נאָך מיט דער איבערזעצונג פונם תנ״ך אויף אַראַמעאיש, אַט דאָס, וואָס מיר רופן תרגום. דער ציל איז געווען, אַז דער ברייטער המון זאָל פאַרשטיין דעם טייטש פונם העברעאישן טעקסט. דאָס פאָלק האָט עס אַפילו אויפגעהערט רופן אַראַמעאיש, נאָר ת ר ג ו ם, וואָס מיינט א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג, האָט אַפילו אָנגעהויבן רופן אַראַ־מעאיש מיטן נאָמען תרגום־לשון. דער דין איז „שנים מקרא ואחד תרגום״, כדי דורך דעם תרגום גוט צו פאַרשטיין דעם זין פון פסוק. און וואָס איז איצט דער סוף? אויב אידן פאַרשטייען איצט אַט דעם תרגום־לשון, איז דאָס אַ דאַנק דעם העברעאיש. יעדער פון אונדז האָט זיך אויסגעלערנט אַראַמעאיש מיט דער הילף פון דעם העברעאישן טעקסט, ווי שפּעטער אין די צייטן פון מענדעלסאָן האָבן זיך אַ סך אידן אויסגעלערנט דייטש מיט דער הילף פון זיין איבערזעצונג פון תנ״ך.

דאָס זעלבע, אויף אַן אַנדער אַרט, איז דאָך געשען מיט אַראַביש. פיל פון אונדזערע גדולים האָבן געשריבן זייערע ווערק אויף אַראַביש, כדי דאָס פאָלק זאָל פאַרשטיין. ווייל די אידן אין יענער געגענט האָבן דעמאָלט גע־

רעדט אראביש. און אויסגעלאזט האט זיך אז נאר די אראבישע ספרים זיי־ערע, וואס זיינען איבערזעצט געווארן אין העברעאיש, קען דאס פאלק, בעת אנדערע, וועלכע זיינען געבליבן אויף אראביש, וואלגערן זיך ערגעץ אויף די פאליצעס פון פארשידענע ביבליאטעקן און ווערן אויפגעגעסן פונם צייט־שטויב. דאס פאלק ווייסט ניט פון זיי. נשכחו כמת מלב.

די דאזיקע דערפארונגען קומען דאך אונדז עפעס לערנען און דערפאר זאגן קלוגע העברעער: אוודאי איז אונדזער חוב אויפצוהאלטן אידיש, קעמפן פאר זיין עקזיסטענץ, אבער אונדזער שטענדיקער חוב איז אויפצוהאלטן העברעאיש, פארטזעצן זיין קיום, וואס דאס איז גוט פאר דעם היינט, אבער קען זיך ארויסווייזן נאך וויכטיקער פאר דעם מארגן, ווייל ווער ווייס, וואס דער מארגנדיקער טאג קען געבוירן?

דאס איז די שטעלונג פון די העברעער צו אידיש. דאס איז ניט זייער שטעלונג, נאר די שטעלונג פונם ברייטן אידישן פאלק, א שטעלונג, וואס איז באַרעכטיקט דורך דער דערפארונג פון אונדזער לאנגער געשיכטע.

ד

מיט דעם אויפקום פון ציוניזם, וואס האט זיך געשטעלט די אויפגא־בע מקרב צו זיין די גאולה, דערנענטערן משיח'ס צייטן, האבן די טרעגער פון דער אידייע גענומען ריידן אין איין אטעם אי פון אויפבוי פון אידישן לאנד, אי פון אויפלעב פון דער העברעאישער שפראך, און אויך צוריקשטעל פון דער אידישער אומאפהענגיקייט, פון דער אידישער מדינה.

די ציוניסטן האבן דא באמת קיין זאך ניט מחדש געווען. די דאזיקע דרייאיינציקייט איז אייגנטלעך דער תמצית פון דער אידישער האפנונג אין פארלויף פון טויזנטער דורות, זייט אידן זיינען פארטריבן געווארן פון זיי־ער לאנד. דער איינציקער אויפטו פון די ציוניסטן איז געווען, וואס זיי האבן זיך געפלייסט איבערזעצן אין דער שפראך פון רעאליטעט די ביז דעמאלט אין דער לופט־שוועבנדיקע האפנונג.

אויף אט די אלע דריי געביטן האבן די ציוניסטן געהאט דערפאלג, ווייל זיי האבן אין דעם געהאט די דירעקטע און אומדירעקטע שטיצע, אפע־נע און שטילע, פונם רוב מנין ורוב בנין פונם אידישן פאלק. דעם גרעסטן דערפאלג האבן אבער די ציוניסטן געהאט אין דעם אויפלעב פון דער הע־ברעאישער שפראך, ווייל אין די צוויי אנדערע געביטן איז עס ניט אינ־גאנצן געווען אפהענגיק פון זיי, נאר פון אנדערע, אויסער זייער רשות שטיי־ענדיקע פאקטארן. דער אויפלעב אבער פון דער שפראך איז מייסטנס אפגע־האנגען פון זיי אליין. עס זיינען אויף דעם פעלד געמאכט געווארן הערואישע אנשטרענגונגען און עס זיינען געבראכט געווארן גרויסע קרבנות. אבער אויך דאס געווינס איז געווען זייער גרויס, דער נס איז געשען: אונדזער

שפּראַך איז אויפגעשטאַנען צו אַ נײַ לעבן, שײַן אין קלאַנג, רײַך אין וואָרט, פאַרביק אין אויסדרוק — אַ שפּראַך מיט אַלטע וואָרצלען, אָבער אויך מיט פרישע צווײַגן און זאַפטיקע פּרוכט.

מיט דעם אויפשטײַג פון ציוניזם איז אויך געקומען דער אידישער רע־נעסאַנס, וואָס האָט זײַן פולסטן און קערנדיקסטן אויסדרוק געפונען אין העברעאיש, אָבער עס איז געווען אַ ברייטער שטראָם, וואָס האָט זיך איבער־געגאָסן און אין אַ גרויסער מאָס געפונען אויסדרוק אויך אין אידיש. וואָס דאָס איז געווען צו דערוואַרטן. אָבער אויך אין רוסיש, דײַטש, ענגליש, אויך אין לאַדינאָ. בובער, זאַנגוויל, פלעג, עמאַ לאַזאַרוס, זיי און פיל אַנדערע אין די פאַרשידענע שפּראַכן געהערן דורכאויס צו אונדזער רענעסאַנס־פּע־ריאָד. זייערע שאַפונגען וועלן מיט דער צייט אַרײַנגענומען ווערן אין דעם נאַציאָנאַלן אידישן אוצר. אָבער אין עיקר איז דער רענעסאַנס געקומען צו אַנטפּלעקונג אין דער ערשטער ליניע אין העברעאיש און אין אידיש.

אין אידיש איז אין דער לעצטער צייט געשאַפן געוואָרן אַ זייער רײַכע, ווײַט־פאַרצווײַגטע ליטעראַטור. דאָס אידישע פאָלק האָט זשעני, וואָס קלעקט פאַר אַלע פעלקער, אָבער ווען עס קומט צו אייביקע, נאַציאָנאַלע אידישע ווערטן, בלײַבט נאָך אַלץ העברעאיש שטיין ברום המעלה. צו וועלכן אפילו אידיש קען נאָך ניט דערגרייכן, הגם אידיש ווערט גערעדט פון צען מיליאָן און העברעאיש ווערט גערעדט בלויז פון יחידי סגולה, און פאַרשטאַנען מאחד בעיר ושנים במשפחה.

דאָ ווערט ניט גערעדט מכח די העברעאישע שאַפונגען פון די אַלטע דורות, נאָר מכח די פון די לעצטע זעכציק יאָר פון השכלה און נאַציאָנאַלן אויפלעבונגס־פּעריאָד. פון שד"ל, רנ"ק, אחד־העם, בערדיטשעווסקי, ניימאַרק, צייטלין, בערנפעלד, ביז יעקב קלאַצקין און יחזקאל קויפמאַן און אינצווישן — דער אַרבעטער־אָפּצווײַג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט ליבערמאַן, זונ־דעלעוויטש, מיט זייערע פּאָעטן ווי קאַמינער, יהל"ל, ביז אויף א. ד. גאָרדאָן. זיי שטייען אַליין. אין די אַלע אַנדערע ליטעראַטורן, אין וועלכע אידן באַ־טייליקן זיך אַלס אידן, האָבן זיי קיין גלייכן ניט. דאָס זעלבע איז ריכטיק מכח דער פּאָעזיע אויף העברעאיש, אָנגעהויבן פון ביאַליק, — און פאַר אים נאָך מיכ"ל, מאנה, לעטערים, — טשערניכאָווסקי, שניאור, יעקב כהן, פיכמאַן, שמעונוביץ, למדן, שלונסקי א.א.וו. ביז אויף דער אינגסטער פּאָ־עזיע, וואָס ווערט פאַרטראַטן אין ארץ ישראל דורך רחל, פינקערפעלד, רמון, טמקין — דאָ ווערט ניט גערעדט וועגן זייער גרויסן ליטעראַרישן ווערט, נאָר וועגן זייערע עכט־אידישע, נאַציאָנאַלע מאָטיוון. אויך זיי האָבן ניט קיין גלייכן אין קיין אַנדער שפּראַך, וואו אידן שאַפן, אפילו אין אידיש, וואָס האָט גאָר גרויסע פּאָעטן, אמת'ע ריזן.

דאָס איז ריכטיק אפילו וואָס שייך דעם ראָמאַן און דער קלענערער

דערציילונג, א געביט, וואס איז ניט זייער רייך אין העברעאיש און דאך, אנגעהויבן מיט מאפו׳ס אהבת־ציון — דער ערשטער אנזאג אויף דעם נייעם רענעסאנס, וואס ווערט פארבונדן מיטן אלטן ציון — זיינען אין העברעאיש געשאפן געווארן מאנומענטאלע ווערק אויף דעם געביט. וואס שייך זייערע מאטיוון, בלייבן זיי אייביק. ווען מיר לאזן אויס די גרויסע דריי, מענדעלי, שלום־עליכם, פרץ, וועלכע האבן געשריבן איןביידע שפראכן, האבן מיר אין העברעאיש א גאנצע פליאדע דערציילער, וואס אין סדר־הכל, ווען מען רעדט פון אייביקע אידישע מאטיוון, זיינען זיי אומפארגלייכלעך, יחידים במינם.

גענוג צו דערמאנען אייניקע: ברענער, שאפמאן, פייערבערג, עגנון, קאבאק, יהודה שטיינבערג, בורלא, בערקאוויץ, המאירי, מ. סיקו, סעקלער, פריער אויך בערדיטשעווסקי — ביז שטיינמאן, הזז, באראש, עבר הדני, סמילאנסקי, און אונטער זיי שטייט א גאנצע ריי מיט יונגע שאפער, וואס נעמען ערשט פאנאנדערשפרייטן זייערע פליגלען. זיי קינדיגן שוין אן דעם אנקום פון א נייעם שאפונגס־פעריאד אין אונדזער שפראך — אלץ דאס קומט דאך אונדז עפעס לערנען. און נאר בלינדע קענען פארזען די גרויסע שאפונגס־כחות, וואס ליגן פארבארגן אין דעם מיט העברעאיש פארבונדענעם אידן, ווען פון אזא קליינער צאל מענטשן שפרינגען ארויס אזוי פיל אריגי־נעלע, ביז אויף דעם לעצטן טראפן פון זייער גייסט, אידישע שאפער.

דערווייל, טראץ דעם, וואס עס האנדלט זיך ניט מער ווי וועגן א פאר צענדליק יאר, האט העברעאיש זיך אנטוויקלט צו דער שטופע פון אן אונ־טערריכטס־שפראך — פון קינדער־גארטן, ביז דער אוניווערזיטעט, ועד בכלל. מיר האבן דערלעבט, אז אפילו אין פוילן האט א פערטל מיליאן אידן אנגע־געבן העברעאיש אלס זייער אומגאנגס־שפראך. טא וועמען אינטערעסירט וואס אידישיסטן און אנטי־ציוניסטן האבן צו זאגן? מיר גערענקען נאך זייערע צונעמען, סיי אויף אונדזער לאנד, סיי אויף אונדזער שפראך. „לשון־קודש" איז ביי זיי געווען „לאקשן־קודש". קערן מיר זיך אפ פון זיי און מיר זאגן: „שפתנו אתנו — מי אדון לנו?" דאס פאלק האט געשפראכן. ארץ ישראל ווערט צוריק א אידיש לאנד און העברעאיש ווערט לסוף ניט נאר א נאציאנאלע שפראך אין נאמען, נאר אויך אין פאקט. זי לעבט צוריק אין אידישן מויל און איז אין אונדזער לאנד שוין אנערקענט אלס די נאַ־ציאנאלע שפראך פון אידישן פאלק.

ה

די דאזיקע דערגרייכונגען, וואס העברעאיש האט געמאכט אין ארץ ישראל, האבן נאטירלעך געפאדערט געוויסע, לפי־שעה׳דיקע באשרענקונגען אויף דער אייגענער פרייהייט אין אנדערע שפראכן. די אידן אין ארץ ישראל האבן מיט פרייד אויף זיך גענומען, האבן, אזוי צו זאגן, מקבל באהבה

געוועז דעם עול־מלכות, העברעאיש, ווייל זיי האבן געוואוסט אז דורך די „ימי־הגבלה" וועלן זיי זוכה־זיין צו „מתן לשון", צוריק צו באקומען זייער אייגענע שפראך, וואס האט גלייך מיט זיי געליטן אין גלות. בן־יהודה איז געוועז דער ערשטער, וואס האט געוויזן דעם וועג. ער האט אויף זיך ארויפ־געלייגט א צוואנג, אויף זיך א נדר גענומען קיין אנדער שפראך ניט צו ריידן, אחוץ העברעאיש, ניט נאר אידיש, נאר בכלל ניט ק י י ן א נ ד ע ר ש פ ר א ך. ער האט די „גזרה" באטראכט אלס די חבלי־יצירה פון דעם אויפלעב פון העברעאיש, באטראכט עס ווי א וויכטיקע דעמאנסטראציע פאר די ברייטע אידישע מאסן, סיי אין ארץ ישראל סיי אין גלות, אז די שעה פאר אט דעם אויפלעב האט געשלאגן. בן־יהודה איז געוועז דער ערשטער, אבער ניט דער איינציקער. אנדערע ענטוזיאסטן, אדער פאנאטיקער, אויב איר ווילט, האבן זיך געשטעלט אין דער ריי, און דער עקספערימענט האט זיך איינגעגעבן.

די דאזיקע באגרענצונגען אויף זייער אייגענער רייד־פרייהייט, וואס די אידן אין ארץ ישראל האבן אויף זיך גענומען מתוך אהבה, האלטן נאך אן דארט עד היום, אבער זיי זיינען דורכאויס ניט מער ווי הוראת שעה, ווייל די ניי־אלטע שפראך האט זיך נאך ניט גענוג פארווארצלט און עס איז דא א סכנה, אז אין דעם בבל פון לשונות, וואס הערשן אין אונדזער לאנד — ארץ ישראל אלס אן איינוואנדערונגס־צענטר איז אן אמת'ער קבוץ גליות — זאל העברעאיש ניט צוריק פארשווינקט ווערן פון אידישן מויל.

וואס זיינען איינגעטלעד די באגרענצונגען? עס ווערן ניט ארויסגעגעבן קיין צייטונגען אין אנדערע שפראכן, הגם געוויסע אפּווייכונגען ווערן דער־לויבט. אזוי, למשל, גייט ארויס א טאג־צייטונג אויף ענגליש, וואס ווערט מסתמא געלייענט פון פיל אידן, אבער ניט געמיינט הויפטזעכלעך פאר זיי. עס גייען אויך ארויס צוויי וועכנטלעכע ענגלישע צייטונגען פון ריינעם אידישן אינהאלט, נאר זיי זיינען ניט אויסגערעכנט פארן אינערלעכן מארק, נאר פאר עקספארט. ווען געוויסע דייטשישע אידן האבן ארויסגעגעבן א צייטונג אויף דייטש, האט זיך אויפגעהויבן א גוואלד מצד דער אידישער באפעלקערונג קעגן אזא פרואוו.

אזוי אויך האבן אידן אויף זיך ארויפגענומען אן איסור ניט צו ריידן ביי אפיציעלע ארויסטרעטונגען קיין אנדערע שפראכן אויסער העברעאיש. דאס האט, נאטירלעך, געמיינט גרויסע אומבאקוועמלעכקייטן פאר פארשי־דענע מענטשן, וואס אין זייערע לענדער זיינען זיי געוועזן בארימט אלס גרויסע רעדנער און דא זיינען זיי מיטאמאל געווארן אדער גאר שטום, אדער שטאמלער. אבער קיינער האט זיך ניט באקלאגט.

דען דאס האט דאך ניט קיין פרעמדע מאכט אויף אונדז ארויפגעלייגט א פארבאט צו ריידן אויף אונדזער לשון, קעגן וועלכע מיר וואלטן זיך גע־

ווים געווערט, נאר דאס האט דאך אונדזער לשון, העברעאיש, ארויפגעלייגט א צייטווייליקן פארבאט אויף אנדערע לשונות, אויך אידיש אין דעם כלל, כדי זי זאל אין לאנד באקומען די העגעמאניע, וואס קומט איר, ווייל אזוי וויל דאס פאלק, און ווייל דאס איז אין גייסט פון דער גאנצער ארבעט, וואס מיר טוען אין ארץ ישראל.

אויפלעבן די העברעאישע שפראך אזוי, אז זי זאל געלערנט ווערן אויפן זעלביקן אופן, ווי אנדערע שפראכן און אויך דינען אלס אומגאנגס־שפראך, מיינט, אז ענדלעך וועט אויסגעשמידט ווערן דער פארבינדונגס־רינג צווישן אלע טיילן פון אידישן פאלק, וואס איז צעשפרייט אויף שבעה ימים. דער פאלקס־געניוס גרייט שוין צו די כלים, וואס די נייע באדינגונגען, וואס הערשן אין די פארשידענע לענדער וואו אידן וואוינען, — מאכן נויטיק.

אידיש ווערט נאך פיל גערעדט, אבער אפילו אין לענדער, וואו אידיש ווערט גערעדט, זיינען שוין פאראן מיליאנען אידן, וואס ריידן מער ניט קיין אידיש, נאר די לאנדס־שפראך. דורך דעם גערעדטן העברעאישן ווארט, מיט דער פארשטארקונג פון דעם אידיש־נאציאנאלן געדאנק, וועט מעגלעך זיין צו דערגרייכן לכל הפחות די אינטעליגענץ פון יענע טיילן, וואס ריידן מער ניט קיין אידיש. היינט וואס מכח די לענדער, וואו אידיש ווערט בכלל ניט גערעדט? צי קענען מיר זיי דען איגנאנצן מבטל זיין? די פראנצויזישע, איטאליענישע און ספרד'ישע אידן. מיט העברעאיש קען מען זיי דערגרייכן, אבער ניט מיט אידיש. נאך עפעס: אין העברעאיש האט יעדער פאלקס־טייל א חלק, אפילו די תימנ'ער אידן: זיי האבן אפילו א פאלקלאר אויף העברעאיש געשאפן. ניט אזוי אידיש, וואס איז די שאפונג פון געוויסע טיילן, אבער ניט פון גאנצן אידישן פאלק.

פון דעם איסור, וואס די אידן אין ארץ ישראל האבן ארויסגעגעבן קענן זיך אליין אויף די פרעמדע שפראכן, וואס זיי ריידן, האט נאטירלעך־געמוזט ליידן אויך אידיש, און אידיש גראד מער ווי אנדערע שפראכן, דווקא דערפאר, ווייל אידיש איז נאציאנאל אין תוך, ניט קיין פרעמ־דע שפראך, נאר אן אייגענע. אבער דא איז ניט געווען קיין כונה אידיש צו באליידיקן, נאר להיפוך, דער שווערער איסור קענן אידיש איז אן אומ־דירעקטער קאמפלימענט צו דער דאזיקער שפראך. די אידן, וואס ריידן אידיש, האבן זיך ניט באקלאגט, ווייל זיי האבן פארשטאנען די כונה, טאקע צוליב דער נאענטקייט פון אידיש צום דעם אידישן הארץ איז געווען נויטיק צו מאכן א סייג לסייג. קיינער האט ניט פראטעסטירט, ווייל מען קען דאך ניט פראטעסטירן קעגן זיך אליין. ווען א טאכטער נעמט אוועק דעם ביסן ברויט פון איר מויל און גיט עס אוועק איר מאמע, ווער וועט דען פרא־טעסטירן אדער זיך באקלאגן? פארקערט, דאס איז דאך איר גליק, איר

פרייד, וואָס זי קען געבן איר מאַמע, ווען אַפילו זי אַליין ליידט דערפון. דער־
ביי מעג זי האָבן די האָפנונג, אַז שפּעטער וועט ווידער איר קינד אויף דער
עלטער איר אָפּגעבן כפל כפלים.

אַזוי איז דאָס געווען לאַנגע יאָרן. קיינער האָט זיך ניט באַקלאָגט אויף
דער דעספּאָטיע פון די העברעער. ביז עס זיינען געקומען די אידישיסטן
און אויפגעהויבן אַ יללה: אידיש ווערט אונטערדריקט! — און גענומען פּאָ־
דערן מינאָריטעט־רעכט פאַר זיך, אַ טערמין, וואָס פּאַסט זיך גאָר ניט
אַהער. ניט־ווילנדיק ווערט דאָ געשאַפן דער איינדרוק, ווי עס וואָלט זיך
געהאַנדלט פון צוויי פעלקער, גלייך ווי די, וואָס ריידן אידיש, זיינען גאָר
אַן אַנדער פאָלק. אָבער דאָס איז גרונט־פאַלש. אידן זיינען איין פאָלק, און
וואָס זיין מאַיאָריטעט באַשליסט, מוז זיין גילטיק פאַר אַלע זיינע מיט־
גלידער.

דער אַרגומענט פון מאַיאָריטעט און מינאָריטעט באַווייזט, וואָס
פאַר אַ געפאַר עס ליגט אין דער אידישיסטישער וועלט־אַנשויאונג. דאָס,
וואָס זיי זאָגן, קען נאָר מיינען, אַז זיי ווילן צערייסן דאָס אידישע פאָלק
אויף צוויי טיילן. אויף דעם מאָדנעם בליק וועלן אידן ניט איינגיין. וואָס
מיר זיינען, זיינען מיר, אָבער איין אידיש פאָלק זיינען מיר, וואָס פאַר אַ
שפּראַך מיר זאָלן ניט ריידן, אַפילו ווען מיר ריידן אידיש, וואָס איר נאָמען
באַווייזט איר אייגנאַרטיקייט, אָבער איין נאַציאָנאַלע שפּראַך האָבן מיר,
אונדזער אַלט־נייע שפּראַך — העברעאיש.

דער געשריי וועגן די גרויסע שוועריקייטן, וואָס די אידיש־ריידנדע
אידן מוזן ליידן אין ארץ ישראל, איז שטאַרק איבערטריבן, ווייל דאָרט איז
ניטאָ קיין פאַרבאָט קעגן אידיש ריידן און זייער פיל אידיש ווערט דאָרט
גערעדט. אויך קיין פאַרבאָט קעגן אידיש לייענען. אַלע אידישע צייטונגען
פון גאָר דער וועלט קומען דאָרט אַריין און ווערן געלייענט. אידישע ביכער
זיינען פאַראַן אין אַלע ביבליאָטעקן, ווער עס וויל לייענען, קען זיי לייענען
— אין אונס!

נאָך מער, די וויכטיקסטע קולטור־שאַפונגען אין אידיש ווערן איבער־
זעצט אויף העברעאיש. אידישע דראַמעס אין העברעאישער איבערזעצונג
ווערן געשפּילט אויף דער אידישער בינע, אַפילו אידישע פאָלקס־לידער ווערן
איבערזעצט און געזונגען פון אידן אין ארץ ישראל. דער פאַרבאָט איז בלויז
אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. ביי די הסתדרות־העובדים הויבט זיך אָן דער
פאַרבאָט אויף זייערע מיטגלידער צו ריידן אידיש אויף מיטינגען ערשט
נאָך צוויי יאָר. ד.ה. די ערשטע צוויי יאָר קען דער אַריבערגעקומענער מיטגליד
ריידן זיין שפּראַך. אָבער עס ווערט דערוואַרטעט, אַז ער זאָל אין צוויי יאָר
זיך אויסלערנען ריידן העברעאיש, וואָס דאָס איז גאַנץ מעגלעך· על כל

פנים האבן זיך זייער ווייניק באקלאגט, אז דער טערמין איז צו קורץ. ווען דער גוטער ווילן איז דא, פארשווינדן די שוועריקייטן.

ביז מיט א פאר יאר צוריק איז געווען דער מנהג, אז מען האט אפילו געסט ניט געלאזט ריידן אין פרעמדע שפראכן אויף עפנטלעכע פארזאמלונגען. לעצטנס איז דער איסור ארונטערגענומען געווארן, ווייל העברעאיש פילט זיך אביסל פעסטער, און ווייל די באציאונג פון די געסט צו העברעאיש איז די פון פריינט און ניט פון קעגנער.

אויך אנדערע איסורים און פארבאטן וועלן מיט דער צייט ארונטער. וועט קומען א אידישע מדינה, מיט איר פראפאגאנדע־אפאראט, וואס שליסט אויך איין ראדיא און פילם, און זי וועט נעמען אויף זיך די אויפגאבע פון העברעאיזירונג, וואס דאס באדייט, אז דער טעמפ פונם פראצעס וועט אנגיין פיל שנעלער ווי איצט, וועלן מסתמא דעמאלט אויך שוין דערלויבט ווערן אידישע צייטונגען, אידישע פילמס און אידישער אונטערהאלט. די מדינה וועט די זאך קאנטראלירן, פאר קיין קאנקורענט וועט דעמאלט קיין פחד ניט זיין. אידיש וועט מסתמא אויך איינגעשלאסן ווערן אלס לימוד־שפראך אין די העברעאישע שולן. דאס לעצטע קען מען אפשר שוין טאן, ניט ווארטנדיק אויף דער מדינה.

על כל פנים, די העברעער אין ארץ ישראל, ווי די אידישע מאסן בכלל, האבן ניט קיין האס קעגן אידיש, נאר פארקערט, האבן עס גאר זייער ליב. נאר דא האנדלט זיך וועגן א פראצעס דורך א נעגאטיוו, אזוי צו זאגן, צו שאפן א פאזיטיוו אין אידישן לעבן. דער נעגאטיוו — מוז דא נאך אמאל איבערגע׳חזר׳ט ווערן, — איז צייטווייליק. שווער צו זאגן, וויפל עס וועט נעמען, אבער מיט דער צייט, ווען העברעאיש וועט גענוג באפעסטיקט ווערן, וועט אידיש אין ארץ ישראל קיין שוועריקייטן ניט האבן.

ו

פון דעם אלעם געזאגטן מוז שוין קלאר זיין, אז די ארץ ישראל־אידן, אזוי גוט ווי די ציוניסטן, וואס ריידן אין נאמען פון די ברייטע אידישע מאסן, האבן גאר ניט צו פארהאנדלען מיט די אידישיסטן, וואס אנערקענען ניט העברעאיש אלס די נאציאנאלע שפראך און וועלכע זעען ניט איין די וויכטיקייט פון דעם העברעאישן פאקטאר אויך אין גלות. זיי און מיר ריידן ניט די זעלבע שפראך, נאר ריידן בפירוש אויף צוויי באזונדערע שפראכן.

ניט וועגן זיי איז דא די רייד. דער סוף פון דעם גאנצן גערודער ארום אידישיזם וועט זיין ווי דער ארום דעם טעריטאריאליזם. די אידישיסטן האבן אזא שאנס צו זיגן אין אידישן לעבן, ווי די קאראאימער אמאל, אדער ווי די אסימילאטארן מיט זייער אידעאלאגיע. מיר ריידן בלויז צו די אידן,

וועלכע פארשטייען די וויכטיקייט פון העברעאיש און די וויכטיקייט פון ציוניזם, וואס איז א רעזולטאט פון העברעאישן גייסט, נאר וואס האבן טענות, אז מען אונטערדריקט אידיש אביסל צופיל אין ארץ ישראל; זיי מיינען, אז עס קען געשאפן ווערן א געמיינזאמע פלאטפארמע פאר די, וואס שאפן אין אידיש און פאר די, וואס שאפן אין העברעאיש, סיי אין ארץ ישראל, סיי אין גלות, דורכדעם, וואס אין די אידישע שולן וועט איינגע־פירט ווערן דער לימוד פון ביידע שפראכן.

עס ווילט זיך גלויבן, אז אזא פלאטפארמע קען געשאפן ווערן; אין א סך אידישע שולן אין אמעריקע, וואס ווערן געפירט פון ראדיקאלע ציוניסטן, ווערט פאר אידיש אפגעגעבן א גרויס פלאץ. עס זיינען שוין אויך דא ניט־ציוניסטישע אידישע שולן, וואו העברעאיש ווערט געלערנט ניט נאר צוליב פארגאנגנהייט, נאר צוליב זיין קעגנווארט, און ווערט אויך אונטעררירכט ווי א לעבעדיקע שפראך. ביי אביסל גוטן ווילן קען מען קומען צו א פארשטענ־דיקונג אין דעם ענין. מצד די העברעער וועט וועגן דעם קיין שוועריקייטן ניט זיין, אויב, — און דער א ו י ב איז מיט גרויסע אותיות, — אויב די פירער פון דער קולטור־טעטיקייט אין אידיש וועלן ניט וואגן מינערן אויף איין האר דאס רעכט פון העברעאיש צו פיגורירן אלס די נאציאנאלע שפראך פון אידישן פאלק.

וואס שייך אידיש אין ארץ ישראל, מוזן מיר ביי אונדזערע נייע פריינט, וועלכע זיינען ערשט לעצטנס באקערט געווארן צום גרויסן געדאנק פון אויפבוי פונם אידישן לאנד, בעטן, אז זיי זאלן האבן געדולד און איינזען מיטן ישוב אין ארץ ישראל, וואס איז דער פיאנער אין דער גרויסער אויפ־גאבע פונם אויפלעב פון דער נאציאנאלער שפראך. זיי דארפן זיך ניט רע־כענען מיט די פאנאטיקער, וואס לעבן מיט דער פארמולע „עברית או רוסית" און זיי זיינען גרייט רופן אידיש מיטן פארעכטלעכן נאמען „זשאר־גאן". זיי זיינען ניט ארץ ישראל, זיי זיינען די לינקע זייט פון דער אידי־שיסטישער מטבע. די גרויסע אידישע מאסן — אויך די אידן אין ארץ ישראל — האבן אן אנדער באציאונג צו אידיש און ווילן ניט, חלילה, אז אידיש זאל פארגעסן ווערן. מיט דער צייט וועט אידיש באקומען א פאר־גיטיקונג פאר דער באשרענקונג. אין ארץ ישראל וועלן פיל אידישע קינ־דער לערנען אידיש. ווען אפילו עס איז ניט אנצונעמען, אז אין ארץ ישראל וועלן אלע אידישע קינדער קענען ריידן אידיש, — דאס וואלט געווען צופיל פארלאנגט. ניט יעדעס קינד איז מסוגל צו קענען צוויי שפראכן, — און אין ארץ ישראל וועט דאך די שפראך זיין העברעאיש, — איז עס אבער זיכער, אז א געוויסער טייל פון דער אינטעליגענץ וועט קענען אידיש און עס איז אויך זיכער, אז מען וועט לאזן די איינוואנדערער, וואס ריידן אידיש, זיך אויסלעבן אין אידיש, הגם מ'וועט טאן אלץ, וואס איז מעגלעך אויף

א פרידלעכן וועג אויך די עלטערע מענטשן צו העברעאיזירן, כדי עס זאָל ניט געשאַפן ווערן קיין תהום צווישן דעם אַלטן און דעם יונגן דור.

אין דעם פאַל וועט דער אַלטער דור מיט פאַרגעניגן זיך לאָזן העברעאי־זירן, ווייל דאָס מיינט דאָך ניט, אַז ער ווערט ווייניקער נאַציאָנאַל, נאָר מער. דאָס מיינט דאָך אויך ניט, אַז מען צווינגט אים אויפגעבן זיין שפּראַך. נאָר עס מיינט, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען ריידן זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך. ער האָט דאָך אויף דעם טאָג געוואַרט און צוליב אָט דעם ציל איז ער דאָך געקומען קיין ארץ ישראל.

עס איז איצט ניט קיין פראַגע פון דער אַדער אַז אַנדערער פאַרלייכ־טערונג בנוגע אידיש אין ארץ ישראל, נאָר בנוגע אַ פאַרשטענדיקונג וועגן דעם גייסט, וואָס דאַרף וועגן דער זאַך הערשן אין אידישן לאַנד. דער גייסט דאַרף זיין: אַכטונג צו אידיש, און אַזוי שנעל נאָר ווי עס ווערט מעגלעך, — דאָס הייסט ווען די פאַרזיכערונג פון דער העברעאישער העגעמאָניע איז דערגרייכט, — צו דערלאָזן די אידיש־ריידנדע עלעמענטן זיך אויסלעבן אין אידיש.

אַבער צום ערשט מוזן מיר זיין פאַראייניקט אין געדאַנק, אַז דער אויפלעב פון דער העברעאישער שפּראַך מיינט ניט נאָר אַ גרויסע קולטור־מעגלעכקייט פאַר די אידן אין ארץ ישראל, נאָר אויך פאַר די אידן אין דער גאַנצער וועלט. אין דער לעצטער ליניע מיינט עס אַ טובה פאַר אידיש, וואָס קען זיך נאָך האַלטן מיטן כח פון נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס זיינע שרשים ליגן טיף פאַרבאָרגן אין דער העברעאישער קולטור, אין דער העברעאישער שפּראַך.

ז

דער הויפּט־קוואַל, פון וועלכן דער מאָדערנער ציוניזם האָט געצויגן זיין יניקה, איז די העברעאישע שפּראַך. איך קומט די בכורה. עס זיינען געווען די העברעאישע שרייבער — בן יהודה, סמאָלענסקי, שפּעטער ליליענבלום און אחד־העם, וועלכע האָבן די ציוניסטישע טעאָריע אַנטוויקלט און באַפעסטיקט. אויף דער רעליגיעזער זייט זיינען דאָס געווען ר׳ מרדכי עליאַשבערג, דער נצי״ב, ר׳ שמואל מאָהליווער און שפּעטער הרב יצחק ריינעס און אַנדערע. די דאָזיקע גרויסע ציוניסטישע מנהיגים און באַגרינדער פון דעם רעליגיעזן ציוניזם האָבן זייערע ווערק געשריבן אין דער הייליקער שפּראַך.

צו דער זעלבער צייט מוז מען צוגעבן, אַז עס איז געווען אידיש, די שפּראַך פון דעם רוב פון אידישן פאָלק, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די ווייטע פאַרשפּרייטונג פון דעם גרויסן ציוניסטישן אידעאַל. עס איז געווען דורך איר לעבעדיק, האַרציק וואָרט, וואָס די אידייע האָט געשלאָגן טיפע

ווארצלען אין דעם הארץ פון די ברייטע אידישע מאסן, וואס ציוניזם איז געווארן א גרויסע פאלקס־באוועגונג. דער ציוניזם האט זיך באדינט אויך מיט אנדערע לשונות. מען מעג זאגן, כמעט מיט די מייסטע וויכטיקע קולטור־שפראכן. א סך איז, למשל, געשריבן געווארן אין דייטש, וואס איז די שפראך פון דער חכמת ישראל. זייער פיל אידישע אוצרות זיינען ארייגעטראגן געווארן אין דער דאזיקער שפראך, וואס האט ביי אונדז א ספעציעלן זכות. אויך אין ציוניזם שפילט דייטש זייער א וויכטיקע ראלע: הערצל, פינסקער, הערצל און נארדאו, די גרעסטע פיר טעארעטיקער פון ציוניזם און די שאפער פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין אירע הויפט־פאזן, האבן זייערע ווערק געשריבן אין דייטש. דייטש איז אין פיל פרטים ענלעך צו דעם אראביש פון אמאל, מיט וועלכן אונדזערע גרעסטע האבן זיך באנוצט און אין אים געשאפן זייערע אייביקע ווערק.

דאך ניט איינע פון די אלע מאדערנע שפראכן, ווי וויכטיק זיי זאלן ניט זיין, קען זיך אין איר אויפטו פאר דעם ציוניסטישן אידעאל פארגלייכן צו דער אידישער שפראך, צו אידיש· עס איז העברעאיש און אידיש! און אין דער צייט, ווען העברעאיש איז, אזוי צו זאגן, די תורה שבכתב פון ציוניזם, איז אידיש איר תורה שבעל פה.

צוערשט דארף מען געדענקען, אז עס איז געווען אידיש, וואס האט פאר מיליאנען אידן אפגעהיט דעם נאמען: „ארץ ישראל"· אין אנדערע שפראכן טראגט אונדזער לאנד א פרעמדן נאמען. עס איז ניט מער דאס לאנד פון ישראל, נאר גאר פון די פלישתים — עס הייסט: פאלעסטינא.

און באמת, אידער א אידיש קינד קען ריכטיק „עברי" זאגן, ווייסט עס שוין פון דעם אידישן לאנד, וואס איז פאר אים חלום, געמישט מיט ווירקלעכקייט. נאך אלס קינד, ווען אין חמשה־עשר עסט עס פייגן, טייטלען און באקסער, ראזשינקעס מיט מאנדלען, — האט עס שוין געהערט וועגן ארץ ישראל, פון וואנען די פירות קומען. און אין דעם קינדישן מח האט זיך שוין גענומען פארמירן א בילד מכח דעם אידישן לאנד, וואו עס וואקסן אזעלכע טייערע פרוכטן, און עס האט שפעטער שוין גאר גוט פארשטאנען, ווען עס האט אלס אינגל געלערנט חומש, וואס דאס מיינט: אונדזער לאנד איז „ארץ זבת חלב ודבש". עס האט ניט נאר פארשטאנען, נאר געפילט. דער טעם פון די פירות איז אים ארויף אין זכרון: אזוי, דאס איז ארץ ישראל!

עס איז דארום קיין וואונדער ניט, פארוואס דער ציוניזם האט מיט אזוי פיל קראפט זיך פארשפרייט צווישן די אידיש־ריידנדע אידן. אויסער אלע אנדערע טעמים, טארן מיר ניט פארגעסן איינעם פון די וויכטיקסטע טעמים: דעם טעם, וואס אט־די אידן האבן גערעדט אידיש, א שפראך, וואס ווי די עטרה פון טלית און ווי דאס פרוכת פון ארון קודש, איז זי

געוועז דורכגעשטרייפט, דורכגעוועבט מיט דעם זילבער און גאָלד פון די אידישע חלומות און האָפנונגען וועגן דער ענדגילטיקער אידישער באַפרייאונג.

ווען דער ציוניזם האָט זיינע אידייען אויפגעוויקלט פאַר דעם אידיש־ריידנדן אידן, האָט ער געפונען גרייטע אויערן און אַן אָפן האַרץ. עס איז פאַר דעם סאָרט אידן ניט געווען ניי אפילו אין לשון, ניט ניי אין די בילדער. די אידישע שפּראַך האָט שוין פריער דערפאַר געזאָרגט, אַז צום ביישפּיל דאָס וואָרט „גלות" זאָל פאַר זיי זיין דער שטאַרקסטער שרעקבאַגריף, ווייל אין אידישן לשון ווערט יעדע פּורעניות באַצייכנט מיט דעם וואָרט „גלות". „ביטער ווי דער גלות", „לאַנג ווי דער גלות", „וואָס קענען מיר טאָן, מען איז אין גלות!" „אַפּריכטן גלות".

אין אַנדערע שפּראַכן האָט מען געדאַרפט אַלץ דערקלערן, כדי דער צוהערער זאָל פאַרשטיין. און ווען ער האָט פאַרשטאַנען, האָט ער נאָך אַלץ ניט געפילט דעם ביטערן טעם פון גלות. דער אידיש־ריידנדער איד האָט נאָר געהערט דאָס וואָרט און זיינע אויגן זיינען געוואָרן פייכט און דאָס האַרץ האָט געפּלאַטערט.

אין דער אידישער שפּראַך זיינען ניט פאַרלוירן געגאַנגען די ווערטער: „קץ" און „משיח": „ווען דער קץ וועט קומען". „עס איז משיח'ס צייטן". אויב די ווערטער זיינען פאַר אונדז געבליבן זאַפטיק, אינהאַלטסרייך אין דעם העברעאישן לשון, דאַרפן מיר דערפאַר דאַנקען אידיש, וואָס האָט זיי פאַר אונדז אָפּגעהיט און ניט געלאָזט זיי אַטראָפירט ווערן.

אַזוי איז אויך דער גאַנצער ליניע. דער אידיש־ריידנדער איד האָט ניט נאָר ליב ציון, נאָר האָט אויך פיינט דעם, וואָס האָט פיינט „ציון". ער שילט זיי מיט טויטע קללות: „די שונאי־ציון זאָלן אַזוי לעבן", „מיינע צרות אויף שונאי־ציון געזאָגט געוואָרן".

דער באָדן איז צווישן די אידיש־ריידנדע אידן געווען גרייט, צוגעגרייט פון דורות — פאַר דעם ציוניזם. און דערפאַר זיין גרויסער דערפאָלג צווישן די אידישע מאַסן.

נאָך דעם אידישן וואָרט קומט דאָס אידישע ליד. דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג.

„התקוה" איז אין העברעאיש, די „שבועה" איז אין אידיש. די „שבועה פון בלוט און פון טרערן" — וואָס קען זיין מער און שטאַרקער?

דער „אהבת ציון" איז אין העברעאיש, אָבער „בר כוכבא" איז אין אידיש. דאָס ליד פון אקער־אייזן איז אין אידיש:

„אין דער סאָכע,
ליגט מזל־ברכה".

מיט דעם אויפשטייג פון ציוניזם איז צוריק אויפגעלעבט געוואָרן

דאָס אידישע פאָלקס־ליד, וואָס האָט פון זיין זייט צוריקגעגעבן דעם ציוניזם כפל־כפלים. עס איז דאָס פאָלקס־ליד, וואָס האָט געהאָלפן שאַפן די וואַרעמע אַטמאָספערע פאַר דעם ציוניזם. דוכט זיך, ווי אַ קינד, וואָס פּלאַפּלט, אָבער עס איז דאָ אין דעם פאָלקס־נשמה, פונקען פון נבואה. דאָס האַרץ דערוואַרעמט זיך ביי די פּלאַמען פון אידישן ניגון, און ווען דאָס אידישע האַרץ דערוואַרעמט זיך, דערפילט עס דעם באַדייט פון ציוניזם. דאָס אידישע פאָלקס־ליד איז דורכגעזאַפּט פון חלומות־פּאַרפיום. עס שאַלט אין אים דאָס ווידערקול פון דער גאָלדענער צייט: אַ מלך, בן־מלך און בת־מלכה. עס איז אַ מלחמה צווישן שלמה המלך און דעם אשמדאי. שלמה זיגט. אידן זיינען בני־מלכים, פּרינצן, און פּרינצן קענען זיך פאַרגינען בויען מדינות און שניידן אַ וועג אויך אין די מדבריות.

און נאָך אַלעמען קומט ערשט דער רעדנער. אַמאָל האָט ער געהייסן מגיד. נייע צייטן, נייע אויסדרוקן. מיט דעם אָנקום פון ציוניזם איז דער מגיד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „מטיף", „מטיף לאומי". אויך דער נאָמען איז שוין פאַרגעסן געוואָרן. דער נאָמען איז אָבער ניט דער עיקר. ווי דער מגיד אַמאָל, האָט דער מטיף גערעדט אידיש. און ניט נאָר אין שול און אין בית־המדרש. בנוגע דעם פּלאַץ איז אַריינגעטראָטן אַן אונטערשיד. דער מטיף האָט אויך גערעדט אין זאַלן און אפילו אונטער דעם פרייען הימל, אָבער אומעטום אידיש. אין דער האַרציקער שפּראַך פון אידישן פאָלק, וואָס איז אַזוי ברייט, ווייך און פאָלקסטימלעך, און קען אויך זיין קורץ און שאַרף, אגיל־ואשמח, קיילעכדיק און שפּיציק. קען אָפּקומען מיט אַ וואונק, איז אָנגעזאַפּט מיט הומאָר, לייכט און פינקלט ווי דער דימענט אין כלה'ס פינגערל ביי דער ליכט פון דער מנורה. עס איז אַ יום־טוב'דיק ליכט, אָבער עס שרייט ניט און רייסט ניט די אויגן. עס איז אינטים, היימיש און גוט־ברוך־דעריש.

עס זיינען, נאַטירלעך, געהאַלטן געוואָרן רעדעס אויך אין אַנדערע שפּראַכן. קלוגע, באַלערנדע רעדעס. מליצה־געפּליגלטע רעדעס, אָבער האַרציקע רעדעס, וואָס זאַפּן זיך איין אין די נשמות פון די הערער ווי אַ גוטער בוימל, זיינען מעגלעך נאָר אין אידיש. דאָס איז עד היום הזה, אפילו ביי אונדז אין אַמעריקע.

אַ גרויסער מיטינג. די געהויבענע רעדנער זיינען די ענגליש־ריידנדע, די דזשאַדזשעס און די ראַביים. דער עולם הערט. אָבער אין זאַל ווייט אַ ווינט, עס פרעסטלט. מען אַפּלאָדירט, מהיכא־תיתא, אָבער דאָס האַרץ איז ניט דערביי.

נאָר אָט באַווייזט זיך דער אידישער רעדנער, דאָס הייסט דער, וואָס רעדט אידיש, און עס נעמט ווייען אַן אַנדער גייסט. מען דערוואַרעמט זיך, מען נעמט זיך צורוקן נענטער. די אויגן גלאַנצן, דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַר־

קער. דער רעדנער מיט די צוהערער ווערן איינס. פאראייניקט דורך איין גורל, איין האפנונג, איין גלויבן. עס דערמאנט אייך אין שמחת תורה, ווען גאנץ קהל שטייט אנגעשטרעגנט מיט די קעפ אונטער דעם טלית, ווי אונטער א חופה, און פון הארצן, דורך א פאראייניקטן כאר פון שטימען, רייסט זיך ארויס: „חזק ונתחזק!"

ציוניזם האט געהאט גרויס מזל, וואס ער איז געבוירן געווארן און א גאנצע תקופה דורכגעלעבט, ווען דאס אידישע ווארט האט געלעבט און געדייעט אויף דער אידישער גאס. צוליב אידיש איז בכלל געווען א אידישע גאס. דער ציוניזם איז אידיש פיל שולדיק און די, וואס קענען די געשיכטע פון ציוניזם, לייקענען עס נים.

װען אַ פֿאָלק האָט ליב זײַן שפּראַך

העברעאיסטן און אידישיסטן. — די שפּראַך פֿון האַנדל איז געװאָרן די שפּראַך פֿון דענקען. — דער װאונדער פֿון העברעיִש. — אידן האָבן שױן געהאַט פֿאַרשידענע שפּראַכן. — עס מוז הערשן שלום צװישן אונדזערע בײדע לשונות. — די נאַציאָנאַלע בכורה געהער העברעאיש.

די דעבאַטעס פֿרעסן אונדז אויף. דעבאַטע איז ניט דאָס זעלבע, װאָס װיכוח. דער װיכוח צילט אויסצוגעפֿינען דעם אמת. דער איד האָט ליב דעם װיכוח: „לאָמיר זיך מתװכח זײַן, לכו נא ונתװכחה". דאָס איז בײַ אידן אַן אײַדעלער צײַט־פֿאַרטרײַב, װאָס פֿאַרשאַפֿט עסטעטישן גענוס. דער יסוד פֿון װיכוח איז עטיש. דער ציל איז דערגײן דעם אמת, מאַכט ניט אויס, װער עס זאָגט אים. די דעבאַטע — איר ציל איז נצחון, און לויט דעם פּרינציפּ: „דער ציל הײליקט דעם מיטל". מאַכט עס דערום ניט אויס, װי אַזוי מען זיגט, װי אַזוי מען איז מנצח דעם קעגנער. דער אמת איז אַ נעבן־זאַך, דער עיקר איז כח. ס'מוז ניט זײַן לאָגיק, ס'איז גוט אויך סאָפֿיזם: ס'איז ניט דאָס אויפֿריכטיקע, האַרציקע, אמת'ע װאָרט, נאָר די געפֿליגלטע פֿראַזע: ס'איז ניט דער אַרגומענט, נאָר דער שלאָגנדער אַרגומענט, מיט דעם טראָפּ אויף „שלאָגנדער". ס'איז כישוף, אויגן־בלענדעניש, אַבי נאָר צו קריגן דעם אַפּלאָז פֿון דעם עולם. די דעבאַטע איז אונדזער אומגליק. האָט זי זיך באַװיזן, קענט איר שוין זיכער זײַן, אַז דעם אמת װעט איר שוין ניט אויסגעפֿינען. װאָס טיפֿער מען קריכט אַרײַן אין דער דעבאַטע, אַלץ װײניקער שאַנס האָט איר אויסצוגעפֿינען די אומפּאַרפּוצטע װירק־לעכקײט.

עס איז איצט געװאָרן אַ מאָדע, אַז מען רירט זיך ניט פֿון אָרט אָן אַ

טעאָריע. דאָס איז אויך ניט קיין עוולה. מען האָט שוין ביי אונדז לאַנג געזאָגט: „סוף מעשה במחשבה תחילה". אָבער עס איז אַן אונטערשיד צווישן טעאָריע און חכמה׳לאָגיע. די טעאָריע רעכנט זיך מיטן פּראַקטישן שכל און מיט דער העכערער „פאַרנונפט", חכמה׳לאָגע איז יוצא מיטן שיין פון לאָגיק, און איז דער היפוך פון גראָדן פאַרשטאַנד, פונם שכל הישר. זי איז ריינע גייסטיקע אַקראָבאַטיק און איר ציל איז די באַפרידיקונג פון די אינטערעסן פון אַ געוויסער גרופּע אופן חשבון פון דעם אמת, וואָס גע־הערט צום גאַנצן כלל.

די הקדמה איז געווען נויטיק, ווייל עס איז נאָר צוליב דער דעבאַטע און חכמה׳לאָגיע, וואָס העברעאיש איז מיטאַמאָל געוואָרן די זאַך פון אַ גרופּע מיט אַ באַשטימטן נאָמען „העברעאיסטן", אַנשטאָט ווי דאָס איז געווען די גאַנצע צייט, וואָס אונדזער פאָלק לעבט אין גלות — די שפּראַך פונם גאַנצן פאָלק, מיט אַלע זיינע גרופּן, פּאַרטייען און שאַטירונגען, אַן שום אויסנאַם. אַ איד האָט געמעגט ריידן זיבעציק לשונות, אַמאָל איז ער גע־צוואונגען געוואָרן צו ריידן מער ווי איין לשון, אָבער דאָס האָט בשום אופן ניט געמיינט, אַז ער שפּאַנט זיך אויס פונם שווערן עול צו לערנען העב־רעאיש, און דער עיקר לערנען זיינע קינדער די שפּראַך, אין וועלכער גאָט האָט געגעבן צום פאָלק זיין תורה: ניין, נאָך מער: די שפּראַך, אין וועלכער ער האָט באַשאַפן די וועלט מיט אַלעם, וואָס איז דאָ אויף איר, און יע־דער געשאַפענער זאַך אַ העברעאישן נאָמען געגעבן, און ערשט דעמאָלט איז עס געוואָרן אַ יש, אַ ממש. אידן האָבן ניט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן אינהאַלט און צווישן דער צורה. אַן פילאָזאָפיע האָבן זיי פאַרשטאַ־נען, אַז כביכול גיט דאָס ליכט לויט די כלים, און אַז עס איז ניט אָפּצוטיילן דעם פלאַם פון דער קויל און אַז אויב ער האָט אויסדערוויילט אָט דעם לשון פאַר זיין מעדיום איז שוין די שפּראַך אַליין אויך הייליק. דערפאַר האָבן זיי זי גערופן: „לשון קודש".

די פשט׳לער וואָס די נייע פאָלקס־פאַרזאָרגער ווילן אַריינטייטשן אין דעם נאָמען „לשון קודש" גלייך ווי דאָס וואָלט געמיינט, אַז העברעאיש האָט אויפגעהערט צו זיין אַ לשון און מען דאַרף עס אַריינוואַרפן ערגעץ־וואו אין פּאַליש מיט אַנדערע שמות — זיינען אין שאַרפסטן ווידערשפּרוך צו דער באַציאונג פון אידישן פאָלק צו זיין שפּראַך אין משך פון די גאַנצע אַכצן הונדערט יאָר אין גלות, וואו העברעאיש איז שוין ניט געווען מער די אומ־גאַנגס־שפּראַך.

עס איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז אין משך פון דער צייט האָט דאָס אידישע פאָלק גערעדט זיבעצן אַנדערע שפּראַכן. קיינער וויל, חס־ושלום, ניט די דאָזיקע שפּראַכן, וואָס די אידן האָבן גערעדט, אָנרופן מיט דעם נאָ־מען זשאַרגאָן. אידן האָבן קיין זשאַרגאָן קיינמאָל ניט גערעדט. אָבער עס

קען קיין ספק ניט זיין, אַז אויב די שפּראַכן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט אַט אין איין לאַנד, אַט אין אַן אַנדערן, אין פאַרשידענע תקופות, האָבן אַנטשפּראָכן כאָטש ביז אַ געוויסן גראַד זייערע אויסדרוקס־נויטן, איז עס געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבן אין די שפּראַכן אַריינגעבראַכט פיל העברעאישע עלעמענטן. אויך דערפאַר, וואָס פיל העברעאישע שפּראַך־פאַרמען און אידיאָמען, זיינען איבערזעצט געוואָרן אין יעדער שפּראַך, וועלכע די אידן האָבן אויף אַ ווייַלע אויסגעבאָרגט. מעגלעך, אַז פאַר דעם גריכישן אָדער אַראַבישן אויער האָט דער גריכיש אָדער אַראַביש, וואָס אידן האָבן גערעדט צווישן זיך, געקלונגען פרעמד און זשאַרגאָן־מעסיק, ניט צוליב דעם פרעמדן אינהאַלט, נאָר אויך דערפאַר, וואָס כאָטש דאָס לשון איז געווען היימיש, האָט אָבער דער אידישער אויסדרוק געקלונגען פרעמד, אומהיימיש. אָבער פאַר די אידן איז די שפּראַך געוואָרן נענטער דווקא צוליב אַט די פרעמדקייטן.

העברעאיש האָט דאַרום געהאַט זיין ווירקונג אויך אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך, וואָס דער איד האָט גערעדט, און דער אידישער גייסט איז דערהאַלטן געוואָרן ביים לעבן מיט דער הילף פון אַנדערע שפּראַכן, מיט וועלכע דער גלות האָט אים געצוואונגען זיך צו באַנוצן. העברעאיש האָט אָבער שטענדיק קאָנטראָלירט די אידישע מחשבה, געגעבן איר טאָן און ריכטונג, פאַרב און קלאַנג. העברעאיש האָט באַרייכערט דעם גייסט און פאַרבונדן די גרויסע אידישע קולטור־פאַרגאַנגענהייט מיט דער קעגנוואַרט, אין וועלכער זי האָט אַריינגעשפּריצט אַ שלל האָפנונגס־פונקען פאַר אַ שענערער צוקונפט.

דער איד אין גלות האָט קיינמאָל ניט געקענט זיין איינשפּראַכיק. אפילו ווען ער וואָלט געווען גערעדט העברעאיש, וואָלט ער מיט דער שפּראַך אַליין ניט געקענט אויסקומען. אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, אָן אַן אייגענער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק, געצוואונגען צו לעבן מיט די שכנים אין די פאַרשידענע לענדער, פון זיי און פאַר זיי, האָט דער איד געמוזט ריידן אַמאָל אַ פרעמדע שפּראַך און פיל מאָל אויך מער ווי איינע. אַלץ האָט אָפּגעהאַנגען פונם פּלאַץ, אין וועלכן ער האָט געלעבט, און פון דעם פרנסה־צווייג, פון וועלכן ער האָט זיך דערנערט. דער איד האָט זייער אָפט געמוזט זיין אַ לעוואַנטינער, אַ מענטש וואָס רעדט פיל שפּראַכן. אָבער אויב ער האָט זיך ניט פאַרלוירן אין דעם בבל פון שפּראַכן, אויב ער איז ניט געוואָרן אויבערפלעכלעך, אַנעמיש אין זיין גייסט און געדאַנק, אויב ער איז ניט געוואָרן אַ פונגוס, אַ פּלאַנץ אָן וואָרצלען, האָט ער עס צו פאַרדאַנקען זיין העברעאיש, וואָס האָט אים געגעבן וואָג און צו דער זעלבער צייט פליגל און פאַרנעם: האָט אים געגעבן וואָרצלען און פרישן בלוט־שטראָם, צו דער זעלבער צייט — חן און שטימונג.

צום גליק האט דער איד קיינמאל ניט אויפגעהערט לערנען זיין שפראך, קיינמאל ניט אפגעשניטן זיין פארבינדונג מיט איר. האט ער זי ניט געקענט באנוצן אין גאס, האט ער זיך באנוצט מיט איר אין דער ישיבה, אין בית־מדרש, אין שול: האט זי ניט געקענט ווערן די שפראך פון האנדל, איז זי געווארן די שפראך פון דענקען, פון וואוקס און וואנדל, די שפראך פון הארץ און פון קאפ. דער איד האט קיין איין תקופה אין דער גאנצער לאנגער גלות־צייט ניט אויפגעהערט שאפן גייסטיקע, נאציאנאלע און וועלטלעכע ווערטן אין דער דאזיקער שפראך. ערשט אין דער לעצטער צייט, זינט די אסימילאציע האט גובר־געווען, האבן זיך ביי אונדז באוויזן אידן, וואס שרייבן אין אנדערע שפראכן און האבן מיט דעם ערשטן מקור קיין באַרירונג ניט. זייט דאס איז געשען, איז טאקע די אידישע מחשבה באמת אוועקגעשטעלט געווארן פאר דער סכנה פון אונטערגאנג, דאס הייסט, ווען חס־ושלום אונדזער גייסטיקע אנטוויקלונג וואלט אפגעהאנגען פון יענע גאנץ־ און האלב־אסימילירטע דענקער און שרייבער. ביז צו דער לעצטער צייט איז אבער געווען אנדערש. אפילו ווען אידן האבן געשריבן ספרים אין אנדערע שפראכן, האבן זיי צו דער זעלבער צייט אויך געשריבן אין העברעאיש, זיינען על כל פנים געווען דורכגעווייקט מיט דעם העברעאישן גייסט און האבן אויך אין די ספרים אין פרעמדע שפראכן אט דעם גייסט אריינגעטראגן.

איך חזר איבער דא, וואס איז שוין לאנג באקאנט: אז גראד די ספרים, וואס זיינען געשריבן אדער איבערגעזעצט געווארן אין העברעאיש, האבן געהאט אן איינפלוס אויף דער אנטוויקלונג פון אידישן געדאנק, בשעת דער גאנצער גייסטיקער פארמעגן ,וואס אידן האבן אריינגעבראכט אין די ספרים אין אנדערע שפראכן, איז אדער אינגאנצן געגאנגען לאיבוד אדער געבליבן סטעריל, עקר׳דיק, אן ווירקונג און איינפלוס אויף דעם געדאנקען־גאנג פון אונדזער פאלק.

דאכט זיך, אז דאס ווארט געהערט ביאליקן. ער האט געזאגט: העברעאיש רעדט מען, אידיש רעדט זיך און גוי׳איש „בעבעט" מען. די דאזיקע מימרא פאסט ניט אינגאנצן אויף הייַנטיקער צייט. די יוגנט, וועלכע גייט אין פרעמדע שולן, „בעבעט" שוין גארניט קיין גוי׳איש: להיפוך, זי צייכנט זיך אוים אין איר שיין־ריידן, אין איר דערלערנען פלייסיק די לאנדס־שפראכן, וואס זי רעדט. צום באדויערן קען מען אויך איצט ניט זאגן, אז אידן ריידן אידיש. אין אמעריקע האבן מיר שוין — און די ציפער איז ניט איבערטריבן — א צוויי און האלב מיליאן אידן, וואס ריידן שוין ניט קיין אידיש. און אויב איינער פון זיי נעמט אמאל אויף טשיקאוועס ריידן אידיש, שלאגט עס צו דער גאל. עס איז ערגער ווי „געבעבעט". דאס איז געשאכטן די שפראך מיט א שטומפיק מעסער. שלעכט וועט זיין, א סוף וועט חלילה

קומען צו אונדזער קיום, ווען מיר וועלן אויך אויפהערן לערנען העברעאיש. בשום אופן טאָר דער אויפבוי פון העברעאיש ניט געמאַכט ווערן אויף דעם חשבון פון חורבן פון אידיש. דאָס איז דער אומגליק פון דער דעבאַטע. הערט מען העברעאיסטן און אידישיסטן דעבאַטירן, קען מען בפירוש קריגן דעם איינדרוק, אַז עמיצער פרייט זיך מיט דעם פאַקט, אַז אידן האָבן אויפגעהערט ריידן אידיש, גלייך ווי דער נצחון פון העברעאיש הענגט אָפּ פון דעם קיצור ימים פון אידיש. דער היפוך דערפון איז דער אמת. אָבער עס איז זיכער ריכטיק, אַז ווען מען זאָל אויך אויפהערן לערנען העברעאיש, דעמאָלט וועט חס־ושלום קומען אַ סוף צו דער אויפהאַלטונג פון אידישן גייסט, זיינע קוואַלן וועלן נעמען אויסטריקענען און דאָס אָריגינעלע אידישע לעבן וועט נעמען איינשרומפּן און עס וועט ניט בלייבן אפילו קיין שאָלעכץ, שוין ניט צו ריידן וועגן אידישן תוך.

אפילו אַן אויבערפלעכלעכע באַקאַנטשאַפט מיט דער אידישער געשיכטע ווייזט, אַז אידן האָבן ליב געהאַט העברעאיש, ניט נאָר צוליב דעם אינהאַלט, נאָר האָבן זיך ניט אויפגעהערט צאַצקען מיט דער שפּראַך אַן־און־פאַר־זיך. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע ליבע פאַר דער העברעאישער מליצה, זיי האָבן שטענדיק באַוואונדערט דעם מליץ, דעם כתבא רבא. די מעלות פון דער העברעאישער שפּראַך האָבן ביי זיי שטאַרק נושא־חן געווען, דער לשון נופל על לשון און דאָס וואָס אַ וואָרט קען האָבן פאַרשידענע טייטשן, און מען דאַרף דאַרום וויסן „וואו דער חמור שטייט". זיי איז אויך געפעלן דער רייכער ווערטער־אוצר, דאָס וואָס מען קען איין געדאַנק אויסדריקן אויף פאַרשידענע אופנים. די דאַזיקע עשירות איז פאַר דעם אידן געווען אַן אומדירעקטער באַווייז, אַז אונדזער גייסטיק לעבן איז רייך, און אַז אַמאָל האָבן מיר אויך געהאַט מאַטעריעלע גיטער, ווייל — קום און זע — האָבן מיר דען ניט קיין ווערטער פאַר אַלץ, פון דער מילב ביז דער שטערן־קאָנסטעלאַציע אין זיבעטן הימל? דער איד איז געווען שטאָלץ אויף זיין שפּראַך און ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז זי איז אַ טייל פון זיין גייסטיקן וועזן און אַן עדות אויף זיינע שעפערישע כחות. כאָטש עזרא האָט געביטן דעם אידישן כתב אויף אשוריש, אָבער דאָס איז דאָך געווען אַזוי לאַנג צוריק, און אשוריש איז דאָך סעמיטיש. על כל פנים האָט דער איד שטאָלצירט אפילו מיט דעם אידישן אלף־בית, מיט די פּירקאַנטיקע אותיות, און אויך די פרעמדע שפּראַכן, אַזוי שנעל ווי ער האָט אָנגעהויבן ריידן אין זיי און נוצן זיי פאַרן אייגענעם געברויך, האָט ער גלייך זיי אָנגעטאָן אין דעם לבוש פון העברעאישע אותיות.

איין זאַך זאָלן דאַך אַלע וויסן: אַז אויב מיר ווילן באמת אויפהאַלטן אונדזער פאָלק, זאָלן מיר ניט אונטערזעגן דעם בוים, אויף וועלכן עס זיצט און פון וועלכן עס איז זיך מתפרנס. העברעאיש איז געווען פאַר אידן אין

דער גאַנצער גלות־צייט אַז עץ־חיים, און אידן האָבן געוואוסט ווי אים צו פלעגן און צו שיצן פון בייזן געוויטער. זאָל מען איצט, דווקא, ווען דאָס אידישע לעבן ווערט געשטורעמט פון צעשטערנדע קרעפטן פון אַלע זייטן, פּרובירן נייע עקספּערימענטן און אָוועקלאָזן די לעבנס־קוואַלן פון העברע־איש און זיך נעמען באַנוגענען מיט דער ביסל מאָגערער זאַפט, וואָס מען קען געפינען אין אַנדערע שפּראַכן? — זיכער ניט!

ניט אומזיסט האָבן די אידן אין דער לעצטער צייט דווקא זיך גענומען פאַר דער אומפאַרגלייכלעך־העראָאישער אויפגאַבע אויפצולעבן די שפּראַך אויך אין מויל פון פאָלק, וואָס דאָס מיינט, אַז צו אַלערערשט מוז מען פאַרוואַנדלען העברעאיש אין אַ לעבעדיקער שפּראַך, כדי דאָס ברייטע פאָלק זאָל זיך קענען מיט איר באַנוצן. עס האָט דאַרום געמוזט אַנגיין אַ פּיאָנערן־באַוועגונג אויף דעם געביט, וואָס האָט געפאָדערט קרבנות. דער פּראָצעס פון אַריינברייינגען העברעאיש אַלס אומגאַנגס־שפּראַך אין פיל אידישע היימען גייט נאָך אַז. אָבער איין זאַך איז זיכער: דער גרויסער וואונדער איז געשען — העברעאיש איז אויפגעלעבט געוואָרן! און אפילו די גרעסטע סקעפּטיקער מוזן צוגעבן, אַז מען קען זיך אויסלעבן אין העברעאיש, אַז זי קען באַפרידיקן דעם באַדאַרף פון אַלע גרופּן, אַז זי קען זיין די שפּיל־שפּראַך פון קינד און קונסט־שפּראַך פון קינסטלער און די דענק־שפּראַך פון וויסנשאַפטסמאַן, די שפּראַך פון גאַס, פון מאַרק, פון ווערקשטאַט און פעלד, פון שענק און טעאַטער. פאַר דעם וואונדער בויגט זיינע קני יעדער ערלעך־דענקענדיקער מענטש. צו דער זעלבער צייט, אויב עס איז געווען נויטיק נאָך אַן אַרגומענט, דאַרף אַט דער פאַקט זיין דער שטאַרקסטער באַווייז, ערשטנס, אַז אונדזער שפּראַך, הגם אַלט, איז נאָך יונג און פאַרמאָגט פיל חיות און לעבנס־זאַפטן; און, צווייטנס, און דאָס איז דער עיקר, אַז דאָס פאָלק האָט ליב זיין שפּראַך, ווייל נאָר די ליבע קען דערקלערן דעם מסירת־נפש און דעם צובונד און די באַגייסטערונג און די עקשנות, וואָס די אויפלעבער פון דער שפּראַך האָבן אַרויסגעוויזן אין דעם אויפלעבונגס־פּראָצעס.

מען רעדט ביי אונדז זייער אָפט וועגן די שאַפונגען און שעפער אין דער העברעאישער שפּראַך אין דער לעצטער תקופה. איין זאַך האָט מען אָבער אַרויסגעלאָזט פון אויג, אָדער לכל הפחות ניט גענוג אונטערשטראָכן. רעדט מען מיט אידישיסטן, זאָגן זיי, אַז די צאָל, וואָס קען העברעאיש און לייענט אין דער שפּראַך, איז זייער קליין. דער אמת איז, אַז די צאָל איז ניט אַזוי קליין ווי זיי באַהויפּטן, אָבער זיכער ניט זייער גרויס. אויב אַזוי, איז עס באמת „הלא דבר", אַז אַט אין דער שפּראַך, וואָס אפשר ווייניקער פון אַ זעקסטל פונם אידישן פאָלק קענען, זיינען פונדעסטוועגן אויפגעשטאַנען אַזוי פיל דענקער, דיכטער, שרייבער אויף יעדן געביט, וואָס זייער השפּעה

אויפן פאלק, אויך אויף די, וואס קענען ניט קיין צורת אות, איז געווען אומגעהייער גרויס, האט ממש אומגעענדערט זיין לעבנס־שטייגער און געגעבן זיין טעטיקייט א נייע ריכטונג. אויסרעכענען אלע אונדזערע גרויסע ווארט־קינסטלער און ווארט־פירער וואלט פארנעמען צופיל פלאץ. עס זאל נאר גענוג זיין צו דערמאנען, אז איידער עס איז נאך פארגאנגען די זון פון מאפו־סמאלענסקי־גארדאן און די אנדערע פון זייער תקופה, איז שוין אויפגעגאנגען די בלענדענדע זון פון אחד־העם־בערדיטשעווסקי, ביאליק־טשערניכאווסקי, און גלייך נאך זיי אן אמת'ער שטראם, דיכטער נאך דיכטער און טאלאנט נאך טאלאנט, שטייט אין דער ריי גרייט צו פארנעמען א פלאץ אין הער מזרח־וואנט פון דער אידישער שאפונג. דער קוואל שלאגט הויך און קלאר. אלץ דאס קומט דאך אונדז עפעס לערנען.

מיין ציל איז ניט צו ציען קיין פארגלייך צווישן העברעאיש און אנדערע שפראכן, אין וועלכע אידישע טאלאנטן באטייליקן זיך. אבער פארשטעלן די אויגן און ניט זען דעם אמת, וואס שרייט ארויס פון די פאקטן, וואלט געווען א זינד קעגן אידישן לעבן. מסתמא איז דער זכות פון העברעאיש זייער גרויס, ווען דווקא אין איר איז .געקומען צום אויסדרוק דאס גרעסטע נאציאנאלע ווערק פון אידישן פאלק אין דער גלות־צייט: דער ציוניזם. מיט אזא שפראך טאר מען קיין מחזקות ניט טרייבן, און ווער עס רירט זיך אן מיט דער כוונה צו שעדיקן, רירט אן דעם שווארצאפל פון אידישן קיום. דער באפעל פון דער אידישער געשיכטע איז קלאר: די צייט איז געקומען, אז מיט דעם אויפבוי פון אידישן פאלק און אידישן לאנד זאל אויך איר ריכטיקן פלאץ פארנעמען די נאציאנאלע שפראך פון פאלק — העברעאיש, — וועלכע צו אונדזער גליק לעבט שוין מיט אלע חושים און מיט אלע פיבערן פון איר רייכער נשמה.

ענגליש נעמט דאָס וואָרט

אידיש איז ניט דער שונא פון העברעאיש. — דער יונגער דור און די ענגלישע שפּראַך. — יודאיקאַ און ענגליש. — ווער איז דער קאָנקורענט ? — ענגליש קומט „אָפּנעמען איר חלק".

עס וויל גאָר קיין סוף ניט נעמען צו דער מחלוקת צווישן אידיש און העברעאיש. די וואָונד וויל זיך ניט פאַרהיילן. עס איז גענוג אַ ריר, אַז זי זאָל זיך צעיאָטערן אויפדאָסניי. כאָטש ס'האָט געדאַרפט זיין אַנדערש.

לויטן דין האָבן די צוויי שוין לאַנג געדאַרפט שלום־מאַכן צווישן זיך, שאַפן — ריידנדיק מיט היינטיקן פּאָליטישן לשון — אַ „פּאַראַייניקטן פראָנט", ווייל די צוויי זיינען זיך ניט קיין שונאים. פאַרקערט, זיי האָבן ביידע די זעלביקע אינטערעסן. די סכנה פאַר אידיש איז ניט העברעאיש. קיינמאָל ניט געווען! העברעאיש איז•דאָך באמת דער געזעצלעכער פאָטער פון אידיש. ווען ניט העברעאיש, זיינע ווערטער, אַזוי גוט ווי זיין גייסט, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט מיט גרוים רחבות אין אידיש, — ווען ניט העברעאיש, וואָלט די שפּראַך, וואָס מיר רופן היינט אידיש, זיך כלל ניט געווען באַוויזן אין אונדזער לעבן.

אין אָנהויב האָט מען טאַקע אונדזער אידיש ניט גערופן אידיש, אויך ניט זשאַרגאָן, חלילה! דאָס לעצטע איז אַ שפּעטערע דערפינדונג פון אונדזערע משכילים. מען האָט עס גערופן, וואָס איז געווען לויט זיינע עלעמענטן: „עברי טייטש". די שפּראַך איז באַשטאַנען פון די צוויי יסודות: טייטש — דאָס איז געווען דער הויפּט־יסוד, אַזוי ווייט, וואָס איז שייך דעם ווערטער־אוצר. דאָס איז עס נאָך היינט אויך. די מייסטע ווערטער זיינען פון דייטשישן אָפּשטאַם, אויב ניט מער ווי זעכציק פּראָצענט. אָבער דער גייסט

איז שוין ניט אינגאנצן דייטש, עס איז שוין עברי — העברעאיש. עס ווערט אפילו גענוצט דאס העברעאישע ווארט: „עברי".

אין אנהויב קומט נאך פאר א מלחמה צווישן ביידע. א געראנגל, ווי צווישן יעקב און דעם מלאך, צווישן דעם העברעאישן גייסט און דעם טעור־טאנישן. אבער עס זיגט דער העברעאישער גייסט, דער „הקול קול יעקב", און עס קומט אויף דער וועלט א נייע שאפונג: אידיש!

אידיש בלייבט געטריי העברעאיש. אידיש איז ניט אומדאנקבאר. זי באטראכט זיך ניט אלס „שפחה" — אויך דער נאמען געהערט ניט דעם פאלק, נאר משכילים. אידיש, ווי א קינד פון העברעאיש, צאלט אפ מיט א רייכער האנט זיין פאטער פאר אלע טובות, וואס ער האט איר געטאן.

און נאך אמאל דאס זעלבע:

אידיש היט אפ פון אונטערגאנג און פון עלטער־שוואכקייט די גרונט־ווערטער פון דעם העברעאישן לשון. אויב מיר האבן געקענט אויפלעבן הע־ברעאיש און מאכן דערפון א לעבעדיקע שפראך, איז עס, אין דער ערשטער ליניע, א ·דאנק אידיש. ווייל די הויפט־עלעמענטן פון דער העברעאישער שפראך האבן, אין אזא פארם אדער אין אן אנדער, געלעבט אין אידיש. איר „נשמה" איז ·דארט געבליבן געזונט און פריש, „בקו־הבריאות". איר „רוח הקודש" איז ניט פארטונקלט געווארן, נאר האט געשיינט העל אין אידיש, ווי אמאל די „מנורה" אין „בית־המקדש".

די העברעאישע שפראך איז אפילו ניט פראסטער געווארן. זי איז אן אמת'ע בת־מלכה, אדער די מלכה אליין. אבער איר גייסט איז „חי וקיים" און איז געבליבן א „יפת־תואר", א מאלאדיצא — מלא דיצה — עד היום הזה.

פאר דעם, וואס די העברעאישע ווערטער זיינען געבליבן לעבעדיק און פריש, הארציק און ניואנסן־רייך, דארף מען דאנקען אידיש.

על כל פנים אידיש איז ניט דער שונא פון העברעאיש. עס איז שוין טויזנט מאל געזאגט געווארן און עס איז פון קיינעם ניט אפגעלייקנט גע־ווארן, אז העברעאיש לעבט אן דחקות דווקא אויף די ערטער, וואו די אידן ריידן אידיש, און העברעאיש איז אונטערגעגאנגען, אדער זשיפעט קוים, גוסס'ט, גראד אין די ערטער, וואו אידיש ווערט מער ניט גערעדט. דאס איז אן אמת, וואס קיינער קען ניט לייקענען. אבער דער שטן פון מחלוקת, וואס טאנצט אין אונדזער מחנה, וויל ניט אפלאזן. ער הערט ניט אויף הוליען. ער ווערט שיכור פון יעדן טראפן. עס איז ליהודים, עס איז ששון ושמחה· דער שטן רייצט אויף איין טייל פון דעם נאציאנאל־אויפגעוואכטן אידישן פאלק קעגן אנדערן, בשעת זיי ביידע האבן די זעלבע אינטערעסן און וואלטן געדארפט ארבעטן יד אחת און האלטן אן אויג אויף דעם פאקט,

וואס די ענגלישע שפּראַך ווערט אַ הויפּט־מחותנתטע אויף דער אידישער חתונה.

עס איז ניט ענגליש אַלס פּאַרקער־שפּראַך. אידן ריידן שוין זייט לאַנג ענגליש. אידן האָבן אומעטום געערדט די לאַנדס־שפּראַך. גוט, שלעכט — אָבער גערעדט האָבן זיי. דאָס לעבן האָט עס געפאָדערט. מיר וואוינען דאָך צווישן די בירגער פון לאַנד און ניט אָפּגעזונדערט, אין איזאָלאַציע. אפילו ווען מען האָט אונדז געצוואונגען צו וואוינען אין אַ געטאָ, האָבן מיר געמוזט קומען אין פּאַרקער מיט דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג פון לאַנד און זיך געמוזט מיט איר צונויפריידן, און, פאַרשטייט זיך, געבעבעט אויף איר שפּראַך. די לאַגע איז איצט אַנדערש. דער יונגער דור „בעבעט" ניט ענגליש, ווייל ענגליש איז זיין שפּראַך, וואָס ער רעדט און לערנט. מיר האָבן שוין דאָ אין דער מדינה, רעכנט מען, ביי צוויי און אַ האַלב מיליאָן אידן, וואָס ריידן און קענען ענגליש, האָבן ליב ענגליש און זייער צאָל ווערט אַלץ גרעסער.

דאָס איז אָבער ניט אַלץ. ביז ניט לאַנג צוריק איז ענגליש — אין אידישע זאַכן, לכל הפחות — ניט געווען קיין גרויסער קאָנקורענט. איצט איז ווידער אַנדערש. איך געדענק נאָך, אז מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, האָט מען קוים געקענט געפינען אַ טוץ אַנשטענדיקע ספרים אין ענגליש וועגן אידיש־נאַציאָנאַלע פראַגן, אפילו ניט וועגן דער העברעאישער קולטור. איך שלים דערפון אויס די ביבל. וועגן דעם ענין איז אין ענגליש פאַראַן אַ גאַנצע ליטעראַטור, געשריבן פון גויים און פון אידן, פון די ערשטע מער ווי פון די לעצטע. איך רייד וועגן אַנדערע אידישע פראַגן. עס איז גאַנץ אַנדערש היינט, און עס ווערט אַנדערש מיט יעדן טאָג.

עס איז געווען אַ צייט, ווען מיר האָבן דאָ אין אַמעריקע געהאַט איין־און־איינציקן ענגליש־אידישן פאַרלאַג, וואָס האָט זיך באַנוגנט מיט אַרויס־געבן אַ פּאָר ביכער אַ יאָר. ביכער דאַרע, אומאינטערעסאַנטע, נעבעכדיקע, וואָס זייער מראה אַליין האָט דערציילט אַ טרויעריקע געשיכטע וועגן דעם טרוקענעם שטיינערדיקן אַמעריקאַנער באָדן, ווען עס קומט צו אידישער קולטור.

יענע צייט איז איצט פאַרביי. אין משך פון די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר איז אונטערגעוואַקסן אַ נייער דור, וואָס האָט אַ טיפן אינ־טערעס אין אידישע זאַכן און איז גרייט זיך צו באַקענען מיט זיי דורך דער שפּראַך, וואָס ער קען — זיין שפּראַך, דאָס מיינט ענגליש. דאָס איז נאָך אויך ניט אַלץ. עס זיינען שוין אויפגעוואַקסן ביי אונדז יונגע לייט, וואָס האָבן שטודירט אין אונדזערע סעמינאַרן און ישיבות און האָבן עפּעס וואָס צו זאָגן — און זאָגן עס טאָקע אין ענגליש.

די צאָל פון דעם מין יונגע לייט ווערט גרעסער מיט יעדן יאָר און זיי

דרוקן ביכער — איצט ניט מער אין ענגליש־אידישע פארלאגן דווקא, נאר אין די בארימטע אלגעמיין־ענגלישע פארלאגן.

איצט, ווען איר קומט אין דער אידישער אפטיילונג פון דער אלגעמיינער ביבליאטעק, קענט איר באקומען ביכער אין ענגליש איבער וועלכן ענין אדער פראבלעם איר ווילט. א געדעטעניש אויף ביכער און פיל פון זיי גאנץ גוטע, אייניקע זיינען פון די בעסטע איבער דעם ענין. איר דארפט נאר זאגן צום ביבליאטעקאר, וואס איר ווילט און ער וועט אייך ברענגען א גאנצע שאפע ביכער אין דער ענגלישער שפראך.

עס איז איבעריק צו דערציילן, אז ווען עס קומט צו ערנסטע וויסנשאפטלעכע ספרים, אזוי צו זאגן, קען מען איצט אין ענגליש געפינען פיל מער ביכער ווי אין אידיש, למשל, — קיין פארגלייך ניט.

וויפיל ביכער האבן מיר אין אידיש וועגן שפינאזא פון א אידישן שטאנדפונקט? אדער חסידיזם אפילו, אדער קבלה, אדער אידישע רעליגיאנס־פילאזאפיע, אדער איבער אידישער עטיק אדער איבער אידישער געשיכטע? וויפל מאנאגראפיעס האבן מיר אין אידיש איבער וויכטיקע, היסטארישע אידישע פערזענלעכקייטן — איבער רבי מאיר, רבי עקיבא, אדער הורדוס, אדער הערצל, צי בראנדייס? איך לויף און שפרינג פון איין נאמען צום אנדערן, ווייל עס איז ניט קיין פראגע פון כראנאלאגישן סדר, נאר פון ענינים, וואס דארפן זיין אינטערעסאנט פאר דעם אידישן לייענער.

וויפל ביכער האבן מיר אין אידיש איבער דער הארבער פראגע פון אנטיסעמיטיזם אדער איבער ארץ ישראל — דאס אמאליקע, דאס הייניקע, די מעגלעכקייטן פון לאנד, זיינע גרעניצן, איבער זיין פלארא און פאונא, — אדער איבער דער ברענענדיקער פראגע, צי די אידן זיינען א ראסע, א נאציע, אדער גאר א רעליגיעזע סעקטע: איבער דעם אונטערשיד פון קריסטנטום ביז אידנטום; ביכער איבער די הויפט־גרונטן פון קריסטנטום, ישו און שאול־פאול און נאך און נאך?

איבער די אלע פראגן, ענינים און פראבלעמען קענט איר אין אידיש ניט געפינען קיין האלבן טוץ ספרים. ערגעץ־וואו אן ארטיקל אדער א פאר אפהאנדלונגען, אבער ניט קיין ווערק. אין ענגליש איז עס איצט גאנץ אנדערש.

עס איז נתפעל צו ווערן וויפל ספרים עס גייען ארויס אין משך פון א חודש איבער פארשידענע אידישע פראגעס. צי איז דאס איבער קאראאימער, אדער רמב״ם, אדער עקיבא, אדער שפינאזא — בעת דעם לעצטן שפינאזא־יובל אליין זיינען ארויס פיר וויכטיקע ביכער וועגן דעם „גאטבאזויפטן מאן״ — אדער הערמאן קאהען, אדער איבער אידן אין דעם אונטערן — בקיצור ביכער, וואס זיינען אזוי פארשידן איינס פון דאס אנדערע

ווי עס איז דאָס אידיש לעבן, אָבער זיי דרייען זיך אַרום אונדזער פאָלק, זיין פילאָזאָפיע, זיין געשיכטע, זיין האָפנונג ,זיין שטרעבן, זיין אויפטו, זיין ביי־שטייערונג און זיין פּלאַץ אין דער וועלט־קולטור.

עס וועט ניט זיין קיין איבערטרייבונג צו באַהויפּטן, אַז מען קען אין ענגליש היינט באַקומען אַ פיינעם באַגריף פון אונדזער פאָלקס־לעבן און גרויסקייט — זיין שטורעם און דראַנג.

אַ באַזונדערע פּרשה אין ענגליש איז איבערזעצונגען פון אידיש, דייטש, העברעאיש און פון אַנדערע שפּראַכן. פיל ווערק ווערן איבערזעצט. זייער וויכטיקע ספרים — און אין אַ גרויסער צאָל.

מיט אַנדערע ווערטער: ענגליש קומט „אַפּנעמען איר חלק", זי וויל אויף אַז אמת ווערן אַ שותּף צו דעם ביכער־מאַרק פון אידישן לייענער, אַז ערנסטער שותּף און באמת אויך אַ קאָנקורענט, מיט וועלכן מען וועט זיך דאַרפן רעכענען.

אין דער לעצטער צייט האָט זיך אויך ענגלאַנד אויפגעכאַפּט. עס זיינען דאָרט אַרויסגעקומען ערנסטע ביכער אין ענגליש, פון אַ אידישן אינ־האַלט. יאָרן לאַנג האָט מען פון ענגלאַנד כמעט ניט געהערט. עס איז געווען זאַנגוויל און נאָך אַמאָל זאַנגוויל. ער איז געווען דער פּאָפּולערסטער. און דאַן אַבראַהאַמס, די גאָלאַנצעס. עס פלעגט טרעפן אַ נס און עס פלעגט דאָרט דערשיינען אַמאָל אַ אידיש ווערק אין דער ענגלישער שפּראַך.

עס איז אַנדערש איצט. כאָטש עס וואוינען אין ענגלאַנד זייער ווייניק אידן, גייט די איבערזעצונג פון גאַנץ תּלמוד אין ענגליש דווקא אַרויס אין ענגלאַנד. עס זיינען שוין אַרויס אַ צען מסכתות. די משנה איז שוין פריער איבערזעצט געוואָרן פון דר. דעמבי.

עס איז אַ היסטאָרישע און ערנסטע אַרבעט, מיט וועלכער עס פאַר־נעמען זיך דאָרט די בעסטע קענער פון תּלמוד. עס איז אויך אַן אויסגאַבע, וואָס פאָדערט גרויס געלט, אָבער עס איז דאָ דער פאָנד.

די אַרבעט איז קלאַסיש. עס איז ניט עפּעס „כלאחר יד", ווי די דילע־טאַנטן פון אַמאָל, וואָס האָבן פּרובירט און געמאַכט אונדזער תּלמוד אַ שלעכטן נאָמען. די איצטיקע אַרבעט ווערט געלויבט פון אַלע פּאַבליים, די אַרבעט ווערט געטאָן מיט גרויס פלייס און זאָרג, און עס ווערט אויך אַרויסגעגעבן אויף אַ שיין פּאַפּיר, מיט שיינעם דרוק. בתכלית ההידור, אַזוי צו זאָגן.

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, אַז עס איז זייער ווייניק טאַראַ־ראַם געמאַכט געוואָרן וועגן דעם אין דער פּרעסע. מען האָט ניט געליאַ־רעמט, ניט אַרויסגעשיקט קיין תּחנונים־אַפּילס, נאָר „גענומען און גע־מאַכט".

זעלטן, אַז אַ ווערק זאָל אַרויסגיין אַזוי שיין, אַזוי צוגעקליבן, אַזוי

רעגלמעסיק, אזוי סאליד, פאכמעניש, ווי די דאזיקע איבערזעצונג פון תלמוד.

אין אידיש האט איינער פון אונדזערע בעסטע תלמודיסטן, דר. זאל־קינד, געפרובירט אמאל ארויסגעבן איין מסכתא, איז עס אים אנגע־קומען מיט גרינער גאל. ער איז געווען אליין און האט קיין גרויסע דערמוטי־קונג פון קיינעם ניט באקומען. עס זיינען ניט געווען קיין מעצענאטן צווישן די אידישיסטן, וואס זאלן אזא ווערק שטיצן. און ביי דעם מענטשן האבן זיך לסוף אראפגעלאזט די הענט.

עס ווערט איצט אין ענגלאנד אויף דעם זעלבן אופן ווי דער תלמוד, אויך איבערזעצט דער זוהר. מיט אנדערע ווערטער, די דריי גרויסע קאפיטאלע שאפונגען פון אידישן גייסט — תנ״ך (דאס איז דאך שוין לאנג איבער־זעצט), דער תלמוד און דער זוהר ווערן אריינגעבראכט אין ענגליש, אין א פארם, וואס טוט די איבערזעצער אן גרויס כבוד.

עס איז כדאי אז די אידישיסטן, וואס שלאגן זיך ארום מיט די הע־ברעער, זאלן זיך וועגן דעם פארטראכטן.

אידיש מוז אין דעם לאנד קעמפן פאר זיין פאזיציע ניט מיט העברע־איש, נאר מיט די מפיצי־ענגליש, וועלכע פארשטייען, אז כדי צו דינען דעם אידישן פאלק אין זיינע גייסטיקע באדערפענישן, מוז מען אים צוערשט געבן זיינע ווערק, וועלכע, מער ווי אלץ אנדערש, האבן געהאלפן מאכן דעם אידן פאר דעם, וואס ער איז.

דער צוריקקער צום קוואַל

ווייט פון אונדזער מחנה
אידישע תנועות און העוויות
דאָס אַלטע און דאָס נייע געטאָ

ווייט פון אונדזער מחנה

„פאַרן צוריקקער קיין ארץ־ישראל מוז קומען דער צוריקקער צום אידנטום“. — מען מוז אָנהויבן לעבן אידיש יעדן טאָג. — וואו איז פאַרשוואונדן דער אידישער קוואַל? — מיר האָבן געקאָרגן אַ פּאָר גראָשן, אָבער ניט געוואונען קיין הערצער.

מען רעדט ביי אונדז פיל וועגן דעם, אָבער מען דעררעדט זיך ניט. עס נעמט זיך דערפון, וואָס מען נוצט ביי אונדז אָפט צו מגוזמ׳דיקע אַבסטראַקטע ווערטער, און ווייל צופיל, איז עס ווייניקער ווי ווייניק; און ווייל אַבסטראַקט, — פאַרפעלן מיר דעם ציל. מיר שיסן צו־ווייט און טרעפן ניט אין דעם נאָענטסטן פינטל.

אין דער לעצטער צייט הערן מיר פיל ציוניסטן באַקלאָגן זיך לערך אין דעם נוסח: פערציק יאָר וואָס מיר פירן אָן אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַר ציוניזם, אַראַנזשירן מיטינגען, פאַרזאַמלונגען, גיבן אַרויס צייטונגען, אויפרופן, בקיצור, אַ פאַרצווייגטע מאַסן־אַגיטאַציע. לסוף, ווען עס האַנדלט זיך נאָר ניט אום אונדזערע דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל, וועלכע פירן זיך לויט אַ גאַנץ אַנדער בוכהאַלטעריע, נאָר וועגן דעם אידישן לעבן דאָ אויפן פּלאַץ, מוזן מיר זאָגן, אַז וואָס שייך דעם נייעם דור, וועלכער האָט זיך דערצויגן, אַזוי צו זאָגן, אין ציוניסטישער אַטמאָספער, איז ער געבליבן שטיין ווייט פון אונדזער מחנה. עפּעס פאַרשטייט ער ניט אונדזער לשון, איז ניט תופס דאָס גאַנצע פּראָבלעם: עס קלינגט אים פרעמד, אויסלענדיש, אויסטערליש. אַ ווידערקול פון אַן אַנדער וועלט, צו וועלכער ער האָט קיין שייכות ניט און איז ניט קיין טייל פון זיין לעבן און באַנעם. און די ווייניקע, וואָס מען קען אויף די פינגער ציילן, וואָס זיינען יאָ געקומען צו אונדז, דרייען זיך אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אבלים אויף אַ חתונה.

פרעגן די ציוניסטן, פארוואס איז דער שניט פון אונדזער אקער־ און זיי־פעלד אזוי מאגער, אזוי ארים? איז דער באדן שולדיק? איז ער אזוי שטייניק, אזוי זאמדיק און אומפרוכטבאר? עס ווילט זיך אפלייגן די שולד, ווען ניט אויף עמיצן, איז אויף עפעס א זאך, אן אומשטאנד. אמעריקע איז שולדיק. עס ווילט זיך באלד זאגן: „א קלאג צו קאלומבוסן"! עס זיינען אבער דא אנדערע, וואס זיינען מער ערלעך מיט זיך אליין, און זיי גיבן צו, אז ניט מדינת אמעריקע איז שולדיק. נאר שולדיק זיינען מיר אליין. און זיי לייגן אוועק דעם פינגער אויף דער וואונד: מיר זיינען שולדיק, ווייל מיר האבן געערדט מכח ציוניזם און פארגעסן אין אידנטום. און מען דערמאנט דערביי מיט פילזיניקייט דעם בארימטן הערצל־זאץ: „פאר דעם צוריקקער קיין ארץ ישראל מוז קומען דער צוריקקער צום אידנטום". און מען באנוגנט זיך מיט דער באמערקונג. מען איז צופרידן, וואס עס איז פאראן א סטער־רעאטיפישע פראזע. אבער מען פארטייטשט ניט צו זיך אליין און ניט צו אנדערע, וואס מען מיינט באמת מיט דעם „צוריקקער" און וואס מען מיינט מיט דעםווארט אידנטום, וואס איז א פארנעפלט ווארט. עס איז ניט קלאר אפילו פאר די, וואס באנוצן עס, שוין ניט רייידנדיק וועגן די, וואס הערן עס. ס'איז א ווארט, וואס האט פיל טייטשן, און וואס צופיל איז איבעריק. בלייבט אפילו ניט איין טייטש פעסט אין מח. דערפאר האט דער קלאסישער זאץ אזא קליינע ווירקונג אויף דעם ציוניסטישן געדאנקען־גאנג, און נאך א קלע־נערע — אויף דער ציוניסטישער פראקטיק.

עס איז אבער געקומען די צייט אנצוהייבן ריידן קלארע דיבורים, ניט שלאג־ווערטער, ניט געפליגלטע פראזן, ניט קיין אבסטראקטע באמער־קונגען, וואס לאזן דאס הארץ קאלט און דאס בלוט נאך קעלטער און דעם מח שוועבן אין דער לופטן. מיר מוזן אויפהערן שטויסן וואסער, וואס פירט קיינמאל ניט צו קיין פרוכטבארער טאט. נאר ריידן פשוט און איינפאך, אויפדעקן די קארטן, אזוי, אז יעדער זאל פארשטיין אום וואס עס האנדלט זיך. דעמאלט וועלן מיר אפשר עפעס דערגרייכן. דעמאלט וועלן מיר, מעגלעך, אפשר געבן אונדזער אגיטאציע אן אנדער ווענדונג. די צייט איז שוין לאנג דארויף געקומען.

מיר מוזן מאכן א חשבון הנפש און מודה זיין, אז מיר זיינען געווען צו אומפערזענלעך אין אונדזער אגיטאציע, צו אינטעלעקטועל, צופיל גערעדט וועגן אידישע צרות און פארפאלגונגען, אין וועלכע אנדערע פעלקער זיינען שולדיק, און ניט גערעדט וועגן אונדז אליין וועגן דעם, אז אויב מיר ווילן זיך באמת באפרייען, זיין ווערט די באפרייאונג, דארפן מיר זיך דערצו גרייטן, ניט נאר צוגרייטן דאס לאנד, און ניט נאר צוגרייטן דאס פאלק (גאט ווייסט ווי אזוי מען קען עס בכלל צוגרייטן א פאלק?) — נאר צו־גרייטן זיך אליין. ניט גרייטן יענעם, נאר זיך, לויט דעם באקאנטן אידישן

ווערטל: יעדער בעל־דרשן דרשנ׳ט פאר זיך. וואס שייך ציוניסטן, האבן מיר גע׳דרשנ׳ט פאר אנדערע, ניט פאר זיך אליין.

מיר האבן גערעדט פון אידיש לעבן און עס שטארק גערימט. דאס אידישע לעבן איז א גאלדענע קרוין, באזעצט מיט דימענטן. דערפאר האבן מיר אפנים גענומען די דאזיקע קרוין און זי אוועקגעלייגט ערגעץ וואו אין דער הויך, אין א זייטיקער שאפע און פון איר קיין געברויך ניט געמאכט אין די וואכעדיקע טעג; בלויז אמאל זי ארויסגענומען אין א גרויסן יום טוב. עס וואלט דאך געווען פיל איינפאכער, ווען מיר וואלטן בעסער אליין אנגעהויבן יעדן טאג אין דער וואך לעבן אידיש. עס איז דאך פארט אזא זאך ווי אידישער שטייגער. עס איז דאך דא אזא זאך ווי א אידיש הויז. מיר האבן ערשט דאך ביז ניט לאנג געהאט א אידישע שפראך, אידישע ניגונים, אידישע לידער, א אידישן טיש, אידישן דרך ארץ, אידישע באגריסונגען, א אידישע גאס, א אידישע סביבה. מען האט ניט נאר גערעדט אידיש, נאר געדענקט און געפילט אידיש, און עס פארשטייט זיך, געהאנדלט אידיש. עס איז געווען א אידישער אינהאלט און אידישע פארם, אידישער הומאר און אידישער וויץ, אידישע חכמה, פקחות, אידישע גלייכווערטלעך, דער אידישער מאך מיט דער האנט, דער אידישער קרעכץ, דער אידישער וואונק, די בריענדע אידישע טרער און דער הארציקער, חנ׳עוודיקער אידישער לאך. וואו נאר אידן האבן זיך פארזאמלט, און אויפגעשלאגן זייערע „געצעלטן", איז אין סאמע צענטער פון זייער לעבן געשטאנען א אידישער קוואל, וואס האט הויך, פריש, באגייסטערט, און אויפפלאמענד געשלאגן זיינע לעבנסוואסערן, אין וועלכע עס האבן זיך געשפילט די זיבן קאלירן פון א זון־אויפגאנג. וואס איז מיט די קוואלן געווארן? זיי שטייען פארשאטן, פארשטאפט. אבער מיר לאזן ניט ארונטער פון די ליפן דעם אויסדרוק: „אידיש לעבן". צווערשט מאכן מיר חרוב, דערנאך בענקען מיר נאך א פארגאנגענהייט, וואס מיר האבן צעשטערט מיט אונדזערע הענט.

אויב מיר האבן געמיינט אויף אז אמת מיט אונדזער ציוניזם, וואס דער פשט איז, אז אידן דארפן קענען, און עס איז כדאי בויען א לאנד פאר זיך, ווייל עס איז כדאי צו רעטן דאס אידישע לעבן, וואלט דאך אונדזער ערשטער חוב געדארפט זיין, אז מיר, וואס קומען רעטן דאס דאזיקע אידישע לעבן, זאלן אליין לעבן אידיש. האבן מיר עס געטאן? האבן מיר ניט אליין צעבראכן די ווענט פון דעם אידישן הויז און זיין יסוד צעפיצלט? האבן מיר דען ניט אליין דורך טיר און דורך פענצטער ארויסגעטריבן דאס ביסל אידישע גייסט, וואס איז געבליבן אין אונדזערע היימען?

אויף דעם וועג וועלן מיר פיל ניט דערגרייכן. מיר מוזן אנהויבן פון אנהויב. מיר מוזן דערציען אידישע מענטשן, אויב מיר ווילן האבן גוטע ציוניסטן און ציוניסטישע פירער. מיר מוזן ניט יוצא זיין מיט דעם, וואס

מיט שאפן א תלמוד תורה אין א געגענט אדער א שול. מיר מוזן צו אלעם ערשט אליין אריינקוקן אין א אידישן ספר. מיר מוזן זיך אליין דערנענטערן צו דעם אידישן קוואל. מיר מוזן זיך אליין אפפרישן. מיר מוזן דאס אידישע הויז מאכן פאר א אידישע היים, מיר מוזן דארט אנצינדן די אידישע מנורה, דאס אידישע ליכט און ביי זיין שיין אויפבינדן די אידישע אוצרות.

עס איז א טרויעריקער פאקט, אז אפילו ביי ציוניסטן זיינען ניטא קיין פיל אידישע הייזער, אז אפילו צווישן ציוניסטן באקומען די קינדער ניט קיין אידישע דערציאונג, אז מען הערט זעלטן אפילו צווישן ציוניסטן א אידיש ווארט. עס ווערט אנגעפירט א מעכאנישע אגיטאציע, וואס ציט ניט איר יניקה פון דעם אידישן לעבן, פון דער אידישער טראדיציע, פון דער אידישער פארגאנגענהייט, פון די אידישע קולטור־אוצרות. עס זיינען ווערטער געבארגטע, ווערטער אש און ניט קיין ווערטער פלאמענדע, וואס טראגן אין זיך דאס הייליקע פייער.

דערפאר האט אונדזער אגיטאציע אזוי ווייניק מענטשן באקערט. מיר האבן געקראגן א פאר גראשן, נאר מיר האבן ניט געוואונען קיין הערצער, קיין מחות. מיר האבן ניט אריינגעדרונגען אין בלוט פון אונדזער צוהערער, ווייל זייערע הערצער זיינען געבליבן פארשלאסן.

קומט און זעט. עס איז אויפגעשטאנען א דור פון גרויסע שרייבער ביי אונדז אין דער ענגלישער שפראך. וויפיל פון זיי טראגן דאס פייער פון אונדזער אויפלעבונג אין זייער הארץ? איינער, פון איינעם וויים איך, אבער איינער איז קיינער.

זאלן מיר דאך פארשטיין, אז עס איז ניט גענוג צו זאגן: מען דארף אויפבויען א אידיש לאנד, בשעת מיר צעשטערן די אידישע בנינים אין די לענדער, וואו מיר געפינען זיך. אויב מיר אליין צעשטערן, ממש ווי וואנדאלן אליין, וואס איז שיין, הערלעך, דערהויבן, אריגינעל־אידיש אין אונדזער לעבן, דאן צו וואס דארף מען בויען ערגעץ וואו א נייע לאנד? ווען עס טרעפט רחמנא לצלן אן ערד־ציטערניש, א פארפלייצונג, וואס ברענגט אום און טראגט אוועק גאנצע שטעט און צעשטערט פיל בנינים, קען מען זיך אויף קיינעם ניט באקלאגן. עס איז א גאט זאך, אן אומגליק, פאר וועלכן דער מענטש איז ניט פאראנטווארטלעך, אבער ווען מען מאכט אליין א שריפה, ווען מען נעמט מיט די הענט, ווי דאס האבן געטאן די נאצים, די שענסטע און בעסטע ספרים און מען ווארפט זיי אין פלאם פייער, און מען טאנצט ארום די פלאמען מיט א סאדיסטישער צופרידנקייט, דעמאלט מוז זיך ארויסרייסן פון הארץ א קללה אויף די אונטערצינדער.

פארגלייך איך, חלילה, ניט אונדז צו די נאצים. אבער דער אמת מוז דאך געזאגט ווערן. אויך מיר לייגן אונטער פלאמען פייער אונטער די יסודות

פון אונדזער לעבן, און מיר, ציוניסטן, ווי נעראַן קיסר אַמאָל, שטייען און שפּילן אויף דעם פידל, ווען די ערשטע זאַך, וואָס מיר דאַרפן טאָן, איז אויסלעשן די שריפה. די ערשטע זאַך, וואָס מיר מוזן טאָן איז, צוריק אויפבויען דאָס אידישע לעבן, גלייך דאָ אויפן פּלאַץ.

מיר זיינען ניט אָרים, מיר זיינען רייך. אין דער אַלטער גענטאָ האָבן מיר אויסגעבויט אַ שיין לעבן. מיר האָבן פיל צו געבן דעם נייעם דור. נאָר איידער מיר גיבן אַנדערע, לאָמיר נעמען פאַר זיך. לאָמיר אַליין צוערשט לעבן אידיש, לאָמיר צוריקגיין צום אידישן קוואַל, אַנווייזן אויף אים אונדזער יוגנט, און זי וועט שוין קומען און שעפּן פולע עמער פאַר זיך, קינדער און קינדס־קינדער. דעמאָלט וועט אויך ניט שווער זיין אונדזער לאַנד אויפצובויען.

ווי הייסט עס ביי אונדז: איידער מיר באַצירן אַנדערע, לאָמיר זיך אַליין אויסצירן. לאָמיר ווערן דער ביישפּיל, דער פייער־זייל פאַר אַנדערע. עס הויבט זיך אָן פון אונדז. מיר קומען צוערשט. מיר האַלטן ביי דער סדרה בראשית.

אידישע תנועות און העויות

דאָס נעטאָ איז שולדיק. — די פאַלשע ארגומענטן פון די באַ־שולדיקער. — און וואָס איז מיט די לאַטיינישע פעלקער? — די אויספאָרשונג פון פראָפעסאָר באָאַז וועגן דער זשעסטיקוליאַ־ציע פון אידן און איטאַליענער. — די תנועות פון אי־דישן ריטואַל.

א

נית די גויים, נאָר אפילו די מאָדערנע אידן אליין געפעלן געווײנלעך ניט די אידישע תנועות. אין דער עליה־השלום׳דיקער השכלה־צייט איז אויף דער פאַרגעשריטענער אידישער גאַס געווען אַ באַליבטער אויסדרוק: הערט אויף מיט אייערע אידישע תנועות. דאָס איז געווען אַ שם נרדף, אַ סינאָנים פאַר „מיאוס׳ע שטיק", כניאָקישער אויפפיר, געטאָ־אַפּשניצלעך. עס איז געווען ווי אַ מין אַקסיאָמע, אַז אידישע תנועות זיינען ניט שיין, זיינען באמת זייער מיאוס, און דער געבילדעטער איד, דער מאָדערנער מענטש, דאַרף זיך פון זיי אָפּגעוואוינען וואָס שנעלער.

נאָך מער, עס האָט עקזיסטירט איין סאָרט אידן, וואָס זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף זייערע געטאָ־ברידער, וואָס ריידן מיט די הענט, דרייען דעם גראָבן פינגער, מאַכן מיט דער נאָז, שטעלן אויף די ברעמען, זשמורען מיט די אויגן, קרייזלען די פאות, גלעטן די באָרד, רייבן זיך דעם שטערן און בייגן און קנייטשן די פלייצע, מיט וועלכער זיי דריקן אויס אַ ים מיט געפילן, פאַראַכטונג, האַס, בטול־היש, „לאָז־מיך געמאַך"־האַלטונג, אַ פראַגע־צייכן, הילפלאָזיקייט און טיפן פּאַטאַליזם. די דאָ־זיקע מאָדערנע אידן האָבן ממש אנגענומען באהבה די גוי׳אישע רשעות צו דעם אידישן פאָלק, ווייל — האָבן זיי ארגומענטירט — ווען קען אַזאַ

פאָלק ליב האָבן? עס איז גענוג זען די אידן ריידן און עס זאָל נעמען איבּ־לען, אַז עס זאָל ניט גוט ווערן אויף דעם האַרץ. אַזוי מיאוס עקלהאַפט זיינען די אידישע תנועות, וואָס באַגלייטן אַ אידישן שמועס, אַ אידישן וויכוח.

עס זיינען געווען אַנדערע מאָדערנע אידן, וואָס הגם זיי זייען אויך געווען קעגן די דאָזיקע אידישע שטיק, האָבן זיי אָבער געהאַט אַ וואָרט פון פאַרטיידיקונג פאַר די דאָזיקע תנועות. ניט די אידן זיינען שולדיק. הכול מודים, אַז די תנועות זיינען מיאוס, און עס איז אוממעגלעך צו זאָגן אפילו אַ גוט וואָרט מכח זיי, נאָר די אידן אַליין זיינען דערין ניט שולדיק. שולדיק איז דאָס גענטאָ. זי איז שולדיק אין אַלץ. זי האָט דעם אידישן מח פאַרקרומט. זי האָט דעם אידישן געדאַנק פאַרדרייט, פאַר׳פּלפּול׳ט. זי האָט איינעפּירט די הערשאַפט פון דעם גראָבן פינגער. זי האָט געטויט דאָס עסטעטישע גע־פיל ביים אידן, ווי דאָס איז צו זען אויך אין זיין קליידונג. הכלל, דער אידישער געשמאַק איז פאַרדאָרבן, די אידישע לאָגיק הינקט אונטער, ניין, דאָס וואָלט נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט, נאָר די אידישע לאָגיק, דער אידישער שכל קלעטערט אויף די גלייכע ווענט, פאַרקריכט אַזש אין בויבעריק. ביי אידן איז ניט נאָר צוויי מאָל צוויי פינף — דאָס קען טרעפן אויך ביי אַנ־דערע פעלקער—נאָר ביי אידן קען עס אויך זיין אַ פורים־קוויליטש. און אפילו ווען דער איד רעכנט שוין צונויף ריכטיק, איז ביי אים ניט פיר ווי ביי דער גאַנצער וועלט, נאָר לכל הפחות דריי און איינס. ווייל עס מוז זיין אַנדערש ווי ביי דער וועלט. עס מוז זיין פאַרדרייט. ווען ער דאַרף דערגרייכן דעם רעכטן אויער, וועט ער אים ניט נעמען מיט דער רעכטער האַנט, נאָר וועט קריכן צו אים דווקא מיט דער לינקער האַנט. און ווען איר וועט אים פרעגן, רב איד, הלמאי מיט דער לינקער האַנט, וועט ער אייך ענפערן: פאַרוואָס ניט? מיט וואָס איז עס ערגער ווי צו גיין מיט דער רעכטער האַנט צום לינקן אויער? אַזוי איז דער גענטאָ־איד, און די תנועות קומען אויך פון גענטאָ, וואָס איז שולדיק אין אונדזערע אַלע צרות.

די הילף דערצו איז: ברעכן די טויערן פון דער גענטאָ און דעמאָלט וועלן די אידן ווערן מענטשן גלייך און זיך באַפרייען פון אַלע זייערע מיאוס׳ע שטיק און גענג.

די דאָזיקע פאַרטיידיקער, רחמנא לצלן, האָבן זיך אויף איין מינוט ניט פאַרטראַכט, אַז זייער התנצלות איז די גרעסטע באַשולדיקונג קעגן אונדז. דען אויב עס איז אמת, אַז דאָס גענטאָ האָט דאָס אַלץ געמאַכט, דעמאָלט הייסט עס דאָך אומדירעקט מודה־געווען, אַז אונדזער אייגן לעבן, אונדזערע אייגענע פיר ווינקעלעך שאַפן מיאוס׳ע מידות און אונטערגראָבן דעם געזונטן מענטשלעכן פונדאַמענט, און אַנשטאָט נאָרמאַלע מענטשן, קומען אַרויס קאַריקאַטורן, פאַרזעענישן. די פאַרטיידיקער האָבן זיך ניט פאַרטראַכט מכח דעם, ווייל זיי זיינען שוין צופיל געווען אָנגעשמעקט מיט גוי׳אישקייט

און זייער מאַס איז ניט געווען מער קיין אידישע. אויב עס איז ניט ווי ביי די גויים, איז עס ניט שיין. ווען זייריידן אַן הענט, איז אַ סימן, אַז אַזוי דאַרף מען ריידן, אַז אַזוי איז שיין. ווען זיי שטייען ווי שטיקער האָלץ, ווי מומיעס ביים ריידן, איז אַ סימן, אַז אַזוי איז שיין. און ניט נאָר איז דער אַרט ריידן שיין, נאָר עס איז אויך קלאָר ווי דער טאָג, עס איז לית מאן דפליג, אַז ווען אידן מאַכן תנועות ביים ריידן, איז עס נמאס.

מען דערמאָנט זיך ווי אונדזער זיידע מענדעלי פלעגט חוזק מאַכן פון אידישע תנועות און אידישע מינעס, בכלל פון אידישן אויפפיר. ער האָט אָפּגעלאַכט פון דעם ווי אידן ריידן, אויסגערדיקט זיך וועגן דעם מיט ביטער־רער גאַל. אַפילו דאָס געבן אַ האַרציקן אידישן „שלום עליכם" איז די משכילים ניט געפעלן. זיי האָבן געדענקט, אַז דער איד כאַפּט אַריין יענעמס גאַנצע האַנט, בשעת די עטיקעט פאָדערט, אַז מען זאָל געבן בלויז די שפּיץ פינגער, קאַלט ווי אייז, מיט אַ מינע, וואָס זאָגט: נאָר ניט ווערן צו פאַמיליאַר. „מיר האָבן אינאיינעם קיין חזירים ניט געפּיטערט" — פלעגן אונדזערע משכילים זיך וויצלען איבער דעם אידישן שלום עליכם געבן און זאָגן: עס איז אַ גליק וואָס אַ האַנט האָט אַ גראַבן פינגער, וואָרים ווען ניט, וואָלט דער איד ביים שלום עליכם געבן, גאָט וויים וואוהין פאַרקראָכן, אפשר ביז צו דער נאָז.

די באַשולדיקער האָבן אַפילו פאַרגעסן, אַז עס זיינען דאָ אַלערליי גויים אויף דער גרויסער ברייטער וועלט. זיי האָבן אין זינען געהאַט נאָר זייערע גויים, די שכנים, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט, וואו זיי האָבן צופעליק ביים ריידן מיט קיין שום תנועות זיך ניט באַנוצט, און האָבן פאַרגעסן, אַז עס זיינען פאַראַן פעלקער, ווי די איטאַליענער, בכלל די לאַטייניש פעלקער און אויך די קעלטן, וואָס נוצן יאָ תנועות ביים ריידן.

אויך צווישן די אָריענטאַלע פעלקער זיינען תנועות ביים ריידן אַ גע־וויינלעכער באַגלייט־מאָטיוו. זיי זיינען געווען גרייט באַשולדיקן די משכילים אונדזערע, ווייל זיי זיינען ניט געווען קיין פּאַרשער און וויסנשאַפטסלייט, נאָר נאָכמאַכער, וואָס האָבן זיך געשעמט מיט זייער אייגענער פאַרגאַנגענ־הייט, מיט זייער אייגענעם לעבנס־שטייגער, מיט זייער הלוך, מיט זייער באַנעמונג. דאָס אידישע לעבן איז פאַר זיי געווען כל מום רע. זיי האָבן אין דעם ניט געפונען קיין איין גאַנצן אבר, קיין איין גאַנצן גליד. די שפּראַך וואָס מיר ריידן איז זשאַרגאָן און גרילצט אין די אויערן. אונדזער אידיש איז אָרעם ווי די נאַכט. מען קען אין אים קיין טיפע מנטשלעכע געפילן ניט אויסדריקן. מען קען זיך אַפילו אין אים אין ליבע ניט דערקלערן. אַ ליבעס־דערקלערונג אין אידיש האָט אַ טעם ווי אַ לאַקריץ־פּלעצל. דער אידישער ניגון האָט אַ בייגעשמאַק. ווער שמועסט די אידישע תנועות. זיי זיינען ממש אַ סקאַנדאַל, אַ הימל־שרייענדער בזיון.

ב

אין דער אידישער שפּראַך האָבן מיר צוויי ווערטער, וואָס באַצייכע־נען פיזישע באַוועגונגען: „תנועות" און „העוויות". ביידע זיינען אויסגע־וואַקסן אויף דעם באָדן פון דער לעבעדיקער, באַוועגלעכר אידישער שפּראַך. דאָס וואָרט „תנועה" איז ניט קיין ניי וואָרט אין העברעאיש. עס מיינט באַוועגונג בכלל, אָבער אין דעם זין פון מינע, גרימאַסע האָט מען עס צו־ערשט אין אידיש באַנוצט. דאָס וואָרט „העוויה" איז אין העברעאיש ניט געווען. עס איז דאָ אין העברעאיש דער ווערב „עוה", אויך „העוה"; די אידיש־ריידנדיקע אידן האָבן אַליין געמאַכט דעם שם עצם, דאָס וואָרט „העוויה", וואָס איז איצט אַריינגענומען געוואָרן אויך אין דעם נייעם העב־רעאיש.

אין דער אידישער שפּראַך איז פאַראַן אַן אונטערשיד צווישן תנועות און העוויות. דאָס ערשטע האָט מען באַטראַכט פאַר נאַטירלעך און שיין, סיידן זיי זיינען געווען מיאוס. אויב אַזוי, האָט מען עס געזאָגט מיט אַ פול מויל: ער האָט מיאוס'ע תנועות, פון וועלכע מען דאַרף אים אָפּגעוואוינען; דאָס הייסט, דעם, וואָס האָט זיי. אַזוי זיינען אָבער תנועות ניט מיאוס. זיי זיינען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. אפילו דאָס שאָקלען זיך איז ניט מיאוס. ווען מען זאָגט: „ער האָט שיינע תנועות", מיינט עס אין אידיש מיאוס'ע, איז עס סאַרקאַזם, איז עס בלשון סגי־נהור. אַ איד שאָקלט זיך געוויינלעך ביים לערנען, שאָקלט זיך ביים דאַווענען. אין דעם שאָקלען זיך זיינען דאָ כוונות. אויף אונדזער לשון: ריטמוס און עקסטאַז.

מען דערציילט אַ מעשה וועגן דעם גרויסן ר' הערשעלע, דוכט זיך, אָדער וועגן אַן אַנדער צדיק, אַז זיינע קעגנער האָבן אים צוגעשיקט אַ שגצ'ל צום פאַרהערן, כדי אים אויסצופּרובירן. דאָס שגצ'ל האָט אויסגעזען ווי אַ אידיש קינד און ער האָט אויך געקענט לערנען. פרעגט ניט פון וואַנען. אויף קיין מעשה פרעגט מען קיין קשיא ניט. בקיצור, דאָס שגצ'ל איז געקומען, זיך אַוועקגעזעצט פאַר דעם רבי'ן, געעפנט די גמרא און גענומען זאָגן דעם בלאַט. האָט דער רבי גענומען שרייען: ווי קומסטו צו דער גמרא, שגץ איי־נער? ווען די מקורבים האָבן שפּעטער געפרעגט, פון וואַנען האָט ער דער־קענט, אַז דער בחור איז ניט קיין איד? האָט דער רבי געענטפערט גאַנץ פּשוט: ווייל ער האָט זיך ביים לערנען ניט געשאָקלט. מיט אַנדערע ווער־טער, שאָקלען זיך איז אַ אידישע טבע.

העוויות ווידער איז שוין ניט קיין שיינע זאַך. דער שורש באַווייזט עס. דאָס וואָרט קומט פון „העוה", קרימען זיך. העוויה מיינט קרימען דאָס פּנים, קאָרטשען זיך, און דאָס איז ניט שיין. זאָגט מען טאַקע אין אידיש: „הער

אויף מיר דיינע העוויות!" עס האט צומאל אויך א ניואנס פון „הער אויף זיך פארשטעלן", נעם אראפ די מאסקע. טרייב ניט קיין צביעות. איך חזר איבער: דאס לעצטע איז בלויז א ניואנס, אן אונטער־טאן, א צושפיל. דער עיקר בלייבט דער פראסטער פשט: גרימאסן. און די האט דער איך באטראכט פאר ניט שיין, ווי מען זעט פון דעם נאמען, וואס ער האט פאר זיי אויסגעקליבן.

וואס שייך דער פראגע, צי זיינען די אידישע תנועות שיין אדער ניט שיין, איז דאראויף נאטירלעך שווער צו געבן אן ענטפער, ווייל עס איז א געשמאק זאך, און אויך צוליב דעם אומשטאנד, וואס די שענסטע תנועה קען ווערן אומאנגענעם פאר דעם אויג, ווען זי ווערט ניט שיין אויסגעפירט. דוכט זיך, אז די באמערקונג געהערט געטהע'ן: „א קלוג ווארט שלאפט ביים נאר אין אויער". פאראפראזירט קען מען זאגן: א שיינע תנועה ווערט מיאוס דורך אן אומסימפאטישער דורכפירונג.

אנומלט האב איך געלייענט א באריכט פון א קאמיטעט, אונטער דער אויפזיכט פון דעם בארימטן אנטראפאלאג פראפ. באאז, וואס איז באשטימט געווארן צו שטודירן די זשעסטיקוליאציע פון די פארשיידענע פעלקער־שאפטן אין אמעריקע. דער קאמיטעט האט שטודירט די תנועות פון אימיגראנטן און זייערע, אויף דעם אמעריקאנער בארן געבוירענע און דערצויגענע, קינ־דער, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די היגע קינדער, הגם געבוירענע פון עלטערן, וואס זשעסטיקולירן זייער פיל, ווי, למשל, אידן און איטאליע־נער, זשעסטיקולירן שוין פיל ווייניקער: אייניקע שוין כמעט גאר ניט. און די זשעסטיקוליאציע אליין איז פון אנדער טעמפא און ריטמוס. בקיצור, די דערציאונג און די אטמאספערע ווירקן.

דערווייל לאזט זיך דער קאמיטעט אריין אין א פארגלייך צווישן אידי־שער און איטאליענישער זשעסטיקוליאציע, און ער קומט צום שלוס, אז די איטאליענישע איז מער הארמאניש און אויך מער פלאסטיש ווי די אידישע, וועלכע איז צו נערוועז און ווייניקער בילדלעך. מיט אנדערע ווערטער, זי איז צו אבסטראקט. צווישן די שורות קען מען לייענען, אז דער קאמיטעט, וואס שיינט, בדרך אגב, צו זיין צו־אידיש אין זיין צוזאמעשטעל, איז צו־קריטיש מכח אידישע תנועות, און ווידער הערט זיך דאס ווארט: געטא — דער אלטער פארשימלטער תירוץ.

איך וויל אבער דא יא מאכן די דרייסטע באהויפטונג, אז די תנועות, באציען זיך נעגאטיוו צו דער אידישער זשעסטיקוליאציע, וועגן דעם עס־טעטישן ווערט פון אידישע תנועות. איבער אזעלכע זאכן לאזט זיך ניט ארגומענטירן.

איך וויל אבער דא יא מאכן די דרייסטע באהויפטונג אז די תנועות,

וואס זיינען פארבונדן מיט דעם אידישן ריטואל, מיט דער אידישער גאט־טעם דינסט, זיינען געווים הארמאניש, בילדלעך, זיינען שיין און ריטמיש און זייער אנגענעם פאר דעם אויג. עס באמערקט זיך דארט קיין נערוועזיטעט, פארקערט, זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער פלאסטישקייט און עפישער רו.

די זשעסטן ביי קידוש און הבדלה — דער בעכער וויין אויף דער אויסגעשטרעקטער האנט, דאס באטראכטן די פינגער ביי דער פלאקערנדיקער הבדלה — צייכענען זיך אויס מיט זייער מאיעסטעטישקייט און אריסטאקראטישן זעלבסטבאוואוסטזיין. עס איז פארשטענדלעך פארוואס, ווייל די צערעמאניע האט צו טאן מיט דער שבת מלכתא. די קעניגין שבת, און דערפאר דער דרך ארץ און די ליכטיקע הוד־מלכות'דיקע זשעסטיקוליאציע. די צעשפרייטע הענט ביים דוכענען, די נענועים מיט דעם אתרוג און לולב. די דבקות ביים אויסרופן שמע ישראל ־ אחד, איין האנט פארשטעלט די אויגן, די אנדערע אויפגעהויבן אין דער הויך — שטייענדיק דערביי אויף די שפיצן־פינגער — אויפמערקזאם! ווייל דע לפני מי אתה עומד; דאס אויסגיין פון דער שמונה עשרה, פאמעלעך, טריט ביי טריט, מיט א געוויסער בענקשאפט אין דעם אפשייד, ווי איינער וואס גייט אוועק פון א געליבטער; דעם בעל קריאה'ס שאקל ביים לייענען די תורה, אט בויגט ער אריין דעם קאפ און אט נעמט ער אים ארויס, כדי ניט צו פארלירן קאנטאקט מיט זיינע צוהערער, דערביי שטייענדיק אין א פאזע, וואס דייט אן קלאר פאר יעדן די אנשטרענגונג און קאנצענטראציע פון לייענער, ווייל עס איז דאך די הייליקע תורה וואס ער לייענט: דער מארש מיט די תורות ארום דער בימה אום שבת און יום טוב ביים אויסנעמען, וואס דריקט אויס באוואוסטזיין, און אחריות, פרייד און זיכערקייט; דאס איכה־זאגן אום תשעה־באב אויף דער ערד מיט די ליכט אין די הענט, דאס סליחות זאגן אין מיטן דער נאכט, דאס געשאקל ביי דער תפלה „שמע קולנו", וואס דערמאנט א שטורעם אין וואלד. אויך דאס קלאפן צו סליחות דריי קלעפ, וואס ווארפן ממש אן אימה: „שטייט אויף לעבודת הבורא!" די קדושה וברכו, דער בויגן זיך ביים מודים, אפילו דאס אנטאן און אויסטאן פון טלית — אלע די תנועות זיינען שיין און שטימען מיט דער עמאציע, וואס זיי ווילן אויסדריקן. זיינען ניט אויף איין האר איבערטריבן און זיינען זייער הארמאניש און פייערלעך. א שאד איז נאר, וואס דער צערעמאניאל ווערט אפגעריבן און פארלירט זיין אינווייניק ליכט.

עס וואלט געווען זייער גוט, ווען מען וואלט אט די פארשידענע זשעסטיקוליאציעס געקענט צונויפזאמלען און פאראייביקן זיי אין אידישע טענץ.

דאָס אַלטע און דאָס נייע געטאָ

סעמיטיזם און אידיש. — דער איד קען זיך שוין דועלירן... — געטאָ איז געווען אַן אויטאָנאָמער אידישער צענטער. — די פאַרשידענע אינסטיטוציעס, וואָס מען האָט דאָרט געבויט. — אויך די קונסט האָט געבליט אין געטאָ. — דאָס נייע געטאָ דאַרף איבערנעמען די יסודות פון אַלטן.

אויף די חורבות פון דעם אַלטן געטאָ בויט זיך שוין אַ נייעס. ס'זעט אויס, אַז אָן אַ געטאָ וועלן מיר ניט אויסקומען, אויב מיר ווילן בלייבן לעבן אַלס ספּעציפישע נאַציאָנאַלע גרופּע, ניט נאָר אַבסטראַקט, אין דער אידייע, להלכה, נאָר אויך קאָנקרעט, למעשה, מיט אַ באַזונדערן לעבנס־שטייגער, מיט אייגענע לעבנס־פאָרמען — קודם־כל אין הויז און נאָכדעם אין שול: לעבנס־פאָרמען, וואָס וועלן אָפּדרוקן זייער שטעמפּל אויף דער מענטאַליטעט פון דעם אידישן מענטשן, אויף זיין אַרויסטריט און צוטריט צו דעם לעבן אויך אין גאַס, אַזוי, אַז דער אידישער טיפּ זאָל זיך פאַר יעדן געניטן אויג לאָזן מערקן מיט זיין אַנדערשקייט, ניט אויף אַ שרייענדן אופן, מיט אויגן־רייסנדיקע פאַרבן, נאָר דורך אַקומולאַטיווער ווירקונג. דאָס איז ער, דער איד־איראָפּייער. אין תוך — ענלעך צו דעם איראָפּעאישן מענטשן, וואָס ער איז אַ צוזאַמענגוס פון פאַרשידענע קולטורן, אָבער אין דער פאָרם — אַנדערש, אידיש, ניט סעמיטיש. דאָס איז אַ פּרשה פאַר זיך. דאָס אמת'ע איראָפּייערטום האָט אין זיך געגוג סעמיטיזם, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין אים דורך פאַרשידענע קוואַלן, דירעקט און אומדירעקט. שוין דאָס גריכנטום איז ניט געווען פריי פון סעמיטיזם. העלעניזם איז ניט געווען קיין אָנהויב, נאָר אַ סך־הכל, אַן אונטערפיר פון גרויסע סעמיטישע קולטורן אין אשור און אין בבל. אויך פעניציע האָט אין דעם געהאַט אַ חלק: עגיפּטן, דער

יורש פון אשור און בבל, איז געווען דער פאטער פון העלעניזם. דאס איי־ראפייערטום האט דאך זיכער אין זיין גרונט אויפגענומען דעם העלעניזם און מיט דעם גע'ירשנ'ט די סעמיטישע טענדענצן.

מיר ריידן אבער ניט פון סעמיטיזם, נאר פון אידיש. ס'איז א גאנץ אנדער פלאנץ, וואס איז געצערט און דערצויגן געווארן אין אן אנדער אט־מאספערע, אפילו נאך אין דער צייט, ווען דאס אידישע פאלק האט געלעבט ביי די ברעגעס פון מיטל־ים, שוין ניט צו ריידן פון שפעטער, ווען די אידן זיינען ארויס פון די ד' אמות פונם הייליקן לאנד און אוועק אין דער ברייטער וועלט, וואס בשעת ארץ־ישראל איז געווען אן אומאפהענגיקע מדינה, האט מען עס גערופן חוץ־לארץ און שפעטער — גלות.

דאס נייע געטא האלט ערשט ביים ווערן, און זיך שאפן. שוין מיט א דרייסיק יאר צוריק האט הערצל באנוצט דעם טערמין „נייע געטא". עס דארף אנדערש זיין פון דעם אלטן. ווי הערצל שטעלט זיך פאר, דארף דאס נייע זיין שענער און בעסער פון דעם אלטן, וויניקסטנס אויפן פונקט פון כבוד. אין דעם אלטן געטא, הייסט עס, האט מען דעם אידישן כבוד ניט געשוינט. ווען א איד איז באליידיקט געווארן מצד א ניט־אידן, האט ער דערפון קיין גרויס ווען ניט געמאכט, ארונטערגעשלונגען די באליידיקונג און געמאכט א שווייג: „שוואס דאריבער..." אין דעם נ י י ע ם געטא איז שוין דער איד סאטיספאקציע־פייאיק, גרייט זיך צו דועלירן פאר א באליידיקונג. אין הערצלס דראמע קען נאך דער איד ניט די מלאכה פון פאכטן מיט דער שווערד, פון שיסן מיט א רעוואלווער, ווען אנטקעגן שטייט א מענטש — מעג ער זיין א קעגנער. די האנט נעמט ציטערן. אפנים, א ירושה פון דעם אלטן געטא, ווען דאס מענטשלעכע לעבן איז געווען הייליק און אפילו א באליידיקונג האט ניט געגעבן קיינעם קיין היתר, מיר־ניט דיר־ניט, אויסצולעשן גאטס ליכט. ווי דערציילט אונדז שלום־עליכם — ער דערציילט, נאטירלעך, פונם לעבן אין דעם אלטן געטא: — מ'האט א אידישן יונגנמאן גענומען אין סאלדאטן: מ'האט אים אנגעטאן א מונדיר, געגעבן א ביקס, געוויזן אויפן שונא קעגנאיבער און געהייסן שיסן. זאגט דער יונגערמאן צו דעם עלטסטן: „רבונא דעלמא כולא, ווי קען מען שיסן? עס שטייען דאך דארט מענטשן!"... מיט אזא באגריף קען מען קיין גרויסער שיסער ניט זיין. ווען הערצל וואלט געלעבט מיט אונדז היינט, וואלט ער זיך געקענט איבערצייגן, אז די אידן פון דעם איצטיקן נייעם געטא זיינען גוואלטיקע מומחים אין שיסן. האבן מיר דאך זוכה געווען, אז דער ראש פון דער ג. פ. או. זאל האבן געווען דער איד יאגאדא.

שווער נאך איצט פאראויסצוזאגן, וואס דאס נייע געטא וועט זיין. ווייל מ'דארף פארשטיין, אז געטא איז ניט נאר א פלאץ, וואו אידן וואוינען, א סארט תחום־המושב, נאר א קולטור־באגריף. געטא איז אין אמת'ן געווען

אַז אויטאָנאָמער אידישער צענטער, אַ סאָרט טעריטאָריע. די ערד איז געווען ענג, דער הימל ניט שטענדיק לויטער, אָבער דער גייסט איז געווען פֿריי. ווען מ'האָט אַפילו דעם גוף געפּענטעט און ס'האָט געמאַנגלט אין לופֿט, איז אָבער די נשמה געווען זיך געטריי, געלעבט מיט אירע אייגענע עמאָציעס. ס'איז באַקאַנט דער לאָזונג פֿון דער צייט פֿון דער השכלה: „זיי אַ איד אין הויז און אַ מענטש אין גאַס". די השכלה האָט געוואָלט צעשפּאַלטן דעם אידישן מענטש, מאַכן פֿון אים צוויי אומפּאַראַייניקטע יחידים. אַנדערש אָבער דאָס געטאָ, קעגן וועלכער די השכלה איז אַרויסגעטראָטן: דאָס געטאָ האָט אונדז געשאַפֿן אַ אידישן מענטש, וואָס מ'האָט ניט געקענט פֿאַנאַנדערטיילן, ווי מ'קען ניט אָפּטיילן דעם שאָטן פֿון דעם מענטשן.

דער אידישער מענטש דאָרט איז געווען אַ גאַנצער. אין דעם געטאָ האָט ער געשאַפֿן זיין אייגענע קולטור, לויט די אַלטע יסודות, וועלכע ער האָט מיטגענומען מיט זיך פֿון זיין אַלטער היים. אין דעם געטאָ, נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק, האָט מען געוואוסט, אַז דאָס קינד איז דער שפּעטער־דיקער מענטש, און ווי נאָר עס האָט אַ פּיפּס געטאָן, האָבן עלטערן גענומען זאָרגן פֿאַר זיין דערציאונג, כדי ווען ער וועט אויסוואַקסן, זאָל ער קענען לייכט און מיט פֿרייד טראָגן די גייסטיקע ירושה פֿון זיין פֿאָלק. מען האָט פֿאַר דעם קינד געשאַפֿן די ריכטיקע אַטמאָספֿערע אַנדערהיים און דיזעלביקע אין חדר. אין דעם געטאָ האָט מען שוין געוואוסט, אַז מ'טאָר אַ קינד ניט יונג אָפּרייסן פֿון לערנען און אים שיקן אַרבעטן. ס'איז געווען די אַמביציע פֿון די עלטערן, ווען אַפילו זיי אַליין האָבן ניט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו לערנען, אַז זייער קינד זאָל אויסוואַקסן אַ בן־תורה, זאָל קענען די דריבנע אותי־עלעך, אַז ער זאָל זיין אַ בן־בית אין די אוצרות פֿון דער אידישער קולטור. די ערשטע ברכה, וואָס עלטערן האָבן באַקומען, ווען ס'איז ביי זיי אַ זון געבוירן געוואָרן, איז געווען, אַז זיי זאָלן אים דערציען לתורה לחופּה ולמעשים־טובים, ניט ער זאָל זיין אַ גראַף, אַ גענעראַל, אַ מיליאָנער, זאָל זיין רייך ווי קורח, זיין אַ גביר־מופלג, אַ קצין, אַ שררה. ניט איינס פֿון די זאַכן האָט מען דערמאָנט.

געוויס זיינען אין דעם געטאָ אויך געווען אַמביציעס, און צו רייכקייט האָבן מענטשן געגאַרט. סוף־כל־סוף, דער איינציקער כח, אויף וועלכן אידן האָבן זיך געקענט אָנשפּאַרן אין אַן עת־צרה, חוץ די תפֿילות צו גאָט, צו זיין ליבן נאָמען, איז געווען געלט, מיט וועלכן מ'האָט זיך געקענט אויסקויפֿן ביי די פּייניקער. ס'איז דערפֿאַר קיין וואונדער ניט, וואָס אין דעם געטאָ איז מען געווען שפּאָרעוודיק, קאַרגלער, אָפּט געציילט דעם ביסן אין מויל. דאָס איז ניט געווען אַן אייגנגעבוירענע מידה, אַן אָרגאַנישער טייל פֿונם אידישן כאַראַקטער, ווייל דער געטאָ־איד איז אויך געווען מילד. ווען עמיצער אין דער משפּחה איז קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך געלאָזט קאָסטן

אוצרות, אויסגעטאָן דאָס העמד פון לייב. ער האָט ניט געקאָרגט פאַר זיין קינד, ער האָט אים געגעבן פונם שענסטן און בעסטן. ער האָט געגעבן צדקה און מיט אַ פרייער האַנט, אויב ער האָט ניט געוואָלט, אַז שכנים זאָלן אים באַריידן און טייטלען אויף אים מיט די פינגער. מיט געוואָלט האָט מען ניט געקענט נעמען, קיין צוואַנג־מיטלען האָט דאָס געטאָ ניט געהאַט. דאָס איינציקע מיטל איז געווען דער געזעלשאַפטלעכער, מאָראַלישער געפיל, וואָס אַלע האָבן געהיט ער זאָל ניט פאַרלעצט ווערן, ווייל ער איז געווען דער פאַנצער, וואָס האָט געשיצט דאָס אידישע לעבן קעגן דעגענעראַציע.

מ'האָט געבויט אין דעם געטאָ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, צו וועלכע די מאָדערנע וועלט, וואָס לעבט שוין אין צייכן פון סאָציאַליזם באַלד אַ יאָרהונדערט, האָט נאָך ניט דערגרייכט. ס'זיינען געווען תלמוד תורה'ס, ישיבות, מושב־זקנים'ס, אויך דאָס, וואָס מ'האָט גערופן הקדש — אַ פּלאַץ פאַר אָרימעלייט, וואָס פלעגן דורכפאָרן די שטאָט, זיי זאָלן קענען איבערנעכטיקן און אָפּרוען. געווען אַן אינסטיטוציע לינת־הצדק. די שטאָט האָט געזאָרגט פאַרן אָרימן מיידל, אַז זי זאָל חתונה האָבן. ס'איז געווען אַ ביקור־חולים, אַ חברה גמילת־חסדים, אַנשטאַלטן אויף אַנשטאַלטן. די נשים צדקניות פלעגן אַרומגיין איבער דער שטאָט, קלייבן געלט פאַר אַלערליי צדקה־צוועקן און די שטאָט האָט געגעבן. ווי קען מען ריידן פון קאַרג, ווען אַ געזעלשאַפט פאַרשטייט אַזוי צו דערפילן די חובות צו אירע מיטגלידער.

דאָס געטאָ האָט געהאַט אַמביציעס. אין געטאָ זיינען געווען מענטשן מיט אַלערליי מענטשלעכע שוואַכקייטן און זי האָט געוויס געהאַט איר צאָל אומסימפּאַטישע טיפּן. למשל: — דער מסור, דער יאַבעדניק, דער תקיף, דער רכילות־־טרייבער, דער איבערגעשפּיצטער און ענלעכע. די אַמביציעס זיינען אָבער ניט געווען דער אידעאַל, מיט וועלכן זי האָט געלעבט און וועלכער האָט אויסגעשפּרייט איבער איר די גלאָריע פון דער שכינה.

איך קער זיך צוריק צו דער ווינטשעוואַניע: „לתורה לחופה ולמעשים־טובים" — אָט די דרייאייניקייט איז געווען דער אידעאַל פון געטאָ. צוערשט תורה, ווייל „תורה איז די בעסטע סחורה", אָבער די תורה וואָס איז איבער אַלץ, איז זי דערפאַר אַזוי, ווייל זי פירט צו מעשים־טובים; אַנדערש איז די תורה גאָרניט חשוב. ווען דער ווייַן איז אין אַ שלעכטער כלי, ווערט ער קאַליע, ווערט ער זויער, איז ער אפילו ניט קיין גוטער עסיג. עס איז תורה מיט מעשים־טובים. דאָס איז דער צווילינג פון גאָט געבענטשט — אַ ברכה פאַר דער געזעלשאַפט.

דאָס געטאָ האָט אויך די חופה אויפגעפאַסט ווי אַ געזעלשאַפטלעכע פונקציע. פאַרשטייט זיך — ליבע. פאַרשטייט זיך — אינסטינקטן־באַפרידי־

קונג. אבער א י ב ע ר זיי קומט די חופה, וואס איז דער סימבאל פון געזעלשאפטלעכקייט. אויך אינם מאמענט פון דער אינדיווידועלסטער באפרידיקונג דארף דער מענטש דינען און דינט דער געזעלשאפט. דאס געטא האט איינגעהיט דאס געפיל פון געזעלשאפטלעכקייט, ווי מ'היט דאס אויג אין קאפ. דאס געטא איז געווען רעליגיעז. רעליגיע איז אין דער ערשטער ליניע א פ ע ר ז ע נ ל ע ך געפיל; אבער אויך זי איז אויסגעוואקסן אינם שוים פון דער געזעלשאפט. דאס געטא האט געוואוסט ווי איינצופלעכטן די גילדערנע און זילבערנע רעליגיעזע פעדים אין געזעלשאפטלעכן געוועב, אין איר לעבנסשטייגער. ס'איז אין דעם געטא שטענדיק געווען: דת משה וישראל; אן דעם איד — זיך ניט א קער, אפילו אין אמונה־זאכן.

אין דעם געטא האבן מענטשן מיט מענטשן זיך אמאל געקריגט. ס'האבן ניט געפעלט קיין מחלוקת'ן, וואס זיינען ניט דווקא געווען לשם שמים. געווען קריגערייען צוליב אינטערעסן, צוליב מיינס און דיינס. די אידן אין דעם געטא האבן געלעבט אויף ערד, ניט אין הימל. נאר שיין איז געווען ווי מ'האט אין דער געטא ל י ק ו ו י ד י ר ט קריגערייען. דער בעל־דבר וואס האט געמיינט, אז ער האט געליטן פון יענעמס האנדלונג אדער האלטונג, האט זיך געווענדט צום צד־שכנגד און אים געזאגט: „לאמיר ארייננגיין צו א מענטשן". הערט זיך צו צום אויסדרוק: „צו א מענטשן". אפילו ניט צו א רב, צו א דיין, א מענטש איז גענוג, וואס דער מענטש וועט פסק'ענען, וועלן ביידע צדדים אננעמען. אין דעם געטא האט עקזיסטירט חזקה און בעל־מיצר. מ'האט זיך געהיט משיג־גבול צו זיין. נאך אן אינסטיטוציע איז געווען, וואס די מאדערנע וועלט וועט גארניט קענען פארשטיין: ווען א איד האט זיך געפונען בא'עולה'ט און האט קיין גערעכטיקייט ניט געפונען, איז ער אוועק שבת אין שול און האט מעכב געווען די קריאה, ניט געלאזט לייענען אין דער תורה, ביז שטאט האט ניט צוגעזאגט, אז גערעכטיקייט וועט געשען. דאס איז דער כח פון דעם יחיד אפצוהאלטן דעם רבים, ווען זיי אליין באגייען אן עולה. אדער ווען זיי דערלאזן א זינד צווישן זיך און פארווערן עס ניט, וואס דאס איז דעמאלט ז י י ע ר זינד. מ'האט געגעבן דעם יחיד וואפן אין זיינע הענט, כדי ער זאל זיך קענען דערשלאגן צו גערעכטיקייט קעגן דעם רבים, ווען זיי ווילן צופיל אויסנוצן זייער מאכט און פארגוואלטיקן עמיצנס רעכט.

דאס געטא האט געוואוסט ווי צו שעצן בילדונג, פייאיקייט, שארפזין, שיינעם אויפפיר. זי האט ארויסגעגעבן טיטולן, דיפלאמען צו פארשידענע מענטשן, ווען אפילו זי האט זיי ניט אויפגעשריבן אויף פארמעט. איר קענט זען פון די פיל באצייכענונגען, וואס די אידישע שפראך פארמאגט, וויפל מדרגות פון פייאיקע מענטשן עס האבן געלעבט אין געטא. יעדער איינער מיט זיין ראנג. ס'איז געווען דאס וואויל־אינגל, דער גוטער קאפ, דער עלוי,

דער פיקח, דער חכם — „אַ איד אַ חכם" — אויך דער לאַנד־חכם, דער חריף, דער גאון, דער גאון־עולם; אַ שיינער מענטש, אַ שפּיגעל, אַ זיידענער מענטש; אַ בקי, אַ וואוילקענער, אַ כתבאַ רבאַ, אַ מליץ, אַ בעל־צדקה, אַ חסיד, אַ צדיק, אַ בעל־מח, אַ ברען, אַ בעל־דמיון, אַ בעל־תפיסה; און אויך אַ קרומער קאָפּ, אַ פאַרדרייטער מח און אַ דרייקאָפּ. — ווער קען דען אויסרעכענען די אַלע טיטולן, וואָס האָבן צו טאָן ניט נאָר מיט בילדונג, נאָר מיט מענטשלעכן אויפפיר? דאָס פאָלק אין געטאָ האָט אַרויסגעגעבן זיין פּסק און האָט אַנגעטאָן כבוד דעם, וואָס פאַרדינט, ווייל זיין פּסק איז ניט געווען אויבערפלעכלעך, נאָר האָט געשטראָמט פון די טיפעניש פון דער נשמה און פון אַן ערלעכן אַפּשאַץ מכח דעם מהות פון יעדן מענטשן. ס'איז אין איר געווען אַ ג י י ס ט י ק ע אַטמאָספערע, וועלכע האָט איינגעהילט אויך דעם עם־הארץ. קיין פּולשטענדיקער עם־הארץ האָט באמת אין געטאָ ניט געקענט זיין, ווייל ווי מ'האָט געזאָגט אויף ארץ־ישראל, קען מען אויך זאָגן אויף דעם געטאָ: אַז איר לופט האָט געמאַכט קלוג.

דאָס געטאָ האָט געשעצט באַשיידנקייט און פיינט געהאַט חוצפּה, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די גויים זאָגן, אַז חוצפּה איז אַ אידישע מידה; מיר זיינען זיי גרוים אין די אויגן און וואָס מיר טוען ניט, זעט ביי זיי אויס אומבאַ־רעכטיקט, ניט אויפן פּלאַץ. אין דעם געטאָ האָט מען מיטן פינגער פון פאַר־אַכטונג געטייטלט אויף דעם יעניקן, וואָס האָט געוואָלט לעבן פון חוצפּה: „אָט גייט ער, דער חצוף, דער עזות־פּנים". אָדער נאָך שאַרפער: „דער חצוף מחוצף" אָדער גאָר מיט אַ סלאַווישן וואָרט־ענד: — „דער חוצפּיאַן". אויף דעם משקל פון „גראַביאַן". דאָס געטאָ האָט ליב געהאַט דעם עניו און געהאַט גאַנצע לעגענדעס וועגן דעם למד־וואָווניק: זיין הויפּט־מעלה איז דאָס, וואָס ער טוט אַלץ בסתר, וויל ניט, אַז די וועלט זאָל וויסן וועגן זיין צדקות און וועגן זיין מענטשלעכקייט, וועגן זיין גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַר זיינע מיטמענטשן. מען האָט געשעצט דעם מתן־בסתר, פּונקט ווי מען האָט פיינט געהאַט דעם אויסשטעלער, דעם אומאויפריכטיקן מענטשן, דעם צבועק, אויך דעם פרומאַק, און ווער שמועסט דעם „צדקתד", דעם מאַן, וואָס האָט מורא צו מאַכן אַ שפּאַן אויף דער ערד, ער זאָל, חלילה, ניט צעטרעטן אַ ווערימל.

דאָס געטאָ איז זיכער געווען שעפעריש, ווען עס האָט געקענט אַרויס־ברענגען אַזעלכע אידעלע מענטשלעכע באַציאונגען און בויען אַזעלכע שיינע אינסטיטוציעס.

דאָס געטאָ האָט אויך פאַרמאָגט פיל עסטעטיק, אויך שיינקונסט. ס'איז אַ טעות ווען מ'מיינט, אַז דאָס געטאָ האָט ניט פאַרשטאַנען צו שעצן קיין קונסט, ניט געוואוסט מיט וואָס מען עסט דאָס. פאַרקערט, דאָס געטאָ האָט געהאַט זייער פיל קונסט. אין גאַס ניט, ווייל די גאַס איז געווען ענג און שמוד־

ציק, שמוציק — ווייל ענג. מ'האט זי גערופן „אידישע גאס", אבער אידיש איז זי נאר געווען אין גייסט. זי האט אידן ניט געהערט. דער איד איז אפילו דארט געווען אן איינגעבעטענער, האט זיך שטענדיק געריכט אויף א גירוש: דער וואנדער־שטעקן איז געווען גרייט, מ'זאל ניט באדארפן. ס'איז אבער געווען קונסט אינם אידישן הויז. די אידישע כלים, ווי די לייכ־טער, די מנורה, דאס חנוכה־לעמפל, דאס הדסל, די כוסות, דער קידוש־בעכער, אלערליי טעצלעך מיט גראווירונגען, דער „באשטעק" — געוויינלעך פון זילבער — אלץ דאס האט געטראגן דעם חותם פון אייגנארטיקן אידישן סטיל. דערצו האבן אונדזערע פרויען — די פרויען פון דער געטא — גענייט און געוועבט און געשטיקט. די ווענט זיינען געווען באהאנגען מיט טאפעטן, וואס זייערע פלינקע פינגער האבן אויסגענייט. דאס איז געווען סטיל און ס'איז נאר א שאד, וואס ער איז פארלוירן געגאנגען. געווען אזא זאך, ווי א אידישע טראכט: רעמבראנדס בילדער פון אידישע מענער און פרויען זאגן אויף דעם עדות. די שפיצן און שטערנטיכלעך, גארטלען און טופליעס, שלייערס און א באשטימטער ארט צירונג, וואס אידישע יאוועלירן האבן גע־מאכט פאר אידן, — אלץ דאס האט זיך אויסגעצייכנט מיט שיינקייט און מיט צניעות'דיקייט. ס'איז געווען רייך, אבער ס'האט ניט געריסן די אויגן, ניט געשמעקט מיט פארוועניזם: דאס האט געווארצלט אין דער טראדי־ציע און איז איבערגעגאנגען בירושה פון פאטער צו קינד, דורך דורות און דורות

שוין ניט צו ריידן פון דער שול. פון דרויסן — נידעריק און דער־שלאגן, געוויינלעך צוליב דעם פארבאט פון רעגירונגען, אז די אידישע שול טאר, חלילה, מיט איר שפיץ זיך ניט הויבן איבער די קלויסטערס. האט מען דערפאר מיט גרויס צערטלעכקייט די גאנצע שיינקייט אריינגעבראכט אי־נעווייניק, פארבארגן פונם דרויסנדיקן אויג, כדי ס'זאל קיין עין־הרע ניט שאטן. מאלער האבן געמאלט די ווענט. דאכט זיך, עס שטייט „לא תעשה לך פסל": פונדעסטוועגן האט מען אויף די שול־ווענט געמאלט די צוועלף מזלות, וואו ס'געפינט זיך אפילו דער תאומים, דער מאן־און־פרוי־צווילינג. מ'האט אויסגעהאפט פרוכת'ן, מענטעלעך: מ'האט געשניצט דעם עמוד: מ'האט געמאלן דעם לייב, דעם לעמפערט און דעם הירש — א בילד, וואס איז געהאנגען ביים עמוד. מ'האט געמאכט אלערליי געמעלעכצן פון די אותיות: די העברעאישע שיינע אויסטערלישע בילדער. געווען דער כתר־תורה און דער יד און די זיילן ארום דעם בעלעמער. יעדע שול מיט איר מנורה, הענגלייכטער. אויך ניט צו פארגעסן דעם כיור — דער האנטפאס. אין אייניקע שולן זיינען אויך געווען פאנען. ס'איז געווען שיינקייט די והותר אין דער שול.

די שול איז דאך געווען מער ווי אן ארט פאר תפילה און גאט־דינען.

מער ווי מקום־קדוש. דאָרט זיינען דאָך געפּראַוועט געוואָרן חתונות און ברית'ן. ס'איז דאָך אויך געווען די ביבליאָטעק פאַר גאַנץ קהל. אינטערע־סאַנט, בדרך אגב, אַז אין דעם געטאָ איז געווען אַ באַזונדערע חברה, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען חברה תיקון־ספרים, וועלכע האָט אַכטונג געגעבן, אַז דער ספר זאָל געשוינט ווערן. אין רייכערע קהלות פלעגט מען מאַכן אויף די ספרים שיינע באַנדן, וואָס זיינען אַליין געווען קונסט־ווערק. אין קלויז אָדער אין בית־מדרש, ווען ניט אין שול (הגם אויך די שול האָט געהאַט אַ סאָרט „בוזים־קעשענע" — אַ קליין שולכל), האָט מען געלערנט, געשמור־עסט און געמאַכט סעודות, גערעדט איבער פּאָליטיקע. די דאָזיקע פּלעצער האָבן אונדז געגעבן דעם בית־מדרש'ניק און דעם קלויזניק און דעם בטלן, וואָס פלעגט זיצן שעה'ן לאַנג הינטער דער הרובע און טראָגן אויף זיין קאָפּ די דאגות פון דער וועלט.

אידישע קונסט האָט מען געקענט געפינען אין די ספרים. אידישע מאָלער האָבן באַנוצט זייער גאַנצן טאַלאַנט צו אילוסטרירן די הגדה של פסח און די מגילה און אַנדערע ספרים פון דעם מין. זאָל נאָר דער זאַך־קענער זיך באַמיען און אַריינגיין אינם בריטישן מוזייאום און דאָרט אַ קוק טאָן אויף אונדזערע הגדות, מגילות און אילוסטרירטע ספרים — און ער וועט איבעראַשט ווערן פון דער שפע פונם אידישן טאַלאַנט אויפן געביט פון פּלאַסטישער קונסט. יענע אוצרות וואַרטן נאָך אויף בעסערע צייטן, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט זיי זאַמלען און אַרויסברייננגען אין דער עפנטלעכ־קייט, צו דער פרייד פון אונדזערע און פרעמדע קונסט־ליבהאָבער.

דעם בעסטן באַווייז אויף דעם שטאַרק אַנטוויקלטן זין פאַר שיינקייט ביי די געטאָ־אידן, קען מען לייכטער זען אין אַ סך פון די אידישע לעבנס־מנהגים, צי זיי זיינען פאַרבונדן מיט פרייד אָדער מיט טרויער־געשעענישן אין דער אידישער געשיכטע. צי דאָס איז דער סדר פון פּסח אָדער די פּורים־סעודה מיט דעם שלח־מנות, צי שמחת־תורה מיט די הקפות, צי דאָס איז תשעה־באב מיט דעם איכה־ניגון, — אומעטום אַ ים מיט שיינקייט. ס'איז נאָר צו באַוואונדערן, וואָס פיל פון אונדזערע נאַציאָנאַליסטן האָבן אין געוויסער צייט געמיינט, אַז געטאָ איז אַ סינאָנים מיט ניט־שיינקייט אָדער נאָך ערגער. וואָרים, באמת, איז טשערניכאָווסקי ניט געווען דער איינ־ציקער, וואָס האָט געגלויבט, אַז דאָס אידישע לעבן פאַרמאָגט קיין עסטעטיק ניט און מ'דאַרף לויפן צו די גריכן, אויסצובאָרגן ביי זיי אַביסעלע שיינקייט. דאָס איז געווען אַ טעות און ער אַליין האָט עס שפּעטער איינגעזען. דער מין שיינקייט, אַנטשפּרעכנדיק צו אונדזער כאַראַקטער, וואָס דאָס גריכנטום האָט אונדז געקענט געבן, האָבן מיר נאָך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק ביי אים גענומען און ער פאַרבלייבט אין אונדזער אידישן וועלט־באַנעם.